STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08889

OYTSER INDZL

Robert Louis Stevenson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



אוצר אינדזל

ראָבערט-לואיס-סטיווענסאָן

איבערזעצט פון ענגליש: אַלעף כץ



פאַרלאַג גראַמאַר און סטאַדאַלסקי

Copyright
By
Grohar-Stodolsky
1927

א י נ ה אַ ל ט

ראָבערט לואיס סטיווענסאָן (קורצע ביאָגראַפיע) . . . XX—XI

ערשטער טייל

דער אַלטער בוקאַניר

קאַפּיטל — זייט

1 דער אַלטער ים־הונט אין דער „אַדמיראַל בענבאָו" . . 17
2 דער „שוואַרצער הונט" באַווייזט זיך און פאַרשווינדט 25
3 דער „שוואַרצער צייכן" 34
4 דעם קאַפּיטאַנס רייזע־קאַסטן 42
5 דער סוף פונם בלינדן בעטלער 50
6 דעם קאַפּיטאַנס פּאַפּירן 57

צווייטער טייל

דער שיפקוכער

7 איך פאָר קיין בריסטאָל 67
8 אינם „שפּאַקטיוו" שענק 74
9 פּולווער און געווער 85
10 די רייזע 92
11 וואָס כ'האָב געהערט אין דער עפּל־פּאַס 101
12 דער קריג־ראַט 109

דריטער טייל

מיין אַוואַנטורע אויפן אינדזל

13 ווי אַזוי כ'האָב פאַרלאָזן די שיף 118
14 דער ערשטער צוזאַמענשטויס 124
15 דער אינדזלמענטש 131

פערטער טייל

די פעסטונג

קאפיטל		זייט
16	ווי אזוי זיי האבן פארלאזן די שיף	143
17	דעם יאָלע־שיפלס לעצטע נסיעה	149
18	ווי אזוי דער קאמף פונם ערשטן טאג האט זיך געענדיקט	155
19	דער גארניזאן פון דער פעסטונג	161
20	סילווערס שליחות	169
21.	די אטאקע	178

פינפטער טייל

מיין אוואנטורע אויפן ים

22	ווי אזוי כ'האב אנגעהויבן מיין אוואנטורע אויפן ים	191
23	מיטן שטראם	198
24	די נסיעה פונם פעל־שיפל	204
25	איך שליידער ארונטער דעם „פרייליכן ראדזשער"	213
26	איזראעל האנדס	220
27	„גאלדענע רענדלאך!"	233

זעקסטער טייל

קאפיטאן סילווער

28	אינם שונא'ס לאגער	245
29	ווידעראמאל דער „שווארצער צייכן"	255
30	אויף נאמנות	263
31	די יאגד נאכן אוצר — פלינטס וועגווייזער	272
32	די יאגד נאכן אוצר — די שטים צווישן די ביימער	283
33	דער פאל פון א פירער	290
34	דער סוף	298

א פאבל. — די העלדן פון דער דערציילונג	308
ג ל א ס א ר	313

ראָבערט לואיס סטיווענסאָן

(קורצע ביאָגראַפיע)

ראָבערט לואיס סטיווענסאָן, דער איינציקער זון פון טאָמאַס סטיווענסאָן און מאַרגאַרעט איזאַבעלאַ באַלפור, איז געבוירן געוואָרן דעם 13טן נאָוועמבער, 1850, אין עדינבאָראָ, שאָטלאַנד.

זיין פאָטער און זיין זיידע זיינען געווען אינזשענירן, און האָבן ביידע בייגעטראָגן זייער פיל צו דער אַנטוויקלונג פון די לייכט־טורעמס פון שאָטלאַנד, און זיין מוטער איז געווען די טאָכטער פון אַ פּרעסבעטעריאַנער גייסטלעכן.

ראָבערט איז געווען אַ שוואַך אינגל, און מ'האָט זיך פיל מאָל מייאש געווען ער זאָל ווען עס איז אויפוואַקסן. די מייסטע זומערן און ימים־טובים פלעגט ער פאַרברענגען בא זיין זיידן, אין שטעטל קאָלינטאָן, ניט ווייט פון עדינבאָראָ. מחמת זיין שוואַכן געזונט, האָט סטיווענסאָן ניט געקאָנט באַזוכן קיין שול רעגולמעסיק, אָבער זיין מוטער פלעגט מיט אים לערנען אין דער היים; און אַ חוץ דעם איז ער געווען אַ פלייסיק אינגל און אַנטוויקלט זיין פעאיקן מח מיט זיינע אייגנאַרטיקע קינדער־שפּילן.

אין יאָר 1867 איז סטיווענסאָן אַריינגעטראָטן אין עדינבאָרער אוניווערזיטעט, וואו ער האָט געזאָלט שטודירן אַלס אינזשע־ניר, כדי אָנצוהאַלטן די משפחה טראַדיציע, ער האָט אָבער געמוזט אויפגעבן דעמדאָזיקן שטודיום צוליב זיין שוואַכן געזונט. ער האָט דאַן גענומען שטודירן יוריספּרודענץ, און אין יאָר 1875 גע־ענדיקט אַלס אַדוואָקאַט.

אין זיין בוך „מעמואַרן און פּאָרטרעטן" דערציילט אונדז סטיווענסאָן ווי אַזוי ער האָט פון זיין פריסטער יוגנט אָן געהאַט די אַמביציע צו ווערן אַ שרייבער. „פון אינגלווייז אָן און דורך דער גאַנצער צייט פון מיינע בחור־יאָרן, — דערציילט ער, — בין איך געווען באַוואוסט און מ'פלעגט מיך האַלטן פאַר אַ פּוסט־

און־פּאַסניק; איך בין אָבער שטענדיק געווען באַשעפּטיקט מיט מיינע אייגענע פּריוואַטע ענינים, וואָס זיינען באַשטאַנען אַגן אויסלערנען זיך שרייבן. איך האָב אַלעמאָל געהאַלטן צוויי ביכלאַך אין קעשענע, איינס צום לייענען און איינס צום שרייבן. אויף מיינע שפּאַצירן איז מיין מח כסדר געווען פאַרנומען מיט צופּאַסן די ריכטיקע ווערטער צו דעם וואָס כ'האָב געזען... אזוי פלעג איך לעבן מיט ווערטער. און דאָס וואָס כ'האָב געשריבן איז ניט געווען צוליב וועלכן עס איז באַשטימטן צוקינפטיקן נוץ: כ'האָב באַוואוסטזיניק געשריבן צוליב פּראַקטיק. איך האָב ניט אַזוי געוואָלט ווערן אַ מחבר (כאָטש דאָס האָב איך אויך געוואָלט), ווי כ'האָב אויף זיך גענומען זיך אויסלערנען צו שרייבן. ס'איז געווען אַ קענטעניש וואָס האָט מיך געמאַניעט. כ'האָב פּראַקטיצירט זי צו קריגן, ווי איינער וואָס לערנט זיך שניצן, אין אַ געוועט מיט זיך אַליין." און ביז צום טאָג פון זיין טויט האָט ער קיינמאָל ניט אויפגעגעבן די אַרבעט איבער זיך אַליין, זיין קונסט און סטיל.

אַ צווייטע יוגנטלאַכע ליידנשאַפט, וואָס סטיווענסאָן האָט גע־האַט דורך דער גאַנצער צייט פון זיין קורצן לעבן, איז געווען די ליבע צו בלומרשטדיקע פאָרשטעלונגען. ער דערציילט אונדז ווי אַזוי ער האָט פון די שפּילצייג פון זיין יוגנט געקראָגן „דעם סאַמע גייסט פון לעבנספרייד". מיר קאָנען ניט געניסן קיין פרייד פון „בלאָטע און אַלטן אייזן, ביליקע פאַרלאַנגען און ביליקע מורא'ס", — זאָגט ער אין זיין עסעי "די לאַמטערנטרעגער". נאָר פון אַ גייסט וואָס נעמט־אויף אַוואַנטורעס און שטרעבונגען, און באַגעגנט די וועלט מיט אַ „גלאָרייכן מאָרגנדיקן פּנים". אפילו בלומרשטדיקע פאָרשטעלונגען האָבן די קראַפט צו באַפרייען דעם גייסט און ברענגען דידאָזיקע פרייד.

סטיווענסאָן אַליין איז געווען אַ לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון דעמדאָזיקן יוגנטלאַכן גייסט דורך די גאַנצע צוואַנציק יאָר פון זיין קראַנקהייט. ער האָט די גאַנצע צייט געמוזט קעמפן פאַר זיין לעבן, און האָט געפונען אַ באַפרידיקונג פאַר די אַוואַנטורעס נאָך וועלכע ער האָט געגאַרט, אין זיינע פאַרשיידענע רייזעס און וואַנ־דערונגען.

ווען די געפאַר פון זיין שווינדזוכט איז צו עטלאַכע און צוואַנ־

ציק יאָר געוואָרן אומפּאָרמיידלאַך, איז ער אַריבערגעפאָרן קיין פראַנקרייך. די דאָרטיקע דערפאַרונגען האָט ער באַשריבן אין צוויי ביכער: „אַ רייזע איבערן לאַנד", און „נסיעות אויף אַן אייזל". אין פראַנקרייך האָט ער זיך באַקענט מיט מאַדאַם אָסבאָרן, אַן אַמעריקאַנער פרוי, אין וועלכער ער האָט זיך פאַרליבט. און ווען מאַדאַם אָסבאָרן איז אין יאָר 1878 אַהיימגעפאָרן צוריק קיין קאַליפאָרניע, איז איר סטיווענסאָן דעם נעקסטן יאָר נאָכגעפאָרן, און אין יאָר 1880 האָבן זיי חתונה געהאַט. זיינע אַמעריקאַנער דערפאַרונגען האָט סטיווענסאָן שפּעטער באַשריבן אין עטלאַכע ביכער: „דער אַמאַטאָרישער עמיגראַנט", „איבער די פּליינען", און „די סילווערא־דער סקוואַטערס" (קאָלאָניסטן).

צוריקקערנדיק מיט זיין פאַמיליע, אויפן פאַרלאַנג פון זיין פאָטער, צוריק קיין ענגלאַנד, האָט סטיווענסאָן, אין יאָר 1881, אָפּגעדרוקט זיין ערשט בוך עסייען: „ווירגיניבוס פּועריסקווע" („צו בחורים און מיידלאַך"), און אָנגעשריבן זיין ערשטע נאָוועלע „דער אוצר אינדזל".

אין זיין עסיי „מיין ערשט בוך*), דערציילט סטיווענסאָן ווי אַזוי ער איז, נאָך פיל ליטעראַרישע מיסערפאָלגן אין יאָר 1881 געקומען צום געדאַנק פון שרייבן דעם „אוצר אינדזל".

ער האָט דעמאָלט געוואוינט מיט זיין פאַמיליע אין קעסטלטאָן פון ברעימאָר. צוליב דעם שלעכטן וועטער פלעגט ער פאַרברענגען מיט זיין שטיפזון אין הויז, און אַרויסהעלפן דעם אינגל אין זיינע שפּילערייען, וואָס זיינען הויפּטזעכלאַך באַשטאַנען אין צייכענען און מאָלן קאָלירטע בילדער.

„איינמאָל, — דערציילט סטיווענסאָן, — האָב איך געמאַכט אַ מאַפּע פון אַן אינדזל. איך האָב זי זייער פּינקטלאַך און שיין קאָלירט. די פאָרם פונם אינדזל האָט מיר פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן. ער האָט געהאַט האַפנס וואָס האָבן מיך באַגייסטערט ווי סאָנעטן. מיטן אומבאַוואוסטזיין פון דעם וואָס ס'וועט דערפון אַרויסקומען, האָב איך אַ נאָמען געגעבן די צייכנונג „דער אוצר אינדזל"

---

*) געדרוקט צום ערשטן מאָל אין לאָנדאָנער זשורנאַל „די איידלער" אויג. 1894.

„קוקנדיק אויף דער מאַפּע פונם „אינדזל“, האָבן די צוקינפטיקע העלדן פונם בוך אָנגעהויבן בעשיינפּערלאַך צו דערשיינען אין די אויסגעטראַכטע וועלדער. זייערע ברוינע פּנים׳ער און גלאַנצנדיקע געווערן האָבן אויף מיר בגנבה אַרויסגעקוקט פון אומדערוואַרטעטע ערטער, בעת זיי זיינען אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, מלחמה־האַלטנדיק און זוכנדיק אוצרות, אויף די דאָזיקע עטלאַכע קוואַדראַט אינטשעס פון דער פלאַכער צייכנונג. אָקאָרשט מ׳זעט ניט, איז פאַר מיר געלעגן פּאַפּיר, און כ׳האָב אויסגעשריבן אַ צעטל פון קאַפּיטלען.

„ס׳האָט געזאָלט זיין אַ מעשה פאַר אינגלאַך, און כ׳האָב געהאַט אַ אינגל, וועלכער האָט געקאָנט דינען אַלס פּראָבירשטיין. כ׳האָב אויך געהאַט אַ אידעע פאַר דעם הויפּט־העלד, דזשאָן סילווער, פון וועלכער כ׳האָב דערוואַרט צו האָבן אַן אַ שיעור פאַרגעניגן: צו נעמען אַ באַליבטן פריינט (וועמען דער לעזער קען גאַנץ מעגלאַך און שעצט פּונקט ווי איך *) אַוועקנעמען פון אים אַלע זיינע איידעלערע שטריכן און די דערהאַבענע שיינקייט פון זיין נאַטור; איבערלאָזן אים מיט קיין זאַך אַ חוץ מיט זיין שטאַרקייט, זיין מוט, זיין שאַרפזין, און זיין וואונדערלאַכער גוטמוטיקייט, און פּרוּאוון אויסדריקן די דאָזיקע מעלות אין די טערמינען פון אַ רויען זעגל־טוך.

„איין קאַלטן סעפּטעמבער פרימאָרגן, לעבן דעם פלאַם פון אַ קנאַקנדיק פייער, און מיט אַ רעגן באַראַבאַנענדיק אויף די פענצטער, האָב איך אָנגעהויבן צו שרייבן דעם „שיפּקוכער“, וואָרים דאָס איז געווען דער אָריגינעלער נאָמען פונם בוך.

„אויסגעשטעלט האָב איך בלויז אויף איין אינגל, כ׳האָב אָבער אויסגעפונען אַז כ׳האָב געהאַט צוויי אין מיין אוידיענץ: מיין פאָטער איז צו איר צוגעזאָטן געוואָרן מיטן גאַנצן ברען פון זיין אייגנטימלאַכער נאַטור. זיינע אייגענע מעשות, מיט וועלכע ער פלעגט זיך אַלע נעכט פון זיין לעבן איינשלעפערן, האָבן שטענדיק דערציילט וועגן שיפן, פאַרוואָרפענע קרעטשמעס, רויבער, אַלטע מאַטראָזן, און רייזנדע סוחרים פון פאַר־דער־דאַמף ערא. אין „אוצר אינדזל“

*) דער ענגלישער פּאָעט און עסעאיסט וו. ע. העגלי.

האָט ער געפונען עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען נאָנט צו זיין אייגענער פאַנטאַזיע: ס'איז געווען זיין סאָרט ראָמאַנטיק. ער האָט ניט נאָר מיט גרויס פאַרגעניגן זיך צוגעהערט צום טעגלאַכן קאַפּיטל — וואָס פלעגט פאַרגעלייענט ווערן אַלע פרימאָרגן צו דער פאַמיליע— נאָר האָט זיך גענומען גאַנץ געשמאַק מיטהעלפן. ווען ס'איז געקומען די צייט אַז בילי באָנס' רייזע־קאַסטן זאָל אויפגעעפנט ווערן, האָט ער מסתמא פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון טאָג, צוגרייטנדיק אויף דער אַנדערער זייט פון אַ קאָנווערט אַ פאַרצייכעניש פונם אינהאַלט, וואָס איך האָב פּינקטלאַך אויסגעפאָלגט. „פלינטס אַלטע שיף" האָט געקראָגן דעם נאָמען „וואַלרוס", לויט זיין ספּעציעלן פאַרלאַנג".

סטיווענסאָן דערציילט דאָרט ווייטער ווי אַזוי ער האָט, נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט די ערשטע 15 קאַפּיטלען, געקראָגן אַ באַזוך פון דר. דזשאַפּ. דר. דזשאַפּ איז צו אים געקומען מיט אַ ספּעציעלער שליחות פון מר. הענדערסאָן, דער רעדאַקטאָר פון אַ קינדער־זשורנאַל, צו אַנטדעקן נייע שרייבער פאַר זיין זשורנאַל. די ערשטע פופצן קאַפּיטלען זיינען פאַר דר. דזשאַפּן פאָרגעלייענט געוואָרן, און זיי זיינען אים זייער געפעלן געוואָרן. „פון דעמאָלט אָן, — באַמערקט סטיווענסאָן, — האָב איך זייער הויך געשעצט זיינע פייאיקייטן אַלס קריטיקער, ווייל ווען ער האָט פאַרלאָזן, האָט ער מיט זיך מיטגענומען דעם מאַנוסקריפּט."

די דערציילונג האָט זיך דאָן אָנגעהויבן צו דרוקן אין פאָרזעצונגען אין מר. הענדערסאָנס זשורנאַל; אָבער, ווי סטיווענסאָן גיט איבער, האָט ער נאָך די ערשטע 15 קאַפּיטלען ניט געקאָנט אָנגיין ווייטער מיט דער דערציילונג. „איך האָב ניט געהאַט מער קיין איין וואָרט וועגן „אוצר אינדזל" אין מיין הארצן, — דערציילט ער. — איך בין דעמאָלט אַלט געווען 31 יאָר, בין געווען דער הויפּט פון אַ פאַמיליע. האָב אָנגעוואוירן מיין געזונט. האָב קיינמאָל ניט פאַרדינט גענוג... מיין פאָטער האָט, ניט לאַנג פאַר דעם, געהאַט אָפּגעקויפט און צעשטערט מיינס אַ בוך, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ דורכפאַל. האָט דאָס געזאָלט זיין נאָך איינע, און אפשר די לעצטע פיאַסקאָ?" סטיווענסאָן איז געווען פאַרצווייפלט.

ער האָט אָבער „פאַרשלאָסן דאָס מויל“, און אויף זיין וועג קיין דעיוואָס, שאָטלאַנד, וואו ער האָט געזאָלט פאַרברענגען דעם ווינטער, האָט ער באַשלאָסן אויפצוגעבן אַלץ.

איין פרימאָרגן האָט ער זיך ווידער אַוועקגעזעצט צו דער ניט־פאַרענדיקטער דערציילונג, און האָט זי, ווידער צו איין קאַפּיטל אַ טאָג, פאַרענדיקט אָן וועלכע עס איז שוועריקייטן. „זי האָט ממש געשטראָמט ווי געוויינטלאַכער געשפּרעך“.

מר. הענדערסאָן האָט דאַן געביטן דעם נאָמען פון „דער שיפקוכער“ אויף „דער אוצר אינדזל“, און אָפּגעדרוקט די ערשטע פאָרזעצונג דעם 1טן אָקטאָבער, 1881, אַלס אַ ווערק פון קאַפּיטאַן דזשאָרדזש נאָרד.

קיין גרויסן דערפאָלג האָט די דערציילונג ניט געהאַט, „אָבער — זאָגט סטיווענסאָן, — ס'האָט מיר ניט געאַרט. איך אַליין האָב די דערציילונג ליב געהאַט, כמעט פאַר דערזעלבער אורזאַך וואָס דער אָנהויב איז געפעלן געוואָרן מיין פאָטער: ס'איז געווען מיין סאָרט ראָמאַנטיק. איך בין אויך ניט געווען קיין קליין ביסל שטאָלץ אויף דזשאָן סילווערן, און באַוואונדער נאָך ביז היינט דעמדאָזיקן גלאַטן און שרעקלאַכן אַוואַנטוריסט“.

נאָך דער דערשיינונג פון „אוצר אינדזל“ אין בוך פאָרם, אין יאָר 1883, איז נאָך סטיווענסאָן פאַרבליבן אין ענגלאַנד עטלאַכע יאָר, אַרומרייזנדיק איבער פאַרשיידענע שטעט. דורך דערדאָזי־קער צייט זיינען דערשינען זיינע ביכער: „דר. דזשעקל און מר. האַיד“, און „דאָס גע'גנב'עטע אינגל“, — צוויי נאָוועלן וועלכע האָבן באַוויזן סטיווענסאָנס מייסטערשאַפט אַלס דערציילער פון אַוואַנטורעס, — און צוויי ביכער לידער: „קוסטעם“, און „אַ גאָרטן פון קינדער לידער“. דידאָזיקע פיר ביכער זיינען געשריבן געוואָרן אין אַ צייט פון ערנסטער קראַנקהייט, וואָס האָט סטיווענ־סאָנען כסדר געהאַלטן אונטערן שאָטן פון טויט.

אין יאָר 1887 פאָרט סטיווענסאָן מיט זיין פרוי און שטיפזון ווידער אַוועק קיין אַמעריקע. זיי פאַרברענגען דעם ווינטער אין די אַדיראָנדאַק בערג, און לאָזן זיך אין פרילינג ווידער אַוועק אין וועג אַריין, ביז זיי קומען קיין קאַליפאָרניע. פון דאָרט לאָזן זיי זיך אַוועק וואַנדערן אויף אַ שקונער־יאַכט איבער די אינדזלען פון פּאַסיפישן

אָקעאַן. נאָך אַ וואַנדערונג וואָס האָט געדויערט איבער צוויי יאָר, האָט זיך סטיווענסאָן ענדלאַך באַזעצט אויף איינעם פון די סאַמאָאישע אינדזלען. דאָרט האָט ער פאַר זיך אויסגעבויט אַ הויז פינף הונדערט פוס איבער דער הויך פונם ים, און זיין נייע היים אַ נאָמען געגעבן „וואַילימאַ" — די פינף טייכן. ער איז געוואָרן שטאַרק באַליבט בא די איינוואוינער פון סאַמאָאַ, וועלכע האָבן אין אים געפונען אַן איבערגעבענעם פריינט און קעמפער פאַר זייערע אינטערעסן. זיי פלעגן אים אָפּגעבן גרויס כבוד און אים רופן „טוסיטאַלאַ" — דער שרייבער פון מעשות. אין סטיווענסאָנס „וואַילימאַ בריוו", וואָס זיינען דערשינען אין בוכפאָרם אין יאָר 1895, קאָן מען געפינען אַ וואונדערלאַכע באַשרייבונג פון דעם לעבן אין סאַמאָאַ.

דורך די לעצטע עטלאַכע יאָר פון זיין לעבן, האָט סטיווענסאָן, ניט קוקנדיק אויף די אָפטע אָנפאַלן פון זיין קראַנקהייט, און זיין אַלגעמיינעם שוואַכן געזונט, אָנגעשריבן אַ גרויסע צאָל ביכער, וועלכע האָבן אים אָוועקגעשטעלט אַלס איינעם פון די וויכטיקסטע שרייבער פון זיין צייט. ער איז באַרימט אַלס שרייבער פון קורצע דערציילונגען, נאָוועליסט, פּאָעט, עסעאיסט, און בריוושרייבער, און האָט נאָכפאָלגט די ראָמאַנטישע טראַדיציעס וואָס האָבן געהערשט אין דער ענגלישער ליטעראַטור פון קאָלרידזשן ביז באַיראָנען. כאָטש זיינע דערציילונגען זיינען געשריבן לויט די מעטאָדן פון סקאָט און דיומאַ און זיינע עסעיען — לויט די מעטאָדן פון טשאַרלס לעם און האַזליט, האָט ער אָבער אַריינגעבראַכט אַ נייע פרישקייט און לעבעדיקייט אין די אַלטע טעמען. אין זיינע דערציילונגען און נאָוועלן באַשרייבט ער מייסטנס, וואָס ער פלעגט רופן, „דאָס שוידערהאַפטע און שרעקלאַכע", און איז קיינמאָל ניט סענטימענטאַל. ער ברענגט אַרויס דעם כאַראַקטער פון זיינע העלדן דורך פּאַסירונגען און האַנדלונג, און ניט דורך אַנאַליז און קאָמענטאַרן. צווישן די מער באַדייטנדע ווערק וואָס ער האָט אָנגעשריבן ניט לאַנג פאַר זיין טויט געפינען זיך: „דער מייסטער פון באַלאַנטרעי", „דייוויד באַלפור", „אונטערהאַלטונגס נעכט אויף אַן אינדזל". און „וויר פון הערמיסטאָן", וואָס איז געבליבן

ניט־פאַרענדיקט, און איז, לויט דער מיינונג פון פיל קריטיקער, זיין גרעסטע נאָוועלע.

אין אוונט פון דעם 3טן דעצעמבער, 1894, איז סטיווענסאָן, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט איבער זיין לעצטער נאָוועלע, געשטאָרבן.

אַלע איינוואוינער פון וואַילימאַ האָבן זיך באַטייליקט אין זיין לויה, און אַריבערגעטראָגן זייער פאַרשטאָרבענעם טוסיטאַלאַ, אין וועמען זיי האָבן פאַרלוירן אַן איבערגעבענעם פריינט, אויף אַ הויכן באַרג, ניט ווייט פון זיין הויז. אויף איין זייט פון זיין מצבה איז אויסגעקריצט אויף סאַמאָאיש: „טוסיטאַלאַס קבר", און דער־דאָזיקער פסוק פון „רות": „וואוהין דו גייסט, וועל איך גיין; און וואו דו נעכטיקסט, וועל איך נעכטיקן; דיין פאָלק וועט זיין מיין פאָלק, און דיין גאָט מיין גאָט; וואו דו שטאַרבסט, וועל איך שטאַרבן, און דאָרט וועל איך ווערן באַערדיקט". אויף דער אַנדערער זייט געפינט זיך, אויף ענגליש, סטיווענסאָנס עפיטאַף:

1894 — 1850

ראָבערט לואיס סטיווענסאָן

אונטערן ברייטן אויסגעשטערנטן הימל
גראָבט דעם קבר און לייגט מיך אַריין.
צופרידן האָב איך געלעבט, צופרידן געשטאָרבן,
און כ'האָב זיך געלייגט מיט מיין ווילן.

קריצט אויס דידאָזיקע שורות פאַר מיר:
דאָ האָט ער געבענקט צו ליגן.
געקומען אַהיים איז דער זעגלער פון ים,
און דער יעגער צוריק פונעם באַרג.*)

*) אַזוי ווי ס'איז בכלל שווער איבערצוזעצן פאָעזיע, און זי זאָל דערפון ניט ליידן קינסטלעריש, און כדי באַזונדערס ניט צו באַרויבן די דאָזיקע ליד פון איר פשוט'ער שיינקייט און חן, וואָס זי האָט אין אָריגינאַל, גיב איך זי דאָ בלויז אין אַ ווערטערלאַכער איבערזעצונג. — איבערזעצער.

עטלאַכע ווערטער פון דעם איבערזעצער

ביז צו דער איבערזעצונג פון „אוצר אינדזל", איז דער מחבר פון דעראָזיקער קלאַסישער פּיראַטן־מעשה, ראָבערט לואיס סטיוועג־סאָן, געווען באַקאַנט דעם אידיש־לעזענדען עולם דורך איינעם פון זיינע הויפּט־ווערק, „דר. דזשעקל און מר. האיד", און דורך עטלאַכע פון זיינע קורצע עסעיען.

מיט דעם איצטיקן אריינברענגען אין דער אידישער ליטעראַטור סטיוועגסאָנס כאַראַקטעריסטישסטע אַוואַנטורע־מעשה, „דער אוצר אינדזל", ווערן דערפאַר, לויט מיין מיינונג, אויפגעטאָן צוויי וויכ־טיקע זאַכן: ערשטנס, וועט דער אידישער לעזער האָבן אַ מעג־לאַכקייט צו קריגן אַ גענויערן באַגריף פון איינעם פון די וויכ־טיקסטע ענגלישע שרייבער פון דער ענדע פון 19טן יאָרהונדערט, וועלכער ווערט שוין איצט באַטראַכט אַלס קלאַסיקער אין דער ענגלי־שער ליטעראַטור; צווייטנס, ווערט די אידישע ליטעראַטור בכלל, און די אידישע קינדער־ליטעראַטור בפרט, דורך דעם איצט באַ־רייכערט מיט אַ ווערק, פון וועלכן מין זי פאַרמאָגט ווייניק אָריגי־נעלע אָדער איבערזעצטע מוסטערן; מיט אַ ווערק וואָס האָט פאַר־כישופט יונג און אַלט אין כמעט אַלע שפּראַכן פון דער וועלט. אפילו יאַפּאַנעזיש און כינעזיש, און איז באַליבט ווי בלויז נאָך איין ווערק, אויך פון אַן ענגלענדער, „ראָבינסאָן קרוסאָ" פון דעניעל דעפאָו.

אין דעמדאָזיקן ווערק איז סטיוועגסאָנען געלונגען צו פאַראיי־ניקן די הויפּט מעלות וואָס מאַכן אַ נאָוועלע באַליבט באַ אַלע לעזער, און שטעלן זי אין דערזעלבער צייט אוועק אויף אַ הויכער ליטעראַרישער מדרגה. ער האָט אין איר פאַראייביקט אַ שוין פאַרשוואונדענעם לעבנסשטייגער פון „שקונערס, אינדזלען און פאַר־לאָזטע, פּיראַטן און פאַרגראָבן גאָלד", און אַרויסגעבראַכט אַ ריי טיפּן פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך זינט דעם יאָר — 17, די צייט פון דער דערציילונג, געביטן בלויז אויסערלאַך. אים איז

געלונגען צו דערציילן אויף אַ פשוט'ן אופן אַ שפּאַנענדע געשיכטע פון געפאַרן און מיסטעריעס, אַרויסברענגענדיק דערביי אַ גאַלעריע פון באַשטימטע, גוט־געצייכנטע כאַראַקטערן, באַגלייט פון דעם שטילן געזאַנג פון אַ סימבאָלישן אונטערשטראָם.

אַ חוץ דער אַלגעמיינער אונטערנעמונג, — איבערצוגעבן אין אַן איבערזעצונג סטיווענסאָנס סטיל און ריטם פון זאַץ, — האָב איך, צוטרעטנדיק צו דער איבערזעצונג פון „אוצר אינדזל“, אויך געהאַט אייניקע אַנדערע שוועריקייטן, וועגן וועלכע איך וויל דאָ זאָגן עטלאַכע ווערטער.

ערשטנס די פּראָבלעם, וואָס סטיווענסאָן אַליין איז אויף אַזאַ מייסטערהאַפטן אופן אַריבערגעקומען, צו מאַכן פּיראַטן און ים־פאָרער רעדן אויף זייער אייגענעם לשון, און דערביי אויסמיידן זייערע כאַראַקטעריסטישע אויסדרוקן און זידלערייען, אָדער ווי מ'רופט עס בײַ אונדז „גראָבע רייד“. צווייטנס, ווי אַזוי איבער־צוזעצן די גרויסע צאָל טעכנישע ים־ און שיף־טערמינען, און באַ־זונדערס די ספּעציפישע אויסדרוקן פון דעם מאַטראָזן־לשון, אין וועלכע ענגליש איז אַזוי רייך, און אין וועלכע אידיש, צוליב דעם וואָס מיר זיינען ניט קיין ים־פאָלק, איז נאָך דערווייל אָרים.

דידאָזיקע פּראָבלעמען האָב איך געפּרואווט פאַרענטפערן דורך אויפזוכן, אויף וויפל איך האָב געקאָנט, אַלע טערמינען וואָס זיינען שוין ביז איצט ערטערווייז באַנוצט געוואָרן; דורך שאַפן אינגאַנצן נייע אָדער ניי־קאָמבינירטע ווערטער; אָדער דורך אַריינברענגען נייע ווערטערלאַך־איבערזעצטע אויסדרוקן, און פאַראידישטע ווער־טער, וועלכע ווערן דערקלערט אין אַ ספּעציעלן גלאָסאַר.

און אויב ס'איז מיר געלונגען איבערצוגעבן דעם גייסט פון „אוצר אינדזל“, סטיווענסאָנס מייסטערהאַפטן סטיל, און אַריינצו־ברענגען אין אידיש אַזעלכע אויסדרוקן און ווערטער, וועלכע וועלן קאָנען איינגעבירגערט ווערן אין אונדזער שפּראַך, וועל איך באַ־טראַכטן מיין אַרבעט אַלס אומגעהייער דערפאָלגרייך, און ס'וועט מיר שטאַרק הנאה טאָן וואָס כ'האָב געהאַט די געלעגנהייט צוצוטראָגן אַזאַ וויכטיקן בייטראַג צו דער אידישער ליטעראַטור.

אַלעף כּץ

צו

ס. ל. אַ.

אַן אַמעריקאַנער דזשענטלמאַן,
לויט וועמעס קלאַסישן געשמאַק
דידאַקטישע דערציילונג איז געפּלאַנט געוואָרן,

ווידמעט

זי איצט, אַלס דאַנק פאַר פיל אנגענעמע שעה'ן,
און מיט די הארציקסטע וואונטשן,
זיין איבערגעבענער פריינט,

דער מחבר

צום זיך-קווינקלענדיקן קונה

אויב ים־געשיכטעס, לידער פּראָסטע,
געפּאַרן, שטורעמס, היץ און קעלט,
אויב שקונערס, אינדזלען, און „פּאַרלאָזטע",
פּיראַטן, און פאַרגראָבן געלט, —
דער גאַנצער חן פון אַט דער וועלט,
דערציילט ווי אין די אַלטע יאָר,
ווי מיר אַמאָל, אַצינד געפעלט
די יאַטן פון דעם יונגן דור:

— איז גוט! אויב ניט, אויב ס'איז אַנטרונעז
בא אונדזער יוגנט איצט דער טעם
פאַר קינגסטאָנען, און באַלאַנטינען,
און קופּערן פון וואַלד און ים, —
איז אויבעט גוט! אין קבר־צאַם
פון יענע מייסטער פון אַמאָל
וועל איך מיט מיין פּיראַטן שטאַם
גיין זוכן רו אין טויטן טאָל.

ערשטער טייל

דער אַלטער בוקאַניר


מאַסשטאַב פון ענגלישע מײַלן
סאַוואַנאַ דעם צוואַנציקסטן יולי 1754 וו.ב.

ערשטער קאַפּיטל

דער אַלטער ים־הונט אין דער „אַדמיראַל בענבאָו" קרעטשמע

סקווייר טרעלאָני, דאָקטאָר ליווזי, און מײנע אַנדערע פרײנט האָבן מיך געבעטן איך זאָל אויפשרייבן אַלע איינצעלהייטן וועגן דעם „אוצר אינזל", פונם אָנהייב ביזן סוף, ניט אויסלאָזנדיק קיין זאַך, אַ חוץ זיינע געאָגראַפישע גרעניצן, און דאָס בלויז דערפאַר וואָס ס'זיינען דאָרט נאָך אַלץ פאַראַן אומאַנטדעקטע אוצרות. נעם איך דאַרום מיין פעך אינם יאָר 17—, און איך קער זיך אום צוריק צו דער צייט ווען מיין פאָטער האָט געהאַלטן די „אַדמיראַל בענ־באָו" קרעטשמע, און ווען דער ברוינער אַלטער מאַטראָז מיטן שווערד־שניט אויפן פנים האָט זיך צום ערשטן מאָל באַזעצט אונטער אונדזער דאַך.

איך געדענק אים, פּונקט ווי ס'וואָלט ערשט נעכטן געשען, ווי ער איז אָנגעקומען מיט שווערע טריט צו דער טיר פון דער קרעטשמע, און הינטער אים האָט איינער נאָכגעפירט זיין רייזע־קאַסטן אויף אַ האַנט־וועגעלע. ער איז געווען אַ הויכער, שטאַרקער, שווערער, נוס־ברוינער מאַן. אַ פאַרשמאַלצעוועטער צאָפּ איז אַראָפּגעהאַנגען איבער זיין שמוציקן בלויען ראָק. זיינע הענט זיינען געווען גראָב און צעשעדיקט. זיינע נעגל שוואַרץ און צע־בראָכן. און אויף זיין באַק האָט זיך געצויגן די שמוציקע ווייסקייט פון אַ שווערד־שניט. איך געדענק ווי ער האָט באַטראַכט דעם ברעג, פייפנדיק דערביי אונטער דער נאָז, און דערנאָך זיך פאַנאַנ־דערגעלאָזט מיט דעם אַלטן ים־ליד, וואָס ער פלעגט שפּעטער זינגען אַזוי אָפט:

„פופצן מאַן אויפן טויטנס אָרון, —
יאָ־האָ־האָ, און אַ פלאַש מיט ראָם!"

זיין שטימע האָט געקלונגען הויך און וואַקלענדיק, ווי זי וואָלט געקראָגן איר טאָן און אָפּגעהאַקטקייט באַם שטאַנגענשפּיל פון דער הויב־מאַשין. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר מיט אַ קליין שטעקל, די גרויס פון אַ שפּיז, וואָס ער האָט געטראָגן, און ווען מיין פּאָטער האָט זיך באַוויזן, האָט ער שטרענג באַשטעלט אַ גלאָז ראָם. ווען מ'האָט זי אים געבראַכט, האָט ער געטרונקען לאַנגזאַם, ווי אַ מבין, זיך פּאַסמאַקעוועט, און האָט אַלץ געקוקט אַרום זיך אויף די פעלזן באַם ברעג און אויף אונדזער שילד.

— דאָס איז אַ באַקוועמער האַפן, — זאָגט ער ענדלאַך, — און אַ גאַנץ פּאַסיקער פּלאַץ פאַר אַ שענק! אַ סך געסט בײַ אייך, חבר?

— זייער ווייניק, צום באַדויערן, — האָט געזאָגט מיין פאָטער.

— נו, — זאָגט ער, — אויב אַזוי, איז דאָס פּונקט די סטאַנציע פאַר מיר. הערי, דו — האָט ער אויסגעשריען צום מאַן, וואָס האָט געפירט דאָס וועגעלע, — קום אַהער און העלף אויסלאָדן מיין קאַסטן.

— איך וועל זיך דאָ בײַ אייך אָפּשטעלן אויף אַ שטיקל צייט, — האָט ער זיך ווידער געווענדט צו מיין פאָטער, — איך בין אַ פּשוטער מענטש, ראָם, און חזיר־פלייש, און אייער איז אַלץ וואָס איך דאַרף, און אָט דעם הויכן פעלז, איך זאָל קאָנען פון אים באַאָבאַכטן די שיפן. ווי אַזוי מ'רופט מיך? נו, איר קאָנט מיך רופן קאַפּיטאַן. אָ, איך פאַרשטיי וואָס איר ווילט, אָט האָט איר! — און ער האָט אַרונטערגעוואָרפן דריי צי פיר גאָלדשטיק אויף דער שוועל. — לאָזט מיר וויסן ווען דאָס וועט אויסגיין, — האָט ער געזאָגט, און האָט אויסגעזען שטרענג ווי אַ קאָמאַנדיר.

און ווירקלאַך, כאָטש זיינע קליידער זיינען געווען אָרים, און זיין שפּראַך ניט־פּאָלירט, האָט ער דאָך ניט אויסגעזען ווי אַ פּשוט'ער מאַטראָז; פאַרקערט, ער האָט אויסגעזען ווי אַ שיף־באַאַמטער אָדער אַ קאַפּיטאַן, צוגעוואוינט אַז מ'זאָל אים פאָלגן אָדער, אויב ניט, יענעם צו שלאָגן. דער מאַן וואָס האָט געפירט דאָס וועגעלע האָט אונדז דערציילט אַז דער פּאָסט־דיליזשאַנס האָט אונדזער נייעם גאַסט מיט אַ טאָג פריער אָפּגעשטעלט אין דער „ראָיאַל דזשאָרדזש" קרעטשמע; אַז ער האָט זיך דאָרט נאָכ־

געפֿרעגט אויף די קרעטשמעס וואָס געפֿינען זיך בײַ דער לענג פֿונעם ברעג; און ווען ער האָט געהערט אַז אונדזערע איז דערמאָנט געוואָרן צו גוטן, און איז באַצייכנט געוואָרן אַלס אַ פּאַרוואָרפֿענע, האָט ער זי אויסגעקליבן פֿון די אַנדערע פֿאַר זײַן קוואַרטיר. דאָס איז אַלץ וואָס מיר האָבן ווען אים געקאָנט אויסגעפֿינען.

ער איז פֿון דער נאַטור געווען זייער אַ שטילער מענש. גאַנצע טעג האָט ער פֿאַרבראַכט בײַם ברעג, אָדער אויף די פֿעלזן, מיט אַ מעשענעם שפּאַקטיוו אין דער האַנט, און אין די אָוונטן איז ער געזעסן אין אַ ווינקל פֿונעם זאַל, לעבן פֿייער, און האָט גע־טרונקען זייער שטאַרקן ראָם מיט וואַסער. ווען מ'האָט גערעדט צו אים, פֿלעגט ער מייסטנס ניט ענטפֿערן, נאָר פּלוצלונג ווילד זיך ארומקוקן, און בלאָזן מיט דער נאָז ווי מיט אַ נעפּל־האָרן; מיר און די אַנדערע מענטשן וואָס האָבן באַזוכט אונדזער הויז האָבן זיך באַלד צוגעוואוינט צו לאָזן אים צורו. יעדן טאָג, ווען ער איז צוריקגעקומען פֿון זײַן שפּאַציר, פֿלעגט ער זיך נאָכפֿרעגן צי עס זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען ים־פֿאָרער אויפֿן וועג. אין אָנהייב האָבן מיר געדענקט אַז ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט אויף זיי, ווײַל ער האָט געבענקט נאָך געזעלשאַפֿט פֿון זײַן גלײַכן; שפּעטער אָבער, האָבן מיר אָנגעהויבן צו באַמערקן אַז ער האָט זיי נאָר געזוכט אויסצומײַדן.

ווען (ווי ס'האָט געטראָפֿן פֿון צײַט צו צײַט) אַ מאַטראָז האָט אויף זײַן וועג קיין בריסטאָל, זיך אָפּגעשטעלט אין דער „אַדמי־ראַל בענבאָו", פֿלעגט אים אונדזער קאַפּיטאַן גוט באַטראַכטן דורך דער פֿאָרהאַנג־טיר, איידער ער האָט געוואגט אַרײַנצוגיין אין זאַל, און כּל זמן יענער איז געווען אין הויז האָט ער זיך געהאַלטן שטיל ווי אַ מויז. פֿאַר מיר, ווייניקסטנס, איז די דאָזיקע זאַך ניט געווען קיין סוד, וואָרים איך האָב מיט אים ביז אַ געוויסן גראַד געטיילט זײַן מורא. ער האָט מיך איינמאָל אַוועקגערופֿן אין אַ זײַט און מיר צוגעזאָגט צו געבן אַ זילבערשטיק דעם ערשטן פֿון יעדן חודש, אויב איך וועל האַלטן אַן „אויג אָפֿן אויף אַ מאַטראָז מיט איין פֿוס", און אים לאָזן וויסן דערפֿון ווי נאָר ער וועט זיך באַווײַזן. זייער אָפֿט, ווען ס'איז אָנגעקומען דער ערשטער פֿון חודש, און כ'האָב פֿון אים פֿאַרלאַנגט מײַן געהאַלט, פֿלעגט ער אויף מיר נאָר

בלאָזן מיט דער נאָז און מיך פאַרטרייבן פון זיך מיט אַ שטאַרן בליק; אָבער איידער נאָך די וואָך איז אַריבער, פלעגט ער זיך באַרעכענען, מיר ברענגען מיין זילבערשטיק, און איבער׳חזר׳ן זיין באַפעל, איך זאָל אויסקוקן אויף „דעם מאַטראָז מיט איין פוס“.

ווי יענער חברה־מאַן האָט מיך געשראָקן אין מיינע חלומות, דאַרף איך אייך קוים דערציילן. אין שטורעמדיקע נעכט, ווען דער ווינט האָט געטרייסלט די פיר ווינקלען פון אונדזער הויז, און די כוואַליעס האָבן געברוועט אויפן ברעג און אויף די פעלזן, האָב איך אים געזען אין טויזנט געשטאַלטן, און מיט טויזנט טייוולשע פּנים׳ער. אַמאָל איז זיין פוס געווען אָפּגעשניטן ביז דער קני, און אַמאָל ביז דער דיך; אַמאָל איז ער געווען אַ מין ריזיקע באַשעפעניש וואָס האָט בכלל קיינמאָל ניט געהאַט מער ווי איין פוס, און אפילו דער איז געווען אין מיטן פון זיין קערפּער. צו זען אים שפּרינגען און לויפן און מיך נאָכיאָגן איבער פּלויטן און גראָבנס איז געווען דער ערגסטער חלום. און אַזוי האָב איך גאַנץ טייער באַצאָלט פאַר מיין חודש׳לאַכן זילבערשטיק מיט דיזאַזיקע העסלאַכע שרעקגעשפּענסטער.

אָבער כאָטש כ׳בין געווען אַזוי צעשראָקן פונם געדאַנק וועגן דעם געהיימניספולן „מאַטראָז מיט איין פוס“, האָב איך אָבער ווייניקער פון אַלע וואָס האָבן אים געקענט, מורא געהאַט פאַרן קאַפּיטאַן אַליין. ס׳זיינען געווען נעכט, ווען ער האָט געטרונקען אַ סך מער ראָם און וואָסער ווי זיין קאָפּ האָט געקאָנט פאַרטראָגן. דעמאָלט פלעגט ער זיצן און זינגען זיינע גאָטלאָזע, אַלטע, ווילדע ים־לידער, ניט קימערנדיק זיך פאַר קיינעם; צייטנווייז אָבער פלעגט ער טראַקטירן אַלעמען און צווינגען די אָנגעשראָקענע געזעל־שאַפט זיך צוצוהערן צו זיינע מעשות, אָדער מיטצוזינגען אין כאָר זיינע לידער. כ׳האָב אָפט געהערט ווי דאָס הויז האָט זיך גע־טרייסלט מיט „יאָ־האָ־האָ, און אַ פלאַש מיט ראָם!“. אַלע שכנים האָבן אַרויסגעהאָלפן אין טויטשרעק, און איינער האָט געזונגען העכער פון צווייטן, כדי אויסצומיידן זיין פאַרוואורף, וואָרים אין אַזעלכע אויסברוכן איז ער געווען דער אומדערטרעגלאַכסטער פאַר־שווין וואָס האָט ווען געלעבט. ער פלעגט אַ קלאַפּ טאָן מיט דער האַנט אויפן טיש אַז ס׳זאָל ווערן שטיל; אויפשפּרינגען אין אַן

אויסברוך פון כעס ווען מ'האָט אים געשטעלט אַ פראַגע, אָדער דערפאַר וואָס מ'האָט גאָרניט איבערגעפרעגט: ביידע פאַלן זיינען פאַר אים געווען אַ באַווייז אַז די געזעלשאַפט איז ניט געווען אויפמערקזאַם צו זיין דערציילונג. ביז ער האָט זיך ניט אָנגע־טרונקען, און זיך ניט דערשלעפט אַ שלעפעריקער צום בעט, האָט ער קיינעם ניט דערלויבט צו פאַרלאָזן די קרעטשמע.

מער פון אַלץ האָבן זיך מענטשן געשראָקן פאַר זיינע מעשות. און שרעקלאַכע מעשות זיינען זיי געווען! וועגן געהאַנגענע, וועגן „גיין איבערן ברעט", וועגן ים־שטורעמס, וועגן די טרוקענע טאָר־טוגעס און וועגן ווילדע מעשים אין די שפאַנישע וואַסערן. פון דידאָזיקע דערציילונגען האָט מען געקאָנט דרינגען אַז ער האָט פאַרבראַכט זיין לעבן צווישן די פאַרדאָרבנסטע לייט, וואָס גאָט האָט ווען דערלויבט צו פאָרן אויפן ים, און די שפראַך אין וועלכער ער האָט דידאָזיקע געשיכטעס דערציילט, האָט געפלעפט אונדזערע דאָרפלייט כמעט אַזוי פיל ווי די פאַרברעכנס וועלכע ער האָט געשילדערט. מיין פאָטער פלעגט אַלעמאָל זאָגן, אַז די קרעטשמע וועט גיין צו גרונט, וואָרים מענטשן וועלן אויפהערן צו קומען זיך לאָזן פייניקן פון זיינע מעשות וואָס האָבן זיי אַהיים געשיקט שלאָפן אין טויטשרעק. איך גלויב אָבער, אַז זיין אָנוועזנהייט האָט אונדז גראָד געטאָן אַ סך גוטס. אין אָנהייב האָבן זיך מענטשן געשראָקן, אָבער צוביסלאַך האָבן זיי זיך צוגעוואוינט און אפילו הנאה געהאַט; ס'איז געווען אַן אָנגענעמע צעשטרייאונג אינם שטילן מאָנאָטאָנעם דאָרפלעבן. ס'האָבן זיך אפילו געפונען יונגעלייט וואָס האָבן פרעטענדירט אים צו באַוואונדערן. זיי האָבן אים גערופן „אמת'ער ים־הונט", „עכטער אַלטער זאַלץ", און נאָך אַזעלכע צונעמען, און האָבן געזאָגט, אַז ער איז געווען איינער פון יענע לייט, וואָס האָבן געמאַכט ענגלאַנד פאַר אַזאַ מורא'דיקער ים־מאַכט.

אין אַ געוויסן זין האָט ער אונדז ווירקלאַך שיעור ניט רואי־נירט. ער האָט באַ אונדז אָנגעהאַלטן זיין קוואַרטיר וואָך איין וואָך אויס, און דערנאָך חודש נאָך חודש, ביז זיין איינגעצאָלט געלט איז שוין פונלאַנג געווען אויסגעגאַנגען, און דאָך האָט מיין פאָטער ניט געקאָנט ביי זיך פועל'ן צו פאָדערן באַ אים נאָך

געלט. ווען ער פלעגט אים יאָ אמאָל דערמאָנען וועגן דעם, פלעגט דער קאַפּיטאַן אויף אים בלאָזן מיט דער נאָז אזוי הויך, אז מ׳קאָן זאָגן, אז ער האָט געדונערט, און מיט א בייזן בליק פלעגט ער אים פאַרטרייבן פונם צימער. נאָך אזא באַליידיקונג פלעג איך זען מיין פאָטער פאַרברעכן מיט די הענט, און איך בין איבערצייגט, אז די ערגערניש און שרעק וואָס ער האָט דאָן איבערגעלעבט, האָבן א סך בייגעטראָגן צו זיין פריצייטיקן און אומגליקלאַכן טויט.

די גאַנצע צייט וואָס ער האָט באַ אונדז געוואוינט האָט דער קאַפּיטאַן קיין איין מאָל ניט געביטן זיינע קליידער, א חוץ וואָס ער האָט געקויפט עטלאַכע פּאָר זאָקן פון א וועג־הענדלער. איינער פון די דאַשיקעס פון זיין הוט האָט זיך איינמאָל אָפּגעריסן, האָט ער אים געלאָזט נאָכהענגען, כאָטש ער האָט אים געמאַכט פילן זייער אומבאַקוועם אין ווינטיקע טעג. איך געדענק נאָך דעם אויסזען פון זיין ראָק, וועלכן ער פלעגט אַליין לאַטען באַ זיך אין צימער, און וועלכער איז שפּעטער אינגאַנצן געוואָרן א קאָלעקציע פון לאַטעס. ער האָט קיינמאָל ניט געשריבן און ניט דערהאַלטן קיין בריוו; ער האָט קיינמאָל מיט קיינעם ניט גערעדט, א חוץ מיט מיט די שכנים, און אפילו מיט זיי נאָר ווען ער איז געווען שיכור פון ראָם. קיינער פון אונדז האָט קיינמאָל ניט געזען זיין רייזע־קאַסטן אָפן.

בלויז איינאונאיינציק מאָל האָט ער געהאַט א דורכפאַל, און דאָס איז געווען שוין באַם סוף, ווען מיין אָרימער פאָטער איז שוין לאַנג געווען שטאַרק פאַרשלאַפט אויף א קרענק וואָס האָט אים ענדלאַך צוגענומען. דאָקטאָר ליווזי איז אין א געוויסן נאָכמיטאָג געקומען געוואָר ווערן צום קראַנקן; מיין מוטער האָט אים מכבד געווען מיט א מאָלצייט, און דער דאָקטאָר איז אריין אין זאַל דאָרט צו רויכערן זיין ליולקע ביז מ׳וועט אים פון דאָרף ברענגען זיין פערד, וואָרים אין אונזער אַלטער „בענבאָו“ האָבן מיר ניט געהאַט קיין שטאַלן. איך בין אים נאָכגעגאַנגען, און איך דערמאָן זיך אין דעם קאָנטראַסט וואָס דער נעטער, פריינטלאַכער דאָקטאָר מיט זיין שנייווייסן פּאַרוק, מיט זיינע ליכטיקע שוואַרצע אויגן און אַנגענעמע מאַניערן, האָט געשאַפן קעגן די אומגעלומפּערטע

דאָרפּליִיט, און ספּעציעל קעגן דער שמוציקער, שווערער, טעמפּער סטראַשידלע פֿון אונדזער פּיראַט, וואָס איז שוין דעמאָלט געזעסן גאַנץ שיכור, אַנגעשפּאַרט מיט די הענט אויפֿן טיש. פּלוצלונג האָט ער, — דער קאַפּיטאַן הייסט עס, — אָנגעהויבן צו זינגען זיין שטענדיק ליד:

„פּופּצן מאַן אויפֿן טויטנס אָרון,
יאָ־האָ־האָ, און אַ פֿלאַש מיט ראָם!
אַנדערע האָט דער טייוול גענומען,
די רעשט — פֿון שיכרות אומגעקומען,
יאָ־האָ־האָ, און אַ פֿלאַש מיט ראָם!"

אין אָנהייב פֿלעג איך מיינען אַז דעם „טויטנס אָרון" איז געווען דער זעלביקער גרויסער קאַסטן וואָס האָט זיך געפֿונען אויבן באַם קאַפּיטאַן אין פֿעדערשטן צימער, און דערדאָזיקער געדאַנק האָט זיך צעגויפֿגעפּלאָנטערט אין מיינע חלומות מיט דער פֿאַרשטעלונג פֿונם איינפֿוסיקן מאַטראָז. אַרום דער צייט אָבער האָבן מיר אַלע פֿונלאַנג שוין אויפֿגעהערט צו שענקען וועלכע עס איז אויפֿמערקזאַמקייט צו דעמדאָזיקן ליד. ניי איז עס יענעם אָוונט געווען בלויז פֿאַר דאָקטאָר ליווזין, און איך האָב באַמערקט אַז ס'האָט אויף אים ניט געמאַכט קיין אָנגענעמען איינדרוק. דער דאָקטאָר האָט אים צוגעוואָרפֿן אַ גאַנץ בייזן קוק, און האָט פֿאַר־געזעצט זיין געשפּרעך מיטן אַלטן גערטנער, טעילאָר, וועגן אַ נייער רפֿואה פֿאַר רומאַטיזם. דערווייל האָט זיך דער קאַפּיטאַן שטופּנ־ווייז צעוואָרימט מיט זיין אייגן געזאַנג, און האָט ענדלאַך געגעבן אַ זעץ אין טיש מיט דער האַנט, וואָס מיר אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען האָט געמיינט — שטיל זאָל זיין! אַלע זיינען באַלד געוואָרן אַנט־שוויגן, אַ חוץ דאָקטאָר ליווזין; ער האָט ווי פֿריער גערעדט רואיק און געלאַסן, פֿאַרציענדיק זיין ליולקע צווישן יעדן וואָרט. דער קאַפּיטאַן האָט אים אַ ווײַלע דורכדרינגענדיק אָנגעקוקט, האָט ווידער געגעבן אַ זעץ אין טיש, האָט נאָך ווילדער געגלאָצט אויף אים מיט די אויגן, און האָט ענדלאַך אויסגעבראָכן מיט אַ נידער־טרעכטיקער כפֿל־שמונה'דיקער זידלעריי: „שטיל, דאָרט אין צווישנ־דעק!"

— האָט איר גערעדט צו מיר? — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר.

דער שורקע האָט מיט נאָך אַ קללה באַשטעטיגט אַז יאָ.

— איך קאָן אייך זאָגן בלויז איין זאַך, מיין הער, — האָט געענטפערט דער דאָקטאָר, — אויב איר וועט אַזוי אָנגיין מיט אייער שיכרות, וועט די וועלט איניגיכן פטור ווערן פון אַ זייער שמוציקן ליידאַק!

דעם אַלטנס כעס איז געווען שרעקלאַך; ער איז אויפגעשפרונגען, האָט אַרויסגענומען און געעפנט אַ מאַטראָזנמעסער, און פאָכענדיק מיט דעם אין דער לופט, האָט ער געדראָט צוצושפּאַרן דעם דאָקטאָר צו דער וואַנט.

דער דאָקטאָר האָט זיך ניט גערירט פון אָרט; ער האָט בלויז ווי פריער, אין אַ זייער רואיקן טאָן, גערעדט צו אים גאַנץ הויך, אַזוי אַז אַלע אין צימער זאָלן הערן:

— אויב איר באַהאַלט ניט גלייך דאָס מעסער אין קעשענע, זאָג איך אייך צו, אויף מיין ערנוואָרט, אַז בײַ דער נעקסטער געריכט זיצונג וועט איר בײַ מיר הענגען אויף דער תליה.

נאָכדעם איז צווישן זיי פאָרגעקומען אַ מלחמה פון בליקן, אָבער דער קאַפּיטאַן האָט זיך באַלד אונטערגעגעבן. ער האָט באַהאַלטן זיין געווער, און האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט, בורטשענדיק ווי אַ געשלאָגענער הונט.

— און איצט, מיין הער, — האָט דער דאָקטאָר פאָרגעזעצט, — אַזוי ווי איך ווייס שוין יאָ אַז אַ פאַרשוין ווי איר געפינט זיך אין מיין באַצירק, קאָנט איר זיך שוין אויף מיר פאַרלאָזן אַז איך וועל אויף אייך גוט אַכטונג געבן טאָג און נאַכט. איך בין ניט נאָר אַ דאָקטאָר, איך בין אַ ריכטער אויך; און אויב איך וועל קעגן אייך הערן די קלענסטע קלאַגע, מעג עס זיין אפילו וועגן אַזאַ שטיקל גראָבקייט ווי די פון היינט אָוונט, וועל איך זיכער אָננעמען באַלדיקע מיטלען אויסצוראָטן אייך פון דאָנעט און פאַריאָגן.

גלייך נאָכדעם האָט מען דעם דאָקטאָר געבראַכט זיין פערד, און ער איז אַוועקגעפאָרן. אָבער יענעם אָוונט, ווי אַ סך אָוונטן דערנאָך, האָט זיך דער קאַפּיטאַן אויפגעפירט זייער רואיק.

צווייטער קאַפּיטל

דער „שוואַרצער הונט“ באַווייזט זיך און פאַרשווינדט

ניט זייער לאַנג נאָך דערדאָזיקער פּאַסירונג איז פאָרגעקומען די ערשטע געהיימניספולע געשעניש, וואָס האָט אונדז ענדלאך באַפרייט פונם קאַפּיטאַן, כאָטש ניט, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, פון זיינע מעשים. ס׳איז געשטאַנען אַ ביטערער, קאַלטער ווינטער, מיט לאַנגע שטאַרקע פרעסט און שווערע שטורעמס. מיין אָרימער פאָטער איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער, און ס׳איז אונדז, צום באַדויערן, געוואָרן צו קלאָר, אַז ער האָט געהאַט קליינע אויסזיכטן צו דערציען ביז פרילינג. די גאַנצע הויזאַרבעט איז געפאַלן אויף מיר מיט מיין מוטער, און מיר זיינען געווען זייער באַשעפטיקט; ס׳איז אונדז דעריבער געבליבן ווייניק צייט צו פאַרנעמען זיך מיט אונדזער אומאַנגענעמען גאַסט.

ס׳איז געווען אַ פרימאָרגן אין יאַנואַר. די קעלט האָט געצופּט און געברענט. דער ברעג איז אינגאַנצן געווען באַדעקט מיט אַ ווייסן פראָסט. די כוואַליעס האָבן מורמלענדיק געגלעט די פעלזן. די זון איז נאָך געשטאַנען זייער נידעריק, און האָט ערשט בלויז אָנגערירט די בערגשפּיצן און געוואָרפן איר אָפּשיין ווייט איבערן ים. דער קאַפּיטאַן איז דאַן אויפגעשטאַנען פריער ווי געוויינטלאך און איז אַוועקגעגאַנגען צום ברעג. זיין קורצער שווערד האָט זיך געשאָקלט הינטער די פאָלעס פון זיין אַלטן בלויען ראָק. זיין מעשענעם שפּאַקטיוו האָט ער געטראָגן אונטערן אָרעם, און זיין הוט איז געווען אַראָפּגערוקט אויף דער פּאַטילניצע. איך געדענק ווי זיין אָטעם איז געהאַנגען אין דער לופט ווי אַ רויך, און דאָס לעצטע וואָס איך האָב פון אים געהערט, איידער ער איז פאַרשוואונדן הינטערן הויכן פעלז, איז געווען אַ בייזער מרוק פון אומצופרידנקייט, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געטראַכט וועגן דאָקטאָר ליווזין.

די מאַמע איז געווען אויוון באַם טאַטן אין צימער, און איך האָב געהאַלטן אין גרייטן צום טיש פרישטיק פאַרן קאַפּיטאַן. פּלוצלונג האָט זיך געעפנט די טיר, און ס׳איז אַריינגעקומען אַ מאַן וועמען איך האָב קיינמאָל פריער אין ערגיץ ניט געזען. ער

איז געווען אַ בלייכער, קרענקלאַכער פּאַרשוין, און אויף דער לינקער האַנט האָבן אים געפעלט צוויי פינגער. כאָטש ער האָט געטראָגן אַ שווערד, האָט ער דאָך ניט געהאַט קיין מיליטערישן אויסזען. אַזוי ווי איך האָב אַלעמאָל אויסגעקוקט אויף ים־פאָרער, מיט איין פוס, אָדער מיט צוויי, געדענק איך אַז דער פּאַרשוין איז פאַר מיר געווען אַ רעטעניש. ער האָט ניט אויסגעזען ווי אַ מאַטראָז, און ס׳האָט דאָך געשמעקט פון אים מיט ים.

כ׳האָב אים געפרעגט וואָס ער פאַרלאַנגט, און ער האָט באַשטעלט אַ גלאָז ראָם; אָבער ווי נאָר כ׳האָב זיך געלאָזט ארויסגיין פון צימער צו ברענגען זיין באַשטעלונג, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויפן טיש און האָט מיר געגעבן אַ וואונק איך זאָל צו אים צוגיין. איך בין אָבער געבליבן שטיין מיט דער סערוועטקע אין דער האַנט.

— קום אַהער, בחור׳ל, — האָט ער געזאָגט, — קום אַהער נענטער אַביסל.

איך בין צוגעגאַנגען אַ טראָט נענטער.

— אָט דער טיש דאָ, איז ער געגרייט פאַר מיין חבר ביל?

— האָט ער געפרעגט און מיך ביטרע אָנגעקוקט.

כ׳האָב אים געזאָגט אַז איך קען ניט זיין חבר ביל, און אַז דער טיש איז געגרייט פאַר אונדזערן אַ קוואַרטיראַנט וועמען מיר רופן אַלע קאַפּיטאַן.

— ריכטיק, — זאָגט ער, — מיין חבר ביל האָט טאַקע ליב מ׳זאָל אים רופן קאַפּיטאַן. ער האָט אַ שניט אויף דער באַק, און איז זייער אַן אָנגענעמער מענטש, מיין חבר ביל, בפרט ווען ער איז שיכור. לאָמיר זאָגן אַ שטייגער אַז דיין קאַפּיטאַן האָט אויך אַ שניט אויף דער באַק. לאָמיר זאָגן, אויב דו ווילסט, אַז אויף דער רעכטער באַק, נו, בין איך גערעכט? און איצט, זאָג מיר, איז מיין חבר ביל דאָ אין הויז?

כ׳האָב אים געזאָגט אַז דער קאַפּיטאַן איז אַוועקגעגאַנגען אויף אַ שפּאַציר.

— אויף וועלכן וועג, בחור׳ל, אין וועלכער זייט איז ער אַוועק?

כ'האָב אים אָנגעוויזן דעם פעלז הינטער וועלכן ער איז פאַר־שוואונדן, געזאָגט ווי גיך און מיט וועלכן וועג ער האָט מעגלאַך געזאָלט צוריקקומען, און האָב געענטפערט אויף נאָך עטלאַכע פראַגן.

— אי וועט זיך עס מיין חבר ביל מיט מיר א ביסל דער־פרייען, פונקט ווי מיט א גוטן טרונק!

דער אויסדרוק פון זיין פנים, ווען ער האָט גערעדט דיזאָזיקע רייד, איז כלל ניט געווען קיין אנגענעמער, און כ'האָב געהאַט גענוג גרונט צו דענקען, אַז דער פרעמדער האָט געמאַכט א גרויסן טעות, אויב ער האָט אפילו זיך אליין געוואָלט איינשמועסן אַז ער האָט געמיינט וואָס ער האָט געזאָגט. אָבער דאָס איז ניט געווען מיין דאגה, האָב איך געטראַכט, און א חוץ דעם, וואָס האָב איך דען געקאָנט טאָן? דער פרעמדער איז געשטאַנען בא דער טיר, און האָט ארויסגעקוקט אויף דער גאַס ווי א קאַץ וואָס לויערט אויף א מויז. כ'בין יאָ ארויס אויפן וועג, אָבער ער האָט מיך באַלד צוריקגערופן. דענקענדיק אַז כ'האָב אים ניט שנעל גענוג געפאָלגט, איז א העסלאַכער איבערבייט געקומען אויף זיין קרענקלאַך פנים, און ער האָט איבערגע'חזר'ט זיין באַפעל מיט אזא קללה — אַז כ'בין אזש אונטערגעשפרונגען. אָבער ווי נאָר איך בין אריין צוריק, האָט ער ווידער אָנגענומען זיין פריערדיקע האַלב־הכנעה'דיקע, האַלב־אָפּשפּאָטנדיקע באַנעמונג. ער האָט מיר געקלאַפּט איבער דער פּליי־צע, געזאָגט אַז כ'בין א וואויל אינגל, און אַז ער האָט מיך ליב געקראָגן. — איך האָב אויך א זון, — האָט ער געזאָגט, — געראָטן אין דיר ווי צוויי טראָפּן וואַסער, און ער איז בא מיר דער שטאָלץ פון מיין הארץ. אָבער די הויפּטזאַך פאַר אינגלאַך איז דיסציפּלין, מיין זון, יאָ, דיסציפּלין. ווען דו וואָלסט פאַרבראַכט מיט בילן אויף איין שיף, וואָלסטו זיכער ניט געוואַרט מ'זאָל דיך דאַרפן רופן צוויי מאָל, ניין, ניט דו. דאָס איז קיינמאָל ניט געווען בילס טבע, און אויך ניט פון די יעניקע וואָס האָבן מיט אים געזעגלט. און אָט איז טאַקע מיין חבר ביל אליין! מיט א שפּאַקטיוו אונטערן אָרעם, א ברכה אויף זיין קאָפּ! יאָ, ער אליין. לאָמיר ביידע אריינגיין אין זאַל, בחור'ל. מירן זיך באהאַלטן הינטער דער טיר, און מאַכן בילן אַן איבערראַשונג, א ברכה אויף זיין קאָפּ!

מיט, די רייד האָט זיך דער פרעמדער אַריינגערוקט מיט מיר אין זאַל. מיך האָט ער געשטעלט הינטער זיך אין ווינקל, אַזוי אַז די אויפגעמאַכטע טיר האָט אונדזביידן פאַרשטעלט. איך קאָנט זיך פאָרשטעלן מיין צעטומלטקייט און פחד, בפרט ווען כ׳האָב באַמערקט אַז דער פרעמדער אַליין איז אויך געווען צעשראָקן. ער האָט אָנגענומען די שטיל פון דער שווערד און האָט לויז געמאַכט די קלינג אין דער שייד. די גאַנצע צייט וואָס מיר האָבן געוואַרט האָט ער געהאַלטן אין איין שלינגען, ווי ס׳וואָלט אים עפּעס געשטאַנען אין האַלדז.

ענדלאַך איז דער קאַפּיטאַן אַריינגעקומען, אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר הינטער זיך, ניט קוקנדיק רעכטס אָדער לינקס, און האָט גלייך דורכגעקרייצט דאָס צימער צום טיש וואו זיין פרישטיק האָט אויף אים געוואַרט.

— ביל, — האָט דער פרעמדער אויסגעשריען, מיט אַ קול וואָס איך דענק ער האָט געוואָלט מאַכן שטאָלץ און איינדרוקספול.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך געגעבן אַ דריי אויס מיטן פּנים צו אונדז. די גאַנצע ברוינקייט פון זיין פּנים איז פאַרשוואונדן, און אפילו זיין נאָז איז געוואָרן בלוי. ער האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש וואָס דערזעט אַ גייסט אָדער דעם טייוול, און אפשר, אויב דאָס איז מעגלאַך, עפּעס נאָך שרעקלאַכער פון די ביידע; און אויף מיין וואָרט, מיר האָט זייער ווי געטאָן צוצוקוקן ווי ער איז אין איין רגע געוואָרן אַזוי אַלט און צעבראָכן.

— גיי שוין גיי, ביל, דערקענסט מיך ניט? דערקענסט דאָך זיכער אַן אַלטן שיף־חבר, ביל, — האָט געזאָגט דער פרעמדער.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך געראַנגלט מיטן אָטעם.

— שוואַרצער הונט! — האָט ער אויסגעשריען.

— ווער זשע דען? — האָט געענטפערט דער צווייטער, באַרואיקנדיק זיך אַ ביסל, — שוואַרצער הונט אַליין, געקומען זען זיין אַלטן שיף־חבר בילי אין דער „אַדמיראַל בענבאָו" קרעטשמע. אַי, ביל, ביל, מיר האָבן ביידע אַ סך דורכגעמאַכט, מיר ביידע, זינט איך האָב פאַרלוירן אָט די צוויי שטעכערס, — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיין צעקאַליעטשעטער האַנט.

— הער זיך איין — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן, — איך

האָט מיך אויסגעפונען. איר האָט מיך באַזיגט, אָט בין איך, נו רעד, וואָס ווילסטו?

— יאָ, דאָס ביזטו ביל אַליין, — האָט געענטפערט „שוואַר־צער הונט“, — ביזט גאַנץ גערעכט, בילי! אָבער פריער ’על איך באַשטעלן אַ גלאָז ראָם בּאַ אָט דעם יאַטל וועלכן איך האָב אַזוי ליב געקראָגן. דאַן וועלן מיר זיך צוזעצן און זיך דורכשמועסן אָפן, ווי אמת’ע אַלטע שיפ־חברים.

ווען איך האָב דערלאַנגט דעם ראָם, זיינען זיי שוין געזעסן באַם קאַפּיטאַנס פרישטיק־טיש, „שוואַרצער הונט“ לעבן דער טיר, אַזוי אַז ער זאָל האַלטן איין אויג אויף זיין שיפ־חבר און איין אויג, ווי איך האָב געדענקט, אויף דער טיר, גרייט צו אַנטלויפן.

ער האָט מיר געהייסן אַרויסגיין פון צימער און לאָזן די טיר אָפן.

— באַ מיר וועלן ניט אָנגיין קיינע שליסל־לאָך אונטערהערע־נישן, בחור’ל, — האָט ער געזאָגט. כ’האָב זיי ביידע איבערגעלאָזט, און בין צוריק אַריין אין שענק.

אַ לאַנגע צייט האָב איך זיך באַמיט אונטערצוהערן צו זייער געשפּרעך, אָבער אַ חוץ אַן אומפאַרשטענדלאַכן געמורמל האָב איך גאָרניט ניט געקאָנט הערן. ענדלאַך זיינען די שטימען געוואָרן העכער, און כ’האָב געקאָנט אונטערשיידן אַ צוויי־דריי ווערטער, מייסטנס קללות פונם קאַפּיטאַן.

— ניין, ניין, ניין, ניין, און אַ סוף זאָל עס נעמען! — האָט ער איינמאָל אויסגעשריען. — אויב ס’עט קומען צו הענגען, הענגט אַלע, זאָג איך!

פּלוצלונג האָט אויסגעבראָכן אַ שרעקלאַכער ליאַרם פון זידלע־רייען און אַנדערע קולות. שטול און טיש זיינען געפלויגן איינס איבערן אַנדערן. ס’האָבן זיך דערהערט אַ גערויש פון שטאָלקלאַנ־גען, און אַן אויסגעשריי פון ווייטיק. אין דעם אויגנבליק האָב איך דערזען דעם „שוואַרצן הונט“ אַנטלויפן און דעם קאַפּיטאַן אים היציק נאָכיאָגן; ביידע מיט בלויזע שווערדן, און באַם „שוואַרצן הונט“ האָט געבלוטיקט דער לינקער אַקסל. האַרט לעבן דער טיר האָט דער קאַפּיטאַן זיך פאַרמאָסטן צו געבן דעם אַנט־לויפנדיקן נאָך איין לעצטן שרעקלאַכן שניט, וואָס וואָלט אים

זיכער געווען צעשפּאָלטן אויף צווייען, ווען אונדזער „אַדמיראַל בענבאָו" שילד וואָלט אים ניט געווען זיין אין וועג. מ׳קאָן נאָך ביז היינט זען דעם קאַרב אויף דער הינטערשטער זייט פון דער שילד־ראַם.

„שטול און טיש זיינען געפלויגן איינס איבערן אַנדערן"

דאָס איז געווען דער סוף פונם געשלעג. ווי נאָר ער איז אַרויס אויפן וועג, האָט „שוואַרצער הונט", ניט קוקנדיק אויף זיין וואונד, גענומען די פיס אויף די פּלייצעס און איז באַלד פאַר־

שוואונדן הינטערן בערגל. דער קאַפּיטאַן ווידער איז געבליבן שטיין און האָט געגלאָצט אויף אונדזער שילד ווי אַ צעטראָגענער. דאַן האָט ער איבערגעפּירט מיט דער האַנט איבער די אויגן עטלאַכע מאָל און איז אַריין צוריק אין הויז.

— דזשים, — האָט ער געזאָגט, — ראָם! — ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז שיעור ניט אומגעפאַלן, האָט זיך אָבער פאַרכאַפּט מיט דער האַנט באַ דער וואַנט.

— זיינט איר פאַרוואונדעט? — האָב איך אויסגעשריען.

— ראָם! — האָט ער איבערגע'חזר'ט, — איך מוז פון דאַנעט אַנטלויפן, ראָם! ראָם!

כ'בין געלאָפן אים ברענגען אַ טרונק. אָבער צעטומלט פון אַלץ וואָס האָט פּאַסירט, האָב איך צעבראָכן די גלאָז און אויסגעגאָסן דעם געטראַנק. ווי כ'האָב זיך אַזוי געאיילט און געפּלאָנטערט פאַר די פיס, האָב איך דערהערט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין זאַל. אַריינלויפנדיק האָב איך דערזען דעם קאַפּיטאַן אויסגעצויגן אין זיין פולער לענג אויפן דיל.

פּונקט דאַן איז מיין מוטער, צעשראָקן פונם ליאַרם און געשלעגן, אין איילעניש אַרונטערגעקומען צו מיין הילף. מיר האָבן ביידע אונטערגעהויבן דעם קאַפּיטאַנס קאָפּ. ער האָט געאָטעמט הויך און שווער; זיינע אויגן זיינען געווען פאַרמאַכט, און זיין פּנים האָט געהאַט אַ שרעקלאַכן קאָליר.

— גאָט אין הימל! — האָט מיין מוטער אויסגעשריען, — וואָס פאַר אַ שאַנדע פאַרן הויז, און דערצו נאָך איז דער טאַטע אַזוי קראַנק!

דערווייל האָבן מיר אַליין ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיטן קאַפּיטאַן; מיר האָבן ניט אַנדערש געגלויבט ווי אַז ער האָט געקראָגן אַ טויט-וואונד אינם געשלעג מיטן פרעמדן. כ'האָב געבראַכט ראָם און געפּרואווט מיט געוואַלד אים אַריינגיסן אַ ביסל, אָבער זיינע ציין זיינען געווען פאַרשטשעמעט, און זיינע קינבאַקן שטאַרק ווי אייזן. ס'איז אונדז אַרונטער אַ שטיין פונם האַרץ, ווען די טיר האָט זיך געעפנט און דאָקטאָר ליוווזי איז אַריינגעקומען אויף זיין טעגלאַכן באַזוך צו מיין פאָטער.

— אוי, דאָקטאָר, — האָבן מירביידע אויסגעשריען, — וואָס טוט מען? וואו איז ער פאַרוואונדעט?

— פאַרוואונדעט? נאַרישקייטן! — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, —ער איז אַזוי פאַרוואונדעט ווי מיר זיינען פאַרוואונדעט. דער מאַן האָט געהאַט אַן אַנפאַל, פּונקט ווי איך האָב אים פאָראויסגעזאָגט. איר, פרוי האָקינס, זייט מוחל, און גייט ארויף צו אייער מאַן, און, אויב מעגלאַך, דערציילט אים ניט גאָרניט. איך פון מיין זייט מוז טאָן אַלץ צו ראַטעווען דאָס נישטיקע לעבן פון אָט דעם נוצלאָזן נפש. דזשים, דערלאַנג מיר אַ שיסל.

ווען כ'האָב געבראַכט די שיסל האָט שוין דער דאָקטאָר געהאַט אויפגעריסן דעם קאַפּיטאַנס אַרבל, וועלכער האָט אַנטבלויזט זיין שטאַרקן אָרעם. אויפשריפטן ווי „אָט איז גליק“, „אַ גינסטיקער ווינט“, „בילי באָנס קאַפּריז“, און אַנדערע זיינען געווען קלאָר און דייטלאַך טאַטואירט אויפן אָרעם. אַ ביסל העכער, לעבן אַקסל, איז געווען אַ בילד פון אַ מאַן אויף אַ תליה, געצייכנט, ווי כ'האָב געדענקט, מיט גרויס געפיל און געשיקטקייט.

— פּראָפעטיש, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויפן בילד, — און איצט, מיסטער בילי באָנס, אויב דאָס איז אייער נאָמען, וועלן מיר כאַפּן אַ קוק אויפן קאָליר פון אייער בלוט. דזשים, האָסט מורא פאַר בלוט?

— ניין, דאָקטאָר, — האָב איך געענטפערט.

— אויב אַזוי, טאָ האַלט אונטער די שיסל, — האָט ער געזאָגט; ער האָט אַרויסגענומען אַ מעסערל, און אויפגעשניטן אַן אָדער. אַ סך בלוט איז אָפּגעגאַנגען ביז דער קאַפּיטאַן האָט געעפנט די אויגן און געקוקט אַרום זיך ווי איינער אין אַ נעפּל.

דעם ערשטן האָט ער דערקענט דעם דאָקטאָר און אים באַטראַכט מיט אַ בייזער מינע; דערנאָך האָט ער מיך דערזען און זיך באַרואיקט. אָבער פּלוצלונג האָט ער זיך אינגאַנצן געביטן, און פאַרזוכט זיך אויפצוהויבן שרייענדיק:

— וואו איז „שוואַרצער הונט“?

— ניטאָ דאָ קיין שוואַרצער הונט, — האָט געזאָגט דער דאָק-

טאַר, — אַ חוץ דעמראַזיקן, וואָס איר האָט אויף אייער פּלייצע. איר האָט געטרונקען ראָם, און דער שלאַק האָט אייך געטראָפן, פּונקט ווי כ'האָב אייך פאָראויסגעזאָגט. און קעגן מיין ווילן האָב איך אייך נאָר־וואָס אַרויסגעשלעפּט פונם קבר בײַ די אויערן. און איצט מיסטער באָונס —

— דאָס איז ניט מיין נאָמען, — האָט ער זיך אָנגערופן.

— וואָס איז דער חילוק ? — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, — מיינס אַ באַקענטער פּיראַט הייסט אַזוי, און איך רוף אייך מיט זיין נאָמען צוליב קורצקייט. וואָס איך וויל אייך זאָגן איז אָט וואָס: איין גלאָז ראָם וועט אייך ניט שאַטן, אָבער אויב איר וועט טרינקען איינע, וועט איר טרינקען אַ צווייטע און אַ דריטע, און איך וועט אייך מיין פּאַרוק, אַז אויב איר'ט ניט אויפהערן, וועט איר שטאַרבן — פאַרשטאַנען ? שטאַרבן, און גיין אַהין, וואו איר געהערט, אינאיינעם מיטן מאַן פון דער ביבל*). און איצט שטאַרקט זיך, הויבט זיך אויף, און כ'וועל אייך העלפן זיך לייגן אין בעט אריין, וויייניקסטנס דאָס מאָל.

מיר האָבן איםביידע מיט גרויס שוועריקייטן אַרויפגעטראָגן אויוון און געלייגט אין בעט אריין. זיין קאָפּ איז אַוועקגעפאַלן אויפן קישן ווי אין חלשות.

— געדענקט זשע, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, — מיין געוויסן איז ריין, דאָס וואָרט ראָם מיינט פאַר אייך טויט.

דער דאָקטאָר האָט מיך גענומען אונטערן אָרעם און האָט פאַרלאָזן דאָס צימער צו גיין זען מיין פאָטער.

— איצט איז נאָך גאָרניט, — האָט ער געזאָגט, ווי נאָר ער האָט פאַרמאַכט די טיר, — כ'האָב אים אָפּגעלאָזט גענוג בלוט כדי צו האַלטן אים רואיק פאַר אַ שטיקל צייט; די בעסטע זאַך פאַר אים און פאַר אייך איז ער זאָל אַזוי ליגן אין בעט אַ וואָך צייט, וואָרים נאָך אַזאַ אָנפאַל, און ער איז קאַפּוט.

---

*) אַן אנדייטונג אויף יהודה איש־קריות.

דריטער קאַפּיטל

דער „שוואַרצער צייכן"

ביי טאָג־צו בין איך אריין אין קאַפּיטאַנס צימער מיט קילנדיקע געטראַנקען און מיט רעצעפּטן. ער איז געלעגן כמעט ווי מיר האָבן אים איבערגעלאָזט, נאָר א ביסל העכער, און האָט אויסגעזען שוואַך און אויפגערעגט.

— דזשים, — האָט ער געזאָגט, — דו ביסט דער איינציקער דאָ, וואָס טויג צו עפּעס, און דו ווייסט אז איך בין אַלעמאָל געווען גוט צו דיר. ס'איז ניט אוועק קיין איין חודש אז כ'זאָל דיר ניט האָבן געגעבן א זילבערשטיק. און איצט, ברודערל, ליג איך טיף אין דר'ערד, א פאַרלאָזענער פון אַלעמען. דזשים, ברענג מיר א גלעזל ראָם, טו מיר די טובה, חבר'ל מיינס.

— דער דאָקטאָר, — האָב איך אים געוואָלט דערקלערן.

אָבער ער האָט מיר איבערגעשלאָגן, שעלטנדיק דעם דאָקטאָר, מיט א שוואַכער שטים, אָבער פונם גאַנצן האַרצן.

— דאָקטוירים זיינען אַלע מיאוס'ע יונגען, — האָט ער געזאָגט, — און אייער דאָקטאָרל, וואָס ווייסט ער וועגן מענטשן וואָס פאָרן אויפן ים? איך בין געווען אין לענדער הייס ווי זודיקער פּעך, חברים זיינען געפאַלן פון געלן פיבער, און די ערד אליין האָט זיך געבוואַליעט ווי דער ים פון ערדציטערנישן. וואָס ווייסט אזא דאָקטאָרל וועגן אַזעלכע זאַכן? — איך האָב אַלע מיינע יאָרן געלעבט אויף ראָם, זאָג איך דיר; ראָם איז מיר געווען אַלץ: פלייש און טרונק, מאַן און ווייב, — אַלץ. אויב איך זאָל איצט ניט קריגן מיין ראָם, בין איך ווי אַן אַלטע אָרימע אָפּגענוצטע שיף באַם ברעג, מיטן ווינט קעגן איר. מיין בלוט 'עט פאַלן אויף דיין קאָפּ, דזשים, און אויף דעם פּאַסקודניק, דעם דאָקטאָר. — אַזוי האָט ער געהאַלטן אין איין שעלטן און זידלען. און דאַן זיך ווידער געווענדט צו מיר מיט א געבעט:

— זע, דזשים, ווי מיינע פינגער ציטערן, כ'קאָן זיי ניט האַלטן רואיק, ניין, ניט איך. כ'האָב נאָך היינט קיין טראָפּן ניט פאַרזוכט. דער דאָקטאָר איז א נאַר, זאָג איך דיר. אויב

כ'על ניט קריגן א זופּ ראַם, 'על איך פון זינען אַרונטער, און כ'על אָנהייבן זען שרעקגייסטער און געשטאַלטן. ער איז שוין היינט דאָ איין מאָל געווען, דער אַלטער פלינט, אָט דאָרט אין ווינקל הינטער דיר. כ'האָב אים געזען קלאָר ווי געדרוקטע אותיות. אַלעמאָל ווען כ'זע דידאָזיקע געשפּענסטער, האַנדל איך ווי א פּרא אדם, און כ'בין ניט פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר מיינע העלישע מעשים. דער דאָקטאָר אַליין האָט דאָך געזאָגט אַז איין גלאָז 'עט מיר ניט שאַטן. כ'על דיר געבן א גאָלדענע גינע פאַר איין גלעזל, דזשים.

ער איז אַלץ מער און מער געוואָרן אויפגערעגט. און כ'האָב זיך געשראָקן, צוליב מיין פאָטער, וואָרים יענעם טאָג איז ער געווען זייער שוואַך, און האָט זיך גענויטיקט אין רו און שטיל־קייט. און א חוץ דעם, האָבן מיך דעם דאָקטאָרס ווערטער, וואָס דער קאַפּיטאַן האָט נאָר־וואָס איבערגע'חזר'ט, איבערצייגט, ס'האָט מיך אָבער באַליידיגט דער כאַבאַר, וואָס דער קאַפּיטאַן האָט מיר אָנגעבאָטן.

— איך דאַרף ניט אייער געלט, — האָב איך געזאָגט, — באַצאָלט בעסער וואָס איר זיינט שולדיק מיין פאָטער. כ'וועל אייך געבן איין גלאָז און ניט מער.

ווען איך האָב אים געבראַכט די גלאָז ראָם, האָט ער זי זשעדנע אָנגעכאַפּט און אויסגעטרונקען.

— אָ, יאָ, — האָט ער געזאָגט, — דאָס איז זיכער א ביסל בעסער. און איצט, זאָג מיר, חבר'ל, האָט דער דאָקטאָר אָנגעזאָגט ווי לאַנג איך דאַרף אַזוי ליגן דאָ אין דעם אַלטן בעט?

— צום ווינציקסטן א וואָך — האָב איך געזאָגט.

— צו אַלדי שוואַרץ יאָר! — האָט ער אויסגעשריען, — א וואָך? ניין, אוממעגלאַך! ביז דאַמאָלט 'עלן זיי מיר נאָך ברענגען דעם „שוואַרצן צייכן", און מיר פאַרשפּאַרן דעם וועג; די לומפּן זוכן מיך שוין איצט אַרום. אַזעלכע אויסברענגערס, זיי קאָנען ניט איינהאַלטן זייער אייגנס, און איצט ווילן זיי פאַר־כאַפּן פרעמדס! איז עס יושר'דיק? פּאַסט זיך עס פאַר ים־פאָרער? אדרבא, איך וויל'ס וויסן. איך בין א שפּאָרזאַמער מענטש. איך האָב קיינמאָל ניט פאַרשווענדט מיין גוט געלט, און

אויך קיינמאָל ניט פאַרלוירן. אָבער כ׳על זיי ווידער אָפּנאַרן. כ׳האָב פאַר זיי ניט קיין מורא. כ׳קאָן נאָך כאַפּן אַ שיף און זיי ווידער אַרויסשטעלן אַ נאָז.

אַזוי רעדנדיק, האָט ער זיך מיט גרויס אַנשטרענגונג אויפגעהויבן פון בעט, אָנהאַלטנדיק זיך אין מיין אַקסל אַזוי שטאַרק, אַז כ׳האָב שיעור ניט אויסגעשריען פון ווייטיק, און האָט באַוועגט מיט זיינע פיס ווי זיי וואָלטן געווען צוויי שווערע קלעצער. זיינע מוטיקע און באַגייסטערטע רייד האָבן געשאַפן אַ טרויעריקן קאָנטראַסט קעגן דער שוואַכער שטים מיט וועלכער ער האָט זיי אַרויסגערעדט. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, און ווען ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן ברעג פון בעט, האָט ער פאַר זיך געמורמלט:

— דאָס דאָקטאָרל האָט מיך אַוועקגעה׳רג׳עט, ס׳קלינגט מיר אין די אויערן. לייג מיך צוריק אַנידער.

איידער כ׳האָב נאָך געקאָנט עפּעס טאָן אים צו העלפן, איז ער אַוועקגעפאַלן אויף זיין פריערדיקן אָרט, און איז אַ ווײַלע געלעגן שטיל.

— דזשים, — האָט ער אַביסל שפּעטער געזאָגט, — האָסט געזען דעם מאַטראָז וועלכער איז דאָ היינט געווען?

— „שוואַרצן הונט"? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ, „שוואַרצן הונט", — האָט ער געזאָגט. — ער איז אַ געפערלאַכער יונג, אָבער ערגער נאָך זיינען די, וואָס האָבן אים צו מיר געשיקט. און איצט, אויב כ׳זאָל ניט קאָנען פון דאַנעט ווי׳ס׳איז מאַכן פּליטה, און זיי שיקן מיר צו דעם „שוואַרצן צייכן", זאָלסטו וויסן זיין אַז זיי האָבן אַן אויג אויף מיין אַלטן רייזעקאַסטן; אויב זיי קומען, כאַפּ אַ פערד, און רייט אַוועק — דו קאָנסט דאָך פאָרן רייטנדיק — טאָ כאַפּ אַ פערד און רייט אַוועק צו — נו, אַזוי וויל איך — צו דיין דאָקטאָרל, און זאָג אים ער זאָל צענויפרופן אַלעמען — מאַגיסטראַטן און דאָסגלייכן — און זאָל מיט זיי קומען אין דער „אַדמיראַל בענבאָו"; דאָ וועט ער פּאַקן דעם אַלטן פלינטס גאַנצע מאַנשאַפט, מאַטראָזן און שיפ־יונגען, אַלע ביז איינעם. איך בין געווען דעם אַלטן פלינטס

ערשטער שטורמאַן, און איך בין דער איינציקער וואָס ווייסט דאָס אָרט ; ער האָט'ס מיר דערציילט אין סאוואנע, ווען ער האָט געהאַלטן באַם שטאַרבן, אַט אַ שטייגער ווי איך איצט. אָבער דערווייל פּלוידער ניט גאָרניט ביז זיי'לן מיר ניט צושיקן דעם „שוואַרצן צייכן", אָדער ביז דו זעסט ניט דעם „שוואַרצן הונט", אָדער דעם איינפוסיקן מאַטראָז, ספּעציעל אים, דזשים!

— אָבער וואָס איז אַזוינס דער „שוואַרצער צייכן", קאַפּיטאַן, — האָב איך געפרעגט.

— אַן אויפפאָדערונג, חבר. כ'על דיר אַלץ דערקלערן ווען כ'על אים קריגן. דערווייל גיב נאָר אַכטונג, דזשים, און כ'על זיך מיט דיר טיילן גלייך אויף גלייך, אויף מיין וואָרט.

ער האָט נאָך אַזוי גערעדט אַ שטיקל צייט, און זיין שטים איז געוואָרן שוואַכער ; אָבער באַלד נאָכדעם ווי כ'האָב אים איינגעגעבן זיין רעצעפּט, וועלכן ער האָט איינגענומען ווי אַ קינד, מיט דער באַמערקונג „אויב אַ מאַטראָז האָט ווען ס'איז געדאַרפט מעדיצינען, בין איך'ס", איז ער ענדלאַך אַריינגעפאַלן אין אַ פאַר־חלש'טן שלאָף, און כ'האָב אים פאַרלאָזן.

וואָס כ'וואָלט געוועז געטאָן ווען אַלץ וואָלט געוועזן גיין כשורה, ווייס איך ניט ; כ'וואָלט מסתמא געווען דערציילט דעם דאָקטאָר די גאַנצע מעשה, וואָרים כ'האָב זיך שטאַרק געשראָקן אַז דער קאַפּיטאַן זאָל ניט חרטה האָבן אויף זיין וידוי און מיך ניט אָפּראַמען פון וועג. אָבער ס'האָט זיך אויסגעדרייט אינגאַנצן אַנדערש. מיין אָרימער פאָטער איז יענעם אָוונט גאַנץ פּלוצלונג געשטאָרבן, און דאָס האָט אַלצדינג פאַררוקט אין אַ זייט. אונדזער גרויסער אומגליק, די וויזיטן פון די שכנים, דאָס צוגרייטן די לויה, און דערצו די אַרבעט אין דער קרעטשמע, האָבן מיר אַזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ, אַז כ'האָב קוים געהאַט צייט אפילו צו טראַכטן וועגן דעם קאַפּיטאַן, און נאָך ווייניקער פאַר אים מורא צו האָבן.

אויף מאָרגן אינדערפרי איז ער אַרונטערגעקומען, און האָט געגעסן זיין געוויינטלאַכן מאָלצייט. כאָטש ער האָט געגעסן זייער ווייניק, האָט ער אָבער געטרונקען מער פון זיין געוויינטלאַכער פאַר־

ציע ראָם; ער האָט אַליין אָנגעפילט זיין גלאָז באַם שענק־טיש, האָט געברומט און געבלאָזן מיט דער נאָז, און קיינער האָט אים גאָרניט געוואגט צו זאָגן. אין דער נאַכט פאַר דער לויה איז ער געווען שיכור ווי אַלעמאָל, און ס'איז געווען שרעקלאַך צו הערן אים זינגען זיין עקלהאַפטיק ים־ליד אינם הויז פון טרויער. אָבער ווי שוואַך ער איז געווען האָבן מיר דאָך פאַר אים מורא געהאַט. דער דאָקטאָר איז געווען פאַרנומען מיט אַ פּאַציענט ווייט פון אונדזער הויז, און נאָך מיין פאָטערס טויט פלעגט ער צו אונדז קיינמאָל ניט קומען. דערווייל איז דער קאַפּיטאַן געוואָרן ערגער און ערגער. אַ גאַנצן טאָג איז ער געקראָכן טרעפּאַרויף און טרעפּ־אַראָפּ, זיך אַרומגעשלעפּט פון זאַל אין שענק און צוריק, און פון צייט צו צייט האָט ער אַרויסגעשטעקט די נאָז אויף דער גאַס צו כאַפּן אַ ביסל ים־לופט. ער האָט זיך גאָר קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. גייענדיק האָט ער זיך אָנגעהאַלטן אין די ווענט, און האָט שווער און שנעל געאָטעמט, ווי איינער וואָס שטייט באַם ראַנד פון אַ משופּע'דיקן באַרג. צו מיר האָט ער ניט גע־רעדט וועגן קיין ספּעציעלע זאַכן, און כ'גלויב אַז ער האָט כמעט פאַרגעסן אין זיין ווידוי. אָבער זיין געמיט איז, טראָץ זיין קער־פּערלאַכער שוואַכקייט, געוואָרן געפערלאַכער און ווילדער. ער האָט געקראָגן אַ מאָדנע טבע ווען ער איז געווען שיכור, צו ציען זיין שווערד און זי לייגן אַ בלויזע לעבן זיך אויפן טיש. טראָץ אַלעם דעם האָט ער אָבער קיינעם ניט געטשעפּעט, און איז געווען פאַרשלאָסן אין זיינע אייגענע געדאַנקען און פאַנטאַזיעס. איינמאָל, למשל, האָט ער אונדז גאָר איבערראַשט, ווען ער האָט פּלוצלונג גענומען זינגען אַ ניי ליד, אַ מין דאָרפיש ליבעליד, וואָס ער האָט זיך מסתמא אויסגעלערנט אין זיין יוגנט, איידער ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויפן ים.

אַלץ איז אַזוי געגאַנגען ביז איין טאָג נאָך דער לויה. ס'איז געווען אַ ביטערער, פאַרנעפּלטער, פראָסטיקער בייטאָג, אַרום דריי אַ זייגער. כ'בין גראָד געשטאַנען אויף דער טיר פול מיט טרויעריקע געדאַנקען וועגן מיין פאָטער, און האָב דערזען עמיצן פּאַמעלאַך אָנקומען אויפן וועג. דער פרעמדער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ בלינדן, וואָרים ער האָט געקלאַפּט פאַר זיך מיט

א שטעקן, און האָט געטראָגן א גרויסע גרינע מאַסקע איבער די אויגן און דער נאָז. ער איז געגאַנגען איינגעבויגן, פון עלטקייט אָדער פון שוואַכקייט, און האָט געטראָגן א גרויסן אַלטן צעריסענעם מאַטראָזנמאַנטל מיט א קאָלפּאַק, וואָס האָט אים אָן צווייפל געמאַכט אויסזען ווי א קאַליקע. אויף מיין לעבסטאָג האָב איך ניט געזען אַזאַ אומהיימלאַכן נפש. ניט ווייט פון דער קרעטשמע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, האָט אויפגעהויבן זיין קול, און מיט א מאָדנעם מאָנאָטאָנעם ניגון האָט ער אויסגערופן:

— גוטע מענטשן, ווער וויל זיך דערבאַרעמען אויף אן אָרימען בלינדן, וועלכער האָט פאַרלוירן דאָס ליכט פון זיינע אויגן, פאַר־טיידיקנדיק זיין פאָטערלאַנד, ענגלאַנד, — גאָט בענטש דעם קעניג דזשאָרדזש! — און אים זאָגן וואו און אין וועלכן טייל פון לאַנד ער געפינט זיך איצט?

— איר זיינט לעבן דער „אַדמיראַל בענבאָו" קרעטשמע, אין טאָל פון „שוואַרצן באַרג", גוטער מאַן, — האָב איך אויס־געראָפן.

— כ'הער א שטים, — האָט ער געזאָגט, — א יונגע שטים. גיב מיר דיין האַנט, יונגער פריינט, און פיר מיך אריין.

כ'האָב אויסגעשטרעקט די האַנט, און די שרעקלאַכע, ווייכ־שטימיקע, אויגנלאָזע באַשעפעניש האָט מיך אָנגעכאַפּט ווי א צוואַנג. כ'האָב זיך שטאַרק דערשראָקן, און געפּרואווט זיך באַפרייען, אָבער דער בלינדער האָט מיך מיט איין ריר פון דער האַנט צוגעשלעפּט צו זיך.

— איצט בחור'ל, — האָט ער געזאָגט, — פיר מיך אריין צום קאַפּיטאַן.

— מיין הער, — האָב איך געזאָגט, — א י ך זאָל אַזוי לעבן ווי כ'וואָג עס ניט צו טאָן.

— אַזוי גאָר? — האָט ער שפּאָטיש געזאָגט, — פיר־זשע מיך טאַקע שוין אריין. אויב ניט, צעברעך איך דיר דיין אָרעם! — און ער האָט מיר געגעבן אַזאַ דריי, אַז איך האָב אַזש אויס־געשריען.

— מיין הער, — האָב איך געזאָגט, — כ'מיין גאָר אייער

טובה. דער קאַפּיטאַן איז געוואָרן אינגאַנצן אַנ'אַנדער מענטש, ער זיצט כסדר גרייט, מיט אַ געצויגענער בלויזער שווערד, נאָך אַ מאָן — — —

„איצט, בחור'ל, — האָט ער געזאָגט, — פיר מיך אַריין צום קאַפּיטאַן".

— דריי מיר ניט קיין ספּאָדיק, און קום — איז ער מיר אַריין אין די רייד, און קיינמאָל האָב איך ניט געהערט אַזאַ גרויזאַמע, קאַלטע, עקלהאַפטע שטים ווי דעמדאָזיקן בלינדנס; זי האָט מיך געשראָקן מער ווי דער ווייטיק. כ'האָב אים באַלד געפאָלגט, און אים גלייך אַריינגעפירט אין זאַל, וואו אונדזער קראַנקער, אַלטער פּי־ראַט איז געזעסן אַ שיכור'ער פון ראַם. דער בלינדער האָט מיך

געהאלטן מיט זיין אייזערנעם פויסט, און אָנגעשפּאַרט אויף מיר זיין שווערן קערפּער. — פיר מיך גלייך צו צו אים, און רוף אויס: „אָט איז אַ פריינט פאַר אייך, ביל!" טוסטו׳ס ניט, ׳על איך דיר אָט־וואָס! — און ער האָט מיר געגעבן אַזאַ קניפּ, אַז כ׳האָב געמיינט אַז כ׳פאַל אין חלשות. קורץ, כ׳בין געוואָרן אַזוי אָנגעשראָקן פונם בלינדן בעטלער, אַז כ׳האָב אינגאַנצן פאַרגעסן אין מיין מורא פאַרן קאַפּיטאַן. כ׳האָב געעפנט די טיר פון זאַל און מיט אַ ציטערדיקער שטים האָב איך אויסגעשריען די ווערטער וואָס דער בלינדער האָט מיר געהייסן.

דער אָרימער קאַפּיטאַן האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן. אין איין אויגנבליק איז דער ראַם פון אים פאַרשוואונדן, און ער האָט זיך אויסגעניכטערט. זיין פּנים האָט ניט אַזוי אויסגעדריקט שרעק ווי טויטלאַכע שוואַכקייט. ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפצוהויבן, אָבער כ׳גלויב אַז ער האָט ניט געהאַט גענוג כח דאָס צו טאָן.

— זיץ אויף דיין אָרט, ביל! — האָט געזאָגט דער בעט־לער. — כ׳קאָן דיך ניט זען, — אָבער הערן, הער איך אפילו דעם שאָרך פון אַ פינגער. געשעפט איז געשעפט. שטרעק אויס דיין רעכטע האַנט און דו, בחור׳ל, נעם זי און ברענג זי נאָענט צו מיינער. מיר האָבן ביידע פּינקטלאַך אויסגעפאָלגט דעם באַפעל. כ׳האָב געזען ווי ער האָט עפּעס אַרויסגענומען פון דער לינקער האַנט, אין וועלכער ער האָט געהאַלטן דעם שטעקן, און עס אַריינ־געלייגט אינעם קאַפּיטאַנס, וועלכע האָט זיך אויגנבליקלאַך פאַרמאַכט.

— מיין שליחות איז אויסגעפירט, — האָט געזאָגט דער בלינדער, און ער האָט מיך פּלוצלונג אָפּגעלאָזט. מיט אַן אומ־גלויבלאַכער פּינקטלאַכקייט און פלינקקייט איז ער אַרויס פון זאַל אויפן וועג. כ׳בין געשטאַנען באַוועגלאָז, און האָב געהערט ווי זיין שטעקן האָט געקליפּ־קלאַפּט אין דער ווייט אַריין.

ס׳האָט געדויערט אַ שטיקל צייט איידער מיר זיינען געקומען צו־זיך. ענדלאַך, כמעט אין דער זעלבער רגע, האָב איך אָפּגעלאָזט דעם קאַפּיטאַנס האַנט, און דער קאַפּיטאַן האָט געעפנט זיין זשמעניע און שאַרף אין איר אַריינגעקוקט.

— צען אזייגער! — האָט ער אויסגעשריען, — נאָך זעקס שעה! מירן זיי נאָך איבערכיטרעווען, — האָט ער געזאָגט און איז האַסטיק אויפגעשפּרונגען.

אינדעם, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט באַם האַלדז, האָט זיך אַ רגע געוואַקלט אויף די פיס, און איז מיט אַ מאָדנעם אויסגעשריי אַוועקגעפאַלן אויפן דיל.

כ'בין תיכף צוגעלאָפן צו אים, און האָב גענומען רופן מיין מוטער. אָבער מיין אייַלעניש איז געווען אומזיסט, דער קאַפּיטאַן האָט געקראָגן אַ בליצשנעלע אַפּאָפּלעקסיע. כ'ווייס ניט ביז היינט ווי דאָס צו דערקלערן, כ'האָב דעמדאָזיקן מאַן זיכער קיינמאָל ניט ליב געהאַט, כאָטש לעצטנס האָב איך אויף אים אָנגעהויבן רחמנות צו האָבן, אָבער ווי נאָר כ'האָב דערזען אַז ער איז טויט, האָב איך אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. ער איז געווען דער צווייטער מת וואָס כ'האָב ווען געזען, און דער טרויער פונם ערשטן איז נאָך געווען פריש אין מיין האַרץ.

פערטער קאַפּיטל

דעם קאַפּיטאַנס רייזע-קאַסטן

כ'האָב, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרלוירן קיין צייט, און האָב אַלץ דערציילט מיין מוטער, איינזעענדיק איצט אַז כ'וואָלט'ס שוין לאַנג געווען גדאַרפט טאָן. דערווייל האָבן מיר זיך פלוצלונג דערזען אין אַ שווערער און געפערלאַכער לאַגע. אַ טייל פונם טויטנס געלט האָט זיכער געהערט צו אונדז, אָבער ס'האָט זיך ניט געלייגט אויפן שכל אַז אונדזער קאַפּיטאַנס שיף-חברים, בפרט די צוויי פאַרשוינען וואָס איך האָב געזען, דער „שוואַרצער הונט" און דער בלינדער בעטלער, וועלן איינוויליקן אויפצוגעבן זייער רויב אויף אָפּצוצאָלן דעם טויטנס חובות.

מיר האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. וועגן אויספאָלגן דעם קאַפּיטאַנס אָנזאָג און פאָרן נאָך דאָקטאָר ליווזין, האָב איך

אפילו ניט געוואָלט טראַכטן ; דאָס וואָלט איבערגעלאָזט מיין מוטער אַליין, און אומבאַשיצט. אָבער לענגער צו פאַרבלייבן אין הויז איז אויך געווען אוממעגלאַך. דאָס אַראָפּפאַלן פון אַ קויל דורך דער רעשאָטקע פונם אויוון, און אפילו דער טיקטאַק פונם זייגער האָבן אונדז אָנגעפילט מיט שרעק. די גאַנצע געגנט האָט אונדז אויסגעוויזן צו זיין פול מיט גייסטער און מיט עפּאָס פון זיך־דערנענטערנדיקע פיסטריט. קוקנדיק אויפן קאַפּיטאַנס טויטן קערפּער אין זאַל אויפן דיל, און טראַכטנדיק וועגן דעם שרעקלאַכן בלינדן בעטלער, וועלכער האָט שוין אפשר געלויערט גאַנץ נאָנט, און איז געווען גרייט צוריקצוקומען, זיינען געווען רגע'ס וואָס כ'בין, ווי מ'זאָגט, געשפּרונגען פון דער הויט פון גרויס שרעק. עפּעס האָט געמוזט באַשלאָסן ווערן, און ס'איז אונדז איינגעפאַלן מיר זאָלן ביידע גיין זוכן הילף אין דעם שכנ'ישן דערפל. געזאָגט און געטאָן! מיט הוילע קעפּ און אָן וואַרימע קליידער זיינען מיר גלייך אַרויסגעלאָפן אין דעם צוגעפאַלענעם אָוונט און פראָס־טיקן נעפּל.

דאָס דערפל האָט מען ניט געקאָנט זען, אָבער ס'איז געלעגן בלויז אַ פּאָר הונדערט פוס ווייט פון אונדזער הויז, אויף דער אַנדערער זייט פונם טייך. ס'האָט מיך ספּעציעל דערמוטיקט דער פאַקט וואָס דאָס דערפל איז געלעגן קעגנאיבער דער ריכטונג פון וועלכער דער בלינדער איז אָנגעקומען און וואוהין ער איז וואַר־שיינלאַך פאַרשוואונדן. דער וועג האָט ניט געדויערט מער פון עטלאַכע מינוט, כאָטש מיר האָבן זיך עטלאַכע מאָל אָפּ־געשטעלט, זיך אָנגענומען באַ די הענט, און זיך איינגעהערט. קיין אויסערגעוויינטלאַכן גערויש האָט מען ניט געקאָנט הערן, אַ חוץ דעם שטילן געמורמל פון די כוואַליעס און דאָס קראַקען פון די וואַלד־וואוינער.

ס'איז שוין געווען שטאָק פינסטער ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין דערפל, און איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן מיין גרויסע פרייד, דערזעענדיק די געלע שיין אין די טירן און די פענסטער. אָבער דאָס איז געווען די איינציקע טרייסט וואָס מיר האָבן דאָרט געקאָנט קריגן. וואָרים — ווער וואָלט'ס דען גלויבן — קיינער פון די מענער האָט ניט געוואָגט צו גיין מיט אונדז צוריק צו דער „אַד־

מיראַל בענבאָו". וואָס מער מיר האָבן זיי דערציילט וועגן אונדזע־רע צרות, אַלץ שטאַרקער האָבן זיי זיך — מאַן, פרוי, און קינד, — געקלאַמערט אינם שוץ פון זייערע הייזער. קאַפּיטאַן פלינטס נאָמען, כאָטש ער איז מיר געווען אינגאַנצן פרעמד, איז דאָרט פאַר אייניקע געווען גאַנץ גוט באַקאַנט, און האָט אויף זיי אָנגעוואָרפן אַ געוואַלטיקע מורא. אַ חוץ דעם האָבן אייניקע מענטשן, וועלכע האָבן יענעם טאָג געאַרבעט אויפן פעלד לעבן דער "אדמיראַל בענבאָו", זיך דערמאָנט אַז זיי האָבן געזען עטלאַכע אומבאַקאַנטע לייט אויפן וועג, און, אָננעמענדיק זיי פאַר שמוג־לער, האָבן זיי זיי אויסגעמיטן. איינער האָט אפילו געזען אַ קליינע שיף אין דעם אַזוי גערופענעם „קיטס האַפן", און פאַר יעדן איינעם וואָס איז נאָר געווען דעם קאַפּיטאַנס אַ חבר, האָבן זיי זיך געשראָקן ווי פאַרן טויט. קורץ, עטלאַכע האָבן איינגע־וויליקט צו פאָרן מיט אונדז צו דאָקטאָר ליווזין, וועלכער האָט געוואוינט אין אַן'אַנדער ריכטונג, אָבער קיינער האָט מיט אונדז ניט געוואָלט פאָרן פאַרטיידיקן די קרעטשמע.

מ'זאָגט אַז מורא איז אָנשטעקנדיק, דערפאַר אָבער גיט אַרגו־מענטאַציע צו קוראַזש. ווען יעדער האָט אָפּגעזאָגט זיינס, האָט מיין מוטער פאַר זיי געהאַלטן אַ רעדע. זי קאָן ניט פאַרלירן, האָט זי דערקלערט, דאָס געלט וואָס געהערט צו איר פאַר'יתום'טן זון; — אויב קיינער פון אייך וואָגט ניט, — האָט זי געזאָגט, — דאָן וואָגן דזשים און איך. מירן גיין צוריק, ווי מיר זיינען געקומען, און שעמט אייך אין אייער ווייטן האַלדז, איר גרויסע, אומגעלומ־פּערטע, הינער־הערציקע מענער. מירן עפענען דעם קאַסטן, אפילו אויב מיר דאַרפן שטאַרבן צוליב דעם. און אייך, פרוי קראָסלי, וועל איך זייער דאַנקבאַר זיין, אויב איר וועט אונדז אויסבאָרגן דעמ־דאָזיקן זאַק, אין וועלכן מירן קאָנען ברענגען אונדזער געזעצלאַך געלט.

איך האָב, נאַטירלאַך, געזאָגט, אַז כ'וועל גיין מיט מיין מוטער. אַלע האָבן אויף אונדז אָנגעשריען פאַר אונדזער נאַרישער געוואַגט־קייט, אָבער קיינער האָט אונדז פונדעסטוועגן ניט געוואָלט באַ־גלייטן. זיי האָבן אונדז בלויז מיטגעגעבן אַן אָנגעלאָדענעם פיסטאָ־לעט כדי צו האָבן מיט וואָס זיך צו פאַרטיידיקן, אויב מען וועט

אויף אונדז אַנפאַלן; זיי האָבן אויך צוגעזאָגט צוצוגרייטן געזאָטל־טע פערד, אין פאַל מ׳זאָל אונדז נאָכיאָגן אויף אונדזער צוריק־קער, און איין יונגערמאַן האָט געזאָלט פאָרן אויפזוכן דעם דאָק־טאָר און ברענגען באוואפנטע הילף.

דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט. ווען מיר האָבן זיך ביידע אַרויסגעלאָזט אין דער קאַלטער נאַכט אויף אונדזער געפערלאַכער אונטערנעמונג. אַ פולע לבנה האָט אָנגעהויבן אויפגיין און דורכ־געקוקט דורך די אויבערשטע ברעגן פונם נעפּל. מיר האָבן זיך צוגעאײַלט, וואָרים ס׳איז געווען קלאָר, אַז איידער נאָך מירן זיך צוריקקערן וועט ווערן ליכטיק ווי באַטאָג, און יעדער וועט אונדז קאָנען זען אַנטלויפן. מיר זיינען שטילערהייט געלאָפן בײַ דער זייט פונם וועג לעבן די קוסטעס, מיר האָבן אָבער ניט געזען און ניט געהערט קיין זאַך וואָס זאָל פאַרגרעסערן אונדזער שרעק. ס׳איז אונדז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן, ווען מיר זיינען אַריין אין דער קרעטשמע, פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, און אַראָפּגעלאָזט דעם ריגל.

אַ ווײַלע זיינען מיר געשטאַנען אין דער פינסטער און שווער אָפּגעאָטעמט, אַליין אין הויז מיטן קאַפּיטאַנס טויטן קערפּער. מיין מוטער האָט אָנגעצונדן אַ ליכט, און אָנגעמענדיק זיך בײַ די הענט, זיינען מיר ביידע אַריינגעגאַנגען אין זאַל. דער קאַפּיטאַן איז געלעגן ווי מיר האָבן אים איבערגעלאָזט, אויפן רוקן, די אויגן אָפן, און איין האַנט אויסגעצויגן.

— פאַרמאַך דעם לאָדן, דזשים, — האָט געזאָגט מיין מוטער שטילערהייט, — זיי קאָנען נאָך אָנקומען און אַריינקוקן דורכן פענסטער. — כ׳האָב געטאָן ווי זי האָט מיר געהייסן. — און איצט דאַרף מען בײַ אים געפינען דעם שליסל, אָבער ווי רירט מען זיך צו צו אים? — האָט זי געזאָגט מיט אַ שווערן זיפץ.

כ׳האָב זיך באַלד אַנידערגעזעצט לעבן אים אויפן דיל. האַרט לעבן זיין האַנט איז געלעגן אַ צוזאַמענגעקנייטשטער פּאַפּיר, אָפּ־געשוואַרצט אויף איין זייט. כ׳האָב ניט געקאָנט צווייפלען אַז ס׳איז געווען דער „שוואַרצער צייכן". כ׳האָב אויפגעהויבן דעם פּאַפּיר, און געפונען אויף דער אַנדערער זייט, געשריבן אין אַ גאַנץ גוטער,

דייטלאַכער האַנטשריפט, דעם פאַלגנדן קורצן באַפעל: „ביז היינט
אָוונט, צען אַ זייגער".

— מ'האָט אים געגעבן צייט ביז צען אַ זייגער, מאַמע, —
האָב איך געזאָגט. און פונקט דאַן האָט אונדזער אַלטער וואַנט־
זייגער אָנגעהויבן צו שלאָגן. דערדאָזיקער פּלוצימדיקער גערויש
האָט אונדז אויפגעשווידערט. אָבער ער האָט אונדז געבראַכט
גוטע נייעס, — ס'איז ערשט געווען זעקס אַ זייגער.

— נו, דזשים, — האָט זי געזאָגט, — דעם שליסל!

כ'האָב דורכגעזוכט זיינע קעשענעס איינע נאָך דער אַנדע־
רער: אַ ביסל קליינגעלט, אַ פינגערהוט, פאָדים און אַ פּאָר גרויסע
נאָדלען, אַ שטיקל ראָלטאַבאַק איינגעביסן אויף איין זייט, זיין
מאַטראָזנמעסער מיטן קרומען הענטל, אַ קעשענע־קאָמפּאַס, און אַ
צונטער־שאַכטל מיט אַ קאַרסילע, איז געווען אַלץ וואָס כ'האָב
געפונען, און כ'האָב אָנגעהויבן צו ווערן פאַרצווייפלט.

— אפשר אויפן האַלדז? — האָט זיך אָנגערופן מיין מוטער.

בייקומענדיק אַ שטאַרקן געפיל פון עקל, האָב איך אים אויפ־
געריסן דאָס העמד אַרום האַלדז, און דאָרט האָב איך געפונען
דעם שליסל אויף אַ פאַרשמאָלצעוועטן רימען, וועלכן כ'האָב איבער־
געשניטן מיט זיין אייגענעם מעסער. זיגרייך און פול מיט האָפ־
נונג זיינען מיר אַרויף אויוון אין זיין קליינעם צימער, וואו ער
האָט פאַרבראַכט אַזאַ לאַנגע צייט, און וואו דער קאַסטן איז
געשטאַנען זינט ער איז אָנגעקומען צו אונדז אין הויז.

אויסערלאַך איז ער געווען אַ קאַסטן ווי אַלע מאַטראָזנקאַסטנס.
אויפן דעקל איז געווען אויסגעברענט אַ B, און די ווינקלען זיינען
געווען צעשמעטערט און צעבראָכן פון צופיל געברויך און אומפאַר־
זיכטיקן אַרומשלעפּן.

— גיב מיר דעם שליסל, — האָט געזאָגט מיין מוטער.
כאָטש דער שלאָס איז געווען זייער שטייף, האָט זי אים דאָך
אויפגעשלאָסן, און אויפגעמאַכט די דעק אין איין אויגנבליק.

אַ שטאַרקער גערוך פון טאַבאַק און סמאָלע האָט געגעבן אַ זעץ
אין נאָז, און ס'איז ניט געווען צו זען קיין זאַך אַ חוץ אַ גאַנץ
גוטן אָנצוג, פאָרזיכטיק אָפּגעפּוצט און צוזאַמענגעלייגט. — ער האָט
נאָך דעם אָנצוג קיינמאָל ניט געטראָגן, — האָט געזאָגט מיין

מוטער. אונטער די קליידער האָבן זיך געפונען פאַרשיידענע זאַכן: אַ קוואַדראַנט, אַ בלעכן פענדל, עטלאַכע שטיקלאַך טאַבאַק, צוויי גוטע פּיסטאָלעטן, אַ שטיק זילבער, אַן אַלטער שפּאַנישער זייגער, עטלאַכע שטיקלאַך צירונג פון קליינעם ווערט און מייסטנס פון אויסלענדישן פאַסאָן, אַ מעשענער צירקל, און אַ פינף־זעקס טשיקאַווע וועסטאינדישע מושעלן. ס׳האָט מיך אָפט געוואונדערט צו־וואָס ער האָט מיט זיך אַרומגעשלעפּט די דאָזיקע מושעלן אויף דער יאָגד פון זיין פאַרברעכערישן וואַנדערלעבן.

דערווייל האָבן מיר ניט געפונען קיין ווערטפולע זאַך, אַ חוץ דעם שטיק זילבער און די צירונגען, און די האָבן אונדז ווייניק אינטערעסירט. אונטן איז געלעגן אַן אַלטער שיפמאַנטל, פאַרווייסט מיטן ים־זאַלץ פון אַ סך האַפנשענקען. מיין מוטער האָט אים אומגעדולדיק אַרויסגעשלעפּט און מיר האָבן דערזען די לעצטע זאַכן אינם קאַסטן: אַ פּעקל פאַרבונדן אין צעראַטע, וואָס האָט אויסגעזען פול מיט פּאַפּירן, און אַ לייוונטענער זאַק, וועלכער האָט באַם ערשטן ריר פון זיך אַרויסגעגעבן דעם קלאַנג פון גאָלד.

— איך וועל דיזאָזיקע אויסוואַרפן וויזן אַז איך בין אַן ערלאַכע פרוי, — האָט געזאָגט מיין מוטער, — כ׳וועל נעמען בלויז וויפל מיר קומט און ניט אַ פּרוטה מער. דערלאַנג מיר פרוי קראָסלים זאַק, דזשים, — האָט זי געזאָגט, און האָט אָנגעהויבן צו ציילן און איבערוואַרפן דעם קאַפּיטאַנס געלט פונם קאַפּיטאַנס זאַק אין דעם וואָס איך האָב געהאַלטן.

ס׳איז געווען אַ לאַנגער און שווערער עסק, וואָרים די מטבעות זיינען געווען פון אַלערליי ווערטן און פון פאַרשיידענע לענדער: דובלאָנען, לואידאָרן, גינעס, אַכטערס, און כ׳ווייס אַליין ניט וועלכע נאָך, אַלע אויסגעמישט. ווייניקער פון אַלע זיינען געווען די גינעס, און זיי זיינען געווען די איינציקע וואָס מיין מוטער האָט געקאָנט באַרעכענען.

אינמיטן דערדאָזיקער אַרבעט האָב איך פּלוצלונג אָנגענומען מיין מוטערס האַנט, וואָרים כ׳האָב אין דער שטילקייט פון דער פראָסטיקער לופט דערהערט אַ גערויש וואָס האָט מיר פאַרגליווערט די בלוטן, — ס׳איז געווען דער קליפּ־קלאַפּ פונם בלינדנס

שטעקן אויפֿן פֿאַרפֿרוירענעם וועג. דער גערויש איז געוואָרן אַלץ נענטער און נענטער. מיר האָבן זיך צוגעהערט מיט אַן איינגע־האַלטענעם אָטעם. ס'האָט זיך דערהערט אַ שאַרפֿער קלאַפּ אין טיר, אַ דריי מיט דער קלאַמקע, און אַ קרעכץ פֿונם ריגל, ווען דער מיאוסער נפֿש האָט געפּרוּווט אַריינגיין. אַ לאַנגע צייט איז געווען שטיל, ענדלעך האָבן מיר ווידער דערהערט דאָס קליפּ־קלאַפּן, וואָס האָט צו אונדזער אומבאַשרייבלעכער פֿרייד און דאַנקבאַרקייט אָנגעהויבן אָפּצושטאַרבן, ביז ס'איז אינגאַנצן פֿאַר־שוואונדן.

— מאַמע, — האָב איך אויסגעשריען, — נעם אינגאַנצן און לאָמיר לויפֿן. — כ'בין געווען זיכער אַז די פֿאַרריגלטע טיר האָט געמוזט אַרויסרופֿן פֿאַרדאַכט, און אַז די גאַנצע באַנדע וועט אונדז זיכער באַפֿאַלן. ווי גליקלעך און צעפֿרידן איך בין געווען וואָס כ'האָב די טיר פֿאַרריגלט, קאָן זיך פֿאָרשטעלן בלויז דער, וואָס האָט כאָטש איין מאָל געזען דעם בלינדן בעטלער.

אָבער מיין מוטער, צעשראָקן ווי זי איז געווען, האָט בשום אופֿן ניט געוואָלט נעמען אַפֿילו קיין איין פּרוטה מער אָדער ווייניקער ווי ס'איז איר געקומען.

— ס'איז נאָך אַפֿילו ניט קיין זיבן אַ זייגער, — האָט זי געזאָגט, און איז באַשטאַנען אויף דאָס איריקע. ווי זי האָט אַזוי גע'טענה'ט, האָבן מיר דערהערט אַ לאַנגן פֿייף ערגיץ ווייט הינטערן באַרג. דאָס איז פֿאַר אונדז געווען גענוג, און מער ווי גענוג.

— כ'וועל נעמען וואָס איך האָב, — האָט זי געזאָגט, און זיך האַסטיק אויפֿגעהויבן.

— און איכ'ל נעמען דאָס, כּדי צו מאַכן אַ גלייכן חשבון, — האָב איך געזאָגט, אויפֿהויבנדיק דאָס צעראַטעוועטע פּעקל.

מיר זיינען גלייך אַרונטער די טרעפּ, איבערלאָזנדיק דאָס ליכט לעבן דעם אָפֿענעם קאַסטן, געעפֿנט די טיר, און אָנגעהויבן לויפֿן. ס'איז ניט געווען אַ מינוט צו פֿרי. דער נעפּל האָט אָנ־געהויבן שנעל צו פֿאַרשווינדן, און די לבֿנה האָט שוין גאַנץ קלאָר געשיינט אויף די אַרומיקע בערג. בלויז אינם טאָל און אַרום דער קרעטשמע איז נאָך געהאַנגען אַ דינער שלייער וואָס

האָט פאַרבאָרגן אונדזערע ערשטע טריט. מיר האָבן איינגעזען אַז אַרום האַלב־וועג צום דערפֿל, ניט ווייט פונם באַרג, וועלן מיר מוזן אַרויסקומען אין דער ליכטיקייט. אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען אַלץ. מיר האָבן שוין דערהערט הינטער זיך אַ גערויש פון איילנדיקע טריט, און ווען מיר האָבן זיך אומגעקוקט, האָבן מיר דערזען ווי אַ ליכט האָט זיך געוויגט אין דער לופט אַהין און אַהער, און איז געוואָרן אַלץ נענטער און נענטער, און מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז איינער פון די אָנקומענדיקע האָט געטראָגן אַ לאַמטערנע.

— דזשימי, מיין קינד, — האָט מיין מוטער פּלוצלונג געזאָגט, — נעם דאָס געלט און לויף. איך פֿיל אַז כ'וועל באַלד חלשן.

— מיר זיינען פאַרלוירן, — האָב איך געטראַכט. — אַך, ווי כ'האָב געשאָלטן די שכנים פאַר זייער שרעקעדיקייט, און גע־טאַדלט מיין מוטער פאַר איר אָרנטלאַכקייט און געלטגייץ — פאַר איר פריערדיקער נאַרישער בראַווקייט, און איר איצטיקער שוואַכ־קייט! גליקלאַכערווייז זיינען מיר שוין געווען לעבן דעם קליינעם בריקל, און כ'האָב איר ווי ס'איז געהאָלפן זיך אַרונטערשלעפּן צום ברעג. דאָ האָט זי געגעבן אַ קרעכץ און איז אַוועקגעפאַלן אויף מיין אַקסל. כ'ווייס ניט ווי ס'האָט זיך צו מיר דערנומען דער כח — און כ'האָב מורא אַז כ'האָב עס טאַקע גאַנץ אומגעשיקט געטאָן — אָבער ס'איז מיר געלונגען זי אַרונטערצושלעפּן עטוואָס אונטערן בריקל. ווייטער האָב איך זי ניט געקאָנט רירן. דאָס בריקל איז געווען אַזוי נידעריק, אַז איך אַליין בין קוים אונטער דעם אַרונטערגעקראָכן. און אַזוי האָבן מיר דאָרט געמוזט בלייבן ליגן, מיין מוטער כמעט אינגאַנצן אומבאַשיצט, און ביידע אַזוי נאָענט פון דער קרעטשמע.

פינפטער קאַפּיטל

דער סוף פונם בלינדן בעטלער

מיין נייגיריקייט איז אין אַ געוויסן זין געווען שטאַרקער פון מיין מורא, און כ׳האָב ניט געקאָנט לאַנג רואיק פאַרבלייבן אויף מיין אָרט. כ׳בין צוריק אַרויסגעקראָכן אויפן ברעג און האָב זיך באַהאַלטן הינטער אַ בעזימבוש, דורך וועלכן כ׳האָב געקאָנט באַאָבאַכטן דעם גאַנצן וועג ביז צו אונדזער טיר. איידער כ׳האָב זיך נאָך איינגעאָרדנט אויף מיין פּאָזיציע, האָב איך דערזען דעם שונא. אַרום זיבן־אַכט מענטשן זיינען אין גרויס אומאָרדנונג געלאָפן איבערן וועג, און דער מאַן מיט דער לאַמטערנע איז געלאָפן פאָרויס. דריי זיינען געלאָפן צוזאַמען, האַנט אין האַנט, און אפילו דורכן נעפּל האָב איך געקאָנט דערקענען אַז דער מיטלסטער פונם דרייאינג איז געווען דער בלינדער בעטלער. אין אַ מינוט אַרום האָט מיר זיין קול איבערצייגט אַז כ׳האָב ניט געמאַכט קיין טעות.

— ברעכט איין די טיר! — האָט ער געשריען.

— זיכער! — האָבן געענטפערט אַ צוויי־דריי; זיי האָבן זיך געלאָזט אויף דער קרעטשמע, און דער לאַמטערנע־טרעגער איז נאָכגעלאָפן. פּלוצלונג זיינען זיי געבליבן שטיין, און האָבן זיך געשושקעט, ווי זיי וואָלטן געווען איבערראַשט צו געפינען די טיר אָפן. ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט און כ׳האָב ווידער דערהערט דעם בלינדנס באַפעלן. ער האָט איצט געשריען נאָך העכער און גרילצנדיקער, ווי ס׳וואָלט אין אים געברענט די רציחה און גיריקייט.

— אַריין, אַריין, אַריין! — האָט ער געדונערט, און זיי געשאָלטן פאַר זייער לאַנגזאַמקייט.

אַרום פיר־פינף האָבן אים גלייך געפאָלגט, און צוויי זיינען געבליבן אויף דער גאַס מיטן שרעקלאַכן בעטלער. נאָך אַ קורצער פּויזע האָט זיך דערהערט אַן אויסגעשריי פון איבערראַשונג, און עמיצער האָט אַרויסגעשריען פונם הויז: —

— ביל איז טויט!

אָבער דער בלינדער האָט זיי ווידער גע׳קללה׳ט פאַר זייער לאַנגזאַמקייט.

— באַזוכט אים, אומגעלומפּערטע פּויליאַקעס וואָס איר זיינט, און איר, — האָט ער זיך געווענדט צו די וואָס זיינען מיט אים געבליבן אויף דער גאַס, — לויפט אַרויף אויוון, און נעמט דעם קאַסטן!

כ׳האָב געהערט דאָס קלאַפּן פון זייערע טריט אויף די אַלטע וואַקלענדיקע טרעפּ, אַזוי אַז דאָס גאַנצע הויז האָט זיך זיכער געטרייסלט. גלייך נאָכדעם האָבן זיך דערהערט פרישע קולות פון איבעראַשונג. דאָס פענצטער פונם קאַפּיטאַנס צימער איז אויפגעפּראַלט געוואָרן מיט אַ קראַך און אַ געבראַזג פון צעבראָכענע שויבן. אַ מאַן האָט זיך אַריבערגעבויגן דורכן פענצטער אין דער נאַכט אַריין, און האָט אויסגעשריען צום בלינדן בעטלער אויפן וועג:

— פּיו, מ׳האָט אונדז פאַרכאַפּט דעם וועג. עמיצער איז דאָ שוין געווען פריער, און האָט אויסגעליידיקט דעם גאַנצן קאַסטן.

— איז די „זאַך" נאָך דאָרט פאַראַן? — האָט פּיו געברעוועט.

— דאָס געלט איז דאָ!

— צום טייוול מיטן געלט! — האָט געשריען דער בלינדער, — איך מיין פלינטס געשריפט.

— ס׳איז ניטאָ דאָ! — האָט אָפּגעענטפערט דער מאַן.

— העי, איר דאָ אונטן, האָט „עס" ביל מיט זיך? — האָט דער בלינדער ווידער אויסגעשריען.

אינדעם איז אַן אַנדערער חברה־מאַן, וואַרשיינלאַך דער וואָס איז געבליבן אונטן צו באַזוכן דעם קאַפּיטאַן, אַרויסגעקומען אויף דער גאַס, און האָט געזאָגט:

— מ׳האָט בילן שוין באַזוכט, ס׳איז גאָרניט ניט געבליבן.

— ס׳מוז זיין די אַרבעט פון די קרעטשמאַרעס, און פון דעם פאַרדאַמטן אינגל. כ׳וואָלט אים געווען געדאַרפט די אויגן אַרויסנעמען, — האָט געשריען דער בלינדער פּיו, — זיי זיינען דאָ נאָר־וואָס געווען: די טיר איז געווען פאַרריגלט ווען כ׳האָב זי געפּרואווט עפענען. צעשפּרייט זיך, חברה, און געפינט זיי!

— ריכטיק, פיו, זיי האָבן דאָ טאַקע איבערגעלאָזט זייער ליכט.
— האָט אַראָפּגעשריען דער מאַן דורכן פענצטער.
— צעשפּרייט זיך און געפינט זיי! צעאַקערט דאָס הויז!
— האָט פּיו איבערגע׳חזר׳ט זיין באַפעל, קלאַפּנדיק מיטן שטעקן אויף דער ערד.

ס׳איז דאַן געוואָרן אַ בהלה, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ זוכעניש איבערן גאַנצן הויז. פיס האָבן געטופּעט אַהין און אַהער, מעבל איז געוואָרן איבערגעקערט, טירן איינגעבראָכן, אַזוי, אַז אַפילו די פעלזן האָבן אָפּגעהילכט דעם טומל. די חברה זיינען דאַן איינציקווייז אַרויסגעקומען צוריק אויפן וועג, און האָבן דער־קלערט אַז מ׳האָט אונדז אין ערגעץ ניט געקאָנט געפינען. פּונקט דעמאָלט האָט זיך ווידער דערהערט דער פייף וואָס האָט מיך מיט מיין מוטער אַזוי איבערגעשראָקן, ווען מיר זיינען געשטאַנען איבערן קאַסטן. דאָס מאָל האָט מען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט געקאָנט דייטלאַך הערן איין פייף נאָכן צווייטן. פריער האָב איך געמיינט אַז דאָס איז געווען דעם בלינדנ׳ס סיגנאַל צו זיין קאָמאַנדע זיי זאָלן מאַכן אַן אָנפאַל, איצט אָבער האָב איך אויסגעפונען אַז דער קלאַנג איז געקומען פון ערגיץ הינטערן בערגל, און לויט דעם איינדרוק וואָס ער האָט געמאַכט אויף די פּיראַטן, איז ער געווען אַ וואָרנונג־סיגנאַל וועגן אָנקומענדיקער געפאַר.

— אָט איז דירק שוין ווידער דאָ, — האָט איינער אויסגע־רופן, — שוין ס׳צווייטע מאָל, מיר׳ן מוזן אָפּטרעטן, חברים!

— אָפּטרעטן? דו, קריכער! — האָט פּיו אויסגעשריען. — דירק איז פון אָנהויב אָן געווען אַ נאַר און אַ פּייגלינג, הערט זיך ניט צו צו אים. זיי מוזן דאָ ערגיץ זיין, זיי קאָנען ניט זיין וויט. די „זאַך“ איז בּאַ אייך אין די הענט. צעשפּרייט זיך, און זוכט זיי, איר כלבים! אוי, אַ קלאָג צו מיר, ווען איך זאָל האָבן אויגן!

דערדאָזיקער אויפרוף האָט, ווייזט אויס, געמאַכט אויף זיי אַן איינדרוק, וואָרים צוויי חברה־לייט האָבן גענומען זוכן דאָ און דאָרט צווישן דעם געהילץ. זיי האָבן עס אָבער געטאָן זייער אומוויליק, ציטערנדיק פאַר דער אייגענער פעל, און די אַנדערע זיינען אומאַנטשלאָסן געשטאַנען אויפן וועג.

— טויזנטער ליגן אייך פאַר די פיס, און איר שטייט ווי ליימענע גולמ׳ס. איר קאָנט רייך ווערן ווי קעניגע, ווען איר זאָלט׳ס געפינען! איר ווייסט אַז ס׳מוז דאָ ערגיץ זיין, און איר שטייט און טוט גאָרניט. קיינער פון אייך האָט ניט געוואַגט צו גיין זען בילי, און איך האָב עס געטאָן, איך — אַ בלינדער! צוליב אייך פאַרליר איך איצט מיין איינציקע געלעגנהייט! כ׳על מוזן פאַרבלייבן אַ וואַנדערנדיקער בעטלער, און שנאָרען אויף ראָם, אין דער צייט וואָס כ׳אָלט געקאָנט אַרומפאָרן אין אַ קאַרעטע! ווען איר זאָלט האָבן דעם מוט כאָטש פון אַ מילב, וואָלט איר זיי נאָך איצט געקאָנט אויפזוכן!

— צום טייוול, פיו, מיר האָבן דאָך די דובלאָנען, — האָט איינער געוואָרטשעט.

— זיי האָבן די „זאַך״ מסתמא באַהאַלטן, — האָט געזאָגט אַ צווייטער, — נעם די געאָרגן, פיו, און הער אויף צו וואַיען!

וואַיען איז געווען דאָס ריכטיקע וואָרט. פיום כעס איז געשטיגן, און זיין צאָרן האָט אים ענדלאַך אינגאַנצן באַהערשט. ער האָט גענומען פאָכן מיט זיין שטעקן רעכטס און לינקס, און האָט בלינדערהייט געטראָפן אויף מער פון איין פלייצע.

זיי ווידער האָבן צוריק געשאָלטן דעם בלינדן קאַליקע, האָבן אים געדראָט מיט שרעקלאַכע קללות, און האָבן אומזיסט געפּרואווט אָנכאַפּן דעם שטעקן און אים אויסרייסן פון זיין האַנט.

די דאָזיקע קריגעריי האָט אונדז געראַטעוועט. ווי זיי האָבן זיך אַזוי געקריגט, האָט זיך פון איבער די בערגשפּיצן, אין דער זייט פונם דאָרף, דערטראָגן אַ גערויש פון גאַלאָפּירנדיקע פערד. באַלד נאָכדעם האָט זיך פון דער אַנדערער זייט דערהערט אַ שאָס פון אַ פּיסטאָלעט. ס׳איז וואַרשיינלאַך געווען די לעצטע וואָרנונג פון געפאַר. די פּיראַטן האָבן גלייך גענומען לויפן אין אַלע זייטן, איינער צום ים, באַ דער לענג פונם ברעג, איינער צום באַרג, און אַזוי ווייטער, אַזוי, אַז אין איין רגע איז פון זיי ניט געבליבן קיין סימן אַ חוץ פיו׳ן. כ׳ווייס ניט פאַרוואָס זיי האָבן אים איבער־געלאָזט, צי מחמת זייער פּאַניק, צי כדי זיך נוקם צו זיין אין אים פאַר זיינע האַרבע רייד און קלעפּ. אָבער ער איז געבליבן הינטן

און האָט אין גרויס פאַרצווייפלונג געקלאַפּט מיטן שטעקן איבערן וועג, און גערופן זיינע חברים. ענדלאַך האָט ער זיך געלאָזט לויפן אין דער פאַלשער ריכטונג, צום דאָרף־צו, איז דורכגעלאָפן בלויז עטלאַכע טריט לעבן מיר, און האָט געשריען:

— דזשאָני! שוואַרצער הונט! דירק! — און אַנדערע נעמען, — לאָזט ניט איבער דעם אַלטן פּיו, חברים, לאָזט מיך ניט איבער!

פּונקט דאַן איז דער גערויש פון אַנקומענדיקע פערד געוואָרן נענטער. באַ דעם ליכט פון דער לבנה האָט מען געקאָנט זען ארום פיר־פינף רייטער גאַלאָפּירן באַרג־אַראָפּ.

פּיו האָט דערפילט זיין טעות, האָט זיך אויסגעקירעוועט, און איז מיט אַ געשריי אַריינגעפאַלן אין אַ גראָבן. ער האָט זיך אָבער גלייך אויפגעהויבן און האָט זיך געלאָזט לויפן. איצט איז ער שוין געווען אינגאַנצן צעטומלט און איז אַרונטערגעלאָפן אונטער איינעם פון די אַנקומענדיקע פערד.

דער רייטער האָט אים געפּרואווט אויסמיידן, אָבער ס'איז געווען צו שפּעט. פּיו איז אומגעפאַלן און זיין געשריי האָט הויך אָפּגעקלונגען אין דער נאַכט אַריין. פיר קאָפּיטעס האָבן אים אומגעשליידערט, צעטראָטן, און זיינען אַנטלאָפן. ער איז געפאַלן אויף דער זייט, האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים אַראָפּ, און זיך מער ניט גערירט.

כ'בין גלייך אויפגעשפּרונגען, און האָב באַגריסט די רייטער. זיי האָבן זיך איינציקווייז אָפּגעשטעלט, צעשראָקן צוליב דעם אומגליקלאַכן צופאַל.

כ'האָב באַלד דערזען ווער זיי זיינען געווען. דער לעצטער רייטער איז געווען דער יונגערמאַן פון דאָרף וואָס איז געפאָרן ברענגען דאָקטאָר ליווזין, און די איבעריקע זיינען געווען שטייער־באַאמטע, וועלכע ער האָט אָנגעטראָפן אונטערוועגנס, און מיט וועלכע ער האָט געהאַט גענוג שכל גלייך זיך אומצוקערן. די נייעס וועגן דער שיף אין „קיטס האָפן" האָט שוין געהאַט דערגרייכט צום אויפזעער, מיסטער דאַנס, און אַהין איז ער יענע נאַכט טאַקע געפאָרן; דערדאָזיקער צופאַל האָט אונדז געראַטעוועט פון טויט.

פיו איז געווען טויט, טויט ווי א שטיין. מיין מוטער האָבן מיר געבראַכט אין דאָרף אריין, זי אָפּגעמינטערט מיט קאַלט וואַסער און מיט זאַלצן, און זי געבראַכט צו־זיך. די שרעק וואָס זי האָט איבערגעלעבט האָט איר גאָרניט ניט געשאַדט; זי האָט בלויז געהאַלטן אין איין באַדויערן די רעשט פון איר חוב. דער אויפֿזעער איז דערווייל אוועק, ווי שנעל ער האָט געקאָנט, צו „קיטס האָפּן“; זיינע מיטרייטער האָבן אָבער געמוזט אראָפּשטייגן פון די פערד, און אַרונטערקלעטערן אין טאָל. זיי האָבן פאַרזיכטיק געפירט זייערע פערד, אין שרעק פאַר באַהאַלטענער געפאַר. ס'איז דערפאַר קיין וואונדער ניט, וואָס ווען זיי זיינען אָנגעקומען צום „האָפּן“, איז די שיף שוין געווען אויף איר וועג, כאָטש נאָך גאַנץ נאָענט צום ברעג. מיסטער דאַנס האָט זיי נאָכגעשריען, אָבער עמיצער האָט אים געענטפערט און געראָטן ניט צו שטיין אינעם לבנה ליכט, ווארים ער קאָן גאָך אריינקריגן אין זיך א ביסל בליי, און אַ קויל איז טאַקע גלייך דורכגעפלויגן הארט לעבן זיין אָרעם. באַלד נאָכדעם האָט די שיף צעשפּרייט אירע זעגלען און איז פאַרשוואונדן. מיסטער דאַנס איז געבליבן, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, ווי אַ פיש אויף דער יבשה. אַלץ וואָס ער האָט געקאָנט טאָן איז שיקן אַ שליח קיין ב. כדי וועגן דעם צו לאָזן וויסן די שמוגלער־היטער. — און דאָס, — האָט ער געזאָגט, — איז גאָרניט ניט ווערט. זיי זיינען אוועק און פּטור. כ'בין אָבער זייער צופרידן, — האָט ער צוגעגעבן, — וואָס כ'האָב אָנגעטראָטן אויף מיסטער פּיום הינעראוויגן! — ער האָט שוין איצט געהאַט געוואוסט אַלע איינצלהייטן פון דער גאַנצער געשיכטע.

מיר זיינען ביידע גלייך אוועק צו דער קרעטשמע, און איר קאָנט אייך גאָרניט פאָרשטעלן אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד זיי האָבן זי איבערגעלאָזט. אפילו דעם וואַנטזייגער האָבן זיי ארונטערגעוואָרפן אין זייער פאַרצווייפלטער יאַגד אויף מיר מיט מיין מוטער. כאָטש זיי האָבן גאָרניט ניט צוגענומען, אַ חוץ דעם קאַפּיטאַנס געלט און אַ ביסל זילבער פונם שופלאָד, האָב איך אָבער באַלד דערזען אַז מיר זיינען רואינירט. מיסטער דאַנס איז געווען געפּלעפט.

— זאָגסט אַז זיי האָבן צוגענומען דאָס געלט, האָקינס? וואָס זשע נאָך האָבן זיי געזוכט? אפשר נאָך געלט?

— ניין, מיין הער, ניט קיין געלט, — האָב איך געענטפערט. — איך גלויב אַז איך האָב די זאַך וואָס זיי האָבן געזוכט אָט דאָ אין מיין בוזימקעשענע, און כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת, כ'וואָלט זי געוואָלט באַהאַלטן ערגיץ אויף אַ זיכער אָרט.

— נו, געוויס, האָקינס, ביסט זייער גערעכט, — האָט ער געזאָגט, — איכ'ל זי מיטנעמען מיט זיך אויב דו ווילסט.

— כ'דענק אַז אפשר דאָקטאָר ליוועזי — האָב איך אָנגעהויבן.

— זייער גוט האָט ער מיר פריינדלאַך איבערגעשלאָגן, — זייער גוט — ער איז אַ דזשענטלמאַן און אַ ריכטער. און איצט, אַזוי ווי איך וויל צו אים במילא צופאָרן, כדי צו באַריכטן צו אים, אָדער צום סקווייער וועגן פּיוס טויט, קאָנסטו, אויב דו ווילסט, מיט מיר מיטפאָרן. כ'האָב חלילה ניט קיין חרטה, אָבער פּיו איז טויט, און מענטשן קאָנען עס נאָך אויסנוצן קעגן אַ קעניגלאַכן שטייער־באַאַמטן. איך מוז'ס דאָרום באַריכטן, און אויב דו ווילסט, האָקינס, וועל איך דיך מיטנעמען.

כ'האָב אים האַרציק באַדאַנקט פאַר זיין אָנבאָט, און מיר זיינען אַוועק צוריק אין דאָרף אַריין וואו די פערד האָבן אויף אונדז געוואַרט. ווען כ'האָב געענדיקט דערציילן מיין מוטער וועגן מיין פּלאַן, זיינען שוין אַלע געווען גרייט.

— דאָגער, — האָט געזאָגט מיסטער דאַנס, — דו האָסט אַ גוט פערד, נעם אַרויף צו זיך דעמדאָזיקן בחור.

גלייך ווי כ'בין אַרויף אויפן פערד, אָנהאַלטנדיק זיך אין דאָגערס פּאַס, האָט דער אויפזעער געגעבן דעם באַפעל, און מיר האָבן זיך לעבעדיק און מונטער געלאָזט פאָרן צו דאָקטאָר ליוועזי.

זעקסטער קאַפּיטל

דעם קאַפּיטאַנס פּאַפּירן

מיר זיינען דעם גאַנצן וועג געפּאָרן זייער שנעל, ביז מיר זיינען געקומען צו דאָקטאָר ליווזיס הויז. דאָס הויז איז פון פּאָרנט נאָך געווען אינגאַנצן פינצטער.

מיסטער דאַנס האָט מיר געהייסן אַראָפּשפּרינגען און אָנקלאַפּן אין טיר, און דאַגער האָט מיר געהאָלפן אַרונטערגיין מיט דער הילף פון איינעם פון זיינע פוס־האַלטערס. די דינסט האָט גלייך געעפנט די טיר.

— איז דער דאָקטאָר אין דר׳היים?

— ניין, — האָט זי געענטפערט. — ער איז אַהיימגעקומען נאָכמיטאָג, אָבער ער איז גלייך אַוועק אין שלאָס, דאָרט צו עסן און פאַרברענגען דעם אָוונט מיטן סקווייר.

— היידאַ, אַהין, חברה! — האָט זיך אָנגערופן מיסטער דאַנס.

אַזוי ווי דער שלאָס איז ניט געווען ווייט, בין איך ניט אַרויף צוריק אויפן פערד, נאָר בין נאָכגעלאָפן, אָנהאַלטנדיק זיך אינם רימען פון דאַגערס פוס־האַלטער, איבער דער בלעטערלאָזער, לבנה־באַלויכטענער אַליע, ביז צו די טויערן פונם שלאָס, וואו אַ ווייסע שורה געביידעס האָט זיך אַרויפגעהויבט צווישן גרויסע אַלטע גערטנער.

מיסטער דאַנס איז אַרונטער פונם פערד, האָט מיך מיט־גענומען, און מ׳האָט אונדז אָן שום טענות אַריינגעלאָזט.

דער דינער האָט אונדז אַריינגעפירט דורך אַ באַטעפּיכטן קאָרידאָר אין אַ גרויסער ביבליאָטעק, פול מיט ביכערשראַנקן אויף וועלכע ס׳זיינען געשטאַנען פאַרשיידענע ביוסטן, וואו מיר האָבן געפונען דעם סקווייר און דעם דאָקטאָר זיצן לעבן אַ העלן פייער־פּלאַץ, רויכערנדיק זייערע ליולקעס.

כ׳האָב נאָך קיינמאָל, ביז דאַן, ניט געזען דעם סקווייר אַזוי נאָענט. ער איז געווען אַ פעסטגעבויטער מאַן, איבער זעקס פוס הויך, ברייטפּלייציק, און האָט געהאַט אַ גוטמוטיק פּעט געזיכט, וואָס איז פאַרברוינט, דורכגעקנייטשט, און פאַרהאַרטעוועט געוואָרן

אויף זיינע פּילע וואַנדערונגען. זיינע ברעמען זיינען געווען שוואַרץ און רירעוודיק, און האָבן אים געגעבן דעם אויסזען ניט פון אַ שלעכטן, נאָר פון איינעם מיט אַ שנעלן און שטייגנדיקן טעמפּעראַ־מענט.

— קומט אריין, מיסטער דאַנס, — האָט ער זייער ווירדיק און פריינטלאַך געזאָגט.

— גוטן אָוונט, דאַנס, — האָט דער דאָקטאָר זיך פאַר־נייגט, — און דיר אויך, פריינט דזשים. וועלכער גוטער יאָר האָט דיך געבראַכט אַהער?

דער אויפזעער האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך אויסגעצויגן גראַד ווי אַ סטרונע, און האָט איבערדערציילט די גאַנצע מעשה ווי אַ מזמור. ס'איז געווען כדאי צו זען ווי די צוויי הערן האָבן זיך אָנגעבויגן, זיך אַלע ווײַלע איבערגעקוקט, און האָבן פון גרויס איבערראַשונג און שפּאַנונג פאַרגעסן צו רויכערן. ווען זיי האָבן געהערט ווי מיין מוטער איז צוריקגעגאַנגען צו דער קרעטשמע, האָט זיך דער דאָקטאָר געגעבן אַ קלאַפּ אין דער קני, און דער סקווייר האָט, אויסשרייענדיק „בראַוואָ", צעבראָכן זיין לאַנגע ליולקע אויפן קאַמין. נאָך איידער די מעשה איז געווען פאַרענדיקט, האָט זיך מיסטער טרעלאָני (אַזוי האָט געהייסן דער סקווייר) אויפגעהויבן פון זיין שטול, און האָט אַרומגעשפּאַצירט איבערן צימער. דער דאָקטאָר ווידער האָט, אפשר כדי צו קאָנען בעסער הערן, אויס־געטאָן זיין ווייסן פּאַרוק, און האָט אויסגעזען זייער מאָדנע מיט זיינע קורצע שוואַרצע האָר.

ענדלאַך האָט מיסטער דאַנס געענדיקט זיין מעשה.

— מיסטער דאַנס, — האָט געזאָגט דער סקווייר, — איר זיינט זייער אַ נאָבעלער מענטש. און דאָס וואָס איר האָט איבערגעפאָרן דעם שוואַרצן נידערטרעכטיקן נפש, באַטראַכט איך עס פאַר אַ וואוילטאַט, פּונקט ווי איר וואָלט צעטראָטן אַ וואַנץ. און האָקינס איז, ווי איך פאַרשטיי, אַ גאַנץ פלינקער בחור. זיי אַזוי גוט, האָקינס און קלינג דאָס גלעקל, מיסטער דאַנס מוז קריגן אַ טרונק ביר.

— נו, דזשים, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, — הייסט עס, אַז דו האָסט די זאַך וואָס זיי האָבן געזוכט, האַ?

— אָט איז'ס דאָקטאָר, — האָב איך געזאָגט, און אים געגעבן דאָס צעראַטענע פּעקל.

דער דאָקטאָר האָט עס באַטראַכט פון אַלע זייטן, אַקוראַט ווי זיינע פינגער וואָלטן אים געביסן עס צו עפענען, ער האָט עס אָבער שטילערהייט אַריינגעלייגט אין קעשענע.

— סקווייער, — האָט ער געזאָגט, — נאָכדעם ווי דאַנס וועט אָפּטרינקען, מוז ער, פאַרשטייט זיך, ווידער פאַרלאָזן אויס־צופירן זיינע פליכטן צום קעניג. כ'וואָלט אָבער זייער געוואָלט אַז דזשים זאָל בלייבן בא מיר איבערנעכטיקן, און אויב איר האָט ניט דאַגעגן, וואָלט איך פאָרגעשלאָגן מ'זאָל ברענגען דזשימען אַ שטיקל קאַלט פליייש, און ער זאָל עסן וועטשערע.

— ווי איר געפעלט, ליוועזי, — האָט געזאָגט דער סקווייער, אָבער האָקינס האָט פאַרדינט עפּעס בעסערס פון אַ קאַלט שטיקל פליייש.

מ'האָט געגרייט צום טיש אַ גרויסע געבראָטענע טויב, און כ'האָב געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט, וואָרים איך בין געווען הונ־געריק ווי אַ וואָלף. מיסטער דאַנס האָט געקראָגן נאָך אַ פּאָר קאָמפּלימענטן, און איז אַוועק.

— און איצט, סקווייער, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר.

— און איצט, ליוועזי, — האָט גלייכצייטיק געזאָגט דער סקווייער.

— כאַפּט ניט, נאָר ניט געכאַפּט, — האָט געלאַכט דער דאָקטאָר. איר האָט מסתמא געהערט וועגן דעמדאָזיקן פלינטן?

— געהערט? — האָט דער סקווייער אויסגעשריען, — גע־הערט וועגן אים, — האָט איר געזאָגט? ער איז געווען דער בלוטדורשטיקסטער פּיראַט וואָס איז ווען געפאָרן אויפן ים. שוואַרצבאָרד איז אַ קינד קעגן אים. די שפּאַניער האָבן פאַר אים אַזוי מורא'דיק געציטערט, אַז איך בין זיך מורא, איך בין אָפּט־מאָל געווען שטאָלץ וואָס ער איז געווען אַן ענגלענדער. כ'האָב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען זיינע אויבערזעגלען לעבן טריני־דאַד, אָבער דער געמיינער ראָמטרינקער מיט וועלכן כ'בין געפאָרן האָט זיך אין גרויס שרעק פאַרקירעוועט צוריק אין „פּאָרט פון שפּאַניע".

— איך האָב אויך געהערט וועגן אים אין ענגלאַנד, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, — אָבער די פראַגע איז, האָט ער געהאַט געלט ?

— געלט ? ! — האָט אויסגעשריען דער סקווייר, — איר האָט דאָך געהערט וואָס ס'איז געשען ? וואָס דענקט איר האָבן די אויסוואורפן געזוכט, אויב ניט קיין געלט ? וואָס נאָך דאַרפן זיי א חוץ געלט ? צוליב וואָס וואָלטן זיי איינגעשטעלט זייערע לומ־פיקע לעבנס אויב ניט צוליב געלט ?

— דאָס וועלן מיר באַלד אויסגעפינען, — האָט געענטפערט דער דאָקטאָר, — אָבער איר זיינט אַזאַ פאַרדאַמטער שרייער און היצקאָפּ, אַז איך קאָן ניט אויסריידן אַ וואָרט. וואָס איך וויל וויסן איז אָט־וואָס: אויב, למשל, איך האָב באַ מיר אין קעשענע אַ שליסל צו דעם אָרט וואו פלינט האָט פאַרגראָבן דעם אוצר, וויפל, דענקט איר, קאָן דער דאָזיקער אוצר באַטרעפן !

— באַטרעפן ! — האָט אויסגעשריען דער סקווייר, — ער וועט באַטרעפן אַזוי פיל, אַז אויב מיר האָבן דעם שליסל וועגן וועלכן איר רעדט, וועל איך גלייך אויסריכטן אַ שיף אין בריסטאָ־לער האַפן, מיטנעמען אייך מיט האָקינסן, און כ'וועל אויפזוכן דעם אוצר, אפילו אויב איך דאַרף אים זוכן אַ יאָר צייט.

— זייער גוט, אויב דזשים האָט ניט דאַגעגן, וועלן מיר שוין עפענען דאָס פעקל, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, און האָט עס אוועקגעלייגט לעבן זיך אויפן טיש.

דאָס פעקל איז געווען צענויפגענייט, און דער דאָקטאָר האָט געמוזט אַרויסנעמען זיין אינסטרומענטן־טאַש און אויפשניידן די נאָטן מיט אַ שערל. אין פעקל זיינען געווען צוויי זאַכן: אַ בוך און אַ פאַר'חתמ'עטער פאַפּיר.

— פריער לאָמיר אַריינקוקן אינעם בוך, — האָט באַמערקט דער דאָקטאָר.

דער סקווייר און איך האָבן ביידע אַריינגעקוקט איבערן דאָק־טאָרס אַקסל אין בוך אַריין, וואָרים דער דאָקטאָר האָט מיך זייער פריינטלאַך צוגערופן פונם טיש וואו איך האָב געגעסן, איך זאָל אויך הנאה האָבן פון דער אונטערזוכונג. אויף דער ערשטער זייט זיינען געווען צופעליקע שרייבאַכצן פון דעם מין וואָס איי־

נער שרייבט פון לאנגווייליקייט, אָדער צוליב איבונג. איינע פון די אָנמערקונגען איז געווען די זעלביקע ווי די טאַטואירונג, „בילי באָונס קאַפּריז". ס'זיינען אויך געווען אַנדערע, ווי „מיסטער וויליאַם באָונס, שטורמאַן", „איך טרינק ניט מער קיין ראָם!", „לעבן פּאַלם קי האָט ער'ס געקראָגן", און נאָך עטלאַכע, וועלכע זיינען מייסטנס באַשטאַנען פון איינציקע אומפאַרשטענדלאַכע ווער־טער. ס'האָט מיך זייער געוואונדערט ווער איז דער יעניקער וואָס „האָט'ס געקראָגן", און „וואָס", אייגנטלאַך, האָט ער גע־קראָגן; מסתמא איז "עס" געווען אַ מעסער אין רוקן.

— פון דעם וועלן מיר גאָרניט ניט אויסגעפינען, — האָט געזאָגט דאָקטאָר ליווזי, און האָט געבלעטערט ווייטער.

די ווייטערדיקע צען־צוועלף זייטן זיינען געווען אָנגעפילט מיט מאָדנע אַריינשרייבונגען. די שורות זיינען באַשטאַנען פון דאַטומס אויף איין זייט און סומען געלט אויף דער צווייטער, לויט דער אַלגעמיינער רעכענונג פון בוכהאַלטעריע. אָבער אַנ־שטאָט אַ באַצייכענונג צווישן דעם געלט און דעם דאַטום זיינען געווען בלויז עטלאַכע שטריכעלאַך. צום ביישפּיל, דעם 12טן יוני, 1745, האָט מען עמיצן געדאַרפט באַצאָלן אַ סומע פון זיבעציק פונט, אָבער בלויז זעקס שטריכעלאַך האָבן דערקלערט פאַר וואָס. אין עטלאַכע פאַלן איז אויך געווען צוגעשריבן דער נאָמען פון אַ געוויסן פּלאַץ, ווי — „אויף דער הויך פון קאַראַקאַס", אָדער בלויז די אָנמערקונג פון געאָגראַפישער לענג און ברייט, ווי „20″ 17′ 62∘, „40, 2′ 19∘".

דערדאָזיקער חשבון איז געהאַלטן געוואָרן אַרום צוואַנציק יאָר. די צאָל פון די באַזונדערע סומען איז וואָס ווייטער גע־וואָרן גרעסער, און צום סוף איז, נאָך עטלאַכע חיבורים, געווען אַ גרויסער סך־הכל, לעבן וועלכן עס זיינען געווען צוגעשריבן די ווערטער „באָונס' חלק".

— איך קאָן דערפון ניט דערגיין קיין טאַלק, — האָט גע־זאָגט דאָקטאָר ליווזי.

— די זאַך איז קלאָר ווי דער טאָג, — האָט אויסגעשריען דער סקווייר, — דאָס איז דעם נידערטרעכטיקן הונטס קאָנטאָ־

בוך. די שטריכעלאַך באַצייכענען די נעמען פון שיפן וואָס זיי האָבן געזונקען אָדער פון שטעט וואָס זיי האָבן געפּלינדערט. די סומען זיינען דעם אויסוואורפס חלק, און וואו ער האָט מורא געהאַט אַז מ׳וועט אים ניט פאַרשטיין, האָט ער, ווי איר זעט, צוגעשריבן עפּעס גענויערס כדי צו מאַכן די זאַך קלאָרער; „אויף דער הויך פון קאַראַקאַס“, למשל; דאָרט האָבן זיי װאַרשײנלאַך באַראַבעוועט אַן אומגליקלאַכע שיף; גאָט דערבאַרעם זיך אויף די עלנטע נשמות פון איר מאַנשאַפט, — זיי זיינען שוין אודאי לאַנג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאָראַלן!

— ריכטיק! — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, — אָט וואָס עס מיינט צו זיין אַ רייזענדער. ריכטיק! די סומען ווערן טאַקע גרעסער, וואָס העכער ער איז געשטיגן אין ראַנג.

אַ חוץ נאָך באַצייכנונגען פון געאָגראַפישע לענג און ברייט פון עטלאַכע פּלעצער אויף ליידיקע בלעטלאַך באַם סוף, און אַ טאַבעלע וואָס האָט רעדוצירט פראַנצויזישע, ענגלישע, און שפּאַנישע געלטער צו איין אַלגעמיינעם ווערט, האָבן מיר אינם בוך מער גאָרניט ניט געפונען.

— אַ שפּאָרזאַמער מאַן! — האָט דער דאָקטאָר אויסגערופן,
— אים האָט מען ניט געקאָנט אָפּנאַרן.

— און איצט, — האָט געזאָגט דער סקווייר, — לאָמיר באַטראַכטן דאָס צווייטע פּעקל.

דערדאָזיקער פּאַקעט איז געווען פאַרזיגלט אין עטלאַכע ערטער מיט אַ פינגערהוט אַלס אַ שטעמפּל; אפשר נאָך מיטן זעלבן פינגערהוט וואָס כ׳האָב געפונען אינם קאַפּיטאַנס קעשענע. דער דאָקטאָר האָט זייער פּאָרזיכטיק געעפנט די זיגלען, און ס׳איז ארויסגעפאַלן אַ קאַרטע פון אַן אינדזל, מיט לענג און ברייט אָנווייזונגען, טיפמעסטונגען, נעמען פון בערג, גרויסע און קליינע ים־אויסגוסן, און מיט אַלע איינצלהייטן און סמנים וואָס זיינען נויטיק כדי זיכער צוצופירן און צו אַנקערן אַ שיף לעבן זיינע ברעגן. דער אינדזל איז געווען אַרום ניין ענגלישע מייל די לענג און פינף מייל די ברייט, און האָט אויסגעזען אומגעפער ווי אַ פעטער שטייענדיקער עקדיש. ער האָט געהאַט צוויי גוטע לאַנדבאַשיצטע האַפנס, און אינמיטן אַ באַרג, באַצייכנט מיטן נאָמען

„שפּאַקטיוו באַרג". עס זיינען אויך געווען עטלאַכע צושרייבונגען פון אַ שפּעטערדיקן דאַטום. וויכטיקער פון אַלץ זיינען אָבער געווען דריי רויטע קרייצן — צוויי אינם צפון טייל פונם אינדזל און איינער אין דרום־מערב; לעבן דעם לעצטן, געשריבן מיטן זעלבן רויטן טינט, אין אַ קליינער און נעטער האַנטשריפט, אינ־גאַנצן אַנדערש פונם קאַפּיטאַנס קאַטשערעס און לאַפּעטעס, זיינען געווען צוגעשריבן די ווערטער: „גרעסטער טייל פון אוצר דאָ".

אויף דער אַנדערער זייט האָט די זעלבע האַנט צוגעשריבן די דאָזיקע צושריפט:

„הויכער בוים, שפּאַקטיוו באַרג שולטער, איין פונקט אין דער צפון ריכטונג פון צפון־צפון־מזרח.

„סקעלעט־אינדזל, מזרח־דרום־מזרח, דורך מזרח.

„צען פוס."

„די זילבער שטאַנגען געפינען זיך אין דער צפון הייל; מ'קאָן זי געפינען אין דער ריכטונג פון דעם מזרח וועלדל, צען קלאַפטער דרום־צו פונם שוואַרצן פעלז אויף וועלכן ס'איז אויסגעמאָלן אַ פּנים.

„דאָס געווער איז לייכט צו געפינען אינם זאַמד־בערגל אין צפון זייט פון צפונ'דיקן ים־אויסגוס, איין פונקט צו מזרח און אַ פערטל צו צפון.

דזש. פ."

דאָס איז געווען אַלץ. אָבער כאָטש די צושריפט איז גע־ווען אַזוי קורץ, און מיר אַזוי אומפאַרשטענדלאַך, האָט זי אָבער דעם סקווייר און דעם דאָקטאָר אומבאַשרייבלאַך באַגייסטערט.

— ליווזי, — האָט געזאָגט דער סקווייר, — איר וועט גלייך אויפגעבן אייער צרה'דיקע דאָקטאָריע. איך פאָר מאָרגן קיין בריסטאָל, און אין דריי וואָכן אַרום — דריי וואָכן? — צוויי וואָכן! — צען טעג! — וועלן מיר האָבן די בעסטע שיף, מיין הער, און די אויסגעצייכנטסטע מאַנשאַפט אין גאַנץ ענגלאַנד. האָקינס וועט זיין אַ קאַיוטע־יונג. וועסט זיין אַ באַרימטער קאַיוט־טע־יונג, האָקינס. איר, ליווזי, וועט זיין דער שיפדאָקטאָר, און איך — אַדמיראַל. מירן אויך מיטנעמען רעדרוטן, דזשאָיסן, און האָנטערן. און איצט, מיט קיינע שוועריקייטן צו געפינען דאָס

אָרט, דאַרפֿן מיר בלויז אַ גינסטיקן ווינט און אַ שנעלע רייזע, און מירן האָבן גענוג געלט — מירן זיך באָדן אין גאָלד — גענוג צו מאַכן קאַטשקעלאַך אַ לעבן לאַנג.

— טרעלאָני, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, — איך גיי מיט אייך, און איך בין אייך ערוב פֿאַר זיך, דזשים גייט אויך מיט, און וועט זיכער פֿאַרשאַפֿן גרויס כבוד צו אונדזער אונטערנעמונג. ס׳איז דאָ בלויז איינער פֿאַר וועמען איך האָב מורא.

— פֿאַר וועמען ?— האָט דער סקווייר אויסגעשריען, — ווי הייסט דער הונט?

— דאָס זיינט איר אַליין, — האָט געענטפֿערט דער דאָקטאָר, ווארים איר קאָנט ניט האַלטן ס׳מויל, מיר זיינען דאָך ניט די איינציקע וואָס ווייסן וועגן דידאָזיקע פּאַפּירן. די חברה וואָס האָבן היינט באַנאַכט אַטאַקירט די קרעטשמע — בלי ספק געפֿער־לאַכע דעספּעראַדאָס — און די איבעריקע וואָס זיינען געבליבן אויף דער שיף, און, איך גלויב, נאָך פֿיל אַנדערע ניט ווייט פֿון דאַ־נען, זיינען אַלע ביז איינעם דורכאויס אַנטשלאָסן צו קריגן דאָס גאָלד. מיר טאָרן איצט קיינער אין ערגעץ ניט גיין אַליין, ביז מירן זיך ניט אויפזעצן אויף דער שיף. דזשים און איך וועלן דערוויילע זיין צוזאַמען. איר וועט מיט זיך קיין בריסטאָל מיטנעמען דזשאָיסן און האַנטערן, און ביז דער לעצטער מינוט זאָל קיינער קיין פּיפּס ניט טאָן וועגן דעם וואָס מיר האָבן היינט געפֿונען.

— ליווזי, — האָט דער סקווייר געענטפֿערט, — איר זיינט אַלעמאָל גערעכט, איכ׳ל זיין שטום ווי דער קבר.

צווייטער טייל

דער שיפּקוכער

זיבעטער קאפיטל

איך פאר קיין בריסטאל

ס'האט געדויערט א סך לענגער ווי דער סקווייר האט זיך פארגעשטעלט, איידער מיר זיינען געווען גרייט פאר אונדזער ים־רייזע. קיין איינער פון אונדזערע ערשטע פלענער, אפילו ניט דאקטאר ליווזיס מיך צו האלטן לעבן זיך, האב ניט געקאנט דורכגעפירט ווערן. דער דאקטאר האט געמוזט פארן קיין לאנדאן נאך א שטעלפארטרעטער פאר זיין פראקטיקע. דער סקווייר האט געארבעט שווער אין בריסטאל. און איך האב געוואוינט אינם שלאס אונטער דער אויפזיכט פונם אלטן יאגד־פארוואלטער, רעדרוט, כמעט ווי אן ארעסטאנט, אבער פול מיט ים־פאנטאזיעס און גלענצנדיקסטע דערווארטונגען אויף אויסערגעוויינטלאכע אינדזלען און פאסירונגען. שעה'ן לאנג האב איך פארבראכט איבער דער אינדזל קארטע, פון וועלכער איך האב זייער גוט געדענקט אויף אויסנווייניק אלע איינצלהייטן. זיצנדיק באם פייער אינם פארוואלטערס הויז, האב איך אין מיין פאנטאזיע דערגרייכט צום אינדזל פון יעדער מעגלאכער זייט. כ'האב אויסגעפארשט יעדן קלאפטער פון זיין שטח. א טויזנט מאל האב איך ארויפגעקלעטערט אויפן הויכן „שפאקטיוו בארג", און פון זיין הויך מיט גרויס הנאה באטראכט די פארשיידנסטע און וואונדערבארסטע בילדער. אמאל איז דער אינדזל געווען פול מיט ווילדע מענטשן, מיט וועלכע מיר האבן מלחמה געהאלטן; אמאל מיט געפערלאכע חיות וואס זיינען אונדז באפאלן. קיין איינע פון מיינע פארשטעלונגען איז אבער ניט געווען אזוי אויסערגעוויינטלאך און טראגיש ווי די וואס האבן ווירקלאך פאסירט.

אזוי זיינען אוועק עטלאכע וואכן, ביז איין שיינעם טאג איז אנגעקומען א בריוו, אדרעסירט צו דאקטאר ליווזין, מיט דער באמערקונג: „אויב ניט אין דער היים, צום עפענען פון טאם רעדרוט, אדער פון דעם יונגן האקינס". אויספאלגנדיק דעמדאזיקן באפעל, האבן מיר געפונען, אדער בעסער געזאגט, האב איך געפונען — וואָרים דער יאגד־פארוואלטער איז געווען א קנאפער

מבין אויף עפּעס אַנדערש אַ חוץ געדרוקטע אותיות — די פאָלגנדיקע ווילכטיקע נייעס:

די אַלטע „אַנקער קרעטשמע“, בריסטאָל,
מערץ 1, —17.

„ליבער ליווזי!

„אַזוי ווי איך ווייס ניט צי איר זיינט איצט אינם שלאָס, צי נאָך אַלץ אין לאָנדאָן, שיק איך דעמדאָזיקן בריוו צוביידע ערטער.

„די שיף איז געקויפט און אויסגעריכטעט. זי איז פאַראַנקערט און גרייט פאַר דער רייזע. איר האָט קיינמאָל אַזאַ טייערנקן שקונער אפילו אין חלום ניט געזען — אַ קינד קאָן אים פירן — 200 טאָן; נאָמען „היספּאַניאָלאַ“.

„דידאָזיקע מציאה האָב איך געקראָגן דורך מיין אַלטן פריינט בלאַנדלי, וועלכער האָט די זאַך דורכגעפירט אויף אַ גלענצנדיקן אופן. דערדאָזיקער וואונדערלאַכער מענטש, וועלכער איז אַ גרויסער בקיא אויף אַזעלכע זאַכן, האָט ממש געשקלאַפט פון מיינעטוועגן, און ניט נאָר ער, נאָר יעדער איינער אין בריסטאָל, וואָס האָט געהערט וועגן דעם האַפן — איך מיין אוצר — צו וועלכן מיר פאָרן“.

— ריעדרוט, — האָב איך געזאָגט, אויפהערנדיק צו לייענען, — דעם דאָקטאָר וועט'ס גאָרניט געפעלן. דער סקווייר האָט דאָך אויסגעזאָגט פונם חדר.

— נו, טאָר ער ניט, וואָס? — האָט דער אַלטער יעגער ארויסגעוואָרמשעט. — שיין וואָלט געווען דער סקווייר זאָל זיך צוהערן צום דאָקטאָר און צוליב אים גאָרניט ניט רעדן, כ'לעבן!

קריגנדיק אַזאַ תשובה, האָב איך גלייך אויפגעגעבן יעדן פאַרזוך צו מאַכן וועלכע ס'איז דערקלערונגען, און געלייענט ווייטער:

„בלאַנדלי אַליין האָט די „היספּאַניאָלאַ“ אַנטדעקט. און האָט זי צוליב זיין געשיקטקייט געקראָגן פאַר אַ שי-

בעש. ס׳זיינען אפילו פאַראַן אין בריסטאָל אַ סך מענטשן מיט געפערלאַכע פּאַראַודטיילן קעגן בלאַנדלין. זיי גייען אַזוי ווייט, אַז זיי זאָגן אַז דערדאָזיקער ער־לאַכער נפש איז פּעאיק אויף אַלצדינג צוליב געלט; אַז ער אַליין איז געווען דער אייגנטימער פון דער „היס־פּאַניאָלאַ“, און אַז ער האָט זי מיר אומפאַרשעמט־טייער פאַרקויפט. דאָס זיינען אָבער אַלץ געמיינע פאַרלוימדונ־גען. די מעלות פון דער שיף וואָגט אָבער קיינער ניט אָפּצולייקענען.

„ביז איצט איז אַלץ געגאַנגען ווי געשמירט. אין אָנהויב האָבן מיך די אַרבעטער — זעגלמאַכער, א. א. וו. — אפילו אַ ביסל געערגערט מיט זייער לאַנגזאַמקייט, זיי זיינען אָבער דאָך פּאַרטיק געוואָרן אין צייט. גרויסע צרות האָב איך בלויז געהאַט מיט דער מאַנ־שאַפט.

„איך האָב געוואָלט קריגן כאָטש צוואַנציק לייט — כדי זיך צו באַוואָרענען קעגן ווילדע מענטשן, פּיראַטן, אָדער די פאַרדאַמטע פראַנצויזן — ס׳איז מיר אָבער אָנגעקומען מיט גרינגע ווערים צו קריגן בלויז אַ האַלבן טוץ, ביז כ׳האָב זיך ענדלאַך דורך אַ גליקלאַכן צופאַל באַקענט מיטן ריכטיקן מענטשן.

„כ׳בין געשטאַנען באַם דאָק און זיך מיט אים צו־פעליק צערעדט. כ׳האָב אויסגעפונען אַז ער איז אַ געוועזענער מאַטראָז, האַלט אַ שענק און קען זיך מיט אַלע מאַטראָזן אין בריסטאָל. אַזוי ווי די יבשה־לופט שאַדט אים צום געזונט, זוכט ער אַ גוטע שטעלע אַלס שיפקוכער כדי צו קאָנען ווידער אַוועק אויפן ים. ער האָט זיך יענעם פרימאָרגן אַרומגעדרייט לעבן ברעג, האָט ער געזאָגט, צו כאַפּן אַ ביסל זאַלצלופט.

„כ׳בין געפערלאַך גערירט געוואָרן — אויף אייך וואָלט׳ס אויך זיכער געמאַכט דעם זעלביקן איינדרוק — און פון גרויס מיטלייד, האָב איך אים באַלד אָנגע־שטעלט אַלס שיפקוכער. מ׳רופט אים „לאַנגער דזשאָן

סילווער", און ס'פעלט אים אַ פוס ; דאָס באַטראַכט איך גראָד פאַר אַ מעלה, וואָרים ער האָט אים אָנגע־וואוירן אין דינסט פאַרן פאָטערלאַנד, אונטער דעם אומ־שטערבלאַכן האָק. און שטעלט זיך פאָר, ליווזי, ער קריגט אפילו ניט קיין פענסיע, מעג ניט אַ רוח אין דער וועלט אריין ! ?

„הכלל, מיין פריינט, איך האָב געמיינט אז כ'האָב געפונען בלויז אַ קוכער, כ'האָב אָבער אַנטדעקט אַ גאַנ־צע מאַנשאַפט. מיט סילווערס הילף האָב איך אין פאַרלויף פון עטלאַכע טעג צענויפגעשטעלט אַ חברה פון די שטרענגסטע „אַלטע זאַלצן" וואָס מ'קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן. זיי זיינען ניט קיין פראַנטן, אָבער אויפן אויסזען אַ חברה יונגאַטשעס וואָס האָבן ניט קיין מורא פאַרן טייוול אַליין. מיט זיי קאָנען מיר באַקעמפן אַ פרעגאַט, זאָג איך אייך.

„דער „לאַנגער דזשאָן" האָט אפילו אויסגעברא־קירט צוויי פון די זעקס וואָס כ'האָב שוין געהאַט אָנ־געשטעלט. ער האָט מיר איבערצייגט אז זיי זיינען געווען פון דעם מין וואַסער־ראַצן פאַר וועלכע מ'דאַרף זיך היטן אויף אַ וויכטיקער רייזע.

„איך בין געזונט און שטאַרק ; כ'עס ווי אַן אָקס, און שלאָף ווי אַ בוים, אָבער כ'וועל ניט רוען ביז כ'וועל ניט הערן מיינע אַלטע זעגל־טיכער אַרומטראַמפּ־לען אַרום דער הויב־מאַשין. הוראַ, צום ים ! ווער דאַרף דעם אוצר ! דער רייץ פונם ים האָט מיך פאַר'־שיכור'ט. אַלזאָ, ליווזי, קומט תיכף צופאָרן. פאַר־לירט ניט קיין איין מינוט, אויב איר רעספּעקטירט מיינע געפילן.

„זאָל דער יונגער האָקינס, מיט רעדרוטן אַלס היי־טער, גלייך פאָרן זיך געזעגענען מיט זיין מוטער, און דאַן, ווי שנעל זיי קאָנען, ביידע קומען קיין בריסטאָל.

דזשאָן טרעלאָני.

נאָכבאַמערקונג : — איך האָב אייך פאַרגעסן צו

זאָגן, אַז בלאַנדלי, וועלכער וועט אונדז, אגב, נאָכשיקן
אַ הילף־שיף, אויב מיר קומען ניט צוריק אַרום סוף
אויגוסט, האָט געקראָגן אַ וואונדערלאַכן חברה־מאַן אַלס
קאַפּיטאַן — צום באַדויערן אַ שטרענגער מענטש אָבער
אין אַלע אַנדערע הינזיכטן — אַן אַנטיק. דער „לאַנ־
גער דזשאָן סילווער" האָט אויך ערגיץ דערטאַפּט אַ
פּעאיקן מאַן אַלס שטורמאַן, איינעם אַן אַראָו. און אַ
באָטמאַן האָב איך, ליווזי, וואָס גיט באַפעלן מיט אַ
פייפל. ווי איר זעט, וועט אַלץ אויף אונדזער גוטער
„היספּאַניאָלאַ" גיין ווי אויף אַ קריגסשיף.

„כ'האָב אייך אויך פאַרגעסן צו זאָגן, אַז סילווער
איז זייער אַ סאָלידער מענטש. כ'האָב אויסגעפונען פון
זיכערע קוועלן אַז ער האָט אין באַנק אַן אָפּגעשפּאָרטן
קאַפּיטאַל וועלכן ער היט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. זיין
שענק לאָזט ער איבער אונטער דער אויפזיכט פון זיין
ווייב. אַזוי ווי זי איז אַ גרויסע אַרורה, קאָן מען
אונדז ביידן, צוויי אַלטע בחורים, אַנטשולדיקן פאַר
טרעפן אַז ניט נאָר צוליב זיין געזונט, נאָר אויך צו־
ליב זיין ווייב, לאָזט ער זיך עם איצט אַרוים וואַנדערן
אויפן ים.

דזש. ט.

נ. נ. ב: האָקינס קאָן פאַרבלייבן בא זיין מוטער
איין נאַכט.

דזש. ט."

איר קאָנט זיך פאָרשטעלן ווי דערדאָזיקער בריוו האָט מיך
צערודערט. איך בין געווען אויסער זיך פון פרייד. אויב איך
האָב אַמאָל עמיצן געהאַסט, איז'ס געווען דעם אַלטן טאָם רעד־
רוט, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין וואָרטשען און זיך באַ־
קלאָגן. יעדער איינער פון די אינגערע יאַגד־העלפער וואָלט זיך
זיכער מיט אים געווען געביטן; אָבער דער סקווייר האָט באַ־
פוילן, און זיין ווילן איז געווען געזעץ, קיינער אַ חוץ דעם אַלטן
וואָלט ניט געוואַגט אפילו צו באַקלאָגן זיך.

צומאָרגנס האָבן מיר זיך ביידע אַרויסגעלאָזט צופוס צו דער „אַדמיראַל בענבאָו“, און דאָרט האָב איך געטראָפן מיין מוטער געזונט און שטאַרק. דער קאַפּיטאַן, וואָס האָט אונדז אַנגעטאָן אַזוי פיל צרות, איז אַוועק אַהין וואו די רשעים פאַרלירן זייער שליטה. דער סקווייר האָט אַלצדינג פאַרריכט און געבראַכט אין אָרדענונג. די גאַסטצימערן און די שילד זיינען געוואָרן איבערגעפאַרבט; ס'איז צוגעקומען אַ ביסל ניי מעבל — ספּעציעל אַ שיינער אַרמשטול פאַר מיין מוטער אין שענק. ער האָט איר אויך געקראָגן אַ לערן־אינגל, וועלכער זאָל איר אַרויסהעלפן ווען איך וועל אַוועקפאָרן.

זעענדיק יענעם בחור, איז מיר צום ערשטן מאָל געוואָרן קלאָר מיין לאַגע. ביז דעמאָלט האָב איך אַלץ געטראַכט וועגן מיינע פאָרשטייענדיקע אַוואַנטיורעס, און כמעט פאַרגעסן אין מיין היים וואָס איך האָב געזאָלט פאַרלאָזן. איצט אָבער, קוקנדיק אויף דעמדאָזיקן אומגעלומפּערטן פרעמדן, וועלכער האָט געזאָלט פאַרנעמען מיין פּלאַץ לעבן מיין מוטער, זיינען מיר צום ערשטן מאָל געקומען טרערן אין די אויגן. כ'בין דעם בחור פּשוט דערגאַנגען די יאָרן. אַזוי ווי ער איז געווען ניי אין דער אַרבעט, האָב איך געהאַט אַ הונדערט געלעגנהייטן אָנצואווייזן אים אויף פעלערן און אים מאַכן אויסצודרייען, און כ'האָב זיך גאָרניט ניט געפוילט דידאָזיקע געלעגנהייטן אויסצונוצן.

די נאַכט איז אַוועק, און אויפן צווייטן טאָג, נאָכמיטאָג, האָבן מיר זיך ביידע, רעדרוט און איך, ווידער אַרויסגעלאָזט צופוס אין וועג אַריין. כ'האָב זיך געזעגנט מיט מיין מוטער, מיטן ברעג, באַ וועלכן כ'האָב פאַרבראַכט מיינע קינדעריאָרן, און מיט דער ליבער „אַדמיראַל בענבאָו“, וועלכע איז מיר איצט, איבערגעפאַרבטערהייט, ניט געווען אַזוי שטאַרק צום האַרצן. כ'האָב אויך געטראַכט וועגן דעם קאַפּיטאַן, וועלכער פלעגט אַזוי אָפט אַרומשפּאַצירן באַם ברעג מיט זיין דריי־עקיקן הוט, זיין שווערד־שניט אויף דער באַק, און זיין אַלטן מעשענעם שפּאַקטיוו. אין אַ מינוט אַרום האָבן מיר זיך פאַרקירעוועט אין אַ זייט, און מיין היים איז פאַרשוואונדן פון די אויגן. אין אָוונט האָבן מיר זיך אויפגעזעצט אויפן פּאָסט־דיליזשאַנס וועלכן מיר האָבן אָנגעטראָפן אויפן פעלד

לעבן דער „ראַיאַל דזשאָרדזש". כ'בין געזעסן צונויפגעדריקט צווישן רעדרוטן און אַ פעטן, אַלטן דזשענטלמאַן. ניט קוקנדיק אויפן שנעלן פאָרן און דער קאַלטער נאַכט לופט, בין איך מסתמא גלייך אוועקגעפאַלן ווי אַ קלאָץ, און געשלאָפן באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ, פון איין סטאַנציע צו דער צווייטער. אַ בוכץ אין דער פּלייצע האָט מיך אויפגעוועקט. כ'האָב געעפנט די אויגן און דערזען אַז מיר זיינען געשטאַנען לעבן אַ גרויס הויז אויף אַ שטאָט־גאַס, און אַז ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג.

— וואו זיינען מיר? — האָב איך געפרעגט.

— אין בריסטאָל, — האָט טאָם געזאָגט, — קריך אַרונטער.

מיסטער טרעלאָני האָט זיך באַזעצט אין אַ קרעטשמע העט אַרונטער לעבן די דאָקס, כדי ער זאָל קאָנען אַכטונג געבן אויף דער אַרבעט פון דער שיף. אַהין האָבן מיר איצט געדאַרפט צוגיין, און אונדזער וועג האָט זיך, צו מיין גרויס פרייד, געצויגן איבער די האַפנבריקן, לעבן אַן אַ שיער גרויסע און קליינע שיפן, מיט אַלערליי זעגלען, און פון פאַרשיידענע לענדער. אויף איין שיף האָבן מאַטראָזן געזונגען בא דער אַרבעט; אויף אַ צווייטער זיינען אַרבעטער, הויך איבער מיין קאָפּ, געקראָכן אויף שטריקלאַך ניט גרעבער פון שפּינוועבס. כאָטש כ'האָב מיין גאַנץ לעבן פאַר־בראַכט באַם וואַסער, האָט זיך מיר אָבער אויסגעוויזן אַז כ'בין קיינמאָל ביז דאַמאָלט ניט געווען נאָענט פון ים. דער ריח פון סמאָלע און זאַלץ איז מיר געווען ניי. כ'האָב געזען די וואונדער־באַרסטע שיף־פיגורן וואָס זיינען אויסגעווען אין די וויטסטע ים'ען. כ'האָב אויך געזען אַן אַ שיעור אַלטע מאַטראָזן מיט אויער־רינגלאַך, געגרייזלטע באַקנבערד, און פאַרשמאַלצעוועטע צעפּ, אַרומ־גיין מיט זייער באַרימט וואַקלענדיק מאַטראָזן גענגעלע. איך וואָלט קיין גרעסערע הנאה ניט געהאַט, אפילו ווען איך זע אַזוי פיל קעניגע און אַרכיבישאָפּס.

שטעלט זיך נאָר פאָר! איך אַליין פאָר עס איצט אויפן ים. אויפן ים, אין אַ שקונער מיט אַ באָטמאַן וואָס פייפט, און מיט באַצאָפּטע, זינגענדיקע מאַטראָזן. אויפן ים, צו אַן אומבאַקאַנטן אינדזל, צו זוכן פאַרגראָבענע אוצרות!

פאַרטיפט אין דידאָזיקע באַגייסטערנדיקע געדאַנקען, זיינען

מיר פלוצלונג צוגעקומען צו א גרויסער קרעטשמע. בא דער טיר האָבן מיר דערזען סקווייר טרעלאָני, אויסגעפוצט ווי א שיפּבאַאמ־טער, אין גראָבע בלויע קליידער, ארויסקומען מיט א שמייכל אויף די ליפּן, אויסגעצייכנט נאָכמאַכנדיק דאָס באַרימטע מאַטראָזן גענגעלע.

— ענדלאָך זיינט איר אויך שוין דאָ! — האָט ער אויס־געגרופן — דער דאָקטאָר איז נעכטן באַנאַכט געקומען פון לאָנדאָן. בראַוואָ! די מאַנשאַפט איז פיקס און פאַרטיג!

— מיין הער, — האָב איך אויסגעשריען, — ווען פאָרן מיר?

— ווען פאָרן מיר! — האָט ער געזאָגט, — מיר פאָרן מאָרגן!

אכטער קאַפּיטל

אינם „שפּאַקטיוו" שענק

נאָך פרישטיק האָט מיר דער סקווייר געגעבן א בריוול, אדרעסירט צו דזשאָן סילווער, אין „שפּאַקטיוו" שענק, און האָט מיר געזאָגט, אז איך וועל דאָס פּלאַץ, א קליינער שענק מיט א מעשענעם שפּאַקטיוו פאַר א שילד, זייער לייכט געפינען, גייענ־דיק מיט דער לענג פון די דאָקס. כ'האָב זיך אַרויסגעלאָזט, באַגייסטערט פון דער געלעגנהייט צו זען נאָך שיפן און מאַט־ראָזן. אויף די דאָקס האָט זיך געטומלט און געקאָכט ווי אויף א יאַריד, און כ'האָב געוואַנדערט צווישן א גרויסן געווימל פון מענטשן, וועגענער און פּעק, ביז כ'האָב געפונען דעם שענק.

ס'איז געווען א גאַנץ ניש'קשה'דיקער שענקל. דער שילד איז געווען א פריש־איבערגעפאַרבטער; אויף די פענצטער זיינען געהאַנגען ציכטיקע, רויטע פאָרהאַנגען; און דער דיל איז געווען באַשאָטן מיט ריינער זאַמד. דער שענק איז געשטאַנען צווישן צוויי גאַסן, מיט אָפענע טירן צו ביידע, אַזוי, אז ניט קוקנדיק אויף

די וואָלקנס טאַבאַק־רויך, איז דער גרויסער נידעריקער צימער דאָך געווען גאַנץ ליכטיק.

די געסט זיינען מייסטנס באַשטאַנען פון מאַטראָזן, און זיי האָבן אָנגעמאַכט אַזאַ טומל אַז איך בין געבליבן שטיין אויף דער שוועל, מורא האָבנדיק אַריינצוגיין אינעווייניק.

ווי כ'האָב אַזוי געוואַרט איז פון אַ זייטיקן צימער אַרויסגעקומען אַ מאַן, און אין איין אויגנבליק בין איך געווען זיכער אַז ער מוז'ס זיין דער „לאַנגער דזשאָן". זיין לינקער פוס איז געווען אָפּגעשניטן ביז דער דיך, און אונטער זיין לינקן אַקסל האָט ער געטראָגן אַ קוליע, מיט וועלכער ער האָט זייער קונציק מאַנעווירט, אַרומשפּרינגענדיק ווי אַ פויגל. ער איז געווען זייער הויך און שטאַרק, האָט געהאַט אַ פּראַסט בלייך פּנים, גרויס ווי אַ פּויק, און האָט קלוג געשמייכלט. ער האָט אויסגעזען זייער אויפגעלייגט, און איז פייפנדיק אַרומגעגאַנגען צווישן די טישן, אויסטיילנדיק ווערטער אַ גוט וואָרט אָדער, די מער באַליבטע געסט, אַ קלאַפּ אין פּלייצע.

דעם אמת זאָגנדיק, האָט אויף מיר דער נאָמען „לאַנגער דזשאָן" וואָס סקווייר טרעלאָני האָט דערמאָנט אין זיין בריוו, פון סאַמע אָנהויב אָנגעוואָרפן אַ פּאַרדאַכט, אַז ער קאָן נאָך זיין דער זעלביקער איינפוסיקער מאַטראָז אויף וועמען כ'האָב אויסגעקוקט אַזאַ לאַנגע צייט אין דער אַלטער „בענבאָו". אָבער איין קוק אויף דעמדאָזיגן מאַן איז געווען גענוג. פון מיין באַקאַנטשאַפט מיטן קאַפּיטאַן, דעם „שוואַרצן הונט", און דעם בלינדן פּיו, בין איך געווען זיכער אַז כ'ווייס שוין ווי אַ ים־רויבער זעט אויס — אַ גאַנץ אַנדער באַשעפעניש, נאָך מיין מיינונג, פון דעמדאָזיקן ציכטיקן און גוטמוטיקן באַלעבאָס.

כ'האָב זיך באַלד אָנגענומען מיט מוט, בין אַריין אין צימער און גלייך צו אים צוגעגאַנגען. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף זיין קוליע און האָט גראָד גערעדט מיט איינעם פון די געסט.

— זיינט איר מיסטער סילווער, מיין הער? — האָב איך געפרעגט, אויסשטרעקנדיק דעם בריוו.

— יאָ, מיין זון, — האָט ער געזאָגט, — אַזוי הייס איך. יאָ. און ווער ביסטו? — ווען ער האָט געזען דעם סקווייערס

בריוו, האָט ער, ווי מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַזש געגעבן אַ ציטער.

— אָ, — האָט ער געזאָגט, גאַנץ הויך, אויסשטרעקנדיק מיר זיין האַנט, — איך פאַרשטיי, דו ביסט עס אונדזער נייער קאַיוטע־יונג, ס'פרייט מיך זייער צו מאַכן דיין באַקאַנטשאַפט.

און ער האָט מיר געדריקט די האַנט מיט זיין גרויסער שטאַרקער לאַפּע.

פּונקט דאַן האָט זיך איינער פון די געסט אין אַנדערן ווינקל פון צימער פּלוצלונג אויפגעהויבן און זיך געלאָזט צו דער טיר. די טיר איז פון אים געווען גאַנץ נאָענט און ער איז אין איין אויגנבליק געווען אין דרויסן. זיין איילעניש איז מיר געוואָרן אויפפאַלנד, און כ'האָב אים תיכף דערקענט. ס'איז געווען דער געל־פּנים'דיקער מאַן, וועמען ס'האָבן געפעלט צוויי פינגער, וועלכער איז געווען דער ערשטער צו באַזוכן די „אַדמיראַל בענבאָו".

— עי, — האָב איך אויסגעשריען, — כאַפּט אים! — ס'איז „שוואַרצער הונט"!

כ'גיב ניט קיין שמעק טאַבאַק ווער ער איז, — האָט סילווער אויסגעשריען, — אָבער ער האָט ניט באַצאָלט זיין רעכע־נונג, אָט־וואָס. הערי, לויף און כאַפּ אים!

איינער פון דער חברה לעבן דער טיר איז אויפגעשפּרונגען, און האָט אים גענומען נאָכיאָגן.

— מעג ער זיין אַדמיראַל האָק אַליין, וועט ער מוזן באַצאָלן זיין חוב, — האָט סילווער געשריען, און אָפּלאָזנדיק מיין האַנט, האָט ער געפרעגט, — ווער זאָגסטו איז ער? שוואַרצער, וואָס?

— „שוואַרצער הונט", מיין הער, — האָב איך געזאָגט. — האָט אייך דען מיסטער טרעלאָני ניט דערציילט וועגן די פּיראַטן? ער איז דאָך איינער פון זיי.

— אַזוי גאָר? — האָט סילווער געשריען. — באַ מיר אין הויז! בען לויף שנעל און העלף הערין. ער איז איינער פון יענע, הייסט עס? און דו, מאָרגאַן, האָסט מיט אים געטרונקען? האַ? קום נאָר אַהער.

דער מאַן וועמען ער האָט גערופן מאָרגאַן — אַן אַלטער,

„עי, — האָב איך אויסגעשריען, — כאַפּט אים! ס'איז שוואַרצער הונט!“

גרויער מאַטראַז מיט אַ מאַהאַגאַני פּנים — איז גאַנץ תמ'עוואַטע צוגעקומען, מעלה־גרה'נדיק זיין טאַבאַק.

— זאָג נאָר, מאָרגאַן, — האָט דער „לאַנגער דזשאָן“ געזאָגט זייער שטרענג, — האָסטו קיינמאָל פריער ניט באַגעגנט דעמדאָזיקן „שוואַרצן — שוואַרצן הונט“?

— ניט איך, מיין הער, — האָט מאָרגאַן געזאָגט, סאַלוטירנדיק.

— האָסטו אויך ניט געוואוסט ווי ער הייסט, האַ?

— ניין, מיין הער!

— איך שווער בײַ גאָט, טאָם מאָרגאַן, ס'איז דיין גליק וואָס ניט! — האָט דער באַלעבאָס אויסגערופן. — ווען דו וואָלסט זיך גע'חבר'ט מיט חברה פון זיין גלייכן, וואָלט דיין פוס מער ניט געטאָרט אריינקומען אין מיין הויז, קאָנסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן! וועגן וואָס האָט ער מיט דיר גערעדט?

— איך ווייס ניט גענוי וועגן וואָס, מיין הער, — האָט מאָרגאַן געענטפערט.

— איז דאָס אַ קאָפּ אויף דיינע אַקסלען, צי אַ פאַרדאַמטע שטיק האָלץ? — האָט דער „לאַנגער דזשאָן“ געשריען. — ווייסט ניט גענוי וועגן וואָס, ווייסטו ניט! דו ווייסט אפשר אויך ניט גענוי מיט וועמען דו האָסט גערעדט, האַ? גיי שוין, גיי, האָב ניט קיין מורא, זאָג אויס, וועגן וואָס האָט ער געפּלוידערט — ים־רייזעס קאַפּיטאַנען, שיפן? גיב לשון, וואָס אַזוינס?

— מיר האָבן גערעדט וועגן „קילהוילן“ — האָט מאָרגאַן געענטפערט.

— „קילהוילן“, אַזוי גאָר? אַ גאַנץ פּאַסיקע זאַך, כ'לעבן! נו, גיי דיר שוין צוריק אויף דיין אָרט, דו אומגעלומפּערטער תם.

ווען מאָרגאַן האָט זיך צוריק אַוועקגעוואַקלט צו זיין שטול, האָט מיר סילווער פאַרטרויט אַ סוד, פון וועלכן איך האָב זיך געפילט זייער געשמייכלט:

— ער איז אַ גאַנץ ערלאַכער מענטש, דערדאָזיקער טאָם מאָרגאַן, נאָר ס'פעלט אים אַ קלעפּקע אין קאָפּ. און איצט, — האָט ער געגומען ריידן אין דער הויך, — לאָמיר נאָר זען — „שוואַרצער הונט“, זאָגסטו? ניין, דעם נאָמען האָב איך קיינמאָל

ניט געהערט, ניט איך. אָבער פונדעסטוועגן באַמבלט זיך מיר עפּעס יאָ אין קאָפּ אַז — יאָ, כ'האָב אים יאָ געזען אַמאָל דעמדאָזיקן לומפּ. ער פלעגט אַהער קומען מיט אַ בלינדן בעטלער, פלעגט ער.

— יאָ, יאָ, דאָס איז ער, — האָב איך געזאָגט, — כ'בין גאַנץ זיכער אַז יאָ. דעם בלינדן האָב איך אויך געקענט, ער האָט געהייסן פּיו.

— ריכטיק! — האָט סילווער געשריען גאַנץ אויפגערעגט.

— פּיו! אַזוי האָט מען אים גערופן, כ'בין גאַנץ זיכער. אָ, ער האָט אויסגעזען ווי אַן אמתער שווינדלער, האָט ער. אויב מיר כאַפּן דעמדאָזיקן „שוואַרצן הונט", וועלן מיר האָבן גוטע נייס פאַר קאַפּיטאַן טרעלאָני! בען איז אַן אויסגעצייכנטער לויפער. זייער ווייניק מאַטראָזן קאָנען לויפן בעסער פון בענען. ער'ט אים שוין כאַפּן, אַ האַנט איבער אַ האַנט, צום טייוול! ער האָט גערעדט וועגן „קילהוילן", האָט ער? איכ'ל אים שוין „קילהוילן"!

די גאַנצע צייט וואָס ער האָט זיך אַזוי געהיצט, איז ער אַרומגעשפּרונגען אויף זיין קוליע איבערן שענק, און האָט געקלאַפּט מיט דער האַנט אויף די טישן, אַרויסווייזנדיק אַזאַ אָנשטעל פון כעס און אויפרעגונג, וואָס וואָלט איבערצייגט אפילו אַן אַלטן בעילי ריכטער, אָדער אַ דעטעקטיוו פון באָו סטריט. געפינענדיק דעם „שוואַרצן הונט" אינם „שפּאַקטיוו", האָב איך דעם „לאַנגן" גענומען שטאַרק פאַרדעכטיקן, און באַטראַכטן דעם אַלטן גנב זייער פאַרזיכטיק. ער איז אָבער געווען צו טיף, צו פלינק, און צו כיטרע פאַר מיר. ווען די צוויי „כאַפּערס" זיינען אָן אָטעם צוריקגעקומען, און האָבן זיך מודה געווען אַז זיי האָבן דעם „הונט" פאַרלוירן צווישן עולם, און האָבן געקראָגן אַ גאָב ווי צוויי גנבים, וואָלט איך געווען געשוואוירן באַ אַלץ אין דער וועלט פאַר דער אומשולד פון דעם „לאַנגן דזשאָן סילווער".

— הער זיך איין, האָקינס, — האָט ער געזאָגט, — דאָס הייסט אַן אָנשיקעניש אויף אַ מאַן ווי איך, ניט אַזוי? וואָס וועט קאַפּיטאַן טרעלאָני זאָגן? אָט זיצט דער פאַרדאַמטער הונט אין מיין אייגן הויז, און טרינקט מיין אייגענעם ראָם! דו קומסט און זאָגסט מיר גאַנץ פּשוט ווער ער איז, און איך לאָז אים זיך אַרויסדרייען פון אונטער די הענט. וועסט מיך מוזן פאַרענטפערן

פארן קאפּיטאַן, האָקינס. דו ביסט נאָך אַ אינגל, ביסטו נאָך, אָבער שאַרף ווי אַ חלף, כ׳האָב עס דערזען גלייך ווי דו ביסט אַריינגעקומען. די געשיכטע איז די: וואָס האָב איך דען געקאָנט טאָן מיט דעררזאָזיקער אַלטער קוליע אויף וועלכער איך שפּרינג אַרום? וואָלט איך געווען אַ פֿולקאָמער שיפּמייסטער, וואָלט איך אים שוין געכאַפּט, אַ האַנט איבער אַ האַנט, און אים שוין אָנגעטאָן אַ פּאָר אַרמבענדער, וואָלט איך, אָבער איצט — — —

ער איז פּלוצלונג אַנטשוויגן געוואָרן, און איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט.

— די רעכענונג, — האָט ער אויסגעפּלאַצט, — דריי גאַנג ראָם! אַ קלאָג צו מיר, כ׳האָב גאָר פאַרגעסן אין דער רעכענונג!

ער איז אַוועקגעפאַלן אויף אַ בענקל, און האָט זיך צעלאַכט ביז טרערן זיינען אים גערונען אויף די באַקן. איך האָב זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטן און האָב מיט אים מיטגעלאַכט. מיר האָבן ביידע זייער געשמאַק געלאַכט ביז דער גאַנצער שענק האָט אָפּגעהילכט מיט אונדזער געלעכטער.

— אַי בין איך אַ טייערער אַלטער ים־קאַלב, — האָט ער ענד־לאָך געזאָגט, אָפּווישנדיק די באַקן. — מירן ביידע זיין אַ גוטע פּאָר, האָקינס, וואָרים איך קאָן שווערן אַז מ׳עט מיך אַרונטערזעצן און אָנשטעלן אַלס שיפּ־יונג. אָבער שטיי אויף, און לאָמיר גיין! מיר קאָנען דאָ מער ניט זיצן. פליכט איז פליכט, חברים! כ׳על בלויז אָנטאָן מיין אַלטן דריי־עק הוט, און צוגיין מיט דיר צו קאַפּיטאַן טרעלאָני, און אים דערציילן די גאַנצע געשיכטע. פאַר־געס ניט, ברודער האָקינס, ס׳איז ניט קיין שפּילכל. מיר זיינען ביידע ניט אַרויס מיט קיין גאַנצע ביינער. שטימסט איין מיט מיר, זאָגסטו? גאַנץ גערעכט — ס׳קומט אונדז ביידן ניט קיין קניפּ אין בעקל פאַר דעמדאָזיקן שטיקל אַרבעט, קומט אונדז ניט! אָבער, צום טייוול, מיט מיין רעכענונג איז דאָך געווען אַ גוטער וויץ!

ער האָט זיך ווידער צעלאַכט אַזוי האַרציק, אַז כאָטש כ׳האָב ניט געזען קיין וויץ אין דעם, האָב איך זיך ניט געקאָנט אָפּהאַלטן פון אַנטייל נעמען אין זיין פרייד.

אויף אונדזער שפּאַציר מיט דער לענג פון די דאָקס, איז ער געווען זייער אַן אינטערעסאַנטער באַגלייטער. ער האָט מיר דער־

קלערט אַלצדינג וועגן די שיפן וועלכע מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען — וועגן זייערע שטריקווערק, זייער טאָנען־משא, און נאַציאָנאַליטעט, ער האָט מיר אויך דערקלערט די פאַרשיידענע ארבעטן וואָס זיינען אויף זיי אָנגעגאַנגען — ווי איינע האָט אויסגעלאָדן, א צווייטע אָנגעלאָדן, און א דריטע האָט זיך צוגעגרייט ארויסצופאָרן אויפן ים. אַלע ווײַלע האָט ער מיר דערציילט עפּעס אַן אַנעקדאָט וועגן שיפן און מאַטראָזן, אָדער ער האָט איבערגע'חזר'ט עפּעס אַ מאַט־ראָזנפראַזע אַזוי אָפט, ביז כ'האָב זיך זי אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק. כ'האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן אַז כ'האָב אין אים אַנטדעקט איינעם פון די בעסטע שיף־חברים.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין דער קרעטשמע, האָבן מיר געטראָפן דעם סקווייר און דאָקטאָר ליווזין זיצן בײַ אַ פּאַרענדיקטער קוואַרט ביר, טרינקענדיק „לחיים“, איידער זיי האָבן געזאָלט ארויפגיין באַטראַכטן דעם שקונער.

דער „לאַנגער דזשאָן“ האָט דערציילט די גאַנצע מעשה פונם אָנהייב ביזן סוף, מיט גרויס התלהבות, און זייער פּינקטלאַך. — אַזוי איז'ס געווען, האָקינס, האַ? — האָט ער ארייַנגעוואָרפן פון צייט צו צייט, און איך האָב אַלץ באַשטעטיקט.

די צוויי הערן האָבן באַדויערט וואָס דער „שוואַרצער הונט“ האָט זיך אַרויסגעדרייט, אָבער מיר האָבן אַלע געמוזט איינשטימען אַז מ'האָט זיך גאָרניט געקאָנט העלפן. דער „לאַנגער דזשאָן“ האָט געקראָגן נאָך עטלאַכע קאָמפּלימענטן, גענומען זיין קוליע, און איז אוועק.

— אַלע אויפן דעק, היינט פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג! — האָט אים דער סקווייר נאָכגעשריען.

— יאָ, יאָ, מיין הער, — האָט דער קוכער אויסגערופען אין קאָרידאָר.

— אַלזאָ, סקווייר, — האָט געזאָגט דאָקטאָר ליווזי, — איך פאַרלאָז זיך בכלל ניט צופיל אויף אייערע אַנטדעקונגען, אָבער, איך מוז אייך זאָגן, אַז דזשאָן סילווער געפעלט מיר.

— דער מאַן איז אַ טויז קאָזיר, — האָט דערקלערט דער סקווייר.



„אויף אונדזער שפּאַציר מיט דער לענג פון די דאָקס, איז ער געווען זייער אַן אינטערעסאַנטער באַגלייטער“.

— און איצט, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, — מעג שוין דזשים מיט אונדז אַרויפגיין אויפן דעק, ניט אַזוי ?

— זיכער מעג ער, — האָט געזאָגט דער סקווייר, — נעם דיין הוט, האָקינס, און מירן אַרויפגיין באַטראַכטן די שיף.

נײַנטער קאַפּיטל

פּולווער און געווער

די „היספּאַניאָלאָ" איז געווען פאַראַנקערט ערגיץ ווייט. מיר האָבן שפּאַצירט אונטער די שיף־פיגורן און אַרום די רודער־עקן פון אַ סך שיפן, און זייערע אַנקער־שטריק האָבן זיך אַט געשפּרייט אונטערן „קיל" פון אונדזער שיף, אַט געשאָקלט איבער אונדזערע קעפּ. ענדלאַך אָבער זײַנען מיר צוגעקומען צו דער שיף. באַם אַרויפשטייגן איז אונדז דער שטורמאַן, מיסטער אַראָו, אַ פאַר־ברוינטער, אַלטער, קאָסאָקער מאַטראָז, מיט אויערינגלאַך, געקומען אַנטקעגן און האָט אונדז באַגריסט. דער סקווייר איז מיט אים גע־ווען אַ גאַנצער פּאַני־בראַט. מיטן קאַפּיטאַן אָבער, האָב איך באַ־מערקט ,איז מיסטער טרעלאָני ניט געווען אַזוי שטאַרק שוה־בשוה.

דער קאַפּיטאַן, אַן אויסגעדאַרטער, שטרענגער פאַרשוין, האָט אויסגעזען אומצופרידן מיט אַלצדינג אויף דער שיף, און מיר האָבן באַלד אויסגעפונען פאַרוואָס. וואָרים ווי מיר זײַנען נאָר אַרונטער אין דער קאַיוטע, איז אַרײַנגעקומען אַ מאַטראָז און האָט געזאָגט :

— מיין הער, קאַפּיטאַן סמאָלעט וויל מיט אייך רעדן.

— כ'בין שטענדיק גרייט אים צו דינען. רוף אים אַריין, — האָט געזאָגט דער סקווייר.

דער קאַפּיטאַן, וועלכער האָט געוואַרט הינטער זיין שליח, איז גלייך אַריינגעקומען, און האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

— נו, קאַפּיטאַן סמאָלעט, וואָס הערט מען גוטס ? איך האָף אַז אַלץ איז אין אָרדנונג, אַלץ פיקס און פאַרטיק ?

— מיין הער, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן. — כ'על רעדן

קלאָרע דיבורים, אפילו אויב איר'ט זיי אָננעמען פאַר א באַליי־דיקונג: ס'געפעלט מיר ניט די גאַנצע עקספּעדיציע, ס'געפעלט מיר ניט די מאַנשאַפט, און ס'געפעלט מיר ניט דער שטורמאַן. דאָס איז קורץ און שאַרף.

— אפשר געפעלט אייך אויך ניט די שיף, מיין הער? — האָט דער סקווייר געפרעגט שטאַרק אין כעס.

— וועגן דער שיף קאָן איך דערווייל גאָרניט ניט זאָגן, מיין הער, ביז כ'האָב זי ניט אויסגעפּרואווט, — האָט געזאָגט דער קאַ־פּיטאַן. — אויף וויפל איך זע, קוקט זי אויס צו זיין א גאַנץ ניש'קשה'דיקע געביידע.

— אפשר געפעלט אייך אויך ניט אייער באַלעבאָס, מיין הער?

— האָט געזאָגט דער סקווייר.

אָבער דאָ האָט זיך דאָקטאָר ליווזי אריינגעמישט.

— וואַרט א רגע, וואַרט, — האָט ער געזאָגט. — דיזאָזיקע פראַגן זיינען נוצלאָז, און רופן נאָר אַרויס היים בלוט. דער קאַ־פּיטאַן האָט דאָ אָדער געזאָגט צו פיל, אָדער צו ווייניק. כ'מוז אייך זאָגן אַז איך פאָדער א דערקלערונג פון זיינע רייד. איר זאָגט אַז ס'געפעלט אייך ניט די עקספּעדיציע, זאָגט פאַרוואָס?

— מ'האָט מיך אָנגעשטעלט, מיין הער, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן, — אַז איך זאָל בסוד־סודות פירן דידאָזיקע שיף פון דעם רזשענטלמאַנס וועגן, וואוהין ער וועט מיר הייסן, — זייער גוט. איצט אָבער געפין איך אויס אַז יעדער איינער פון דער מאַנשאַפט ווייסט מער פון מיר. דענקט איר אַז דאָס איז ריכטיק?

— ניין, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, — געוויס ניט.

— נאָכדעם, — האָט דער קאַפּיטאַן פאָרגעזעצט, — דער־ווייס איך זיך אַז מיר פאָרן זוכן אַן אוצר — און פון וועמען, מיינט איר, הער איך דידאָזיקע נייעס? פון מיינע אייגענע מאַטראָזן! אוצר־זוכעניש, פאַרשטייט איר מיך, איז א ריזיקאַלישע אונטער־נעמונג. איך האָב בכלל ניט ליב אַזעלכע עקספּעדיציעס, בפרט נאָך ווען זיי זיינען געהיימע, און ספּעציעל — האָט ניט קיין פאַריבל, מיסטער טרעלאָני — ווען מ'האָט דעם סוד אויסגעזאָגט דעם פּאַפּוגיי.

— סילווערס פּאַפּוגיי? — האָט געפרעגט דער סקווייר.

— נו, ס'רעדט זיך אזוי, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן. — איך מיין, אויסגעפּלוידערט. איך בין איבערצייגט אַז איר האָט ניט דער מינדסטן באַגריף פון דער פאַרשטייענדיקער געפאַר, און איך זאָג אייך גאַנץ אָפן, ס'איז אַ פראַגע פון טויט און לעבן.

— דאָס איז אַלץ זייער קלאָר און גאַנץ ריכטיק, — האָט געענטפערט דער דאָקטאָר, — אמת, מיר ריזיקירן, מיר זיינען אָבער ניט אַזוי בלינד ווי איר דענקט, קאַפּיטאַן. איר זאָגט אויך אַז ס'געפעלט אייך ניט די מאַנשאַפט. פאַרוואָס? זיינען זיי דען ניט קיין גוטע מאַטראָזן?

— זיי הייבן מיר גאָרניט ניט אָן צו געפעלן, מיין הער, — האָט געזאָגט קאַפּיטאַן סמאָלעט, — איך מיין, אַז איך אַליין האָב זיי געדאַרפט אויסקלייבן.

— אפשר טאַקע יאָ, — האָט געענטפערט דער דאָקטאָר. — מיין פריינט וואָלט זיך אפשר געוועזן געדאַרפט מיט אייך בעראַטן. איך פאַרזיכער אייך אָבער, אַז די עולה איז באַגאַנגען געוואָרען גאַנץ אומגערן. נו, און מיסטער אַראָו געפעלט אייך אויך ניט?

— ניין, מיין הער, ער געפעלט מיר ניט. איך גלויב אַז ער איז אַ גוטער מאַטראָז, אָבער ער איז צו פיל גוט־ברודער מיט דער מאַנשאַפט. ער זאָל קאָנען זיין אַ גוטער באַאמטער. אַ שטורמאַן דאַרף זיך האַלטן פון דער ווייטן, און ניט טרינקען צוזאַמען מיט אַלע מאַטראָזן.

— מיינט איר מיר צו זאָגן אַז ער שיכור'ט? — האָט אויסגעשריען דער סקווייר.

— ניין, מיין הער, — האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן, — איך מיין בלויז אַז ער חבר'ט זיך מיט זיי צופיל.

— אַלזאָ, קאַפּיטאַן, — האָט געפרעגט דער דאָקטאָר, — די אונטערשטע שורה, וואָס ווילט איר?

— זיינט איר פעסט אַנטשלאָסן צו אונטערנעמען די דאָזיקע עקספּעדיציע?

— אייזן פעסט, — האָט געענטפערט דער סקווייר.

— זייער גוט, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן. — אַזוי ווי איר האָט מיך זייער געדולדיק אויסגעהערט מאַכן באַהויפּטונגען וועלכע איך האָב ניט געקאָנט באַווייזן, הערט־זשע אויס נאָך עטלאַכע ווער־

טער. אָט ליגט מען איצט אַוועק דעם פּולווער און דאָס געווער אין דער פֿאָדערשיף, פֿאַרוואָס זאָל מען זיי ניט אַוועקלייגן הינטער דער קאַיוטע וואו ס'איז פֿאַר זיי פֿאַראַן זייער אַ גוטער פּלאַץ? דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, האָב איך געהערט אַז אייניקע פֿון אייערע אייגענע פֿיר מענטשן וועלכע איר נעמט מיט זיך מיט, האָבן געקראָגן שלאָף־בעטלאַך אין דער פֿאָדערשיף, פֿאַרוואָס, זאָגט מיר, זאָל מען זיי ניט געבן די בעטלאַך דאָ, לעבן דער קאַיוטע?

— נאָך עפּעס? — האָט געפֿרעגט מיסטער טרעלאָני.

— בלויז נאָך איין פּונקט, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן. — מ'האָט שוין אַזוי אויך גענוג אויסגעזאָגט פֿון חדר.

— צופֿיל, — האָט דער דאָקטאָר צוגעשטימט.

— כ'על אייך דערציילן וואָס איך אַליין האָב שוין ביז איצט געהערט: — האָט קאַפּיטאַן סמאָלעט פֿאָרגעזעצט. — אַז איר האָט אַ מאַפּע פֿון אַן אינדזל; אַז עס זיינען אויף דער מאַפּע פֿאַראַן קרייצן וואָס ווייזן אָן וואו עס געפֿינט זיך אַן אוצר; און אַז דער אינדזל ליגט — און ער האָט פּינקטלאַך אָנגערופֿן די געאָגראַפֿישע לענג און ברייט.

— דאָס האָב איך קיינמאָל קיינעם ניט דערציילט, — האָט דער סקווייר אויסגעשריען.

— אַלע ווייסן עס אָבער, מיין הער, — האָט געענטפֿערט דער קאַפּיטאַן.

— ליווזי, דאָס מוז זיין אייער אָדער האָקינסעס אַרבעט, — האָט דער סקווייר אויסגערופֿן.

— ס'איז ניט קיין גרויסער חילוק ווער ס'האָט אויסגעזאָגט, — האָט געענטפֿערט דער דאָקטאָר. און כ'האָב געזען אַז ניט ער און ניט דער קאַפּיטאַן האָבן געלייגט וועלכע ס'איז געוויכט אויף מיסטער טרעלאָנים אָפּלייקענונג; און, דעם אמת זאָגנדיק, איך אויך ניט — כ'האָב געוואוסט גאַנץ גוט וואָס פֿאַר אַ פּלוידערזאַק ער איז. כ'האָב אָבער, פֿונדעסטוועגן, געגלויבט אַז דאָסמאָל איז ער געווען גערעכט, און אַז קיינער האָט ניט אויסגעזאָגט די געאָגראַפֿישע פּאָזיציע פֿונם אינדזל.

— מיינע הערן, — האָט דער קאַפּיטאַן פֿאָרגעזעצט. — איך ווייס ניט ווער ס'האָט דיזאָזיקע מאַפּע, איך פֿאָדער אָבער

דורכאויס, אז מ׳זאָל זי ניט ווייזן ניט מיר און ניט מיסטער אַראָון. אויב איר קאָנט אויף דעם ניט איינשטימען, וועל איך אייך בעטן איר זאָלט מיר לאָזן רעזיגנירן פון מיין אמט.

— אָ, איך פארשטיי, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, — איר ווילט אז מיר זאָלן די גאַנצע געשיכטע האַלטן בסוד, און אז מיר זאָלן פון דער הינטערשיף מאַכן אַ פעסטונג, אין וועלכער מיר זאָלן איינקוואַרטירן מיין פריינטס אייגענע דינער, אַלס היטער פון גאַנצן געווער און פולווער אויף דער שיף. אין אַנדערע ווערטער, הייסט עס, איר האָט מורא פאַר אַ בונט.

— מיין הער, — האָט געזאָגט קאַפּיטאַן סמאָלעט, — כ׳בין דאָ ניט אויסן זיך צו באַליידיקן, אָבער איר האָט ניט קיין רעכט מיר אַריינצולייגן אַזעלכע ווערטער אין מויל אַריין. אַ קאַפּיטאַן, וואָס האָט גענוג גרונד פאַר אַזעלכע רעדערייען, איז בכלל ניט באַרעכטיקט אַרויסצופאָרן אויפן ים. וואָס איז שייך מיסטער אַראָו, גלויב איך אַז ער איז אַן ערלאַכער מאַן. דאָסזעלביקע קאָן געזאָגט ווערן וועגן דעם גרעסטן טייל פון דער מאַנשאַפט, און אפשר וועגן דער גאַנצער, אויף וויפל איך ווייס. איך בין אָבער פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר דער זיכערקייט פון דער שיף, און פאַרן לעבן פון יעדן בלויז־ראָק וואָס געפינט זיך אויף איר. זעענדיק אַז געוויסע זאַכן גייען ניט צו, נאָך מיין מיינונג, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, בעט איך אייך אַז איר זאָלט אָדער זיך באַוואָרענען, אָדער מיר לאָזן רעזיגנירן פון מיין אמט. און דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב צו זאָגן.

— קאַפּיטאַן סמאָלעט, — האָט דער דאָקטאָר אָנגעהויבן מיט אַ שמייכל, — האָט איר געהערט אַמאָל די פאַבל וועגן דעם באַרג און דער מויז? איר׳ט מיר אַנטשולדיקן, אָבער איר דערמאָנט מיר איצט אין דערדאָזיקער פאַבל. איך וועט אייך מיין פאַרוק, אַז אַריינקומענדיק אַהער האָט איר געהאַט אין זינען אַ סך מער ווי דאָס.

— דאָקטאָר, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן, — איר זיינט אַ קלוגער מאַן. ווען איך בין אַריינגעקומען, בין איך געווען זיכער אַז מ׳עט מיר אָפּזאָגן פון מיין אמט. איך האָב זיך קיינמאָל ניט

געריכט אַז מיסטער טרעלאָני וועט וועלן אויסהערן אפילו איין וואָרט.

— כ'וואָלט'ס טאַקע קיינמאָל ניט געוועז געטאָן, — האָט אויסגערופן דער סקווייר, — ווען ניט ליווזי, וואָלט איך אייך שוין פון לאַנג געוועז געשיקט צו אַלדי רוחות. אָבער איצט, אַזוי ווי כ'האָב אייך שוין יאָ אויסגעהערט, וועל איך דורכפירן אייערע פאַרלאַנגען. אָבער, איך זאָג אייך דעם אמת, איר האָט אַ סך פאַר־לוירן אין מיינע אויגן.

— ווי אייך געפעלט, מיין הער, — האָט געזאָגט דער קאַפּי־טאַן, — איר וועט זיך אָבער איבערציייגן אַז איך טו בלויז מיין פליכט.

מיט די רייד איז ער אַוועק.

— טרעלאָני, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, — אין קעגנזאַץ צו אַלע מיינע דערוואַרטונגען, גלויב איך אַז אייך איז געלונגען אַרויפצוקריגן אויף דער שיף צוויי ערלאַכע מענטשן — דעמדאָזיקן מאַן און דזשאָן סילווערן.

— סילווער, יאָ, — האָט דער סקווייר אויסגערופן, — וואָס איז שייך אָבער דעמדאָזיקן אומדערטרעגלאַכן פּלאַפּלער, זאָג איך אייך, אַז זיין אויפפירונג איז ניט־מענעריש, ניט־מאַטראָזיש, און בפרט, ניט־ענגליש.

— נו, מירן זען, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר.

ווען מיר זיינען אַרויס אויפן דעק, האָבן שוין די מאַטראָזן געהאַלטן אין איבערטראָגן דאָס געווער און דעם פּולווער, יאָ־האָ־ענדיק באַ דער אַרבעט, אונטער דער אויפזיכט פונם קאַפּיטאַן און מיסטער אַראָו.

די נייע איינאָרדנונג איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. דער גאַנ־צער שקונער איז געוואָרן איבערגעאַנדערשט. איינם גרעסטן טייל פון דער הינטערשיף, וועלכע איז געוועז פאַראייניקט מיט דער דער שיף־קיך און מיט דער פאָדערשיף, וואו ס'שלאָפן די מאַטראָזן, בלויז מיט אַן אונטערגעשפּאַרטן דורכגאַנג, זיינען געוואָרן איינ־געריכטעט זעקס בעטלאַך. פריער האָבן דער קאַפּיטאַן, מיסטער אַראָו, האַנטער, דזשאָיס, דער דאָקטאָר, און דער סקווייר געזאָלט פאַרנעמען דידאָזיקע זעקס בעטלאַך, איצט אָבער זיינען צוויי פון

זיי באַשטימט געוואָרן פאַר מיר מיט רעדרוטן, און מיסטער אַראָו און דער קאַפּיטאַן האָבן געזאָלט שלאָפן אויפן דעק, אינם אויבער־שטיבל פון דער קאַיוטע, וואָס איז אויף ביידע זייטן אַזוי פאַר־גרעסערט געוואָרן, אַז מ׳האָט׳ס כמעט געקאָנט רופן דעק־קאַיוטע. ס׳פאַרשטייט זיך, ס׳איז דאָרט געווען גאַנץ נידעריק, אָבער דאָך גענוג פּלאַץ פאַר צוויי הענג־בעטלאַך, און אפילו דער שטורמאַן איז מיט דערדאָזיקער איינאָרדנונג געווען צופרידן. אפשר האָט ער אויך געצווייפלט אין דער מאַנשאַפט, אָבער דאָס איז בלויז אַן השערה, ווארים ווי מיר וועלן שפּעטער זען, האָבן מיר ניט גע־דאַרפט וואַרטן לאַנג פאַר זיין מיינונג.

אַלע האָבן געאַרבעט שווער, איבערטראָגנדיק דעם פּולווער און בייטנדיק די בעטלאַך, ווען דער „לאַנגער דזשאָן" צוזאַמען מיט די לעצטע עטלעכע מאַטראָזן זיינען אָנגעקומען אין אַ לאַנדונגס־שיפל.

דער קוכער איז אַרויפגעקראָכן אויף דער שיף מיט דער געשיקט־קייט פון אַ מאַלפּע, און ווי ער האָט דערזען וואָס ס׳קומט פאָר, האָט ער אויסגעשריען: — העי, חברה, וואָס איז דאָס?

— מיר טראָגן איבער דעם פּולווער, דזשעק, — האָט איינער געענטפערט.

— צו אַלדי רוחות, — האָט דער „לאַנגער דזשאָן" אויס־געשריען, — מירן נאָך פאַרשפּעטיקן דעם פרימאָרגנדיקן שטראָם!

— מיין באַפעל, — האָט דער קאַפּיטאַן קורץ געזאָגט. — גייט בעסער אַראָפּ אונטן, חבר, די לייט וועלן וועלן וועטשערע.

— זייער גוט, מיין הער, — האָט געענטפערט דער קוכער, אָנרירנדיק זיין דאַשעק, און איז פאַרשוואונדן אין דער ריכטונג פון דער שיף־קיך.

— אָט אַ וואוילער מענטש, קאַפּיטאַן, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר.

— זייער מעגלאַך, מיין הער, האָט געזאָגט קאַפּיטאַן סמאָלעט.

— פאַרזיכטיק, חברה, היט זיך! — האָט ער זיך געווענדעט צו די מאַטראָזן וואָס האָבן איבערגעטראָגן דעם פּולווער. פּלוצלונג האָט ער דערזען ווי איך האָב באַטראַכט די קאַנאָנע, אַ לאַנגער מעשע־נער „ניינער", וועלכע איז געשטאַנען אין מיטן פון דער שיף. —

העי, דו, בחור, — האָט ער אויסגעשריען, — טראָג זיך שוין אָפּ פון דאַנעט! אַרונטער צום קוכער, און טו עפּעס!

אַרונטערלויפנדיק, האָב איך אים געהערט זאָגן צום דאָקטאָר גאַנץ הויך: —

— כ'וויל ניט קיינע מיוחסים אויף מיין שיף.

איך פאַרזיכער אייך אַז כ'האָב דאַן איינגעשטימט מיטן סקוויער, און געהאַסט דעם קאַפּיטאַן בתכלית השנאה.

צענטער קאַפּיטל

די רייזע

די גאַנצע נאַכט זיינען מיר געווען שטאַרק פאַרנומען מיט אַוועקלייגן אַלץ אויף אַן אָרט, און מיט אויפנעמען פולע שיפלאַך מיטן סקווייערס פריינט, מיסטער בלאַנדלי און אַנדערע זיינען אים געקומען ווינטשן אַ גליקליכע רייזע און צו קומען צוריק בשלום. אין דער „אַדמיראַל בענבאָו" האָב איך קיינמאָל אין איין נאַכט ניט אָפּגעטאָן אַ העלפט פון דער אַרבעט דאָ. כ'בין געווען מיד ווי אַ הונט, ווען דער באָטמאַן האָט פאַרטאָג געגעבן דעם סיגנאַל, און די מאַנשאַפט האָט אָנגעהויבן איר אַרבעט באַ די הויב־מאַשינען. אָבער ווען איך זאָל אפילו געווען זיין צוויי מאָל אַזוי מיד, וואָלט איך אויך ניט געווען פאַרלאָזן דעם דעק. אַלצדינג איז מיר געווען אַזוי ניי און אינטערעסאַנט — די קורצע באַפעלן, דער שאַרפער קלאַנג פונם פייפל, און דער טומל פון די מאַטראָזן, וועלכע האָבן באַ דער שיין פון די שיף־לאַמטערנעס זיך געאיילט צו זייערע ערטער.

— נו, באַרבעקיו, זינג עפּעס אַ לידל! — האָב איך געהערט איינעם אויסרופן.

— דאָס אַלטע לידל, — האָט געשריען אַ צווייטער.

— זיכער, חברים, האָט געזאָגט דער „לאַנגער דזשאָן", וועלכער איז געשטאַנען מיט דער קוליע אונטערן אָרעם, און האָט

אַנגעהויבן צו זינגען די מעלאָדיע און ווערטער וואָס איך האָב געקענט אַזוי גוט:

„פופצן מאַן אויפן טויטנס ארון"

און די גאַנצע מאַנשאַפט האָט אונטערגעכאַפּט אין כאָר:

„יאָ־האָ־האָ און אַ פלאַש מיט ראָם!"

און באַם דריטן „האָ" האָבן זיי גענומען דרייען די שטאַנגען מיט גרויס געשמאַק.

אפילו אין דעמדאָזיקן אויפרעגנדיקן מאָמענט האָב איך זיך צום צווייטן מאָל דערמאָנט אין דער „אַדמיראַל בענבאָו", און ס'האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַז איך הער דעם קאַפּיטאַנס קול מיטזינגען אין כאָר. באַלד אָבער האָט מען אַרויפגעצויגן דעם אַנקער פון וואַסער און אים אויפגעהאַנגען באַם שיף־שנאָבל. די זעגלען האָבן אַנגעהויבן צו ציען. לאַנד און שיפן אויף ביידע זייטן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן; און איידער כ'האָב נאָך געהאַט צייט צו־צולייגן זיך אויף אַ שעה צו כאַפּן אַ דרימל, איז שוין די „היספּאַ־ניאָלאַ" געווען אין פולן גאַנג צום אינדזל פון אוצר.

כ'וועל ניט באַשרייבן די איינצלהייטן פון דערדאָזיקער רייזע; זי איז געווען גאַנץ דערפאָלגרייך. די שיף איז געווען אַ גוטע, די מאַנשאַפט איז באַשטאַנען פון פעאיקע מאַטראָזן, און דער קאַפּיטאַן האָט דורך און דורך פאַרשטאַנען זיין פאַך. איידער מיר האָבן דער־גרייכט צום אינדזל, זיינען אָבער פאָרגעקומען אַ צוויי־דריי זאַכן, וועלכע איך האַלט פאַר נויטיק צו דערציילן.

ערשטנס, האָט זיך מיסטער אַראָו אַרויסגעוויזן פאַר נאָך אַן ערגערן פאַרשוין ווי דער קאַפּיטאַן האָט פאַרדעכטיקט. ער האָט ניט געהאַט קיין קאָנטראָל איבער דער מאַנשאַפט, און די מאַטראָזן האָבן מיט אים געטאָן וואָס זיי האָבן נאָר געוואָלט. דאָס וואָלט נאָך אָבער אַלץ ניט אויסגעמאַכט. אין אַ צוויי־דריי טעג אַרום האָט ער זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אויפן דעק מיט פאַרנעפּלטע אויגן, פאַררויטלטע באַקן, האָט געשטאַמלט מיטן צונג, און האָט בכלל אַרויסגעוויזן אַלע סימנים פון שיכרות. מ'האָט אים נאָכאַנאַנד באַשטראָפט, און אַרונטערגעשיקט מיט גרויס שאַנד אין אונטער־דעק. ער פלעגט אָפט פאַלן און זיך צעשניידן; גאַנצע טעג ליגן

אין זיין בעטל אין דער דעק־קאַיוטע; און אַמאָל, פאַר אַ נאָווינע, זיין ניכטער, און טאָן זיין אַרבעט נאָך צו דערליידן.

די גאַנצע צייט האָבן מיר בשום אופן ניט געקאָנט דערגיין וואו ער נעמט זיין משקה. ס'איז געוואָרן די מיסטעריע פון דער גאַנצער שיף. ווי מיר האָבן אים ניט נאָכשפּיאָנירט, האָבן מיר דאָך ניט געקאָנט אויסגעפינען דעם סוד. ווען מ'האָט אים וועגן דעם געפרעגט, פלעגט ער בלויז לאַכן, אויב ער איז געווען שיכור, און אויב ניכטער — לייקענען שטיין אוןביין, און פאַרזיכערן אַז ער האָט קיין אַנדער זאַך ווי וואַסער קיינמאָל ניט געטרונקען.

ער איז ניט נאָר געווען נוצלאָז אַלס באָאמטער, און אַ שלעכטער ביישפּיל פאַר דער מאַנשאַפט, נאָר ס'איז אויך געווען קלאָר אַז מיט אַזאַ אַרט לעבן וועט ער גאַנץ שנעל גיין צוגרונט. קיינער איז דערפאַר ניט געווען שטאַרק איבערראַשט, און קיינער האָט זיך עס ניט גענומען צום האַרצן, ווען ער איז איינמאָל אין אַ פינצטערער, שטורעמדיקער נאַכט אינגאַנצן פאַרשוואונדן, און מ'האָט אים מער ניט געזען.

— ער איז אַריין אין ים, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן, — דאָס שפּאָרט אונדז איין די טירחה צו שמידן אים אין קייטן.

מיר זיינען געבליבן אָן אַ שטורמאַן, און מ'האָט געמוזט גלייך אַנשטעלן אַ צווייטן אויף זיין פּלאַץ. דער באָטמאַן, דזשאָב אַנדערסאָן, איז געווען דער פּאַסיקסטער מאַן אויף דער שיף פאַר דערדאָזיקער אַרבעט. און כאָטש ער האָט אָנגעהאַלטן זיין פריערדיקע שטעלע, האָט ער אויך געדינט אַלס שטורמאַן. מיסטער טרעלאָני איז געווען אַן אַלטער ים־פאָרער, און האָט זיך אויסגעטויגט מיט זיינע דערפאַרונגען, דערמיט וואָס ער האָט אין שטילן וועטער געהאַלטן די וואַך. איזראַעל האַנדס, דער רודערמאַן, איז אויך געווען אַ פאַרזיכטיקער, דורכגעטריבענער, אַלטער דערפאַרענער מאַטראָז, אויף וועלכן מ'האָט זיך אין אַ נויט געקאָנט פאַרלאָזן כמעט מיט אַלץ.

ער איז געווען דעם „לאַנגן דזשאָנס" בעסטער פריינט, און אַזוי ווי איך רעד שוין וועגן אים, וועל איך שוין אויך דערציילן עפּעס וועגן אונדזער שיפקוכער, באַרבעקיו, ווי די מאַטראָזן האָבן אים גערופן.

זיין קוליע האָט ער געטראָגן אויף אַ קורץ שטריקל אַרום דעם האַלדז, כדי ער זאָל האָבן ביידע הענט אַזוי פריי ווי מעגלאַך. ס'איז געווען זייער טשיקאַווע צו זען ווי ער פלעגט אָנשפּאַרן זיין קוליע אָן אַ וואַנט, און נאָכפאָלגנדיק יעדע באַוועגונג פון דער שיף, אַנגיין מיט דער קיך־אַרבעט ווי איינער אויף אַ זיכערן באָדן. נאָך אינ־טערעסאַנטער איז געווען צו זען ווי ער פלעגט אין ערגסטן וועטער דורכקרייצן דעם דעק, וואו ער האָט אָנגעטשעפּעט עטלאַכע שנירלאַך כדי צו פאַרלייכטערן זיין גאַנג איבער לענגערע שטרעקן — דעם לאַנגן דזשאָנס אוירינגלאַך, האָט מען זיי גערופן. ער פלעגט זיך אַזוי איבערפּעקלען פון איין אָרט אויף'ן צווייטן, אָט באַנוצנדיק די קוליע, אָט מיטשלעפנדיק זי באַם שטריקל, פּונקט אַזוי שנעל ווי איינער מיט געזונטע פיס.

אייניקע פון דער מאַנשאַפט וואָס זיינען מיט אים אַרומגע־פאָרן פריער, האָבן אים שטאַרק באַדויערט וואָס ער איז געקומען צו אַזאַ צושטאַנד.

— ער איז ניט קיין אַבי־ווער, באַרבעקיו, — האָט מיר גע־זאָגט דער רודערמאַן. — ער האָט אין דער יוגנט אַ סך געלערנט, און אַז ער וויל קאָן ער רעדן ווי אַ בוך. און בראַוו איז ער — אַ לייב איז גאָרניט קעגן אים! איך אַליין האָב אים געזען, אינ־גאַנצן אומבאַוואָפנט, אַטאַקירן פיר מיטאַמאָל, און צוקלאַפּן זייערע קעפּ איינער אין אַנדערן.

די גאַנצע מאַנשאַפט האָט אים אָפּגעגעבן כבוד, און אפילו געפאָלגט. ער האָט פאַרמאָגט אַ מין ספּעציעלע אייגנשאַפט ווי מיט זיי צו ריידן, און ווי יעדן צו טאָן טובות. צו מיר איז ער געווען אומדערמידלאַך גוט. ער האָט מיך אַלעמאָל גערן אויפגע־נומען אין דער קיך, וועלכע ער האָט געהאַלטן ריין ווי אַ שפּיגל. דאָס געפעס האָט געגלאַנצט אויף די ווענט, און אין אַ ווינקל איז געהאַנגען די שטייג מיט זיין פּאָפּוגיי.

— קום אַהער, האָקינס, קום אַהער, און כ'על דיר דערציילן אַ מעשה. כ'האָב קיינעם ניט אַזוי ליב ווי דיך, מיין זון, זעץ זיך אַנידער און הער זיך צו. אָט איז „קאַפּיטאַן פלינט" ——— איך רוף מיין פּאָפּוגיי „קאַפּיטאַן פלינט", נאָכן באַרימטן פּיראַט,

— אַט זאָגט אונדז „קאַפּיטאַן פלינט“ פאָרויס אַ גליקלאַכע רייזע.
וואָס זאָגסטו, קאַפּיטאַן, ניט אמת?

דער פּאַפּוגיי פלעגט דאַן אָנהייבן צו שרייען „גאָלדענע רענדלאַך!“ „גאָלדענע רענדלאַך!“ „גאָלדענע רענדלאַך!“ ביז ער איז געבליבן אָן אָטעם, אָדער ביז דזשאָן פלעגט ארויפוואַרפן אַ טיכל אויף דער שטייג.

— זעסטו דעם פויגל, — פלעגט ער זאָגן, — ער איז שוין אפשר צוויי הונדערט יאָר אַלט, האָקינס — זיי לעבן מייסטנס אייביק. דער טייוול אַליין האָט אפשר צוגעזען מער אומרעכט פון אים. ער'ז אויסגעוועזן אַ וועלט, אַט דער פויגל. ער'ז נאָך ארומגעפאָרן מיט ענגלאַנדן, דעם גרויסן קאַפּיטאַן ענגלאַנד, דעם פּיראַט. ער'ז געווען אין מאַדאַגאַסקאַר, אין מאַלאַבאַר, אין סורינאַם, אין פּראָווידענץ, און אין פּאָרטאָ בעלאָ. ער האָט בייגעוואוינט דאָס „ארויספישן“ פון די געשטראַנדעטע זילבערשיפן. דאָרט האָט ער זיך עס אויסגעלערנט זיין „גאָלדענע רענדלאַך!“ און ס'איז אויך קיין חידוש ניט, — שטעל זיך פאָר, האָקינס, דריי הונדערט און פופציק טויזנט שטיק! ער האָט אויך בייגעוואוינט דעם איבערפאַל און דאָס פאַנגען פונם אינדישן וויצע-קעניג אין גאָאַ, האָט ער. אויפן אויסזען אָבער, קאָן מען מיינען אַז ער איז נאָך אַן עופ'על, האָסט שוין אָבער געשמעקט פּולווער, קאַפּיטאַן, הע?

— אויף צו דער שלאַכט! — פלעגט דער פּאַפּוגיי אויסשרייען.

— אָ, ער'ז אַ צאַצקע אַ פויגל, — פלעגט דער קוכער זאָגן, און אים האָדעווען מיט צוקער פון דער קעשענע. דער פויגל פלעגט פּיקן די שטיקלאַך צוקער, און האַלטן אין איין שעלטן אַזוי נידערטרעכטיק, אַז מ'האָט'ס קוים געקאָנט גלויבן. — אַט האָסטו דיר, — פלעגט דזשאָן זאָגן, — אַז מ'קריכט אין בלאָטע, מוז מען זיך אויסשמירן, בחור'ל. ער איז אַזאַ גוטער, ליבער, אַלטער, אומשולדיקער פויגל, און דאָך שעלט ער אַז ס'איז אַ שאַנדע און אַ חרפּה צו הערן. ער מיינט'ס אָבער ניט, זאָג איך דיר, ער וואָלט אַזוי געשאָלטן אפילו אין דער אנוועזנהייט פון אַ גלח. — דזשאָן פלעגט דאַן אָנרירן זיין דאַשעק אַזוי אייגנאַרטיק ערנסט, אַז איך האָב

„דער פּאַפּוגיי פלעגט דאַן אַנהייבן צו שרייען:
גאָלדענע רענדלאַך! גאָלדענע רענדלאַך!“

געמוזט דענקען אז ער איז דער וואונדערבארסטער מענטש אויף דער וועלט.

דערווייל האבן זיך דער סקווייר און קאפיטאן סמאלעט געהאלטן פון דער ווייטנס איינער פונם אנדערן. דער סקווייר האט דערפון ניט געמאכט קיין סוד, און האט דעם קאפיטאן פשוט געהאסט. דער קאפיטאן ווידער, האט בלויז גערעדט ווען מ'האט אים עפעס געפרעגט, און אפילו דאן, קורץ, און שארף, און טרוקן, ניט פאר־לירנדיק קיין איבעריק ווארט. ווען מ'האט אים צוגעשטופט צו דער וואנט, האט ער געמוזט צוגעבן אז ער האט געהאט א טעות אין דער מאנשאפט, אז אייניקע פון זיי זיינען געווען פלינקער ווי מ'האט געקאנט דערווארטן, און אז אלע האבן זיך בכלל אויפגעפירט גאנץ גוט. וואס איז שייך דער שיף, האט ער זיך אין איר פשוט פארליבט. — זי פאלגט יעדן וואונק פונם ווינט, בעסער ווי איינער קאן מיט רעכט דערווארטן פון זיין אייגן ווייב, מיין הער. אבער אלץ וואס איך קאן דערווייל זאגן, — פלעגט ער פארענדיקן, — איז אז מיר זיינען נאך ניט צוריק אין דער היים, און אז מיר געפעלט ניט די עקספעדיציע.

הערנדיק אזעלכע רייד, פלעגט דער סקווייר ווערן אויסער זיך פון כעס, און אנהויבן ארוממארשירן אפ און אויף איבערן דעק.

אויב ער'ט ניט אויפהערן ,— פלעגט ער זאגן, — וועל איך קראפירן !

מיר האבן עטלאכע מאל געהאט שלעכטע וועטערס, זיי האבן אבער בלויז ארויסגעבראכט די מעלות פון דער „היספאניאלא“. אלע אויף דער שיף זיינען געווען צופרידן, אויב ניט, איז זיי מסתמא געווען שווער צופרידן צו שטעלן, ווארים איך בין איבערצייגט אז קיין שיף־מאנשאפט איז קיינמאל ניט געווען אזוי צעבאלעוועט, זינט נח איז אריין אין דער תיבה. א ליאדע וואס פלעגט מען טרונקען דאפלפארציעס ראם. אין ספעציעלע טעג, ווי א שטייגער, ווען דער סקווייר האט זיך דערוואוסט ווען עמיצנס א געבורטסטאג, פלעגט מען סערווירן פודינג. אן אפענע פאס מיט עפל איז אלע־מאל געשטאנען אויפן דעק, און ווער ס'האט געוואלט האט געגעסן.

— קיין גוטס וועט דערפון ניט ארויסקומען, — האט דער קאפיטאן געזאגט צו דאקטאר ליווזין. — מיין מיינונג איז, אז

ווער עס צעבאַלעוועט פּראָסטע מאַטראָזן, מאַכט פון זיי טייוואַלים.

פון דער עפּל פאַס, ווי איר וועט שפּעטער זען, איז אָבער דאָך אַרויסגעקומען עפּעס גוטס. ווען ניט די פאַס, וואָלטן מיר ניט געווען געקראָגן קיין וואָרנונג, און וואָלטן אפשר אַלע געווען אומגעקומען פון אַ פאַררעטערישער האַנט.

און אָט ווי ס'האָט געטראָפן:

מיר זיינען געלאָפן מיט די פּאַסאַטן כדי צו דערגרייכן דעם ווינט צו אונדזער אינדזל — מער קיין איינצלהייטן טאָר איך ניט אויסזאָגן — און זיינען איצט געפאָרן טאָג און נאַכט מיט וואונדערלאַכע אויסזיכטן. ס'האָט, לויט דער אויסרעכענונג, געזאָלט זיין דער לעצטער טאָג פון אונדזער רייזע. נאָך יענע נאַכט, אָדער, צום שפּעטסטן, פאַרטאָג, האָבן מיר געזאָלט דערזען דעם „אוצר אינדזל". מיר זיינען געפאָרן אין דער ריכטונג פון דרום-דרום-מערב, און האָבן געהאַט אַ קווערן שטענדיקן ווינט און אַ שטילן ים.

די „היספּאַניאָלאַ" איז געשוואָומען רואיק, פון צייט צו צייט איינגעצנדיק איר פאָדערשטאַנג מיט אַ שפּריי-ווינטל. די זעגלען זיינען געווען אויפגעשוואָלן מיט ווינט אונטן און אויוון. אַלע זיינען געווען מוטיק געשטימט, ווארים מיר זיינען איצט שוין געווען אַזוי נאָענט צום סוף פון דער ערשטער טייל פון אונדזער אונטערנעמונג.

ס'איז שוין געווען פאַרנאַכט. כ'האָב געהאַט אָפּגעטאָן מיין אַרבעט, און האָב שוין געזאָלט גיין שלאָפן, האָט זיך מיר פּלוצלונג פאַרגלוסט אַן עפּל. כ'בין אַרויף אויפן דעק. די וואַך איז געשטאַנען פון פאָרנט, אויסקוקנדיק אויפן אינדזל. דער מאַן בא דער רודער-ראָד האָט אויפמערקזאַם געהיט דעם זעגל-געשפּאַן, און האָט שטילערהייט פאַר זיך געפייפט. דאָס איז געווען דער איינציקער גערויש, אַ חוץ דעם פּלעסטשען פון די כוואַליעס קעגן דער נאָז און די זייטן פון דער שיף.

כ'בין איינגאַנצן אַריינגעקראָכן אין פאַס אַריין, און האָב אין איר ניט געפונען קיין איינציקן עפּל. אָבער זיצנדיק אַזוי אין דער פינצטער, האָבן מיך דער גערויש פון די כוואַליעס, און די וויגנדיקע באַוועגונג פון דער שיף, ווייזט אויס, איינגעשלעפערט, אָדער כ'האָב אפשר אָנגעהויבן איינצודרימלען, ווען אַ שווערער מאַן האָט זיך רויִשיק האַרט לעבן מיר אַנידערגעזעצט. די פאַס האָט זיך אַ

טרייסל געטאָן, ווען ער האָט זיך אויף איר אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע. כ'האָב שוין געוואָלט אויפשפּרינגען, אָבער כ'האָב דער־הערט ווי דער מאַן האָט אָנגעהויבן צו רעדן. ס'איז געווען סיל־ווערס קול. הערנדיק די ערשטע צען־צוועלף ווערטער, וואָלט איך זיך פאַר קיין זאַך אין דער וועלט ניט געוועזן פאַר קיינעם. כ'בין ציטערנדיק געלעגן, און זיך צוגעהערט מיט גרויס שרעק און נייגיריגקייט. פון די דאָזיקע צוועלף ווערטער האָב איך באַלד פאַרשטאַנען אז די לעבנס פון יעדן ערלאַכן מענטש אויף דער שיף זיינען געווען אָפּהענגיק פון מיר אַליין.

עלפטער קאַפּיטל

וואָס כ'האָב געהערט אין דער עפּל פאַס

— ניין, ניט איך, — האָט סילווער געזאָגט. — פלינט איז געווען קאַפּיטאַן, און איך בין געווען קוואַרטיר־מייסטער, ניט קוקנדיק אויף מיין הילצערנעם פוס. אין דערזעלביקער קאַנאָנאַדע וואָס איך האָב פאַרלוירן מיין פוס, האָט אויך דער אַלטער פּיו פאַרלוירן זיינע „פּענצטערלאַד״. אָ, ער'ז געווען אַ מייסטער פון כירורגיע, דער וואָס האָט מיר דעם פוס אָפּגעשניטן — אַ „געענדיקטער״ א. א. וו. — גערעדט לאַטיין ווי אַ וואַסער, און וואָס ניט? מ'האָט אים אָבער געהאַנגען ווי אַ הונט, און געלאָזט טריקענען אויף דער זון גלייך מיט די איבעריקע, לעבן קאָרסאָ קאַסטעל. דאָס איז געווען קאַפּיטאַן ראָבערטס באַנדע, איז עס; און גענומען האָט זיך עס דערפון וואָס מ'האָט געביטן דעם נאָמען פון דער שיף — „ראָיאַל פאָרטונע״ א. א. וו. — וואָרים ווי מ'האָט אַ שיף אַ נאָמען געגעבן, אַזוי זאָל זי הייסן, זאָג איך. דאָס זעל־ביקע האָט געטראָפן מיט דער „קאַסאַנדראַ״, וועלכע האָט אונדז אַלע בשלום אהיים געבראַכט פון מאַלאַבאַר, נאָכדעם ווי ענגלאַנד האָט געפאַנגען דעם וויצע־קעניג פון אינדיע. דאָסזעלביקע האָט אויך פּאַסירט מיטן אַלטן „וואַלרוס״, פלינטס פריערדיקע שיף, וועל־

בע כ'האָב אַליין געזען אײנגעטונקט אין רויט בלוט, און כמעט זינקענדיק אונטער דער שווערער משא גאָלד.

— אָהאָ! — האָט אַ ווייטע שטים, פונם יונגסטן מאַטראָז אויף דער שיף, אויסגערופן פול מיט באַגייסטערונג, — ער'ז, הייסט עס, געווען דער קעניג פון אַלע פּיראַטן, דערדראַזיקער פלינט!

— דײַוויס איז אויך ניט געווען קיין פּראָסטער, לויט ווי מען דערציילט, — האָט סילווער באַמערקט, — כ'בין אָבער מיט אים קיינמאָל ניט געפאָרן. פריער מיט ענגלאַנדן, דערנאָך מיט פלינטן, דאָס איז מיין געשיכטע, — און איצט אויף מיין אייגענער רעכנונג, אַזוי צו זאָגן. כ'האָב אָפּגעשפּאָרט ניין הונדערט פונט בא ענגלאַנדן, און צוויי טויזנט בא פלינטן, ניט שלעכט פאַר אַ פּראָסטן מאַטראָז, האַ? און דאָס גאַנצע געלט ליגט אין זיכערע הענט, אין באַנק. ס'איז ניט וויפיל דו פאַרדינסט, ס'איז וויפיל דו שפּאָרסט אָפּ. אָט וואָס! וואו איז איצט ענגלאַנדס באַנדע? כ'ווייס ניט. וואו איז פלינטס? די מייסטע זיינען דאָ מיט אונדז אויף דער שיף, און זיינען זייער צופרידן וואָס זיי קריגן כאָטש פּודינג, — פריער אָבער האָבן זיי אַלע געמוזט אָנקומען צו בעטלעריי. דער אַלטער פּיו, ווען ער איז בלינד געוואָרן, האָט אומפאַרשעמטערהייט אויסגעגעבן צוועלף הונדערט פונט אין איין יאָר, ווי אַ לאָרד פון פּאַרלאַמענט. וואו איז ער איצט? ער ליגט אין דר'ערד מיט די ביינער. אָבער צוויי יאָר איידער ער איז געשטאָרבן, אַ קלאָג צו אים, איז ער אויסגעגאַנגען פון הונגער. ער האָט געבעטלט, און גע'גנב'עט, און געשניטן העלדזער, און פון אַלע גליקן האָט ער דאָך געהונגערט ווי אַ הונט, צו אַלדי רוחות!

— ס'הייסט, נאָכאַלעמען, האָט מען דאָך פון דעם גאָרניט, — האָט געזאָגט דער יונגער מאַטראָז.

— נאַראָנים האָבן גאָרניט ניט פון דעם, ניט פון דעם, און ניט פון עפּעס אַנדערש, זאָג איך דיר, — האָט סילווער אויסגערופן. — אָבער, הער מיך אויס: דו ביסט נאָך אפילו יונג, אָבער שאַרף ווי אַ חלף, כ'האָב עס באַמערקט פון דער ערשטער מינוט. כ'על צו דיר רעדן ווי מאַן צו מאַן.

שטעלט זיך פאָר ווי איך האָב געפילט, הערנדיק דעמדראַזיקן פאַרדאַמטן, אַלטן לומפּ זאָגן אַ צווייטן דיזעלביקע, שיינע, חניפה'־

דיקע רייד, וואָס ער האָט באַנוצט אויף מיר. כ׳זאָל נאָר געווען קאָנען, וואָלט איך אים דורך דער פּאָס געווען דער׳הרג׳עט. ער האָט אַזוי גערעדט ווייטער, אָן וועלכן ס׳איז חשד אַז עמיצער הערט זיך אונטער צו זיין געשפּרעך:

— יאָ, אַזוי איז׳ס שוין מיט דידאָזיקע ריטער פון צופאַל. זיי פירן אַ שטורמדיקן לעבן, ריזיקירן געהאַנגען צו ווערן, עסן און טרינקען ווי קאַמף־האָנען, אָבער נאָך אַן עקספּעדיציע, בלייבט זיי איבער אין די קעשענעס הונדערטער פונטן, אַנשטאָט הונדערטער גראָשנס. דעם גרעסטן טייל געבן זיי אויס אויף ראָם און הוליאַנ־קעס, און דערנאָך — ווידער אויפן ים אין הוילע העמדער. איך פיר זיך ניט אַזוי. איך לייג עס אינגאַנצן אַוועק, אַ ביסל דאָ, אַ ביסל דאָרט, און אין ערגעץ ניט צופיל, כדי ניט אַרויסצורופן קיין חשד. דו ווייסט, כ׳בין שוין איצט אַ פופציקער; צוריקקומענדיק פון דער איצטיקער עקספּעדיציע, וועל איך אויף אַן אמת אָנהויבן פירן אַ לעבן פון אַ דזשענטלמאַן. ס׳איז שוין לאַנג צייט געווען, זאָגסטו? אפשר? כ׳האָב אָבער ביז איצט אויך געלעבט גוט. כ׳בין קיינמאָל ניט געווען זשעדנע אין קיין זאַך. כ׳האָב שטענדיק געהאַט אַ ווייך בעט, און האָב געגעסן פון שענסטן און בעסטן אַלע מיינע יאָרן, אַ חוץ ווען כ׳בין געווען אויפן ים. און ווי אַזוי האָב איך אָנגעהויבן? ווי אַ פּראָסטער מאַטראָז, פּונקט אַזוי ווי דו!

— אויב אַזוי, — האָט געזאָגט דער צווייטער, — וועט דאָך איצט גיין פאַרלוירן אייער גאַנץ געלט! איר וועט דאָך ניט וואַגן צו ווייזן זיך אין בריסטאָל, נאָך דער איצטיקער רייזע?

— וואו דענקסטו דען איז איצט מיין געלט? — האָט סילווער אָפּשפּאָטנדיק געפרעגט.

— וואָס הייסט? אין בריסטאָל, אין די בענק און אַנדערע פּלעצער, — האָט געענטפערט זיין חבר.

— יאָ, ס׳איז טאַקע געווען דאָרט, — האָט געזאָגט דער קוכער, — ביז מיר האָבן אַרויפגעצויגן דעם אַנקער. אָבער איצט האָט עס מיין אַלטע צוריק אינגאַנצן. דער „שפּאַקטיוו“ איז פאַרקויפט — אַרענ־דע, קונדשאַפט, און איינריכטונג — — און מיין אַלטע איז שוין אויפן וועג צו טרעפן זיך מיט מיר. כ׳אָלט דיר אויסגעזאָגט וואו,

ווארים כ'האב צו דיר צוטרוי, אבער ס'קאן נאך ארויסרופן קנאה בא די חברים.

— וואס, איר געטרויט אייער פרוי? — האט געפרעגט דער צווייטער.

— ריטער פון צופאל, — האט געענטפערט דער קוכער, — האבן זייער ווייניק צוטרוי איינער צום אנדערן, און מיט רעכט, איך בין אבער א דורכגעווייבערטע ליולקע, בין איך. ווען איינער וויל מיר אפטאן א שפיצל, כ'מיין איינער וואס קען מיך, ווער ער'ס שוין טאן אויף יענער וועלט. א סך מענטשן האבן מורא גע־האט פאר פיון, און א סך האבן מורא געהאט פאר פלינטן, אבער פלינט אליין האט מורא געהאט פאר מיר, ער האט געציטערט, און האט שטאלצירט מיט מיר. און ווייסן זאלסטו, פלינטס באנדע איז געווען די שטורעמדיקסטע אויפן ים, דער טייוול אליין וואלט געווען מורא געהאט צו פארן מיט זיי אויף איין שיף. וואס איז דא פיל צו רעדן, כ'בין ניט קיין בארימער — האסט אליין געזען ווי חבר'יש כ'בין מיט אלעמען — אבער ווען איך בין געווען קווארטיר־מייסטער, האבן מיר עם געברענט א וועלט מיט פלינטס פיראטן! אהא!

— קאנסט אבער זיין גאנץ רואיק אויפן אלטן דזשאנס שיף.

— כ'על אייך זאגן דעם אמת, דזשאן, — האט געענטפערט דער בחור, — די שטעלע איז מיר גארניט געווען געפעלן ביז אונדזער איצטיקן געשפרעך, איצט אבער — נאט אייך מיין האנט!

— ביסט א בראווער יונג, און קלוג דערצו, — האט סילווער געענטפערט, דריקנדיק זיין האנט אזוי הארציק, אז די גאנצע פאס האט זיך געטרייסלט, — קיין פיינערן מוסטער פון א ריטער פון צופאל האב איך נאך ניט געזען.

ערשט איצט האב איך אנגעהויבן צו פארשטיין דעם טייטש פון זייערע ווערטער: א „ריטער פון צופאל" האט געמיינט, ניט מער און ניט ווייניקער, ווי א געוויינטלאכער פיראט, און די סצענקע וואס איך האב אונטערגעהערט איז געווען דער לעצטער אקט פון איבערפירן איינעם פון די לעצטע ערלאכע מאטראזן אויף דער שיף — אפשר דעם לעצטן. די זאך איז מיר אבער באלד געווארן נאך קלארער. ווען סילווער האט געגעבן א לייכטן פייף, און א דריי־טער מאן איז צוגעקומען און זיך אנידערגעזעצט לעבן זיי.

— דיק איז בלאַט! — האָט סילווער געזאָגט.

— אָ, איך האָב פריער געוואוסט אַז דיק איז בלאַט, — האָט געענטפערט די שטים פון איזראַעל האַנדס, דעם רודערמאַן. — דיק איז ניט קיין נאַר, איז ער ניט, — האָט ער געזאָגט, מעלה־גרה'ט זיין טאַבאַק, און געשפּיגן, — אָבער זאָגט מיר נאַר, באַר־בעקיו, — האָט ער פאַרגעזעצט, — וואָס איך וויל וויסן איז אָט וואָס: ווי לאַנג נאָך וועלן מיר זיך אַרומשלעפּן ווי אַ פּאַסקודנע מאַרק־שיפל? דערדאַזיקער קאַפּיטאַן סמאָלעט ליגט מיר שוין אין די ביינער, ער האָט זיך אין מיר שוין גענוג נוקם געווען, צום שוואַרצן יאָר! איך וויל אויך אַרונטער אין דער קאַיוטע, וויל איך. איך וויל אויך הנאה האָבן פון זייערע דעליקאַטעסן, וויינען, און אַנ־דערע גוטע זאַכן.

— איזראַעל, — האָט סילווער געזאָגט, — מילא קיין שכל האָסטו ניט, און קיינמאָל ניט געהאַט, אָבער הערן, דענק איך, קאָנ־סטו, דיינע אויערן זיינען, צום ווייניקסטן, לאַנג גענוג. הער־זשע וואָס כ'על דיר זאָגן: וועסט שלאָפן אין דער פאָדערשיף, אַרבעטן שווער, רעדן אַנשטענדיק, און זיין ניכטער, ביז איכ'ל געבן דעם סיגנאַל, קאָנסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן, מיין זון.

— כ'זאָג ניט אַז ניט, — האָט דער רודערמאַן געבורטשעט, — וואָס איך וויל בלויז וויסן איז, ווען? אָט וואָס!

— ווען? צו אַלדי רוחות! — האָט סילווער אויסגעשריען. — גוט, אויב דו ווילסט'ס וויסן, וועל איך דיר זאָגן ווען: בּאַ דער ערשטער געלעגנהייט, אָט ווען! דערווייל האָבן מיר אַז אויס־געצייכנטן מאַטראָז, קאַפּיטאַן סמאָלעט, וועלכער פירט פון אונזערט־וועגן די פאַרדאַמטע שיף. דער סקווייר און דער דאָקטאָר האָבן אַ מאַפּע מיט אַלע איינצלהייטן — א י ך ווייס ניט וואו זי איז, און דו אויך ניט, זאָגסטו. איך מיין, דעריבער, אַז די גלייכ־סטע זאַך איז, אַז מיר זאָלן וואַרטן ביז דער סקווייר און דער דאָקטאָר וועלן געפינען די מזומנים, און זיי אַרויפטראָגן אויף דער שיף, צו אַלדי רוחות! דאַן וועלן מיר זען וואָס מיר האָבן צו טאָן. וואָלט איך זיך אויף אייך, פאַרדאַמטע הינט, געקאָנט פאַר־לאָזן, וואָלט איך אפילו געצוואונגען קאַפּיטאַן סמאָלעטן ער זאָל אונדז צוריקפירן האַלב וועג, איידער איך דערלאַנג דעם ערשטן קלאַפּ.

— וואָסי, נאָך וואָס וואַרטן ? איך דענק אַז מיר זיינען אַלע גוטע מאַטראָזן, — האָט געזאָגט דער יונגער דיק.

— מיינסט, מיר זיינען אַלע גוטע פּאָדערמאַסטניקעס, — האָט אים סילוועער אונטערבראָכן. — מיר קאָנען טרייבן די שיף, אָבער ווער וועט אונדז אָנווייזן דעם וועג ? דאַרויף טויגט איר אַלע אויף כפּרות, פונם ערשטן ביזן לעצטן ! ווען ס'אויף מיר אָליין, וואָלט איך געצוואונגען קאַפּיטאַן סמאָלעטן ער זאָל אונדז צוריק־פירן, צום ווייניקסטן, ביז די פּאַסאַטן. מיר וואָלטן דאַן פאַרשפּאָרט די פאַרשיידענע אויסרעכענונגען, און כאָטש געהאַט אַ לעפל וואַסער אַ טאָג. אָבער, איך קאָן אייך צו גוט. כ'על זיי דערפאַר צורעכט מאַכן אויפן אינדזל, גלייך נאָכדעם ווי דער אוצר וועט זיין אויף דער שיף. ס'אַ גרויסער שאָד, כ'לעבן, אָבער איר קאָנט זיך ניט באַרואיקן ביז איר שיכור'ט זיך ניט אָן. עך, מ'קאָן פון אייך קראַ־פירן ! כ'על עס ניט אויסהאַלטן צו פאָרן מיט אַזעלכע אידיאָטן ווי איר זיינט !

— שאַט, שאַט, באַרואיקט זיך, „לאַנגער דזשאָן", — האָט איזראַעל אויסגעשריען, — ווער שטערט אייך דען, ווער שטייט אייך אין וועג ?

— וויפל שטאָלצע שיפן, דענקט איר, האָב איך שוין געזען געפאַנגען ווערן ? און וויפל כוואַטסקע יונגען טריקענען אויף דער זון אויפן "תליה־דאָק" ? — האָט סילוועער אויסגעשריען, — און אַלץ צוליב דערזועלביקער פאַרדאַמטער איילעניש און יאָגעניש, איר הערט, צי ניין ? כ'האָב זיך שוין געגנוג אָנגעזען אויפן ים, האָב איך. אויב איר'ט נאָר פאָלגן, און אָנגיין אויף ווייטער מיט דער אַרבעט, וועט איר פאָרן אין קאַרעטן, וועט איר, אָבער ווי קומט עס צו אייך ! איר'ט זיך מאָרגן אָנ'שיכור'ן, און אונטערגיין.

— אָ, מיר ווייסן אַלע אַז איר זיינט אַ גוטער מוסר'ניק, דזשאָן, מיר האָבן שוין אָבער געזען אַזעלכע וואָס קאָנען טרייבן און רודערן פונקט ווי איר — האָט איזראַעל געזאָגט. — זיי האָבן ליב געהאַט אַ לעב טאָן, האָבן זיי. האָבן זיך ניט געהאַלטן אַזוי גרויס, און ניט געווען אַזוי פאַרדאַמט אָנשטענדיק, נאָר געלעבט אַ גוטן טאָג, ווי גוטע ברידער, יעדער איינער פון זיי.

— אַזוי ? — האָט סילוועער געזאָגט, — אָבער וואו זיינען זיי

איצט? פיו איז געווען אזא פויגל, און ער איז געשטאָרבן אַ בעט־לער. פלינט אויך, און ער איז געשטאָרבן פון צופיל ראָם אין סאוואַנע. אָ, זיי זיינען געווען וואוילע יונגען, מ׳קאָן ניט זאָגן. אָבער וואו זיינען איצט אַלע?

— אָבער וואָס וועלן מיר מיט זיי טאָן, ווען מירן זיי שוין אָפּראַמען פון וועג? — האָט דיק געפרעגט.

— אָט דאָס הייסט ווערטער, — האָט דער קוכער אויסגעשרי־ען מיט באַגייסטערונג, — אָט דאָס הייסט ריידן צו דער זאַך! וואָס דענקסטו, וועלן מיר טאָן מיט זיי? איבערלאָזן אויף אַן אינדזל?

— אַזוי פלעגט זיך ענגלאַנד פירן. אויסשעכטן ווי חזירים?

— אַזוי פלעגן האַנדלען פלינט און בילי באָונס.

— בילי האָט זיך אויסגעטויגט אויף אַזעלכע זאַכן, — האָט איזראַעל געזאָגט, — „טויטע בייסן ניט“, פלעגט ער זאָגן. איצט איז ער אַליין שוין טויט, און ווייסט עס אויסגעצייכנט. הערט איר. אויב אַ שלאָק איז ווען אַוועק רוען אויף יענער וועלט, איז׳ס בילי.

— גאָלדענע ווערטער! — האָט סילווער אויסגערופן, — ניט פּאָלירט, אָבער צום פּונקט! אַלזאָ, הערט מיך אוים מיט קאָפּ: איך בין אַ גוט־הערציקער — אַ גאַנצער דזשענטלמאַן, זאָגסטו! אָבער געננג געשפּאַסט. פּליכט איז פּליכט, חברים. איך שטים פאַר — — טויט. ווען כ׳על ווערן אַ מיטגליד אין פּאַרלאַמענט, און פאָרן אין אַ קאַרעטע, וועט מיר מער ניט פעלן נאָר אַז דידאָזיקע ים־אַדוואָ־קאָטן פון דער קאַיוטע זאָלן זיך פּלוצלונג אַראָפּיאָווען אַהיים, ניט־געבעטענערהייט, ווי אַ טייוול צו אַ תפילה! דערווייל אָבער דאַרף מען וואַרטן, און אַז ס׳עט קומען די צייט — היידאַ!

— דזשאָן, — האָט דער רודערמאַן אויסגעשריען, — דו ביסט אַ מאַן!

— ׳עסט עס זאָגן, איזראַעל, ווען ׳עסט עס זען! — האָט סילווער געזאָגט, — איך פאַרלאַנג נאָר איין זאַך — — איך וויל צערעכט מאַכן טרעלאָני. כ׳וויל אָפּדרייען זיין קעלבערנעם קאָפּ מיט מיינע אייגענע צוויי הענט. דיק, — האָט ער זיך געווענדט צום יונגן מאַטראָז — זיי אַ גוטער בחור, און דערלאַנג מיר אַן עפּל, כ׳וויל באַנעצן דעם גאָרגל.

שטעלט זיך פאַר מיין שרעק! כ'זאָל געווען האָבן כח, וואָלט איך געווען אַרויסגעשפּרונגען און אַנטלאָפן, ס'האָט מיר אָבער אָפּ־גענומען הענט און פיס, און ס'האַרץ איז מיר אַריין אין די פּיאַטעס. כ'האָב געהערט ווי דיק האָט זיך אויפגעהויבן, אָבער עמי־צער האָט אים, ווייזט אויס, אָפּגעשטעלט, און האנדס שטים האָט אויסגערופן:

— עך, לאָז געמאַך, דזשאָן, וואָס זשליאָקעסטו דאָסדאָזיקע אָפּגוס־וואַסער? לאָמיר בעסער נעמען צו ביסלאַך ראָם!

— דיק, — האָט סילווער געזאָגט, — איך געטרוי דיר, פאַר־געס אָבער ניט אז כ'האָב אַ סימן אויפן פעסל, אַט האָסטו דעם שליסל, גיס אָן אַ קענדל, און ברענג עס אַרויף.

כאָטש כ'בין געווען אַזוי צעשראָקן, איז מיר דאָך געקומען אויפן געדאַנק אַז אַזוי אַרום נאָך האָט עס אַראָו געקראָגן די „שטאַרקע וואַסערן" פון וועלכע ער איז אומגעקומען.

דיק האָט זיך ניט געזאַמט לאַנג, און אין זיין אָפּוועזנהייט האָט איזראַעל גערעדט צום קובער אויפן אויער. כ'האָב געכאַפּט בלויז עטלאַכע ווערטער, אָבער זיי זיינען געווען זייער וויכטיק. אַ חוץ שטיקלאַך און פיצלאַך, אַלץ וועגן דעמזעלבן ענין, האָב איך געהערט דעמדאָזיקן גאַנצן זאַץ: — מער וועט זיך קיינער ניט אָנשליסן! — ס'זיינען נאָך, הייסט עס, געבליבן עטלאַכע געטרייע מאַטראָזן אויף דער שיף, האָב איך געטראַכט.

ווען דיק איז צוריקגעקומען, האָבן זיי אַלע דריי, איינער נאָכן אַנדערן, גענומען דאָס קענדל און געטרונקען. איינער — „זאָל זיין מיט גליק!", אַ צווייטער — „פאַרן אַלטן פלינט!" און סילווער אַליין האָט האַלב־זינגענדיק געזאָגט:

„פאַר אונדז אַליין און אונדזער גליק,
אַ גאָלדענעם שקונער צו ברענגען צוריק!"

גראָד דאַן איז אַ העלער שיין געפאַלן אין דער פאַס. אַרויפ־קוקנדיק, האָב איך דערזען אַז די לבנה איז אויפגעגאַנגען, באַזיל־בערט דעם הויפּטמאַסט, און געוואָרפן אַ ווייסן שיין אויף די זעגלען. כמעט אין דערזעלבער צייט האָט זיך דערהערט די שטים פון דער וואַך: — לאַנד, לאַנד!

צוועלפטער קאַפּיטל

דער קריג־ראַט

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג פון פיס איבערן דעק. כ'האָב געהערט ווי מענטשן זיינען געלאָפן אין גרוים איילעניש פון דער קאַיוטע און דער פאָדערשיף. ארויסכאַפּנדיק זיך אין איין אויגנבליק פון דער פאַס, האָב איך זיך באַהאַלטן הינטערן פאָדערזעגל, און בין איינס־צוויי געווען אין דער הינטערשיף. דאָרט האָב איך אָנגעטראָפן האַנטערן און דאָקטאָר ליוויזי, און בין מיט זיי מיטגעלאָפן צום ווינט־בויגן.

אַלע זיינען שוין דאָרט געווען פאַרזאַמלט. גלייכצייטיק מיטן דערשיינען פון דער לבנה איז אויך פאַרשוואונדן דער נעפּל־שלייער. פון דערווייטנס, אין דרום־מערב זייט, האָט מען געקאָנט זען צוויי נידעריקע בערג, אָפּגעטיילט אויף עטלאַכע מייל איינער פונם אנדערן, און הינטער איינעם פון זיי, אַ דריטן און אַ העכערן באַרג, וועמעס שפּיץ איז נאָך געווען באַהאַלטן אינם נעפּל. אַלע דריי האָבן אויסגעזען שאַרף און קאָנוס־פאָרמיק.

כ'האָב אַלצדינג געזען ווי אין חלום, ווארים כ'בין נאָך אַלץ ניט געקומען צו זיך פון דער שוידערלאַכער שרעק וואָס כ'האָב נאָר וואָס דורכגעלעבט. דאַן האָב איך געהערט קאַפּיטאַן סמאָלעטס שטים ארויסגעבן באַפעלן. די „היספּאַניאָלאַ“ איז געלייגט געוואָרן עטלאַכע פונקטן נענטער צום ווינט, און איז געשוואומען אין אַ ריכטונג וואָס האָט איר געזאָלט ארויסברענגען אויף דער דרום זייט פונם אינדזל.

— און איצט, חברים, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן, נאָכדעם ווי די זעגל־שטריק זיינען ריכטיק פאַרצויגן געוואָרן, — האָט עמיצער פון אייך אַמאָל געזען דאָסדאָזיקע לאַנד?

— איך, מיין הער, — האָט זיך אָנגערופן סילווער, — כ'בין אַמאָל געווען קוכער אויף אַ האַנדל־שיף וועלכע האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט אָנצונעמען וואַסער.

— דער אַנקערפּלאַץ איז, גלויב איך, אין דרום זייט, הינטער אַ קליינעם אינדזל, הא? — האָט געפרעגט דער קאַפּיטאַן.

— יאָ, מיין הער, מ'רופט אים „סקעלעט אינדזל". ער איז אַמאָל געווען אַ הויפּט נעסט פון פּיראַטן. איינער פון אונדזערע חברים אויף יענער שיף האָט געוואוסט אַלע זייערע צונעמען פון די פאַרשיידענע פּלעצער. יענעם בארג צפון־צו האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן „פאָדערמאַסט באַרג", ער איז איינער פון דריי בערג אין אַ שורה, דרום צו — פאָדערמאַסט, הויפּטמאַסט, און הינטערמאַסט. דעם גרויסן באַרג מיטן וואָלקן אויף אים, פלעגן זיי געוויינטלאך רופן דער „שפּאַקטיוו", מחמת דער וואַך וואָס זיי פלעגן אויף אים האַלטן, ווען זיי פלעגן דאָ אַנקערן „אויסצולאָדן". יאָ, דאָ פלעגן זיי עס, אַנטשולדיקט, „אויסלאָדן" זייערע שיפן, מיין הער.

— אָט האָב איך דאָ אַ מאַפּע, — האָט געזאָגט קאַפּיטאַן סמאָלעט, — גיט אַ קוק צי דאָס איז טאַקע דאָס פּלאַץ.

דעם „לאַנגנס" אויגן האָבן אָנגעהויבן צו ברענען, ווען ער האָט גענומען די מאַפּע. צוליב דעם נייעם אויסזען פונם פּאַפּיר, האָב איך אָבער געוואוסט אַז ער'ט ווערן אַנטוישט. ס'איז ניט געווען דיזעלבע מאַפּע וואָס מיר האָבן געפונען אין בילי באָנס קאַסטן נאָר אַ פּינקטלאַכע קאָפּיע, פולקאָם אין אַלצדינג — נע־מען, בערג און וואַסערטיפן — ס'האָבן בלויז געפעלט די רויטע קרייצן און די געשריבענע באַמערקונגען. כאָטש זיין ערגער־ניש איז געווען אַזוי פיינלאַך, איז סילווער דאָך געווען גענוג קאַלט־בלוטיק זיך מיט איר צו באַהאַלטן.

— יאָ, מיין הער, — האָט ער געזאָגט, — דאָס איז דאָס פּלאַץ, געוויס. אַ שיינע צייכנונג, כ'לעבן, ווער האָט'ס געקאָנט מאַכן? כ'גלויב אַז די פּיראַטן זיינען געווען צו אומוויסנד אויף אַזעלכע זאַכן... אָט איז עס: „קאַפּיטאַן קידס אַנקערפּלאַץ" — אַזוי פלעגט'ס טאַקע מיין שיף־חבר רופן. אַ שטאַרקער שטראָם לויפט דאָ באַם דרום'דיקן ברעג, צפון־צו, ביז דעם מערב'דיקן ברעג. איר האָט דעריבער זייער גוט געטאָן, מיין הער, — האָט ער געזאָגט, — וואָס איר האַלט זיך נענטער צום ווינט, און שטייט אויף דער ווינט־זייט פונם אינדזל; אַלנפאַלס, אויב איר האָט אינזינען זיך אָפּשטעלן פאַרריכטן די שיף; קיין בעסער אָרט פאַר אַזאַ אַרבעט וועט איר אין דיזאַקע וואַסערן ניט געפינען.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, — האָט געזאָגט קאַפּיטאַן סמאָלעט, —

כ׳על אייך שפעטער־צו בעטן איר זאָלט אונדז העלפן מיט נאָך. איצט קאָנט איר גיין.

דזשאָנס קאַלטבלוטיקייט מיט וועלכער ער האָט באַשטעטיקט זיין באַקאַנטשאַפט מיטן אינדזל, האָט מיך זייער איבערראַשט, און ס׳איז מיר אַריבער אַ גרויל אויפן לייב, ווען כ׳האָב אים געזען זיך לאָזן צוגיין צו מיר. ער האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געוואוסט אַז איך האָב אין דער עפּל־פאַס אונטערגעהערט זיין ראַט־פאַרזאַמלונג, פונדעסטוועגן האָב איך איצט אַזוי מורא געקראָגן פאַר זיין גרויזאַמקייט, צוויי־פּנים׳דיקייט, און מאַכט, אַז כ׳האָב זיך קוים געקאָנט איינהאַלטן איך זאָל ניט אַ ציטער טאָן, ווען ער האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט זיין האַנט.

— אַך! — האָט ער געזאָגט, — ס׳אַ וואונדערלאַך ערטל, אָט דערדאָזיקער אינדזל איז — אַ טייער ערטל פאַר אַ אינגל צו באַזוכן! סט׳זיך באָדן, סט׳קלעטערן אויף די בערג, סט׳כאַפּן ציגן, ׳עסטו, און ס׳טאַליין אַרויפקלעטערן אויף דידאָזיקע בערג ווי אַ ציג. כ׳ווער אַליין צוריק יונג, כ׳לעבן. כ׳האָב כמעט פאַרגעסן מיין הילצערנעם פוס, האָב איך. ס׳אַרא טייערע זאַך צו זיין יונג, און צו האָבן צען פיס־פינגער, מעגסט מיר גלויבן! אויב סט׳ווילן אונטערנעמען אַ קליינע אויספאָרשונג, זאָלסטו בלויז אַ בעט טאָן דעם אַלטן דזשאָן, און ער׳ט דיר שוין צוגרייטן אַ גוטן איבערביים מיטצונעמען אויפן וועג.

ער האָט מיר אויף אַ פריינטלאַכן אופן ווידעראַמאָל אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע, איז אַוועקגעשפּרונגען, און איז אַרונטער אונטן.

קאַפּיטאַן סמאָלעט, דער סקווייר, און דאָקטאָר ליוועזי זיינען געשטאַנען אויפן הינטערדעק און האָבן צווישן זיך גערעדט. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס כ׳בין געווען אַזוי להוט זיי צו דערציילן מיין געשיכטע, האָב איך זיי אָבער ניט געוואַגט איבערצושלאָגן פאַר אַלעמען אין די אויגן.

ווי כ׳בין אַזוי געשטאַנען און האָב געזוכט עפּעס אַ פּאַסיקן אויסרייד, האָט מיך דאָקטאָר ליוועזי צוגערופן צו זיך. ער האָט פאַרגעסן זיין ליולקע אונטן — אָ, ער איז געווען אַ ליידנשאַפטלאַכער רויכערער — און האָט מיך געבעטן כ׳זאָל זי אים אַרויפברענגען.

אָבער ווי נאָר כ'בין געווען געגוג נאָנט צו קאָנען צו אים רעדן אַזוי אַז קיינער זאָל ניט הערן, האָב איך תיכף אויסגערופן: — דאָקטאָר, לאָזט מיך רעדן. נעמט דעם קאַפּיטאַן און דעם סקווייר אַרונטער אין דער קאַיוטע, און דאַן שיקט מיך רופן מיט עפּעס אַן אויס־רייד. כ'האָב שרעקלאַכע נייס.

דעם דאָקטאָרס פּנים האָט זיך עטוואָס געביטן, אָבער אין איין רגע האָט ער זיך באַהערשט.

— אַ דאַנק, דזשים, — האָט ער גאַנץ הויך געזאָגט, דאָס איז אַלץ וואָס כ'האָב געוואָלט וויסן, — ווי ער וואָלט מיר האָבן געפרעגט אַ פראַגע.

מיט די רייד האָט ער זיך אויסגעקירעוועט, און איז צוריק צוגעגאַנגען צו די אַנדערע צוויי. זיי האָבן אַ ווײַלע צווישן זיך גערעדט, און כאָטש קיינער פון זיי האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין שום אויפרעגונג, ניט געהעכערט זיין שטים, און אפילו ניט גע־פייפט, האָב איך אָבער פאַרשטאַנען אַז דאָקטאָר ליווזי האָט זיי איבערגעגעבן מיין פאַרלאַנג. אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך גע־הערט דעם קאַפּיטאַן געבן דזשאָב אַנדערסאָנען אַ באַפעל — און דער האָט מיט זיין פייפל צונויפגערופן אַלעמען אויפן דעק.

— חברים, — האָט קאַפּיטאַן סמאָלעט געזאָגט, — כ'האָב אייך עפּעס צו זאָגן. דאָסדאָזיקע לאַנד וואָס מיר האָבן נאָר וואָס דער־זען, איז טאַקע דער פּלאַץ וואוהין מיר זיינען געפאָרן. ווי מיר אַלע וויסן, איז מיסטער טרעלאָני זייער אַ גוט־הערציקער דזשענטלמאַן. ער האָט מיך נאָר וואָס געפרעגט אַ פּאָר זאַכן, און כ'בין געווען אימשטאַנד אים צו זאָגן אַז יעדער איינער אויף דער שיף, אויוון און אונטן, האָט געטאָן זיין פליכט אַזוי, אַז ס'קאָן גאָר בעסער ניט זיין. און איצט גייען מיר אַלע דריי, — ער, איך, און דער דאָקטאָר, — אַרונטער אין דער קאַיוטע צו טרינקען פאַר א י י ע ר געזונט און גליק, און אייך וועט מען סערווירן האַריק, כדי איר זאָלט טרינקען פאַר א ו נ ד ז ע ר געזונט און גליק. איך דענק אַז ס'איז זייער שיין פון אים, און אויב איר דענקט אויך אַזוי, טאָ לאָמיר באַגריסן דעם דזשענטלמאַן וואָס באַהאַנדלט אונדז אַזוי וואונדערלאַך מיט אַ מעכטיקן „היפּ! היפּ! הורא!“

די אָוואַציע איז, פאַרשטייט זיך, באַלד געמאַכט געוואָרן,

און האָט אָפּגעהילכט אַזוי מונטער און האַרציק, אַז כ'מוז צוגעבן, כ'האָב זיך קוים געקאָנט גלויבן אַז דיזעלביקע מענטשן האָבן גע־מאַכט אַ פאַרשווערונג אויף אונדזער לעבן.

— נאָך איין „הורא" פאַר קאַפּיטאַן סמאָלעטן! — האָט דער „לאַנגער דזשאָן" אויסגעשריען, ווען דער ערשטער האָט זיך איינ־געשטילט.

אויך דערדאָזיקער איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן מיט גרויס געפיל.

באַלד נאָכדעם זיינען די דריי הערן אַרונטער אונטן. ס'האָט ניט געדויערט לאַנג, און מ'האָט געלאָזט וויסן אַז מ'רופט דזשים האָקינסן אין דער קאַיוטע.

כ'האָב זיי אַלע דריי געפונען זיצן אַרום טיש, אויף וועלכן ס'זיינען געשטאַנען אַ פלאַש שפּאַנישער וויין און אַ טעלער ראָ־זשינקעס. דער דאָקטאָר האָט געהאַלטן אין איין רויכערן, און דעם פּאַרוק האָט ער געהאַלטן אויפן שויס — אַ סימן אַז ער איז געווען זייער אויפגערעגט. דאָס הינטער־פענצטער איז געווען אָפן, וואָרים ס'איז געווען אַ וואַרעמע נאַכט, און מ'האָט געקאָנט זען די לבנה אָפּגעשפּיגלט אינם שפּור־פּאַס פון דער שיף.

— נו, האָקינס, — האָט געזאָגט דער סקווייר, — האָסט אונדז עפּעס צו דערציילן? אַרויס מיט דיבורים!

כ'האָב געפאָלגט, און אַזוי קורץ ווי מעגלאַך, דערציילט אַלע איינצלהייטן פון סילווערס געשפּרעך. קיינער האָט מיך ניט אי־בערגעשלאָגן ביז כ'האָב ניט געענדיקט, קיינער האָט צומאָל ניט געמאַכט די קלענסטע באַוועגונג. זיי האָבן פון מיר ניט אַראָפּ־גענומען די אויגן פונם אָנהייב ביזן סוף.

— דזשים, — האָט געזאָגט דאָקטאָר ליווזי, — זעץ זיך!

כ'האָב זיך געזעצט צום טיש. מ'האָט מיר אָנגעגאָסן אַ גלאָז וויין, אָנגעלייגט פולע זשמעניעס מיט ראָזשינקעס, און אַלע דריי, איינער נאָכן אַנדערן, האָבן זיך פאַרנייגט און געטרונקען פאַר מיין געזונט, אויסדריקנדיק זייער אָנערקענונג פאַר מיין גליקלאַכער און מוטיקער טאַט.

— נו, קאַפּיטאַן, — האָט געזאָגט דער סקווייר, — איר זיינט

געווען געדעכט, און איך אומגערעכט. איך דערקלער זיך פאר אַן אייזל, און בין גרייט אויסצופאָלגן אייערע באַפעלן!

— איר זיינט ניט קיין גרעסערער אייזל פון מיר, מיין הער! — האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט. אויף וויפל איך וויים, האָט יעדע מאַנשאַפט וואָס האָט אינזינען געהאַט צו מאַכן אַ בונט, שוין פריער אַרויסגעוויזן סימנים, אַזוי אַז דער וואָס האָט אויגן אין קאָפּ, האָט'ס געקאָנט באַמערקן, און אָנעמען די נויטיקע שריט. דידאָזיקע מאַנשאַפט אָבער, — האָט ער צוגעגעבן, — האָט מיך איבערגעכיטרעוועט.

— קאַפּיטאַן, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, — דאָס איז סילווערס קאָפּ, מ'מוז צוגעבן, ער איז אַ מערקווירדיקער פאַרשוין!

— ער וואָלט אויסגעזען מערקווירדיק גוט אויף אַ זעגל־שטאַנג, מיין הער, — האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן. — אָבער דאָס זיינען אַלץ פוסטע רייד, און וועלן צו גאָרניט ניט פירן. כ'זע פאַר זיך אַ צוויי־דריי פונקטן; אויב מיסטער טרעלאָני האָט ניט דאָגעגן, וועל איך זיי אויסרעכענען.

— איר זיינט דער קאַפּיטאַן, מיין הער, איר דאַרפט איצט רעדן, — האָט מיסטער טרעלאָני געזאָגט מיט גרויס ווירדע.

— ערשטנס, — האָט מיסטער סמאָלעט אָנגעהויבן, — מוזן מיר אָנגיין ווייטער, וואָרים ס'איז שוין צו שפּעט צו כאַפּן צוריק. אויב איך זאָל איצט באַפעלן צו גיין צוריק, וועלן זיי גלייך רעוואָלטירן. צווייטנס, האָבן מיר נאָך געניג צייט, וויניקסטנס, ביז מ'עט געפינען דעם אוצר. און דריטנס, ס'זיינען נאָך געבליבן עטלאָכע געטרייע מאַטראָזן. ס'עט מוזן קומען צו אַ קאַמף, פריער אָדער שפּעטער, שלאָג איך דערפאַר פאָר אָט וואָס. מיר זאָלן, ווי מ'זאָגט, נעמען די געלעגנהייט בא דער טשופרינע, און איין שיינעם טאָג, אומגעריכטערהייט, אַליין אָנהויבן דעם קאַמף. איך פאַרהאָף, מיסטער טרעלאָני, אַז מיר קאָנען זיך פאַרלאָזן אויף אייערע אייגענע דינער?

— ווי אויף מיר אַליין! — האָט דער סקווייר דערקלערט.

— דריי, — האָט דער קאַפּיטאַן אויסגערעכנט, — מיט אונדז איז זיבן, אַריינרעכענענדיק האָקינסן, נו, און די טריי־געבליבענע? ווער קאָנען זיי זיין?

— מסתמא די יעניקע, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, — וועלכע מיסטער טרעלאָני האָט אַליין געדונגען, איידער ער האָט באַגעגנט סילווערן.

— ניין, — האָט געענטפערט דער סקווייר, — האַנדס איז איי־נער פון מייניקע.

— כ'האָב טאַקע גערעכנט אַז כ'קאָן זיך פאַרלאָזן אויף האַנדסן.

— האָט דער קאַפּיטאַן באַמערקט.

— עך, ווען איך דערמאָן זיך אַז זיי זיינען אַלע ענגלענדער, — האָט אויסגערופן דער סקווייר, — פיל איך ווי אויפצורייסן די גאַנצע שיף!

— מיינע הערן, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן, — הלואי דער סוף זאָל גוט זיין! דערווייל מוזן מיר אָפּוואַרטן, און פאַרזיכ־טיק אויפפּאַסן. כ'ווייס, ס'איז גרויסער נסיון פאַר אַ ריכטיקן מאַן — ס'וואָלט געווען אַ סך אָנגענעמער אָנצוהויבן אַ קאַמף — מ'קאָן זיך אָבער גאָרניט ניט העלפן, ביז מיר געפינען ניט אויס ווער ס'איז אויף אונדזער זייט. מיר מוזן זיין רואיק, און אָפּ־וואַרטן ביז דער ווינט קומט, איז מיין מיינונג.

— דזשים קאָן אונדז דאָ באַהילפיק זיין מער פון יעדן איי־נעם, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, — די חברה היטן זיך ניט פאַר אים, און דזשים איז אַ בחור וואָס זעט זאַכן.

— האָקינס, איך לייג אויף דיר אומגעהייער גרויסע האָפ־נונגען, — האָט באַמערקט דער סקווייר.

כ'בין געוואָרן שטאַרק פאַרצווייפלט, וואָרים כ'האָב ניט איינ־געזען ווי אַזוי איך קאָן דאָ באַהילפיק זיין. פונדעסטוועגן, איז די רעטונג, צוליב פאַרשיידענע מערקווירדיקע צופאַלן, דאָך געקומען דורך מיר. דערווייל אָבער, ניט קוקנדיק אויף אַלע אונדזערע רעדערייען, האָבן מיר זיך געקאָנט פאַרלאָזן בלויז אויף זיבן פון זעקס־און־צוואַנציק, און פון די זיבן אפילו, איז איינער געווען אַ אינגל. מיר האָבן דעריבער געהאַט אויף אונדזער צד בלויז זעקס דערוואַקסענע צו זייערע ניינצן.

דריטער טײל

מײַן אַוואַנטורע אויפֿן אינדזל

דרייצנטער קאַפּיטל

ווי אַזוי כ'האָב פאַרלאָזן די שיף

אינדערפרי, ווען כ'בין אַרויסגעקומען אויפן דעק, האָט דער אינדזל אויסגעזען אינגאַנצן אַנדערש. כאָטש דער ווינט איז פאַר־שוואונדן, זיינען מיר אין פאַרלויף פון דער נאַכט דאָך אָפּגעפאָרן אַ היבשע שטרעקע, און זיינען איצט געשטאַנען שטיל אַרום אַ האַלבן מייל דרום־מזרח'דיק פון דעם נידעריקן מזרח ברעג. אַ גרויער וואַלד האָט באַדעקט אַ גרויסן טייל פון דער אויבערפלאַך. כאָטש דערדאָזיקער הערשנדיקער קאָליר איז אין דער עבענע געווען דורכגעשטרייפט מיט פאַסן געלער זאַמד און מיט אַ סך הויכע ביימער פון דער סאָסנע פאַמיליע, וועלכע זיינען איינציקווייז און אין גרופּן געוואַקסן העכער פון די אַנדערע, איז אָבער דער אַלגע־מיינער קאָליר געווען מאָנאָטאָן און טרויעריק. העכער פון די ביימער האָבן זיך געטורעמט די נאַקעטע פעלזן פון די בערג. זיי האָבן אַלע געהאַט אַ מאָדנעם אויסזען, און דער „שפּאַקטיוו", וועל־כער איז געווען מיט אַ דריי־פיר הונדערט פוס העכער פון די אַנ־דערע בערג אויפן אינדזל, איז נאָך די־רצו געווען דער מיסטעריעז־טער אין געשטאַלט מיט זיינע אַרויפוואַקסנדיקע משופּע'דיקע זייטן, און מיט זיין פּלוצלונג אָפּגעהאַקטן שפּיץ וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּעדעסטאַל פאַר אַ סטאַטוע.

די „היספּאַניאָלאַ" האָט זיך געשאָקלט און אַרונטערגעלאָזט דאָס וואַסער פונם דעק אונטערן ים־געשוועל. די זעגל־שטאַנגען האָבן געריסן די רעדל־קלעצלאַך. דער רודער האָט זיך געוואָרפן היז און צוריק, און די גאַנצע שיף האָט געסקריפּעט, געקרעכצט, און זיך געטרייסלט ווי אַ פאַבריק. כ'האָב זיך געמוזט שטאַרק אָנהאַלטן אין דעם מאַסט־שטריק, און די גאַנצע וועלט האָט זיך מיר שנעל געדרייט פאַר די אויגן. כאָטש כ'בין געווען אַ ניש'קשה'דיקער מאַט־

ראָז, ווען די שיף איז געפאָרן פאָרווערטס, האָב איך אָבער ניט געקאָנט אריבערטראָגן, אָן אַ געוויסער ניט־גוטקייט, דאָס שטיין שטיל אויף איין אָרט, און זיך וואקלען ווי אַ שווימענדיקע פלאַש, בפרט נאָך אינדערפרי, אויף אַ ליידיקן מאָגן.

אפשר איז׳ס געווען דאָס — אפשר דער אויסזען פונם אינדזל מיט זיינע גרויע מעלאַנכאָלישע וועלדער און ווילדע פעלזן־טורעמס, און דאָס ווארפן פון די כוואַליעס וועלכע מיר האָבן געקאָנט זען און הערן ברויזן און דונערן אויף דעם משופּע׳דיקן ברעג — יעדנפאַלס, כאָטש די זון האָט זייער העל און וואַרעם געלויכטן, און די ברעג־פייגל האָבן געכאַפּט פיש און געשריען אַרום אונדז, און מ׳וואָלט געקאָנט דערוואַרטן אַז יעדער זאָל זיין צופרידן, נאָך אַזאַ לאַנגער רייזע אויפן ים, צוצוקומען צו יבשה, פונדעסטוועגן איז מיר די נשמה אַריין אין די שטיוול, פון סאַמע אָנהייב אָן וואָס כ׳האָב דערזען דעמדאָזיקן אינדזל, און כ׳האָב געהאַסט אפילו וועגן אים צו טראַכטן.

מיר האָבן פאַר זיך געהאַט אַ שווערן טאָג אַרבעט, וואָרים ס׳איז אפילו ניט געווען קיין סימן פון אַ ווינט, און די שיפלאַך האָבן געמוזט אַפּירגענומען און באַזאָרגט ווערן מיט מאַנשאַפטן, כדי צו־צושלעפּן די שיף אַ דריי־פיר מייל אַרום דעם שפּיץ פון דעם אינדזל, און אַרויף דורך דעם שמאָלן דורכגאַנג, צום האַפן הינטערן „סקעלעט־אינדזל“. כ׳האָב זיך פרייוויליק אָנגעבאָטן אויף איינעם פון די שיפלאַך, אויף וועלכן כ׳האָב, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט וואָס צו טאָן. מ׳האָט געקאָנט דערשטיקט ווערן פון דער היץ, און די מאַטראָזן האָבן צאָרנדיק געבורטשעט באַ דער אַרבעט. אַנדער־סאָן האָט קאָמאַנדירט אויף מיין שיפל, און אַנשטאָט צו האַלטן די מאַנשאַפט אין אָרדנונג, האָט ער אַליין געבורטשעט העכער און ערגער פון די איבעריקע.

— נו, — האָט ער שעלטנדיק געזאָגט, — מ׳עט׳ס אַריבער־קומען.

כ׳האָב עס געהאַלטן פאַר אַ שלעכטן סימן, וואָרים ביז יענעם טאָג זיינען אַלע אָנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט שנעל און וויליק, אָבער ווי זיי האָבן נאָר דערזען דעם אינדזל, זיינען גלייך נאָכגע־לאָזט געוואָרן די לייצעס פון דיסציפּלין.

אין פאַרלויף פון דערדאָזיקער אַרבעט איז דער „לאַנגער דזשאָן" געשטאַנען לעבן דעם שטורמאַן און האָט געפירט די שיף. ער האָט געקענט דעם דורכפאָר ווי די אייגענע צען פינגער, און כאָטש דער מאַן מיט דער מעסט־קייט האָט אומעטום געפונען מער וואַסער ווי די מאַפּע האָט אָנגעוויזן, האָט זיך דזשאָן קיין איין מאָל ניט אָפּגעשטעלט.

—דער שטראָם פאַלט איצט היבש אָפּ, — האָט ער געזאָגט, — און דערדאָזיקער דורכפאָר איז כמעט שוין אויסגעגראָבן ווי מיט אַ ריגל.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן זעלביקן אָרט וואו ס'איז אויף דער מאַפּע געווען אָנגעצייכנט אַן אַנקער, אומגעפער אַ דריטל מייל צווישן ביידע ברעגן, — די הויפּט־יבשה אויף איין זייט, און דער „סקעלעט אינדזל" אויף דער אַנדערער.

דער באָדן איז באַשטאַנען פון ריינער זאַמד. דער פאַל פון אונדזער אַנקער האָט געמאַכט אַ גרויסן רויש און האָט צעטריבן גאַנצע וואָלקנס פייגל, וועלכע האָבן זיך גענומען דרייען און שרייען איבערן וואַלד; אָבער אין ווייניקער פון איין מינוט זיינען זיי ווידער אַרונטער, און אַלץ איז ווידער געוואָרן שטיל.

דער פּלאַץ איז געווען אינגאַנצן איינגעשלאָסן אין לאַנד, ווי באַהאַלטן צווישן די ביימער וועלכע האָבן דערגרייכט כמעט ביז צו דער הויכוואַסער ליניע. די ברעגן זיינען מייסטנס געווען פלאַכע און ווייט אַרום זיינען געשטאַנען די באַרגטורעמס אין דער פאָרם פון אַן אַמפיטעאַטער, איינער דאָ, איינער דאָרט. צוויי קליינע טייכלאַך, אָדער בעסער געזאָגט, צוויי זומפּן, זיינען אַריינגעפאַלן אין דערדאָזיקער אָזערע, ווי מ'האָט'ס געקאָנט אָנרופן, און די געוויקסן אַרום יענעם טייל פונעם ברעג האָבן געהאַט אַ מין גיפטיקן גלאַנץ. פון דער שיף האָבן מיר ניט געקאָנט זען ניט דאָס הויז און ניט דעם פאַרקן, וואָרים זיי זיינען געווען באַהאַלטן הינטער די ביימער. ווען ניט די מאַפּע וועלכע איז געלעגן אויפן קאַיוטע־דאַך, וואָלטן מיר זיך געווען געקאָנט האַלטן פאַר די ערשטע וואָס האָבן דאָרט געאַנקערט, זינט דער אינדזל האָט זיך אַרויסגעהויבן איבערן ים.

ס'איז ניט געווען קיין סימן פון ווינט אין דער לופט, און קיין גערויש, אַ חוץ דעם טומל וואָס די כוואַליעס האָבן געמאַכט.

קלאַפּנדיק, אויף אַ שטרעקע פון אַ האַלבן מייל, אויף די ברעגן און אויף די אויסגוויינקסטע פעלזן.

אַ מאָדנער פוילער גערוך האָט זיך געטראָגן איבערן אַנקער־פּלאַץ — אַ גערוך פון פאַרפוילטע בלעטער און צוגעפוילטע ביימער־שטאַמען. כ'האָב באַמערקט ווי דער דאָקטאָר האָט פאַרדרייט מיט דער נאָז, און געשמעקט מיט איר ווי איינער וואָס פאַרזוכט אַ שלעכט איי.

— כ'ווייס ניט צי ס'איז דאָ פאַראַן אַן אוצר, — האָט ער געזאָגט, — אָבער איך וועט אייך מיין פאַרוק אַז פיבער איז דאָ זיכער פאַראַן.

אויב מ'האָט די באַנעמונג פון דער מאַנשאַפט שוין געקאָנט פאַרדעכטיקן אויפן שיף, האָט מען אין איר האַנדלונג איצט אויף דער שיף געקאָנט זען אַן אמת'ע געפאַר. זיי זיינען גרופּנווייז געלעגן אויפן דעק און האָבן זיך גע'סוד'עט. דעם קלענסטן באַפעל האָבן זיי אויפגענומען מיט בייזע בליקן, און אים אומצופרידן און נאַכלעסיק דורכגעפירט. אפילו די ערלאַכע לייט זיינען, דוכט מיר, געוואָרן אָנגעשטעקט, וואָרים ס'איז ניט געווען קיין איינער אויפן דעק צו ווייזן מיט זיך אַ ביישפּיל. ס'איז געווען קלאָר אַז דער בונט איז איבער אונדז געהאַנגען ווי אַ שטורעם.

אָבער ניט נאָר מיר פונם קאַיוטע צד האָבן דערפילט די געפאַר. דער „לאַנגער דזשאָן" האָט שווער געאַרבעט, אַרומגייענדיק פון איין גרופּע צו דער צווייטער, און האָט זיך ממש דערשעפּט געבנדיק עצות. וואָס איז שייך אַ גוטן ביישפּיל, האָט קיין בעסערער פון אים גאָרניט ניט געקאָנט זיין. ער איז פּשוט געקראָכן פון דער הויט צו באַווייזן זיין ווילִיקייט און העפלאַכקייט, און פאַר יעדן איינעם געהאַט אַן אָנגענעמען שמייכל. האָט מען געגעבן אַ באַפעל, איז דזשאָן באַלד געווען אויף זיין קוליע מיטן פריילאַכסטן „יאָ, יאָ, מיין הער!" אין דער וועלט. און ווען ס'איז שוין גאָרניט ניט געווען וואָס צו טאָן, פלעגט ער זינגען איין ליד נאָכן צווייטן, ווי ער וואָלט דערמיט וועלן באַהאַלטן די אומצופרידנקייט פון די איבעריקע.

פון אַלע טרויעריקע סימנים פון יענעם טרויעריקן נאָכמיטאָג, איז אָט די להוט'קייט פונם „לאַנגן דזשאָן" געווען דער ערגסטער.

מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג אין דער קאַיוטע.

— מיין הער, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן, — אויב איך זאָל ריזיקירן מיט נאָך אַ באַפעל, וועלן מיר האָבן די גאַנצע שיף אויפן האַלדז. איר פאַרשטייט, מיין הער, די זאַך איז אַזוי. מ'רעדט מיר אַנטקעגן — ניט אמת? נו, איז אויב כ'זאָל זיך שטעלן אַנט־קעגן, וועלן שפּיזן פליען רעכטס און לינקס. אויב ווידער איך זאָל'ס לאָזן גיין ווי ס'גייט, וועט זיך סילווער באַלד אָנשטויסן אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק, און די שפּיל איז פאַרן טייוול. ס'איז דאָ בלויז איינער אויף וועמען מיר קאָנען זיך פאַרלאָזן.

— און ווער איז'ס? — האָט געפרעגט דער סקווייר.

— סילווער, מיין הער, — האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן. — ער באַמיט זיך פּונקט ווי מיר, אַלץ צו פאַרגלעטן. זיי האָבן אַ סכסוך, אָבער ער וואָלט זיי באַלד איבערגערעדט, ווען ער זאָל האָבן די געלעגנהייט. איך שלאָג דערפאַר פאָר אַז מיר זאָלן אים געבן דיזאָזיקע געלעגנהייט. לאָמיר אָפּלאָזן די חברה אויפן ברעג פאַר אייז טאָג. אויב זיי וועלן אַלע אַראָפּגיין, וועלן מיר פאַרטיידיקן די שיף; אויב זיי וועלן קיינס ניט אַראָפּ, וועלן מיר האַלטן די קאַיוטע, און זאָל גאָט באַשיצן די גערעכטע. אויב אָבער בלויז אַ טייל וועלן אַראָפּגיין, דאַן, מיין הער, געדענקט מיינע רייד, וועט זיי סילווער צוריקברענגען אויף דער שיף ווי מילדע לע־מעלאַך.

ס'איז אַזוי באַשלאָסן געוואָרן. די זיכערע לייט האָבן געקראָגן געלאָדענע פּיסטאָלעטן. מיר האָבן פאַרטרויט האָנטערן, דזשאָיסן, און רעדרוטן דעם סוד, און זיי האָבן אויפגענומען די נייס מיט ווייניקער איבעראַשונג און אַ סך געלאַסענער ווי מיר האָבן דער־וואַרטעט, און דער קאַפּיטאַן איז דאַן אַרויף אויפן דעק צו רעדן צו דער מאַנשאַפט.

— חברה, — האָט ער געזאָגט, — מיר האָבן געהאַט אַ הייסן טאָג, און זיינען אַלע מיד און ניט מיטאַלעמען. אַ פּאָר אויפן ברעג וועט קיינעם ניט שאַטן. די שיפלאַך זיינען נאָך אַלץ אויפן וואַסער, איר קאָנט זיי נעמען, און ווער עס וויל נאָר, קאָן היינט נאָכמיטאָג אַרויספאָרן אויפן ברעג. אַ האַלבע שעה פאַר זונ־אונטערגאַנג וועל איך געבן אַ צייכן מיט דער קאַנאָנע.

די טיפּשים האָבן אודאי געמיינט אַז זיי ווען זיך באָדן אין אוצרות ווי נאָר זיי וועלן לאַנדן. זיי האָבן גלייך אויפגעלעבט און האָבן אַרויסגעלאָזט אַ הוראַ, וועלכער האָט אָפּגעהילכט אַן עכאָ אויף אַ ווייטן באַרג, און האָט איבערגעשראָקן די פייגל, וועלכע האָבן זיך ווידער געלאָזט פליען מיט קולי־קולות איבערן אַנקער־פּלאַץ.

דער קאַפּיטאַן איז געווען צו קלוג צו בלייבן אויפן דעק. ער האָט זיך תיכף אָפּגעטראָגן, איבערלאָזנדיק סילווערן איינצואָרדע־נען די פּאַרטיע. כ׳דענק אַז ער האָט זייער גלייך געטאָן. וואָלט ער פאַרבליבן אויפן דעק, וואָלט ער לענגער אפילו ניט געקאָנט מאַכן קיין אָנשטעל אַז ער האָט ניט פאַרשטאַנען די לאַגע. זי איז געווען קלאָר ווי דער טאָג. סילווער איז איצט געווען דער קאַ־פּיטאַן, און ער האָט געהאַט צו טאָן מיט אַ גאַנץ ווידערשפּעניקנ־דיקער מאַנשאַפט. די ערלאַכע מענטשן — און כ׳האָב זיך באַלד איבערצייגט אַז ס׳זיינען געווען אַזעלכע אויף דער שיף — האָבן געמוזט זיין גרויסע נאַראָנים. אָדער, בעסער געזאָגט, דער אמת איז, אַז אַלע זיינען געווען אומצופרידן מיטן ביישפּיל פון די רעדל־פירער — אַ טייל מער און אַ טייל ווייניקער. אַנדערע ווידער, כאָטש אין אַלגעמיין גוטע מענטשן, האָט מען מער ניט גע־קאָנט ניט פירן און ניט באַצווינגען אויף ווייטער. ס׳איז אָבער דאָך אַ חילוק צווישן זיין פויל און בורטשען, און איינגעמען אַ שיף און דערמאָרדן אַ צאָל אומשולדיקע מענטשן.

ענדלאַך אָבער איז די פּאַרטיע געוואָרן צוזאַמענגעשטעלט. זעקס האָבן געזאָלט בלייבן אויף דער שיף, און די איבעריקע דרייצן, איינשליסנדיק סילווערן, האָבן זיך גענומען אויפזעצן אויף די שיפ־לאַך.

דעמאָלט איז׳ם מיר אַריין אין קאָפּ דער ערשטער פון די משוגע׳נע איינפאַלן וואָס האָבן אַזוי פיל געהאָלפן צו ראַטעווען אונדזערע לעבנס. אויב סילווער האָט איבערגעלאָזט זעקס מענטשן, איז דאָך געווען קלאָר אַז אונדזער צד וועט ניט זיין בכח צו פאַר־כאַפּן די שיף. און אַזוי ווי ס׳זיינען געבליבן בלויז זעקס, איז געווען פונקט אַזוי קלאָר אַז דער קאַיוטע־צד וועט זיך ניט נויטיקן אין מיין הילף. ס׳איז מיר דעריבער פּלוצלונג איינגעפאַלן אויך

ארויסצופאָרן צוזאַמען מיט די איבעריקע אויפן ברעג. איך ביז איינס־צוויי אַרונטער מיט דער זייט פון דער שיף, האָב זיך איינ־געגורעט אין דער פאָדערשטער טייל פונם נאָנטסטן שיפל, און אין זעלבן מאָמענט איז׳ס אָפּגעפאָרן.

קיינער האָט מיך ניט באַמערקט, בלויז דער רודערמאַן האָט זיך אָנגערופן: — דאָס ביסטו, דזשים? בויג איין דעם קאָפּ. — סיל־ווער אָבער האָט פונם אַנדערן שיפל שאַרף אַריבערגעקוקט, און געפרעגט צי ס׳איז טאַקע איך. פון דער מינוט אָן האָב איך געקראָגן חרטה אויף מיין טאַט.

ביידע שיפלאַך האָבן זיך געיאָגט אין אַ וועט־לויף. אַזוי ווי אָבער דאָס שיפל אין וועלכן איך בין געפאָרן, האָט זיך אַ לאָז געטאָן פריער, געהאַט אַ בעסערע מאַנשאַפט, און איז אין דער זעלבער צייט געווען לייכטער, האָט׳ס אַריבערגעיאָגט ס׳אַנדערע. ווען די נאָז פונם שיפל איז אַריין צווישן די ביימער באַם ברעג, האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אין אַ צווייג און זיך אַרויסגעוויגט צווישן אַ געדיכטער גרופּע ביימער, אין דער צייט וואָס סילווער און די איבעריקע זיינען נאָך געווען אַ הונדערט קלאַפטער הינטער אונדז.

— דזשים, דזשים! — האָב איך אים געהערט נאָכשרייען.

אָבער, ס׳פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב זיך געמאַכט ניט הערנדיק. כ׳בין געלאָפן וואוהין די אויגן האָבן מיך געטראָגן, שפּרינגענדיק, היפּנדיק, און דורכברעכנדיק אַ וועג, ביז כ׳האָב מער ניט געקאָנט לויפן.

פערצנטער קאַפּיטל

דער ערשטער צוזאַמענשטויס

כ׳בין געווען אַזוי צופרידן וואָס ס׳איז מיר געלונגען אַרויס־צושטעלן סילווערן אַ נאָז, אַז כ׳בין ווידער געוואָרן פריילאַך און האָב זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן מיט גרויס אינטערעס אויפן פרעמדן לאַנד אין וועלכן כ׳האָב זיך געפונען.

כ׳בין דורכגעגאַנגען איבער אַ זומפּיקער פלאַך, וועלכע איז

געווען באוואקסן מיט ווערבעס, אטשערעט, און מאדנע, עקזאטישע זומפ־ביימער, און בין ארויסגעקומען אויפן ראנד פון אן אפענער, וועלפערמיקער זאמדפלאך, וועלכע איז א מייל ווייט געווען באוואקסן מיט עטלאכע סאסנעם און א גרויסער צאל צעקרימטע ביימער, ניט העכער פון דעמבן, אבער מיט בלאס־גרינע בלעטער ווי פון ווערבעס. אויף דער אנדערער זייט פון דערדאזיקער עבענע איז געשטאנען איינער פון די בערג, מיט צוויי מאדנע פעלזנשפיצן, וועלכע האבן העל געגלאנצט קעגן דער זון.

כ'האב איצט צום ערשטן מאל דערפילט די פרייד פון אן אנטדעקער. דער אינדזל איז געווען אומבאוואוינט, מיינע שיף־חברים האב איך איבערגעלאזט הינטער זיך, און פאר מיר האט ניט געלעבט קיין זאך, א חוץ שטומע ווילדע חיות און פייגל. כ'האב זיך ארומגעדרייט הין און צוריק צווישן די ביימער. דא און דארט זיינען געוואקסן בליענדע, מיר אומבאקאנטע, פלאנצן. דא און דארט האב איך געזען שלענג, און איינע האט פון א פעלזנראנד אויפגעהויבן איר קאפ, און האט אויף מיר געשיפעט מיט א גערויש וואס איז ניט געווען פיל אנדערש פון א ווירבלענדיקן דריידל. ס'איז מיר גארניט איינגעפאלן אז זי איז געווען א דם־שונא, און אז דער גערויש איז פון דער באוואוסטער קלאפערשלאנג.

כ'בין דאן אריין אין א לאנגן וועלדל פון דידאזיקע דעמב־אר־טיקע ביימער — שפעטער האב איך אויסגעפונען אז מ'רופט זיי אימערגרין — אדער לעבנסדעמבן — וועלכע זיינען געוואקסן נידעריק אויף דער זאמד, ווי שווארצע־יאגאדע קוסטעס, מיט מאדנע פארקרימטע צווייגן, אנגעפאקט מיט בלעטער געדיכט ווי א שטרוי־דאך. דאס וועלדל האט זיך אנגעהויבן פונם שפיץ פון איינעם פון די זאמדיקע בערגלאך, אויסשפרייטנדיק זיך און ווערנדיק אלץ ברייטער און ברייטער, ביז ס'האט דערגרייכט צום ראנד פונם ברייטן, טראסטניק־באוואקסענעם זומפ, דורך וועלכן דער נעענטסטער פון די דריי קליינע טייכלאך רינט אריין אין דעם אנקערפלאץ. די זון האט שטארק געברענט און פונם זומפ האט געזעצט א פארע. די קאנטורן פונם „שפאקטיוו“ האבן געציטערט אינם נעפל.

מיטאמאל האט זיך צווישן דעם אטשערעט אנגעהויבן א מין טומל. א ווילדע קאטשקע האט קוואקנדיק זיך אויפגעהויבן. א

צווייטע האָט נאָכגעפאָלגט, און אַ גרויסער וואָלקן פון פייגל איז באַלד שרייענדיק געשוואומען איבער דער גאַנצער הויך פונם זומפּ, און זיך געדרייט אין דער לופט. כ'האָב זיך באַלד אָנגעשטויסן אַז אייניקע פון די מאַטראָזן מוזן זיין ערגיץ נאָענט באַם ראַנד פונם זומפּ. כ'האָב קיין טעות ניט געמאַכט. ס'האָבן זיך דערהערט זייער ווייטע און נידעריקע קלאַנגען פון אַ מענטשלאַכער שטים, וועלכע זיינען שטופנווייז געוואָרן העכער און נעענטער.

דאָס האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַן אימה. כ'בין צוגעקראָכן און זיך באַהאַלטן הינטערן נאָנטסטן דעמב, און האָב זיך איינגעקאָרטשעט, האָרכנדיק שטיל ווי אַ מויז.

אַ צווייטע שטים האָט אָפּגעענטפערט, און דאַן האָט די ערשטע, וועלכע כ'האָב איצט דערקענט אַלס סילווערס, ווידער אָנגעהויבן צו דערציילן דיזעלבע געשיכטע, האָט אָן אַן אָפּהאַלט גערעדט אַ לאַנגע צייט, און איז בלויז דאָ און דאָרט געוואָרן אונטערבראָכן פון דער צווייטער.

לויט דעם קלאַנג פון די רייד, האָבן זיי, ווייזט אויס, גערעדט זייער ערנסט, כמעט ליידנשאַפטלאַך, כ'האָב אָבער ניט געקאָנט כאַפּן קיין איין דייטלאַך וואָרט.

ענדלאַך האָט דאָס רעדן אויפגעהערט, און די רעדערס האָבן זיך, ווייזט אויס אָנידערגעזעצט, וואָרים ניט נאָר זיינען זיי ניט צוגעקומען נעענטער, נאָר אפילו די פייגל זיינען געוואָרן רואיקער, און האָבן זיך ווידער גענומען אומקערן צו זייערע ערטער אויפן זומפּ.

כ'האָב איצט דערפילט אַז איך פאַרנאַכלעסיק מיין געשעפט. אויב כ'בין שוין יאָ געווען אַזוי דום צו לאַנדן מיט דידאָזיקע דעספּעראַדאָס, דאַרף איך, צום ווייניקסטן, אונטערהערן זייערע באַראַטונגען. ס'איז דערפאַר מיין פּשוט'ע און זעלבסטפאַרשטענדלאַכע פליכט זיך צו דערנעענטערן צו זיי ווי נאָענט איך קאָן נאָר, אונטער דער גינסטיקער באַהעלטעניש פון די נידעריקע ביימער.

די ריכטונג פון ביידע רעדערס האָב איך געקאָנט געפינען גאַנץ גענוי, ניט נאָר לויט זייערע שטימען, נאָר אויך לויט דער אויפפירונג פון די פייגל, וואָס זיינען נאָך אַלץ אַרומגעפלויגן דערשראָקענע איבער די קעפּ פון די אומגעבעטענע געסט.

קריכנדיק אויף אַלע פיר, בין איך צו זיי ביסלאַכווייז און פּאַמעלאַך צוגעקומען. אויפהויבנדיק דעם קאָפּ, האָב איך דורך אַן עפענונג צווישן די בלעטער געקאָנט אַרונטערקוקן אין אַ קליינעם גרינעם טאָל לעבן דעם זומפּ,געדיכט באַוואָקסן מיטביימער, וואו דער „לאַנגער דזשאָן סילווער" און נאָך איינער פון דער מאַנ־שאַפט זיינען ביידע געשטאַנען פּנים־אל־פּנים און האָבן גערעדט.

די זון האָט גליענדיק אויף זיי אַראָפּגעשטראַלט. סילווער האָט אַראָפּגעוואָרפן זיין הוט לעבן זיך אויף דער ערד, און זיין גרויס, גלאַט, בלאָנד, און פאַרשוויצט פּנים איז געווען געווענדט צום אַנדערן מיט אַ מין אויפפאָדערונג.

— חבר, —האָט ער געזאָגט, — ס'איז דערפאַר וואָס איך האַלט פון דיר שטאָל און אייזן. שטאָל און אייזן, זאָג איך דיר. און מעגסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן! ווען איך זאָל ניט געווען אַזוי צוגעזאָגט ווערן צו דיר, מיינסטו אַז איך וואָלט דאָ געווען דיך צו וואָרענען? ס'איז פאַרפאַלן, קאָנסט זיך גאָרניט העלפן. כ'רעד מיט דיר איצט, כדי צו ראַטעווען דיר דעם קאָפּ. ווען איינער פון די ווילדע וואָלט זיך דערפון דערוואוסט, וואָס וואָלט פון מיר געוואָרן, טאָם? וואָס, מיינסטו, וואָלט פון מיר געוואָרן, פרעג איך דיך?

— סילווער, — האָט דער אַנדערער געזאָגט, און כ'האָב באַ־מערקט אַז ניט נאָר איז זיין פּנים געווען אָנגעצונדן, נאָר ער האָט אויך גערעדט הייזעריק ווי אַ ראָב, און זיין שטים האָט געציטערט ווי אַן אָנגעצויגן שטריקל. — סילווער, — מאַכט ער, — איר זיינט שוין אַלט, און ערלאַך, איר האָט אַ נאָמען אַלס אַ זעל־כער; און געלט האָט איר אויך, וואָס אַ סך מאַטראָזן האָבן ניט; און איר זיינט בראַוו, אָדער אפשר האָב איך אַ טעות. מיינט איר מיר צו זאָגן אַז איר'ט זיך לאָזן פאַרפירן פון אַזאַ באַנדע אויסוואורפן? ניין, ניט איר! ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן, כ'על זיך גיכער לאָזן אָפּשניידן די האַנט, איידער צו פאַראַטן מיין פליכט — — —

אַ געוויש האָט אים פּלוצלונג אונטערבראָכן. כ'האָב אויסגע־פונען איינעם פון די ערלאַכע לייט, הייסט עס, און אין דער זעלבער צייט איז אָנגעקומען די נייס פון אַ צווייטן. העט־ווייט

איבערן זומפּ האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ געררויש ווי אַן אויס־רוף פון צאָרן, נאָך אים אַ צווייטער, און דערנאָך אַ שרעקליכער, אויסגעצויגענער געשריי. די פעלזן פונם „שפּאַקטיוו" האָבן אים אָפּגעהילכט פיל מאָל. די גאַנצע סטאַיע זומפּ־פייגל האָט זיך ווי־דער פּלוצלונג אויפגעהויבן, פאַרטונקלענדיק דעם הימל, און אַ לאַנ־גע צייט נאָכדעם ווי דער טויט־געשריי האָט מיר נאָך געקלונגען אין די אויערן, האָט די שטילקייט צוריק איינגעשטעלט איר אימפּע־ריע, און בלויז דער פליגל־רויש פון די אַראָפּנידערנדיקע פייגל און דער טומל פון די ווייטע כוואַליעס האָבן אונטערבראָכן די נאָכ־מיטאָג רו.

דערהערנדיק דעמדאָזיקן געררויש, איז טאָם אָפּגעשפּרונגען ווי אַ פערד וואָס דערפילט די שפּאָרן, סילווער אָבער האָט אפילו ניט אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג. ער איז געשטאַנען אויף זיין אָרט, לייכט אָנשפּאַרנדיק זיך אויף דער קוליע, נאָכקוקנדיק זיין שיפּ־חבר ווי אַ שלאַנג וואָס איז גרייט אויפצושפּרינגען.

— דזשאָן, — האָט געזאָגט דער מאַטראָז, אויסשטרעקנדיק די האַנט.

— אַן הענט! — האָט סילווער אויסגעשריען, אָפּשפּרינגענדיק אויף אַ גאַנצן קלאַפטער, מיט דער פלינקייט און אויסגערעכנטקייט פון אַ געאיבטן אַקראָבאַט.

— זאָל זיין אָן הענט, דזשאָן סילווער, — האָט געזאָגט דער אַנדערער, — נאָר אַ שוואַרץ געוויסן קאָן אייך מאַכן מורא האָבן פאַר מיר, אָבער, ווי גאָט איז אייך ליב, זאָגט מיר, וואָס איז דאָס געווען?

— דאָס? — האָט זיך סילווער אָנגערופן, שמייכלענדיק פאַר־זיכטיקער ווי אַלעמאָל, און זיין אויג ווערנדיק די גרויס פון אַ שפּילקע קעפּל אויף זיין גרויסן פּנים, אָבער בילשטשענדיק ווי אַ ברעקל גלאָז, — דאָס? אַ, כ'דענק אַז דאָס איז געווען אַלאַן.

דערהערנדיק דידאָזיקע רייד, האָט טאָם אויסגעפּלאַצט ווי אַ העלד.

— אַלאַן! — האָט ער אויסגעשריען. — רו צו זיין נשמה! אַן אמת'ער מאַטראָז! און איר, דזשאָן סילווער, כ'האָב אייך געהאַלטן פאַר אַ חבר אַ לאַנגע צייט, אָבער פון איצט אָן זיינט

איר מער ניט מיין חבר. אויב איכ'ל שטאַרבן ווי אַ הונט, וועל איך אָבער שטאַרבן טועגדיק מיין פליכט. איר האָט דער'הרג'עט אַלאַנען, האַ? דער'הרג'עט מיך אויך, אויב איר קאָנט, אויב איר וואַגט!

מיט די רייד האָט זיך דערדאָזיקער בראַווער יאַט אויסגעקירעוועט מיט דער פּלייצע צום קוכער, און האָט זיך געלאָזט גיין צוריק צום ברעג. ס'איז אים אָבער ניט באַשערט געווען צו גיין ווייט. מיט אַ ווילדן אויסגעשריי האָט דזשאָן זיך אָנגעכאַפּט אין אַ צווייג, ארויסגעכאַפּט די קוליע פון אונטער דער פּאַכווע, און האָט אַ שלייַדער געטאָן דעמדאָזיקן מאָדנעם געווער ווירבלענדיק דורך דער לופט. זי האָט מיט אַן איבעראַשנדיקער האַסטיקייט געטראָפן דעם אָרימען טאָם מיטן שפּיץ פּונקט צווישן די אָקסל אינמיטן דער פּלייצע. ער האָט שנעל אויפגעהויבן די הענט, אַרויסגעלאָזן אַ קרעכץ, און איז אומגעפאַלן.

מ'האָט ניט געקאָנט וויסן צי ער איז שטאַרק פאַרוואונדעט געוואָרן צי ניט. ס'איז זייער מעגלאַך, אורטיילנדיק פונם קראַך, אַז די פּלייצע איז אים אויפן שטעל איבערגעבראָכן געוואָרן. ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין צייט צו קומען צו זיך. סילווער, פלינק ווי אַ מאַלפּע, אפילו אָן דער קוליע, איז גלייך געווען לעבן אים, און צוויי מאָל איינגעגראָבן זיין מעסער ביז דער שטיל אין דעם שוצלאָזן קערפּער. פון מיין באַהעלטעניש האָב איך אים געקאָנט הערן סאָפּען גאַנץ הויך, אין דער צייט וואָס ער האָט אים אַריינגערוקט דאָס מעסער.

כ'וויים ניט וואָס ס'מיינט צו חלש'ן, אָבער אַ שטיקל צייט נאָכדעם איז די גאַנצע וועלט אַוועקגעשוואומען פון מיינע אויגן אין אַ שווינדלענדיקן נעפּל. סילווער, די פייגל, דער הויכער פעלזנשפּיץ פונם „שפּאָקטיוו", אַלץ האָט זיך געדרייט פאַר מיינע אויגן אַרויף און אַראָפּ, און אַלערליי גלעקער און ווייטע קולות האָבן מיר געקלונגען אין די אויערן.

ווען כ'בין ווידער געקומען צו זיך, איז שוין דער מאָנסטער ווידער געווען גרייט, מיט דער קוליע אונטערן אָרעם, און מיט דעם הוט אויפן קאָפּ. טאָם איז לעבן אים געלעגן באַוועגלאָז אויפן גראָז. דער מערדער איז קאַלטבלוטיק געשטאַנען איבער אים, און דערווייל

געווישט זיין בלוט־באַפלעקטן מעסער מיט א זשמעניע גראָז. קיין זאַך האָט זיך ניט געביטן. די זון האָט נאָך אומ׳רחמנות׳דיקער גע־גליט אויפן דאַמפנדיקן זומפּ און אויפן הויכן בארג טורעם. כ׳האָב זיך אַליין ניט געקאָנט גלויבן אַז אַ מאָרד איז טאַקע באַגאַנגען געוואָרן, און אַז אַ מענטשלאַך לעבן איז אַ ווײַלע צוריק אַזוי גרויזאַם פאַרשניטן געוואָרן פאַר מײַנע אויגן.

איצט האָט דזשאָן אַרײַנגעלייגט די האַנט אין קעשענע, אַרויסגענומען אַ פּײַפל, און מיט דעם געגעבן עטלאַכע סיגנאַל־אַרטיקע פּייפן, וועלכע האָבן אָפּגעקלונגען העט־ווײַט אין דער אָנגעהיצטער לופט. כ׳האָב, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרשטאַנען דעם מיין פון דידאָזיקע סיגנאַלן, אָבער זיי האָבן אויף מיר מאָמענטאַל ווידער אָנגעוואָרפן אַ שרעק. ס׳קאָנען נאָך אָנקומען נאָך, האָב איך גע־טראַכט, און מ׳קאָן מיך נאָך געפינען. צוויי ערלאַכע לײַט זײַנען שוין דערמאָרדעט, ווער ווייסט צי נאָך טאָמען און אַלאַנען וועל איך ניט זײַן דער דריטער?

כ׳האָב זיך תיכף גענומען אַרויסקאַראַפּקען און צוריקקריכן, אַזוי שנעל און שטיל ווי כ׳האָב געקאָנט, צו דעם אָפענעם טייל פונם וואַלד. אינדעם, האָב איך דערהערט אויסרופן און באַגריסונגען צווישן דעם אַלטן בוקאַניר און זײַנע שיף־חברים, און דערדאָזיקער געפּאַרפּולער גערויש האָט מיר געגעבן פליגל. אַזוי שנעל ווי כ׳בין אַרויס פון דער געדיכטקייט, האָב איך גענומען לויפן ווי נאָך קיינמאָל ניט פריער. מיך האָט ניט געאַרט וואוהין, אַבי וואָס ווייטער פון די מערדער. ווי כ׳בין אַזוי געלאָפן, האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ שרעק, וועלכע איז ביסלאַכווייז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ משוגעת.

איז דען, כ׳לעבן, מעגלאַך געווען אַ גרעסערע געפאַר, האָט דען עמיצנס לעבן געקאָנט זײַן מער אײַנגעשטעלט ווי מײַנס? ווען די קאַנאָנע וועט אויסשיסן, ווי וועל איך וואַגן אַרונטערצוגיין צו די שיפלאַך צווישן דידאָזיקע טייוואָלים, אין וועלכע ס׳האָט זיך נאָך גערויכערט זייער פאַרברעכן? וועט מיר דער ערשטער וואָס וועט מיך באַגעגענען דען ניט אַראָפּדרייען דעם קאָפּ ווי מ׳דרייט אָפּ דעם קאָפּ פון אַ הינדל? וועט דען מײַן אָפּוועזנהייט גופא ניט זײַן אַ סימן פון שרעק, און דערפאַר אויך פון מײַן

פאַטאַלן ווייסן? ס'איז פאַרפאַלן, האָב איך געטראַכט. אַדיע, „היספּאַניאָלאַ"! אַדיע, סקווייר, דאָקטאָר, און קאַפּיטאַן! כ'האָב ניט געהאַט קיין אויסוועג — אָדער שטאַרבן פון הונגער, אָדער דורך די הענט פון די בונטאַרן.

ווי כ'האָב שוין געזאָגט, בין איך די גאַנצע צייט געלאָפן, און אומבאַמערקטערהייט, האָב איך זיך דערנענטערט צום פוס פונם קליינעם בערגל מיט די צוויי שפּיצן, און בין אָנגעקומען אין אַ טייל פונם אינדזל וואו לעבנסדעמבן זיינען געוואקסן שיטערער, און זיינען, לויט זייער געשטאַלט און גרויס, געווען ענלאַכער אויף וואַלד־ביימער. צווישן זיי זיינען געווען צעוואָרפן אַ קליינע צאָל סאָסנעס, אייניקע פּופציק, און אַנדערע כמעט זיבעציק פוס הויך. די לופט האָט דאָ אויך געשמעקט פרישער ווי אונטן לעבן דעם זומפּ.

דאָ האָט מיך אָבער אַ נייע שרעק אָפּגעשטעלט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ.

פופצנטער קאַפּיטל

דער אינדזלמענטש

אַ רעגן פון זאַמד־שטיינדלאַך האָט זיך פלוצלונג אָפּגעטיילט פון דער זייט פונם באַרג, וועלכער איז דאָ געווען משופּע און שטייניק, און איז אַרונטערגעפאַלן מיט אַ קלאַפּעריי און געפּילדער דורך די ביימער. אינסטינקטיוו האָב איך זיך געגעבן אַ דריי אויס אין יענער ריכטונג, און האָב דערזען אַ פיגור אַוועקשפּרינגען זייער פלינק הינטער אַ סאָסנע שטאַם. וואָס ס'איז אַזוינס געווען — בער, מענטש, צי מאַלפּע — האָב איך בשום אופן ניט געקאָנט דערקענען. אַלץ וואָס כ'האָב געוואוסט איז אַז ס'האָט אויסגעזען שוואַרץ און האָריק. אָבער די שרעק פון דער דאָזיקער דערשיינונג האָט מיך אָפּגעשטעלט ווי פאַרשטיינערט.

איצט, טראַכט איך, בין איך אָפּגעשניטן פון ביידע זייטן: הינטער מיר — די מערדער, און פאַר מיר — דידאָזיקע לויערנדיקע,

אומבאַקאַנטע באַשעפעניש. אויפן מאָמענט זיינען מיר געוואָרן די געפאָרן מיט וועלכע כ'בין געווען באַקאַנט ליבער פון די וועגן וועלכע כ'האָב גאָרניט ניט געוואוסט. אפילו סילווער האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווייניקער געפערלאַך אין פאַרגלייך מיט דער באַשעפעניש פון וואַלד. כ'האָב זיך געגעבן אַ דריי אויס, און אַריבער־קוקנדיק זייער פאַרזיכטיק איבער מיין אַקסל, האָב איך גענומען לויפן צוריק אין דער ריכטונג פון די שיפלאַך.

אָבער באַלד האָט זיך די פיגור ווידער באַוויזן, און מאַכנדיק אַ ברייטן האַלב־צירקל, האָט זי מיר גענומען פאַרלויפן דעם וועג. כ'בין געווען זייער מיד, נאָר וואָלט איך אפילו געווען אַזוי פריש ווי אינדערפרי ווען כ'בין אויפגעשטאַנען, האָב איך איינגעזען אַז ס'וואָלט געווען אומזיסט מיין מי זיך צו פאַרמעסטן אין געלויף מיט אַזאַ קעגנער. דאָס באַשעפעניש איז געשפּרונגען פון בוים צו בוים ווי אַ הירש, לויפנדיק ווי אַ מענטש אויף צוויי פיס, אָבער דאָך גאַנץ אַנדערש ווי וועלכער ס'איז מענטש וואָס כ'האָב ווען געזען, איינבויגנדיק זיך כמעט אינצווייען אין געלויף. און דאָך איז'ס געווען אַ מענטש, כ'האָב אין דעם מער ניט געקאָנט צווייפלען.

ס'זיינען מיר באַלד געקומען אויפן זכרון פאַרשיידענע זאַכן וואָס כ'האָב זיך אָנגעהערט וועגן קאַניבאַלן. נאָך אַ האָרעלע און כ'וואָלט געווען גערופן נאָך הילף. דער פאַקט אָבער אַז ס'איז געווען אַ מענטש, זאָל זיין אפילו אַ ווילדער, האָט מיך אַ ביסל באַרואיקט, און מיין מורא פאַר סילווערן האָט זיך שטופּנווייז גע־נומען אומקערן. כ'בין געבליבן שטיין און האָב זיך גענומען אַרומקוקן צו געפינען אַ וועג ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען. פּלוצלונג האָב איך זיך דערמאָנט אין מיין פּיסטאָלעט, און גלייך ווי כ'האָב דערזען אַז כ'בין ניט אומבאַוואָפנט, האָט מוט ווידער אויפגעבליט אין מיין האַרץ. כ'האָב זיך אויסגעקירעוועט צום אינדזלמענטש, און זיך שנעל געלאָזט גיין אין זיין ריכטונג.

ער האָט זיך שוין דאַן געהאַט באַהאַלטן הינטער אַן אַנדער בוים. ער האָט מיר אָבער געמוזט זייער פאַרזיכטיק נאָכקוקן, וואָ־רים ווי נאָר כ'האָב זיך צו אים געלאָזט גיין, האָט ער זיך ווידער באַ־וויזן און האָט מיר גענומען גיין אַנטקעגן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט,

צוריקגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, איז מיר ווידער געגאַנגען אַנטקעגן, און ענדלאַך, צו מיין גרויס איבעראַשונג, און צוטומלטקייט, איז ער גע־פאַלן אויף די קני און האָט אויסגעשטרעקט די הענט אין געבעט.

איצט בין איך ווידער געבליבן שטיין.

—ווער זיינט איר? — האָב איך געפרעגט.

„איך בין דער אָרימער בען גאַן, בין איך".

— בען גאַן, — האָט ער געענטפערט, און זיין קול האָט געקלונגען הייזעריק און אומאַנגענעם, ווי אַ פאַרזשאַווערטער שלאָס.

— איך בין דער אָרימער בען גאַן, בין איך. כ'האָב שוין גאַנצע דריי יאָר ניט גערעדט מיט קיין מענטשן.

איצט האָב איך געזען אַז ער איז אַ ווייסער מענטש ווי איך, מיט אַ גאַנץ אַנגענעמען פּנים. זיין לייב, וואו ס'איז נאָר געווען אַנט־

בלויזט, איז געווען אָפּגעבערענט פון דער זון. אפילו זיינע ליפּן זיינען געווען שוואַרץ, און זיינע בלויע אויגן האָבן אויסגעזען גאַנץ מערקווירדיק אין זיין טונקל פּנים. פון אַלע בעטלער וואָס כ'האָב ווען געזען אָדער זיך פאַרגעשטעלט, איז ער געווען דער קעניג פון קריעה בלואה. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַלטע שמאַטעס פון זעגל־טוך און שיפּלייווונט, און אַט די טשיקאַווע שמאַטעס האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען דורך אַ סיסטעמע פון די פאַרשיידנסטע און אומהאַרמאָנישסטע פאַראייניקונגס־מיטלען — מעשענע קנעפּלאַך, הילצערנע שטעקלאַך, און שלייפן פון זעגל־שטריק. ער האָט געטראָגן אַן אַלטן לעדערנעם גאַרטל מיט אַ מעשענער ספּראָנטשקע, און דאָס איז געווען די איינציקע מאַסיווע זאַך פון זיין גאַנצער הלבשה.

— דריי יאָר! — האָב איך אויסגערופן, — האָט איר געליטן פון אַ שיפּבראָך?

— ניין, חבר, — האָט ער געזאָגט, — מ'האָט מיך איבערגעלאָזט!

כ'האָב שוין דערפון אַמאָל געהערט, און כ'האָב געוואוסט אַז ס'האָט באַצייכנט זייער אַ שרעקלעכע שטראָף, וואָס קומט אָפּט פאָר צווישן די בוקאַנירן, ליט וועלכער מ'לאָזט אַרונטער אַ פאַרברעכער, מיט אַ ביסל פּולווער און שרויט, אויף אַ ווילדן אינדזל, און מ'לאָזט אים דאָרט איבער.

— שוין דריי יאָר אַז מ'האָט מיך דאָ איבערגעלאָזט, — האָט ער פאָרגעזעצט, — און זינט דאַן האָב איך געלעבט אויף ציגן, יאַגדעס, און אויסטערס. וואו אַ מענטש זאָל ניט זיין, זאָג איך, קאָן ער באַשטיין זיין שטעטל. אָבער, חבר, ס'האַרץ גייט מיר איבער נאָך אַ ביסל געקעכץ. אפשר האָט איר מיט זיך צופעליק אַ שטיקל קעז? האַ? ניין? אַ סך לאַנגע נעכט האָב איך גע'חלומט וועגן קעז, מייסטנס פון צוגעברוינטן, און זיך אויפגעכאַפּט מיט גאַרניט.

— אויב כ'וועל ווען ס'איז קאָנען צוריקגיין אויף דער שיף, — האָב איך געזאָגט, — וועט איר קריגן קעז אויפן פונט.

די גאַנצע צייט האָט ער געהאַלטן אין באַטאַפּן דאָס געוואַנט

פון מיין רעקל, מיר געגלעט די הענט, באַטראַכט מיינע שיך, און האָט בכלל, אין פאַרלויף פונם געשפּרעך, אַרויסגעוויזן אַ קינדער־שע הנאה אין דער אַנוועזנהייט פון אַ מיט־מענטשן. אָבער דערהערנ־דיק מיין לעצטע באַמערקונג, האָט ער זיך גדלות'דיק אויסגעגלייכט מיט אַ פּלוצימדיקער ביטערקייט.

—אויב איר'ט ווען ס'איז קאָנען צוריקגיין אויף דער שיף, זאָגט איר? — האָט ער איבערגע'חזר'ט, — ווער'ט אייך דען שטערן?

— ניט איר, דאָס ווייס איך, — איז געווען מיין ענטפער.

— ריכטיק, — האָט ער אויסגערופן, — נו, און — און ווי הייסט איר, חבר?

— דזשים, — האָב איך געזאָגט.

— דזשים, דזשים, — האָט ער איבערגעזאָגט, ווייזט אויס, מיט גרויס פאַרגעניגן. — עך, דזשים. כ'האָב געפירט אַזאַ וויסטיק לעבן, אַז ס'אַ שאַנדע צו דערציילן. איר'ט זיך, אַ שטייגער, ניט וועלן גלויבן אַז איך האָב אויך אַמאָל געהאַט אַ פרומע מאַמע, וואָס פלעגט אויף מיר אַכטונג געבן?

— נו, ניט זייער שטאַרק, — האָב איך געענטפערט.

— ס'איז אָבער אמת, — האָט ער געזאָגט, — אויסערגעוויינט־לאַך פרום איז זי געווען. און איך אַליין בין אויך געווען אַן אָנ־שטענדיק, פרום אינגל, און האָב געקאָנט דאָס גאַנצע דאַווענען אויסנווייניק אַזוי שנעל, אַז מ'האָט קוים געקאָנט אונטערשיידן איין וואָרט פונם אַנדערן. כ'האָב שוין אויסגעפירט, דזשים, מ'קאָן ניט זאָגן. און ווי אַזוי, מיינט איר האָט זיך עס אָנגעהויבן? מיט שפּילן „קאָפּ אָדער אָדלער" אויף די פאַרדאַמטע קברים. אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן, אָבער געפירט האָט עס אַ סך ווייטער. מיין מאַמע האָט'ס מיר פריער פאָרויסגעזאָגט, זי האָט'ס אַלץ פאָרויס־געזען, האָט זי, די פרומע פרוי! אָבער די האַנט פון גאָט האָט מיך אַהער געבראַכט. כ'האָב עס אַלץ דורכגעטראַכט דאָ אויף דעמ־דאָזיקן איינזאַמען אינדזל, און כ'בין ווידער געוואָרן גוט און פרום. מער קיין ראָם טרינק איך ניט, סיידן אַ קאַפּעטשקע אויף אַ „לחיים", פאַרשטייט זיך, באַ דער ערשטער געלעגנהייט. כ'האָב געטאָן אַ נדר צו זיין גוט און פרום, און כ'האָב די מיטלען דערצו אויך,

— ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, און געזאָגט זייער שטיל: — איך בין רייך, דזשים, רייך!

איצט בין איך געווען איבערצייגט אַז דער אָרימער נפש איז אין זיין איינזאַמקייט משוגע געוואָרן. ער האָט מסתמא געלייענט דעמדאָזיקן געדאַנק אויף מיין פּנים, ווארים ער האָט דעמזעלבן זאַץ זייער היציק איבערגע׳חזר׳ט נאָכאַמאָל:

— רייך, זאָג איך אייך, רייך! און וויסט איר וואָס כ׳על אייך דערציילן: כ׳על אייך מאַכן פאַר אַ לייט, דזשים. אַ, דזשים. איר׳ט דאַנקען גאָט, ׳עט איר, וואָס איר זיינט געווען דער ערשטער וואָס האָט מיך געפונען.

דאָ האָט זיך אויף זיין פּנים פּלוצלונג באַוויזן אַ שוואַרצער שאָטן. ער האָט מיר שטאַרקער געדריקט די האַנט, און האָט אויף מיר אויפגעהויבן אַ דראָענדיקן ציינגפינגער.

— דזשים, זאָגט מיר דעם אמת, ס׳איז דאָך ניט פלינטס שיף? — האָט ער געפרעגט.

איצט איז מיר איינגעפאַלן אַ גליקלאַכער איינפאַל. כ׳האָב אָנגעהויבן פאַרשטיין אַז מיר האָבן צוגעקראָגן נאָך איינעם אויף אונדזער צד, און כ׳האָב אים גלייך געענטפערט.

— ניין, ס׳איז ניט פלינטס שיף, און פלינט אַליין איז טויט. אָבער כ׳על אייך זאָגן דעם אמת, ווי איר האָט מיך געבעטן: עט־לאַכע פון פלינטס חברה־לייט געפינען זיך יאָ אויף דער שיף, און מיר זיינען אַלע אויף גרויסע צרות.

— אפשר איז צווישן זיי דאָ איינער מיט איין פוס? — האָט ער אַרויסגעזיפצט.

— סילווער? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ, סילווער! אַזוי האָט ער געהייסן.

— ער איז׳ם אונדזער קוכער, און דערצו נאָך דער הויפּט רעדלפירער.

ער האָט מיך נאָך אַלץ געהאַלטן באַ דער האַנט, און האָט מיר איצט געגעבן אַ שטאַרקן דריק.

— אויב דער „לאַנגער דזשאָן" האָט אייך אהער געשיקט, בין איך אין דר׳ערד מיט די ביינער, כ׳ווייס עס גאַנץ גוט. אָבער וואו, דענקט איר, געפינט איר זיך איצט?

כ'האָב אין איין רגע געפּאַסט אַ באַשלוס, און, אַלס ענטפער, אים דערציילט די גאַנצע מעשה פון אונדזער רייזע, און אין וואָס פאַר אַ צרה'דיקער לאַגע מיר האָבן זיך געפונען. ער האָט מיך אויסגעהערט מיטן גרעסטן אינטערעס, און ווען כ'האָב געענדיקט האָט ער מיר געגלעט איבערן קאָפּ.

— איר זיינט אַ וואויל אינגל, דזשים, — האָט ער געזאָגט, — און איר זיינט איצט מיאוס אַריינגעפאַלן. נו, פאַרלאָזט זיך אויף בען גאַנען, בען גאַן וועט שוין אַלץ גוט מאַכן. דענקט איר אַז אייער סקווייר וועט'ס אָפּשאַצן אויב כ'על אייך העלפן? ער'ז דאָך, ווי איר דערציילט, אין דערזעלביקער מיאוסער לאַגע ווי איר?

— כ'האָב אים געזאָגט אַז דער סקווייר איז איינער פון די פיינסטע מענטשן אויף דער וועלט.

— נו, איר פאַרשטייט, — מאַכט בען גאַן, — כ'מיין ניט ער זאָל מיך מאַכן פאַר אַ טויער־וועכטער מיט אַ שיינעם מונדיר און אַזוי ווייטער, ניט דאָס מיין איך, דזשים. וואָס איך מיין איז, צי וועט ער אַרויס מיט די קלינגערס, און מיר געבן, לאָמיר זאָגן, כאָטש אַ טויזנט פונט, פונם געלט וואָס איז שוין אַזוי גוט ווי מיינס? אָט וואָס!

— כ'בין זיכער אַז יאָ, — האָב איך געזאָגט, — ס'איז לכתחילה געווען פאַרשטאַנען אַז אַלע דאַרפן קריגן אַ חלק!

— און אַ פרייע רייזע אַ היים? — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ כיטרע וואונק.

— פאַרשטייט זיך, — האָב איך אויסגערופן, — דער סקווייר איז אַ דזשענטלמאַן. און אַ חוץ דעם, אויב מירן פּטור ווערן פון די אַנדערע, וועלן מיר אייך דאַרפן איר זאָלט אונדז העלפן אַהיים ברענגען די שיף.

— אַ, אַזוי איז די מעשה, — האָט ער געזאָגט, ווייזט אויס זייער באַרואיקט.

— אויב אַזוי 'על איך אייך איצט עפּעס דערציילן, — האָט ער פאַרגעזעצט, — אָבער אַזוי פיל, און ניט מער. איך בין געווען אויף פלינטס שיף ווען ער האָט פאַרגראָבן דעם אוצר, ער און נאָך זעקס, נאָך זעקס קרעפטיקע מאַטראָזן. זיי האָבן פאַרבראַכט אויפן אינדזל כמעט אַ וואָך צייט, און מיר זיינען אַרומגעפאָרן אָפּ־און־

אויף אויפן אַלטן „וואַלרוס“. איין שיינעם טאָג איז געגעבן געוואָרן דער סיגנאַל, און פלינט איז צוריקגעקומען אַליין אויף אַ קליין שיפל, אַרומגעבונדן מיט אַ בלויען שאַרף אַרום דעם קאָפּ. די זון האָט דאָן געהאַלטן אין אויפגיין, און ער האָט אויסגעזען ווייס ווי קאַלך. איר הערט? ער איז צוריקגעקומען אַליין, און די אַנדערע זעקס אַלע טויט — טויט און באַגראָבן! ווי אַזוי ער האָט׳ס געטאָן, האָט קיינער פון אונדז אויף דער שיף בשום אופן ניט געקאָנט דערקלערן. ס׳האָט געמוזט פאָרקומען אַ קאַמף, מאָרד, און פּלוצימדיקער טויט, כאָטש ער׳ז געווען איינער קעגן זעקס. בילי באָנס איז דעמאָלט געווען שטורמאַן, דער „לאַנגער דזשאָן“ — קוואַרטירמייסטער. זיי האָבן אים געפרעגט וואו דער אוצר איז. אַ, מאַכט ער, איר קאָנט זיך אַריבערכאַפּן אויפן אינדזל, און דאָרט בלייבן, אויב איר ווילט, די שיף וועט אָבער, מאַכט ער, אַוועקפאָרן אויפן ים זוכן נאָך, אַ קלאָג צו אייך! אָט וואָס ער האָט זיי געענטפערט.

— מיט אַ דריי יאָר צוריק בין איך געווען אויף אַן אַנדער שיף, וועלכע איז גראָד דורכגעפאָרן לעבן דעמדאָזיקן אינדזל. חברה, זאָג איך, אָט איז פלינטס אוצר, לאָמיר לאַנדן און אים געפינען. דעם קאַפּיטאַן איז די געשיכטע ניט געווען געפעלן, אָבער מיינע חברים האָבן איינגעשטימט, און מיר האָבן געלאַנדעט. צוועלף טעג צייט האָבן מיר געזוכט, און יעדן טאָג האָבן זיי מיך מער געשאָלטן. איין שיינעם פרימאָרגן זיינען זיי אַלע אַוועק אויף דער שיף. — און דו, בען גאַן, זאָגן זיי, אָט האָסטו דיר אַ ביקס, זאָגן זיי, אַ ריגל, און אַ גראָב־אייזן. קאָנסט דאָ פאַרבלייבן און געפינען פלינטס געלט פאַר זיך אַליין, זאָגן זיי.

— נו, דזשים, שוין דריי יאָר אַז כ׳וואַלגער זיך אויף דעמדאָזיקן אינדזל, און האָב ניט פאַרזוכט קיין ביסל געקעכץ ביז היינטיקן טאָג. און איצט, קוקט מיך גוט אָן, קוקט מיך אָן און זאָגט אַליין, זע איך אויס ווי אַ פּשוטער פאַדערמאַסטניק? וואָס? איר זאָגט אַז ניין? נו כ׳בין עס טאַקע ניט געווען אויך, זאָג איך.

דערביי האָט ער אַ וואונק געטאָן, און מיר געגעבן אַ שטאַרקן קניפּ.

— זאָגט׳ס אים, דעם סקווייר אייערן, טאַקע מיט די ווערטער, דזשים, — האָט ער פאַרגעזעצט, — ער איז׳ס טאַקע ניט

געווען אויך, זאָלט איר זאָגן. דריי יאָר לאַנג איז ער געווען דער איינציקער מענטש אויף דעמדאָזיקן אינדזל. באַטאָג און באַנאַכט, זומער און ווינטער. ער פֿלעגט אָפֿט דאַוונען, זאָלט איר זאָגן, און אָפֿט טראַכטן וועגן זיין אַלטער מאַמען, אויב זי לעבט נאָך. אָבער די גרעסטע צייט, זאָלט איר זאָגן, האָט בען גאַן פֿאַרבראַכט אויף עפּעס אַנדערש. דערביי זאָלט איר אים געבן אַ לייכטן קניפּ, ווי איך אייך איצטער.

און ער האָט מיר ווידער געגעבן אַ קניפּ אויף זייער אַ פֿאַר־טרוילאַכן שטייגער.

— און דאַן, — האָט ער פֿאָרגעזעצט, — דאַן וועט איר אים אַזוי זאָגן: — גאַן איז אַ וואוילער מענטש, וועט איר זאָגן, און ער האָט צען טויזנט מאָל אַזוי פֿיל מער צוטרוי, געדענקט עס, צען טויזנט, צו אַ געבוירענעם דזשענטלמאַן, ווי צו איינעם פֿון דידאָ־זיקע ריטער פֿון צופֿאַל; ער איז אַליין געווען אַמאָל אַזעלכער, און ער ווייסט וואָס ער רעדט.

— יאָ, — האָב איך געזאָגט, — אָבער כ׳הויב ניט אָן צו פֿאַר־שטיין אַ וואָרט פֿון אַלץ וואָס איר האָט דאָ אָנגערעדט. ס׳איז ניט אַהין און ניט אַהער. ווי קאָן איך דען איצט צוריקגיין אויף דער שיף?

— אָ, — מאַכט ער, — דאָ ליגט טאַקע דער הונט באַגראָבן. וואָס איז מכח מיין שיפֿל, וואָס כ׳האָב אַליין געמאַכט מיט מיינע אייגענע צוויי הענט? כ׳האַלט עס אונטערן ווייסן פֿעלז. אויב ס׳עט האַלטן גאָר שמאָל, ׳עלן מיר׳ס באַנאַכט אויספּרואוון.

— הא! וואָסי דאָס? — האָט ער פּלוצלונג אויסגעפּלאַצט.

פּונקט דאַן, כאָטש ס׳איז נאָך געווען אַ צוויי שעה צו נאַכט, האָבן זיך פּלוצלונג אויפֿגעכאַפּט אַלע עכאָס פֿונם אינדזל און האָבן איבערגעחזרט די דונערן פֿון אַ קאַנאָנע־שאָס.

— דער קאַמף האָט זיך שוין אָנגעהויבן! — האָב איך אויס־געשריען, — קומט מיט מיר!

כ׳האָב זיך געלאָזט לויפֿן צום אַנקער־פּלאַץ, אינגאַנצן פֿאַרגעסנ־דיק אין מיין שרעק, און הארט לעבן מיר איז לייכט און פֿלינק געלאָפֿן דער אינזולאַנער אין זיינע ציגנפֿעלן.

— לינקס! לינקס! — מאַכט ער, — פֿאַרקירעוועט זיך לינקס

דזשים! אונטער די ביימער, חבר! דאָרט האָב איך דער׳הרג׳עט מיין ערשטע ציג. איצט קומען זיי שוין מער ניט אהער. איצט האַלטן זיי זיך אויוון אויפן באַרג, וואָרים זיי האָבן מורא פאַר בענדזשאַמין גאַנען. און דאָרט־אָ איז דער פסאַלמין, — ער האָט מסתמא געמיינט דער בית־עלמין, — איר זעט די קברים? אַהין פלעג איכ׳ס אָפט גיין דאַוונען, ווען כ׳האָב געדענקט אַז אפשר איז שוין זונטאָג. אמת, ס׳איז ניט אַזאַ געהויבענער קלויסטער, אָבער ס׳האָט דאָך אויסגעזען עפּעס הייליקער און איינדרוקספולער. וואָס האָב איך דען געקאָנט טאָן? נו, זאָגט אַליין, אַן אַ גלח, אפילו אַן אַ ביבל, און אַן אַ פאָן!

ער האָט די גאַנצע צייט וואָס מיר זיינען געלאָפן, געהאַלטן אין איין ריידן, ניט דערוואַרטנדיק און ניט קריגנדיק קיין ענטפער.

אַ היבשע צייט נאָכן קאַנאָנע־שאָס, האָט זיך דערהערט אַ שי־סעריי פון קליינעם געווער.

און ווידעראַמאָל, נאָך אַ פּויזע, האָב איך, ניט מער פון אַ פערטל מייל פאַר מיר, דערזען דעם „יוניאָן דזשעק“ פלאַטערן אי־בערן וואַלד.

פינפטער טייל
מיין אַוואַנטורע אויפן ים

זעכצנטער קאפּיטל

דער דאָקטאָר דערציילט ווייטער: ווי אַזוי זיי האָבן פאַרלאָזן די שיף

ס'איז געווען אַרום האַלב נאָך צוויי אַ זייגער, אָדער ווי די מאַטראָזן זאָגן, דריי קלונג, ווען די צוויי שיפלאַך האָבן פאַרלאָזן די „היספּאַניאָלאַ", און זיינען אַוועקגעפאָרן צום אינדזל. דער קאַפּיטאַן, דער סקווייר, און איך האָבן אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג אין דער קאַיוטע. וואָלט דאָן כאָטש געווען געבלאָזן אַ קליין ווינטל, וואָלטן מיר געווען געמאַכט אַן איבערפאַל אויף די זעקס בונטאַרן וועלכע זיינען מיט אונדז געבליבן אויף דער שיף, איבערגעשניטן די אַנקערשטריק, און אַוועק אויפן ים. קיין ווינט האָבן מיר אָבער ניט געהאַט, און דער עיקר, איז אונדזער היפלאָזיקייט פאַרגרעסערט געוואָרן, ווען האַנטער איז אַרונטערגעקומען מיט דער נייס, אַז דזשים האָקינס איז אַוועק צום ברעג אויף איינעם פון די שיפלאַך צוזאַמען מיט די איבעריקע.

אמת, ס'איז אונדז ניט איינגעפאַלן צו פאַרדעכטיקן דזשים האָקינסן, מיר זיינען אָבער געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן זיין לעבן. לויט דער שטימונג פון די מאַטראָזן, זיינען געווען קנאַפּע אויסזיכטן אַז מיר זאָלן דאָס אינגל ווען ס'איז נאָך אַמאָל זען. מיר זיינען שנעל אַרויף אויפן דעק. דער פּעך האָט בוכשטעבליך געבלעזלט צווישן די שפּאַלטן פון די ברעטער, און פונעם געפּערלאַכן געשטאַנק פון דעמדאָזיקן אָרט איז מיר ניט גוט געוואָרן. אויב ערגיץ איז אַמאָל געווען דער ריח פון פיבער און דיזענטעריע, איז ער זיכער געווען אין יענעם פאַרשאָלטענעם אַנקערפּלאַץ. די זעקס שורקעס זיינען געזעסן אונטער אַ זעגל אין פאָדערשיף און האָבן געבורטשעט. לעבן ברעג פונעם אינדזל האָט מען געקאָנט זען ביידע שיפלאַך צוגעבונדן; אין יעדן איז געזעסן אַ מאַן אַלס אַ וואַך, און איינער האָט געפּייפט „ליליבולערא".

דאָס וואַרטן איז געוואָרן אומדערטרעגלאַך. מיר האָבן באַשלאָסן אַז איך מיט האַנטערן זאָלן צופאָרן צום ברעג מיטן יאָלע־שיפל נאָך אינפאָרמאַציע.

די צוויי שיפלאַך זיינען געשטאַנען רעכטס, אָבער איך מיט

האָנטערן האָבן זיך געשיפּט גלייך אין דער ריכטונג פון דער פעסטונג, וועלכע איז געווען אנגעוויזן אויף דער מאַפּע.ביידע חברה־לייט וואָס זיינען געבליבן היטן די שיפלאַך האָבן אויסגעזען איבעראַשט ווען זיי האָבן אונדז דערזען. זיי האָבן אויפגעהערט צו זינגען די „ליליבולעראָ", און כ'האָב געזען ווי זיי האָבן זיך בעראַטן וואָס צו טאָן. וואָלטן זיי געווען אַוועק און דערציילט סילווערן, וואָלט זיך אַלצדינג געווען אויסגעדרייט גאַנץ אַנדערש. זיי האָבן אָבער, ווייזט אויס, געהאַט אַ שטרענגן באַפעל, און האָבן באַשלאָסן צו בלייבן זיצן רואיק אויף זייערע ערטער, און ווידער אָנגעהויבן זינגען די „ליליבולעראָ".

דער ברעג האָט זיך עטוואָס פאַרקירעוועט, און כ'האָב געררודערט אַזוי אַז די אַפּנייגונג זאָל אויסקומען צווישן אונדז, און נאָך איידער מיר האָבן געלאַנדט, זיינען שוין די שיפלאַך פאַרשוואונדן פון אונדזערע אויגן.

כ'בין אַרויסגעשפּרונגען, און האָב גענומען לויפן אַזוי שנעל ווי כ'האָב געוואַגט. כדי ס'זאָל מיר זיין קילער אין קאָפּ, האָב איך אויסגעשפּרייט אַ זיידן טיכל אונטער דער הוט, און פון זיכערקייט וועגן האָב איך געהאַלטן צוויי אָנגעלאָדענע פּיסטאָלעטן אין די הענט.

כ'בין ניט אַריבער מער פון אומגעפער אַ הונדערט קלאַפטער ווען כ'בין צוגעקומען צו דער פעסטונג.

און אָט ווי זי האָט אויסגעזען: אַ קלאָרער קוואַל וואַסער האָט אַרויסגעשטראָמט כמעט אויפן שפּיץ פון אַ בערגל. אויף דעמדאָזיקן בערגל, און אַרום דעם קוואַל איז געווען אויסגעבויט אַ שטאַרק הויז פון קלעצער, אין וועלכן ס'האָבן אין אַ נויט געקאָנט אַריין אַרום פערציק מאַן, און וואָס איז פון אַלע זייטן געווען פול מיט שיסלעכער. אַרום און אַרום איז געווען אַ ליידיקער הויף, וועלכער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ ריי שטאַכעטן זעקס פוס די הויך, אָן וועלכער ס'איז טיר אָדער עפענונג, צו שטאַרק מ'זאָל זיי אָן שווערער מי און אַ סך צייט קאָנען אויסברעכן, און צו אָפן צו קאָנען באַשיצן קעגן באַלאַגערער. די מענטשן אינעם קלעצער־הויז האָבן אין אַלץ געהאַט די איבערהאַנט. שטייענדיק רואיק הינטער שויץ, האָבן זיי געקאָנט אויסשיסן די אויסנווייניקסטע ווי די הי־

נער. אַלץ וואָס זיי האָבן געדאַרפט האָבן איז א גוטע וואָך און גענוג פּראָוויאַנט. וואָרים, סיידן אַטאַקירט אומדערוואַרטעטערהייט, וואָלטן זיי געקאָנט אויסהאַלטן אַ פּאַרטיידיקונג קעגן אַ גאַנצן רעגימענט.

ספּעציעל איז מיר געפעלן געוואָרן דער קוואַל. כאָטש מיר האָבן געהאַט אַ גאַנץ גוטע וואוינונג אין דער קאַיוטע פון דער „היספּאַניאָלאַ", מיט גענוג געווער און אַמוניציע, טייערע וויינען און שפּייז, האָבן מיר אָבער פאַרזען איין זאַך: מיר האָבן ניט געהאַט קיין וואַסער. ווי כ'האָב דאָס אַלץ אַזוי געהאַלטן אין דורכטראַכטן, האָט זיך איבערן אינדזל צעטראָגן דער טויט־געשריי פון אַ מענטשן. שווידערלאַכער טויט איז מיר ניט געווען קיין נייס — כ'האָב געדינט זיין קעניגלאַכע הויכקייט, דעם הערצאָג פון קומבערלאַנד, און בין אַליין פאַרוואונדעט געוואָרן אין דער שלאַכט פון פאָנטענאָי — דאָך האָט מיר איצט אָנגעהויבן צו קלאַפּן דאָס האַרץ מיט אַ געפערלאַכער שנעלקייט. — דזשים האָקינס איז טויט, איז געווען מיין ערשטע השערה.

צו זיין אַן אַלטער סאָלדאַט איז אַ גרויסע זאַך, אָבער נאָך גרעסער איז צו זיין אַ דאָקטאָר. אין אונדזער פּראָפעסיע טאָרן מיר ניט פּטר'ן קיין סך צייט. כ'האָב אויגנבליקלאַך געפאַסט אַ באַשלוס, און ניט פאַרלירנדיק קיין צייט, בין איך גלייך צוריקגעלאָפן צום ברעג, און אַריינגעשפּרונגען אינם יאָלע־שיפל.

גליקלאַכערווייז איז האַנטער געווען אַ גוטער רודערער, — מיר זיינען ממש געפלויגן. דאָס שיפל איז באַלד געווען לעבן דעם שקונער און כ'בין שנעל אַרויף.

כ'האָב זיי אַלעמען, נאַטירלאַך, געפונען צערודערט. דער סקווייר איז געזעסן, ווייס ווי אַ טוך, און האָט געטראַכט פון דער צרה אין וועלכער ער האָט אונדז אַריינגעפירט, דער אָרימער נפש! ניט פיל בעסער האָט אויך אויסגעזען איינער פון די זעקס מאַטראָזן.

— יענער־אָ חברה־מאַן, — האָט זיך אָנגערופן קאַפּיטאַן סמאָלעט, אָנווייזנדיק אויף אים, — איז נאָך אַ גרינער אין געשעפט. ער האָט שיעור ניט גע'חלש'ט, דאָקטאָר, ווען ער האָט דערהערט דעם געשריי. איין וואונק, און ער'ט צושטיין צו אונדזער צד.

כ'האָב איבערגעגעבן דעם קאַפּיטאַן מיין פּלאַן, און מיר האָבן צווישן זיך באַשטימט די איינצלהייטן ווי אַזוי אים דורכצופירן.

דעם אַלטן רעדרוטן האָבן מיר אַוועקגעשטעלט אינם דורכגאַנג, צווישן דער קאַיוטע און דער פאָדערשיף, מיט אַ דריי־פּיר אָנגע־לאָדענע מושקעטן און מיט אַ מאַטראַץ פאַר אַ שילד.

האַנטער האָט אַריבערגעפירט דאָס שיפל צום הינטער־פענצטער, און איך מיט דזשאָיסן האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט, אָנלאָדנ־דיק דאָס שיפל מיט פּעסער פּולווער, מושקעטן, זעק מיט צוויבאַק, פעסלאַך חזיר־פליייש, אַ פאַס קאָניאַק, און מיין אומשאַצבאַר מע־דיצין קעסטל.

דער סקווייער און דער קאַפּיטאַן זיינען דערוויילגעבליבן אויפן דעק, און דער לעצטער האָט זיך געווענדט צום רודערמאַן, וועל־כער איז געווען דער הויפּטמאַן פון די זעקס בונטאַרן אויף דער שיף.

— מיסטער האַנדס, — האָט ער געזאָגט, — אָט שטייען מיר דאָ ביידע גרייט מיט פּיסטאָלעטן אין די הענט. אויב איינער פון אייך זעקס גיט דעם מינדסטן צייכן, פאַלט ער אַ טויטער אויפן שטעל.

זיי זיינען געווען שטאַרק איבעראַשט. נאָך אַ קליינער באַ־ראַטונג, זיינען זיי אַלע ביז איינעם אַרונטער מיט די פאָדערשטע טרעפּ רעכענענדיק, ווייזט אויס, צו מאַכן אויף אונדז אַן אָנפאַל הינטן אַרום. ווען זיי האָבן אָבער דערזען רעדרוטן, וועלכער האָט אויף זיי געוואַרט אינם דורכגאַנג, זיינען זיי ווידער אַוועק צוריק, און אַ קאָפּ האָט זיך ווידער באַוויזן אויפן דעק.

—אַרונטער, דו הונט ! — האָט דער קאַפּיטאַן אויסגעשריען.

דער קאָפּ איז פאַרשוואונדן, און מיר האָבן פאַרלויפיק מער גאָרניט געהערט פון דידאָזיקע זעקס שרעקעדיקע ים־העלדן.

דערווייל, אַריינוואַרפנדיק וואָס ס'איז אונדז נאָר געקומען צו די הענט, האָבן מיר אָנגעלאָדן דאָס יאָלע־שיפל וויפל ס'האָט נאָר אין דעם געקאָנט אַריין. איך מיט דזשאָיסן זיינען אַרויס דורכן הינטער־פענצטער, געכאַפּט דאָס שיפל, און געלאָפן צום ברעג ווי שנעל די רודערס האָבן אונדז געטראָגן.

דידאָזיקע צווייטע נסיעה האָט די שיף־היטער באַם ברעג

אײַנגאַנצן צעטומלט. זיי האָבן ווידער אויפֿגעהערט צו זינגען די „ליליבולעראָ“, און פּונקט איידער זיי זיינען פֿאַרשוואונדן הינטערן קליינעם לאַנד־צונג, איז איינער פֿון זיי אויפֿגעשפּרונגען און איז אַוועק. כ׳האָב שיעור ניט געוואָלט ענדערן מיין פּלאַן און צעשטערן זייערע שיפֿלאַך, כ׳האָב אָבער מורא געהאַט אַז סילווער און די אַנדערע קאָנען נאָך זיין נאָנט, און אַלץ קאָן נאָך, צוליב מיין וועלן צו־פֿיל, גיין פֿאַרלוירן.

מיר האָבן געלאַנדט אויף דעמזעלבן אָרט ווי פֿריער, און אָנגעהויבן איבערצוטראָגן דעם פּראָוויאַנט אינם קלעצער־הויז אַריין. מיר האָבן זיך אַלע דרײַ שווער באַלאָדן, און האָבן אַריבערגעוואָרפֿן אונדזער פּראָוויאַנט איבערן פּאַרקן אַרום דער פֿעסטונג. איבערלאָזנדיק דזשאָיסן אַלס וואַך — כאָטש איינעם אַליין, אָבער מיט אַ האַלבן טוץ מושקעטן — האָבן זיך איך מיט האָנטערן אומגעקערט צום יאָלע־שיפֿל און זיך ווידער באַלאָדן. אַזוי האָבן מיר געאַרבעט אָן אַן אָפּהאַלט אפֿילו איבערצוכאַפּן דעם אָטעם, ביז מיר האָבן איבערגעטראָגן די גאַנצע לאָדונג. די צוויי דינער האָבן דאַן פֿאַרנומען זייער פּאָסטן אינם קלעצער־הויז און איך האָב מיט די לעצטע כחות צוריקגערודערט צו דער „היספּאַניאָלאַ“.

דאָס וואָס מיר האָבן געוואַגט צו מאַכן אַ צווייטע נסיעה זעט אויס מער איינשטעלעריש ווי ס׳איז אין דער אמת׳ן געווען. אמת, זיי האָבן אונדז איבערשטיגן אין צאָל, דערפֿאַר האָבן מיר אָבער געהאַט די אויבערהאַנט וואָס איז שייך באַוואָפֿנונג. קיין איינער פֿון דער חברה אויפֿן אינדזל האָט ניט געהאַט קיין מושקעט, און איידער זיי וועלן קאָנען צוקומען גענוג נאָנט פֿאַר פּיסטאָלעט שיסערײַ, האָבן מיר געהאָפֿט צו זיין אימשטאַנד אַוועקצולייגן צום ווייניקסטן אַ האַלבן טוץ.

דער סקווייר האָט אויף מיר געוואַרט באַם הינטער־פֿענצטער. זיין שרעקעדיקייט איז לחלוטין פֿאַרשוואונדן. ער האָט אָנגעכאַפּט דעם שטריק, אים צוגעבונדן, און מיר האָבן גענומען אָנלאָדן דאָס שיפֿל מיט אַ שנעלקייט, ווי ס׳וואָלט אונדז געגאַנגען אין לעבן. די לאָדונג איז באַשטאַנען פֿון חזיר־פֿלייש, פּולווער און צוויבאַק, און אַ חוץ דעם פֿון אַ מושקעט און אַ קינדזשאַל פֿאַר יעדן איינעם — פֿאַרן סקווייר, פֿאַר מיר, פֿאַר רעדרוטן, און פֿאַרן קאַ־

פּיטאַן. די רעשט געווער און פּולווער האָבן מיר אַריינגעוואָרפן דריט־האַלבן קלאַפּטער טיף אין וואַסער אַריין, אַזוי אַז מ'האָט געקאָנט זען דעם גלאַנצנדיקן שטאָל שימערירן קעגן דער זון טיף אונטער אונדז אויפן ריינעם זאַמד־באָדן.

ארום דער צייט האָט אָנגעהויבן אָנצוקומען דער שטראָם, און די שיף האָט זיך געוויגט אַרום דעם אַנקער. אין דער ריכטונג פון די שיפלאַך האָבן זיך אָפּ־און־אויף געהערט שוואַכע האַלאָ־אויס־רופן, און כאָטש דאָס האָט אונדז באַרואיקט וועגן דער זיכערקייט פון דזשאָיסן און האַנטערן, וועלכע זיינען געווען אַ סך ווייטער מזרח־צו, איז עס אָבער געווען אַ וואָרנונג פאַר אונדזער פּאַרטיע וואָס שנעלער אָפּצופאָרן.

רעדרוט האָט זיך צוריקגעצויגן פון זיין פּאָזיציע אינעם דורכ־גאַנג, און איז אַריינגעשפּרונגען אין שיפל, וואָס מיר האָבן דאַן שוין געהאַט אַריבערגעפירט אויף דער זייט פון דער שיף וואו ס'געפינט זיך די קאַיוטע, כדי ס'זאָל זיין צו דער האַנט פאַר קאַפּיטאַן סמאָלעטן.

— און איצט, חברה, — האָט ער געזאָגט, — הערט וואָס כ'על אייך זאָגן!

פון פאָרדערשיף איז ניט געקומען קיין ענטפער.

— איך רעד עס צו אייך, אייבערהעם גרעי. איך מיין עס אייך.

אַלץ קיין ענטפער.

— גרעי, — האָט מיסטער סמאָלעט ווידער געזאָגט, א ביסל העכער, — איך פאַרלאָז איצט דיזאָזיקע שיף, און איך באַפעל אייך איר זאָלט מיטגיין מיט אייער קאַפּיטאַן. איך בין זיכער אַז טיף אין האַרצן זיינט איר אַ וואוילער יאַט, און, דעם אמת זאָגנדיק, איז קיין איינער פון אייך ניט אַזוי שלעכט ווי ער מאַכט דעם אָנשטעל. כ'האַלט איצט מיין זייגער אין דער האַנט, און כ'גיב אייך דרייסיק סעקונדן צייט מיר נאָכצופאָלגן.

ווידער אַ פּויזע.

— קומט, קומט, מיין וואוילער בחור, — האָט דער קאַפּיטאַן פאַרגעזעצט, — און איבערלייגט זיך ניט אַזוי לאַנג. מיין לעבן

און ס׳לעבן פון דידאָזיקע גוטע מענטשן איז איינגעשטעלט יעדע סעקונדע.

ס׳האָט זיך דאַן פּלוצלונג דערהערט אַ טומל און אַ גערויש ווי פון אַ געשלעג, און אייבערהעם גרעי איז אַרויס מיט אַ מעסער־שניט אויף דער באַק, און איז צוגעלאָפן צום קאַפּיטאַן, ווי אַ הונט צום רוף פון אַ פייף.

— כ׳בין מיט אייך, מיין הער, — האָט ער געזאָגט.

אין אַ רגע אַרום איז ער מיטן קאַפּיטאַן אַריינגעשפּרונגען צו אונדז אין שיפל, מיר האָבן זיך אָפּגעשטופּט און זיינען אַוועק.

מיר זיינען אַוועק פון דער שיף, אָבער צום ברעג און צו אונדזער פעסטונג איז נאָך געווען זייער ווייט.

זיבעצנטער קאַפּיטל

דער דאָקטאָר דערציילט ווייטער: דעם יאָלע־שיפלס לעצטע נסיעה

דידאָזיקע פינפטע נסיעה איז געווען אינגאַנצן אַנדערש פון יעדער פון די פריערדיקע. ערשטנס, איז אונדזער „מולטערל" געווען זייער איבערגעלאָדן. פינף דערוואַקסענע מענטשן, פון וועלכע דריי — טרעלאָני, רעדרוט, און דער קאַפּיטאַן — זיינען געווען איבער זעקס פוס הויך, זיינען שוין אַליין געווען אַ גרעסערע לאַסט ווי ס׳שיפל האָט געקאָנט פאַרטראָגן, שוין ניט רעדנדיק וועגן דעם פּולווער, חזיר־פלייש, און די זעק מיט ברויט. הינטן האָט ס׳וואַסער געהאַלטן אין איין לעקן די ראַנדן פונם שיפל. מיר האָבן עטלאָכע מאָל אָנגענומען וואַסער, און מיינע קני־הויזן, און די פּאָלעס פון מיין ראָק זיינען געוואָרן פּיטש־נאַס, איידער מיר זיינען נאָך אָפּגעפאָרן אַ הונדערט קלאַפטער.

דער קאַפּיטאַן האָט אונדז געהייסן אויסגלייכן ס׳גלייכגעוויכט פונם שיפל, און דאָס האָט געהאָלפן אַז ס׳זאָל פאָרן אַ סך בעסער, מיר זיינען אָבער דאָך געפאָרן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם.

צווייטנס, איז צוליב דעם איצטיקן אַפּפלוס, אַנטשטאַנען אַ שטאַרקער כוואַליענדיקער שטראָם, וועלכער איז געלאָפן מערב־צו דורכן האַפנבעקן, און דאַן דרום־צו אין דער ריכטונג פונם ים, דורכן דורכפלוס מיט וועלכן מיר זיינען אינדערפרי אַריינגעקומען. אפילו די קליינע כוואַליעס זיינען געווען געפערלעך פאַר אונדזער איבערגעלאָדן שיפל. דאָס ערגסטע דערביי איז געווען וואָס מיר זיינען געוואָרן אָפּגעקערט פון אונדזער אמת'ער ריכטונג, און דערווייטערט פון אונדזער ריכטיקן לאַנדונגס־פּלאַץ הינטערן לאַנד־צונג. אויב מיר זאָלן לאָזן דעם שטראָם געוועלטיקן, וועלן מיר מוזן צושווימען צום ברעג פונקט לעבן די שיפלאַך, וואו די פּיראַטן קאָנען נאָך אָנקומען יעדע רגע.

איך ביז געזעסן בא דער רודער־ראָד, און דער קאַפּיטאַן מיט רעדרוטן, צוויי מענטשן מיט פרישע כחות, האָבן געטריבן מיט די רודערס.

— הער קאַפּיטאַן, — האָב איך געזאָגט, — ס'איז מיר אוממעגלעך צו רודערן אין דער ריכטונג פון דער פעסטונג. דער שטראָם טרייבט אונדז אויסערן וועג. קאָנט איר ניט רודערן אַ ביסל שטאַרקער?

— סיידן מיר זאָלן זינקען, — האָט ער געזאָגט. — איר מוזט זיך שטאַרקן, מיין הער, ביז איר זעט אַז מיר פּראָגרעסירן.

כ'האָב זיך אָנגעשטרענגט און האָב אויסגעפונען אַז דער שטראָם האָט אונדז געטריבן נאָך ווייטער מערב־צו, ביז כ'האָב גענומען ריכטן מזרח־צו, אָדער פונקט רעכט־ווינקלדיק צום אָרט וואוהין מיר האָבן געוואָלט פאָרן.

— מירן אויף אַזאַ אופן קיינמאָל ניט צוקומען צום ברעג, — האָב איך געזאָגט.

— ס'איז אָבער די איינציקע ריכטונג אין וועלכער מיר קאָנען פאָרן, און מיר מוזן אַזוי טאָן, — האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן. — מיר מוזן פאָרן קעגן שטראָם, וואָרים אויב מיר זאָלן בלויז איין רגע לויפן מיטן ווינט, וועלן מיר ווער ווייסט וואו לאַנדן, אַ חוץ וואָס מיר זייַנען נאָך אויסגעשטעלט איבערגענומען צו ווערן פון די שיפלאַך. דערפאַר אָבער, ווי מיר פאָרן איצט, מוז דער שטראָם שוואַכער

ווערן, און דאַן וועלן מיר קאָנען צוריקפאָרן מיט דער לענג פונם ברעג.

— דער שטראָם איז שוין שוואכער, מיין הער, — האָט געזאָגט גרעי, וועלכער איז געזעסן אויף די זעגל שטריק. — איר קאָנט שוין נאָכלאָזן אביסל!

— א גרויסן דאַנק אייך! — האָב איך געזאָגט, גלייך ווי ס'וואָלט גאָרניט ניט געווען געשען, וואָרים מיר האָבן אַלע שטילערהייט אָפּגעמאַכט אים צו באַהאַנדלען ווי איינעם פון אונדזעריקע.

— די קאַנאָנע! — האָט דער קאַפּיטאַן פּלוצלונג ווי ניט מיט זיין קול אויסגערופן.

— כ'האָב שוין אויך געטראַכט וועגן איר, — האָב איך גע־זאָגט, מיינענדיק אַז ער האָט געהאַט אינזינען א מעגלאַכע באָמבאַר־דירונג פון אונדזער פעסטונג, — זיי וועלן זי אָבער קיינמאָל ניט קאָנען אַרויפברענגען אויפן ברעג, און אַפילו אויב יאָ, וועלן זיי זי קיינמאָל ניט קאָנען דורכפירן דורך די ביימער.

— קוקט זיך נאָר אום אויף הינטן, דאָקטאָר! — האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן.

מיר האָבן לחלוטין פאַרגעסן דעם „ניינער", און איצט האָבן מיר, צו אונדזער גרויס שרעק, געזען ווי די פינף לומפּן זיינען אַרום אים געשטאַנען, און אים אויסגעטאָן זיין רעקל, ווי זיי פלעגן רופן די דיקע לייוונטענע הילע אין וועלכער ער איז געווען איינגעהילט. ניט נאָר דאָס, נאָר כ'האָב זיך אויך פּלוצלונג דערמאָנט אַז מיר האָבן אויך איבערגעלאָזט די רונדע קוילן און דעם קאַנאָ־נע־פּולווער, און אַז איין זעץ מיט א האַק וועט זיי ברענגען אין באַזיץ פון די מחבלים אויף דער שיף.

— א זואַעל איז געווען פלינטס קאַנאָנע־שיסער, — האָט גרעי געזאָגט מיט א הייזעריקער שטים.

איינשטעלנדיק אַלצדינג, האָבן מיר אויסגעקירעוועט דאָס שיפל דירעקט צום לאַנדונגס־פּלאַץ. אַרום דער צייט זיינען מיר שוין געווען אַזוי ווייט אַוועק פון שטראָם, אַז אַפילו מיט אונדזער שוואכן רודערן, האָבן מיר געקאָנט פאָרן זיכער אין דער ריכטונג פון אונדזער ציל. די צרה איז נאָר געווען וואָס, גייענדיק אין דער דאָזיקער ריכטונג, זיינען מיר געווען אויסגעקירעוועט צו דער „היספּאַ־

ניאַלא״, אַנשטאָט מיטן עק פונם שיפל, מיט דער זייט, און האָבן איר אַזוי אַרום נאָך אָנגעבאָטן אַ שיס־ציל גרויס ווי אַ שייער־טויער.

ניט נאָר האָבן איך געקאָנט זען, נאָר אויך הערן, ווי יענער לומפּ מיטן פּנים פון אַ שיכור'ניק, איזראַעל האַנדס, האָט שווער אַראָפּגעלאָזט אַ קאַנאָנע־קויל אויפן דעק.

— ווער'ז דער בעסטער שיסער צווישן אונדז? — האָט גע־פרעגט דער קאַפּיטאַן.

— מיסטער טרעלאָני, אָן צווייפל, — האָב איך געזאָגט.

— מיסטער טרעלאָני, זייט אַזוי גוט, און פּיקט מיר אַרונטער איינעם פון די דאָזיקע חברה־לייט, האַנדסן, אויב מעגלאַך, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן.

טרעלאָני, קאַלט ווי שטאָל, האָט גענומען באַטראַכטן דעם פּול־ווער־דראָט פון זיין ביקס.

— גיט אַכטונג, מיין הער! — האָט דער קאַפּיטאַן אויס־גערופן, אַניט וועט איר זינקען דאָס שיפל! און איר, זייט אַלע גרייט צו האַלטן ס'גלייכגעוויכט בשעת ער'ט זיך צילן!

דער סקווייר האָט אויפגעהויבן זיין ביקס. מיר האָבן אויפ־געהערט צו רודערן, זיך אָנגעבויגן אויף דער אַנדערער זייט צו האַלטן ס'גלייכגעוויכט, און אַלץ איז געווען אויסגערעכנט אַזוי פּינקטלאַך, אַז מיר האָבן ניט אָנגענומען קיין טראָפּן וואַסער.

זיי האָבן שוין איצט געהאַט אויסגעקירעוועט די קאַנאָנע אויף איר אַקס, און האַנדס, וועלכער איז געשטאַנען מיטן לאַד־שטאָק לעבן דעם רער־מויל, איז דערפאַר געווען דער בעסטער ציל־פּונקט.

ס'האָט אונדז אָבער דאָך ניט אָפּגעגליקט. פּונקט ווען טרעלאָ־ני האָט אויסגעשאָסן, האָט זיך יענער איינגעבויגן, די קויל איז אים פאַרביי־געפלויגן, און געפאַלן איז גאָר איינער פון די אַנדערע פיר.

דער געשריי וואָס דער געשאָסענער האָט געגעבן האָט געפּור־נען אַ ווידער־קול ניט נאָר בא זיינע חברים אויף דער שיף, נאָר אויך בא אַ גרויסער צאָל פון דער חברה אויפן אינדזל. אַ קוק־געבנ־דיק אין יענער ריכטונג, האָב איך דערזען די אַנדערע פּיראַטן אַרויסלויפן פון צווישן די ביימער, און אַריינשפּרינגען אין די שיפ־לאַך.

— די שיפלאך קומען אן! — האב איך אויסגערופן.

— שנעלער, פארווערטס! — האט דער קאפיטאן באפוילן. — מיר קאנען ניט פארלירן קיין צייט. אויב מיר קומען ניט צו צום ברעג, איז אלץ פארלוירן!

— בלויז איין שיפל לאזט זיך קעגן אונדז, מיין הער, — האב איך צוגעגעבן, — די מאנשאפט פונם אנדערן איז מסתמא אוועק מיטן ברעג צו פארכאפן אונדז דעם וועג.

— זיי׳לן זיך גוט איינשוויצן, מיין הער, — האט געענטפערט דער קאפיטאן. — מאטראזן אויף דער יבשה! פאר זיי האב איך קיין מורא ניט! אבער די קאנאנע! אן איינפאכער באל־שפיל! מיין פרוים דינסט וואלט אויך געקאנט טרעפן אין ציל! סקווייר, לאזט אונדז וויסן גלייך ווי איר׳ט באמערקן די צינדונג, און מירן אפ־שטעלן ס׳רודערן.

דערווייל זיינען מיר, כאטש מיט אזא איבערגעלאדן שיפל, אפגעפארן א היבשע שטרעקע, אננעמענדיק גאנץ ווייניק וואסער. מיר זיינען שוין איצט געווען זייער נאנט. נאך א דרייסיק־פערציק רודערשטויסן, און מיר זיינען באם ברעג. דער אפפלוס האט איצט אויפגעדעקט א שמאלן זאמד־גארטל באם זוים פונם וועלדל. פאר זייער שיפל איז שוין מער ניט געווען וואס מורא צו האבן, דער קליינער לאנד־צונג האט׳ס שוין לאנג געהאט באהאלטן פון אונדזערע אויגן. דער אפפלוס וואס האט אונדז אזוי גרויזאם גע־שטערט, האט אונדז איצט פארגיטיקט מיט דעם, וואס ער האט איצט פארהאלטן אונדזערע פארפאלגער. די קאנאנע איז אזוי ארום נאך געווען דער איינציקער קוואל פון געפאר.

— ווען איך זאל נאר וואגן, — האט געזאגט דער קאפיטאן, — וואלט איר זיך אפגעשטעלט און ארונטערגעשאסן נאך איינעם.

ס׳איז אבער געווען גאנץ קלאר אז זיי זיינען געווען אנטשלאסן אז קיין זאך זאל זיי ניט אפהאלטן. אויף זייער געפאלענעם חבר האבן זיי זיך אפילו ניט אומגעקוקט, כאטש ער איז נאך ניט געווען טויט, און כ׳האב געקאנט זען ווי ער האט זיך געמאטערט אוועקצוקריכן.

— זייט גרייט! — האט אויסגעשריען דער סקווייר.

— האַלט! — האָט דער קאַפּיטאַן אויסגעשריען מיט דער שנעלקייט פון אַ ווידער־קול.

און ער מיט רעדרוטן האָבן געגעבן אַזאַ שטאַרקן רודער אויף צוריק, אַז דער הינטערטייל פון שיפל האָט זיך איינגעטונקען אין וואַסער. אין דער זעלבער רגע האָט אויסגעקראַכט דער שאָס. דאָס איז געווען דער ערשטער שאָס וואָס דזשים האָט דערהערט, וואָרים דער קנאַל פונם סקווייערס שאָס האָט אים ניט דערגרייכט. וואוהין די קויל איז פאַרשוואונדן האָט קיינער פון אונדז ניט געוואוסט. איך רעכן אָבער אַז זי האָט געמוזט אַריבערפליען איבער אונדזערע קעפּ, און אַז איר לופט־צוג האָט אַ סך בייגעטראָגן צו אונדזער קאַטאַסטראָפע.

אַזוי צי אַזוי, דער הינטערטייל פון אונדזער שיפל איז ביסלאַכ־ווייז געוואָרן פאַרזונקען אַרום דריי פוס טיף אין וואַסער, איבער־לאָזנדיק דעם קאַפּיטאַן און מיך שטיין איינער קעגן אַנדערן אויף די פיס. די אַנדערע דריי האָבן זיך אינגאַנצן אונטערגעטוקט, און זיינען ווידער אַרויף דורכגעווייקטע דורך־און־דורך.

ביז איצט איז דערוייל ניט געווען קיין שאָדן. קיינער פון אונדז האָט ניט פאַרלוירן זיין לעבן און מיר וואָלטן געווען געקאָנט בשלום צובראָדזשען צום ברעג. אָבער אַלע אונדזערע פּראָדוקטן זיינען געלעגן אין וואַסער, און, צום אומגליק, זיינען פון פינף ביקסן געבליבן בלויז צוויי, וועלכע מ'האָט געקאָנט נוצן. מיינע האָב איך אינסטינקטיוו אַ כאַפּ געטאָן פון די קני און זי אויפגעהויבן איבערן קאָפּ. דער קאַפּיטאַן ווידער האָט געטראָגן זיינע מיט אַ רימען אויפן אַקסל, און, זייענדיק אַ פאָרזיכטיקער מאַן, מיטן שלאָס אַרויף. די אַנדערע דריי ביקסן זיינען אַרונטער מיטן שיפל.

די לאַגע איז געוואָרן נאָך צרה'דיקער, ווען מיר האָבן דער־הערט שטימען גאַנץ נאָענט צווישן די ביימער אויפן ברעג. איצט איז שוין ניט נאָר געווען אַ געפאַר אַז מיר זאָלן אין אונדזער הילפלאָזער לאַגע ווערן אָפּגעשניטן פון דער פעסטונג, נאָר מיר האָבן אויך אָנגעהויבן צו צווייפלען צי האַנטער און דזשאָיס, ווען אַטאַקירט פון אַ פינף־זעקס מענטשן, וועלן האָבן גענוג שכל און מוט ניט אויפצוגעבן זייער פּאָזיציע. אויף האַנטערן האָט מען זיך געקאָנט פאַרלאָזן, דאָס האָבן מיר געוואוסט, אויף דזשאָיסן

איז שוין געווען א ספק. ער איז געווען א גאנץ אנגענעמער און העפלאכער מאן אלס א לאקעי אויף אפצובארשטן קליידער, אבער לחלוטין ניט פאסיק פאר א קריגסמאן.

מיט דידאזיקע גדאנקען האבן מיר צוגעבראדזשעט צום ברעג, אזוי שנעל ווי מיר האבן געקאנט, איבערלאזנדיק הינטער זיך ס'ארעמע יאלע־שיפל און כמעט א העלפט פון אונדזער גאנצן פולווער און פראוויאנט.

אכצנטער קאפיטל

דער דאקטאר דערציילט ווייטער: ווי אזוי דער קאמף פון ערשטן טאג האט זיך געענדיגט

מיר האבן זיך געאיילט, ווי שנעל די פיס האבן אונדז גע־טראגן, דורכן שמאלן וועלדל וואס האט אונדז אפגעטיילט פון דער פעסטונג. וואס ווייטער זיינען די שטימען פון די בוקאנירן געווארן אלץ העכער און נענטער. אין א ווײלע ארום האבן מיר שוין אפילו געקאנט הערן זייערע לויפנדיקע פיס־טריט, און דאס קנאקן פון צווייגן, ווען זיי האבן זיך געמוזט דורכשפארן צווישן געדיכטע ערטער.

כ'האב איינגעזען אז אן ערנסטן קאמף וועלן מיר דא ניט אפשניידן, און האב באטראכט דעם צינד־דראט פון מיין ביקס.

— קאפיטאן, — האב איך געזאגט, — טרעלאני איז דער בעסטער שיסער צווישן אונדז, גיט אים אייער ביקס, זיינע איז נוצלאז!

זיי האבן זיך געביטן מיט די ביקסן, און טרעלאני, שטיל און קאלטבלוטיק ווי ער איז געווען זינט די לאגע איז געווארן אזן ערנסטע, האט זיך אויף א ווײלע אפגעשטעלט צוצוגרייטן זיין געווער. דערווייל האב איך באמערקט אז גרעי איז געווען אומבאוואפנט, און האב אים געגעבן א שווערד. ס'האט אונדז באמת אלעמען הנאה געטאן צו זען ווי ער האט אנגעשפיגן אין די הענט, פארקנייטשט דעם שטערן, און א פייף געטאן מיט דער קלינג דורך דער לופט.

מ׳האָט געקאָנט זען אין יעדן ריר פון זיין קערפּער, אַז אונדזער נייער חבר איז געווען „ווערט זיין זאַלץ".

פּערציק טריט ווייטער זיינען מיר צוגעקומען צום ראַנד פונם וועלדל, און האָבן פאַר זיך דערזען די פעסטונג. מיר האָבן דער־גרייכט צום פּאַרקן אומגעפער אינמיטן פון דער דרום־זייט, און כמעט אין דער זעלבער צייט, זיינען זיבן בונטאַרן — מיט דזשאָב אַנדערסאָן, דעם באָטמאַן, אין דער שפּיץ — דערשינען מיט אַ געוואַלטיקן געשריי אין דעם דרום־מערב׳דיקן ווינקל.

זיי זיינען געבליבן שטיין ווי אונטערגעשאָסענע, און איידער זיי זיינען געקומען צוזיך, האָבן ניט נאָר דער סקווייר און איך, נאָר האַנטער און דזשאָיס, פונם קלעצער־הויז אַרויס, געהאַט גענוג צייט אויסצושיסן.

די פיר קוילן זיינען זיך צעפלויגן אין אַלע זייטן, זיי האָבן אָבער דורכגעפירט זייער שליחות: איינער פונם שונא איז געפאַלן, און די איבעריקע האָבן, ניט וואַרטנדיק, זיך אויסגעקירעוועט, און זיינען אַריין צוריק אין וואַלד אַריין.

נאָכדעם ווי מיר האָבן אויפסניי אָנגעלאָדן אונדזערע ביקסן, זיינען מיר אַרויס אויסנווייניק פונם פּאַרקן צו באַטראַכטן דעם געפאַלענעם שונא. ער איז געווען שטיין טויט — דורכגע־שאָסן דורכן האַרץ.

מיר האָבן זיך זייער געפרייט מיט אונדזער גרויסן דערפאָלג. פּלוצלונג האָט זיך אין די קוסטעס דערהערט אַ קראַך פון אַ פּיסטאָ־לעט־שאָס. אַ קויל האָט דורכגעפייפט הארט לעבן מיין אויער, און דער אָרימער טאָם רעדרוט האָט זיך געגעבן אַ וואַקל, און איז אומגעפאַלן מיט דער גאַנצער לענג אויף דר׳ערד. דער סקווייר און איך האָבן גלייך צוריקגעפייערט, אָבער אַזוי ווי מיר האָבן ניט געהאַט קיין באַשטימטן ציל, איז גאַנץ מעגלאַך אַז מיר האָבן בלויז אומזיסט גע׳פּטר׳ט פּולווער. מיר האָבן ווידער אָנגעלאָדן, און גענומען באַ־טראַכטן דעם אָרימען טאָם.

דער סקווייר און גרעי האָבן אים געהאַלטן אין אונטערזוכן, און איך האָב מיט איין קוק גלייך באַמערקט אַז ס׳איז שוין נאָכאַלעמען.

איך גלויב, אַז די פּינקטלאַכקייט פון אונדזער צוריקשיסעריי האָט די בונטאַרן ווידעראַמאָל צעשפּרייט, וואָרים מיר האָבן גע־

קאַנט, אַן ווייטערדיקער באַלעסטיקונג, אַריבערהייבן דעם אָרימען אַלטן יאַגד־היטער איבערן פּאַרקן, און אים, אַ קרעכצנדיקן און בלוטיקנדיקן, אַריינטראָגן אינם קלעצער־הויז.

אָרימער אַלטיטשקער! ער האָט ניט אויסגערעדט קיין איין וואָרט פון איבעראַשונג, אומצופרידנקייט, מורא, אָדער אפילו נאָכגיביקייט, פון סאַמע אָנהויב פון אונדזערע צרות ביז איצט, ווען מיר האָבן אים אַנידערגעלייגט אינם קלעצער־הויז שטאַרבן. ווי אַ טראָיאַנער העלד איז ער געשטאַנען הינטער זיין מאַטראַץ אויף דער שיף־גאַלעריע, און האָט דורכגעפירט יעדן באַפעל שטיל, פאַרביסן און גוט. ער איז געווען עלטער פון יעדן איינעם פון אונדז ווייניקסטנס מיט אַ צוואַנציק יאָר, און איצט איז׳ם אויף אים, דעם מרה־שחורה׳דיקן אַלטן, שטענדיק־גרייטן דינער, געפאַלן דער גורל צו שטאַרבן.

דער סקווייר איז געפאַלן לעבן אים אויף די קני, אים געקושט די הענט, וויינענדיק ווי אַ קליין קינד.

— איך גיי אַ גאַנג, דאָקטאָר, האַ? — האָט ער געפרעגט.

— טאָם, מיין טייערער, — האָב איך געזאָגט, — איר פאָרט איצט אַהיים.

— כ׳וואָלט זיי כאָטש פריער געוועזן געוואָלט אַ ברען טאָן מיט מיין ביקס, — האָט ער געענטפערט.

— טאָם, — האָט געזאָגט דער סקווייר, — ביסט מיר מוחל, האַ? זאָג אַז יאָ.

— אָך! וואָס רעדט איר סקווייר? אי ך זאָל אייך מוחל זיין! ס׳איז דאָך ניט דרך־ארץ׳דיק! — איז געווען דער ענטפער. — נו, זאָל זיין אַזוי, כ׳בין אייך מוחל, אמן!

נאָך אַ קורצער פּויזע, האָט ער אויסגעדריקט דעם פאַרלאַנג אַז עמיצער זאָל פאַרלייענען אַ תּפילה. — אַזוי איז דאָך דער מנהג, מיין הער! — האָט ער צוגעגעבן, ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט, און ניט לאַנג נאָכדעם איז ער שטיל אויסגעגאַנגען.

דערווייל האָט דער קאַפּיטאַן, וועלכער האָט, ווי איך האָב באַמערקט, געהאַט מערקווירדיק אָנגעשטאָפּטע בוזים־ און זייט־קעשענעס, אַרויסגענומען פון זיי אַ גרויסע צאָל פאַרשיידענע זאַכן: אַ בריטישע פאָן, אַ ביבל, אַ קנויל שטאַרקן שטריק, טינט און פּע־

דער, דעם טאָגבוך, און עטלאָכע פונט טאַבאַק. ער האָט אויפן הויף געפונען א לענגלאָכן אויסגעהאַקטן טאַנענבוים, און מיט האָנטערס הילף האָט ער אים אויפגעשטעלט לעבן הויז אין א ווינקל וואָס די קרייצונג פון די קלעצער האָט געשאַפן. ער האָט דאַן ארויפגע־קלעטערט אויפן דאַך, און האָט מיט די אייגענע הענט צוגעבונדן און אַרויפגעצויגן די פאָן.

דאָס האָט אים, ווייזט אויס, זייער באַרואיקט. ער איז ווידער אַריין אינם קלעצער־הויז, און האָט זיך גענומען פאַרען מיט זיינע זאַכן, פונקט ווי קיין אַנדער זאַך וואָלט ניט עקזיסטירט. ער האָט אָבער געהאַט אַן אויג אויפן גוסס'דיקן טאַמען, און ווי ער האָט באַמערקט אַז ס'איז שוין נאָכאַלעמען, איז ער צוגעקומען מיט נאָך א פאָן, און האָט זי מיט גרויס יראת־הכבוד פאַרשפּרייט איבערן קערפּער פונם מת.

— זייט ניט אַזוי פאַרטרויערט, מיין הער, — האָט ער זיך אָנגערופן צום סקווייר, דריקנדיק אים די האַנט. — ער'ז שוין זיינס איבערגעקומען. ניטאָ וואָס זיך צו שרעקן פאַר א דינער וואָס איז געפאַלן טוענדיק זיין פליכט צו זיין קאַפּיטאַן און באַלע־באָס. ס'איז אפשר טעאָלאָגיש ניט ריכטיק, אָבער אַזוי איז עס.

ער האָט מיך דאַן אַוועקגערופן אין א זייט.

— דאָקטאָר ליווזי, — האָט ער געזאָגט, — אין אומגעפער וויפל וואָכן אַרום דערוואַרטעט איר און דער סקווייר די הילפ־שיף?

כ'האָב אים דערקלערט אַז ס'איז ניט געווען קיין פראַגע פון וואָכן נאָר פון חדשים; אַז בלאַנדלי האָט אונדז געזאָלט שיקן זוכן, אויב מיר זאָלן ניט צוריקקומען אַרום סוף אויגוסט, ניט פריער און ניט שפּעטער. — און איצט רעכנט אויס אַליין! — האָב איך געזאָגט.

— הייסט עס, — האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן, זיך קראַצנ־דיק אין קאָפּ, — אַז סיידן ס'זאָל געשען א נס, קאָן מען זאָגן, אַז מיר ליגן גוט איינגעלייגט.

—אין וואָסער א זין? — האָב איך געפרעגט.

— א שאָד מיין הער, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן די צווייטע לאַדונג, אָט אין וואָסער א זין, — האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט.

— פולווער און שרויט וועלן מיר האָבן גענוג, אָבער די שפּייז־פּאַר־ציעס זיינען קנאַפּ, זייער קנאַפּ, אַזוי קנאַפּ, דאָקטאָר ליווזי, אַז ס'איז אפשר גלייכער וואָס מיר האָבן מיט איין מויל ווייניקער.

דערביי האָט ער אָנגעוויזן אויפן טויטן קערפּער הינטער דער פאָן.

גראָד דאַן איז אַ קאַנאָנע־שאָס, מיט אַ טומל און אַ פּייפעריי, אַריבערגעפלויגן איבערן דאַך פונם קלעצער־הויז, און איז אַרונטער־געפאַלן העט־ווייט אין וואַלד.

— אָהאָ! — מאַכט דער קאַפּיטאַן, — שיסט, שיסט, חברה, איר האָט שוין אַזוי אויך ווייניק פולווער!

דער צווייטער פּאַרזוך איז שוין געווען אַ בעסערער, און די קויל איז אַרונטערגעפאַלן אינם פּאַרקן, אויפהויבנדיק אַ וואָלקן זאַמד, אָבער ניט טוענדיק קיין שאָדן.

— קאַפּיטאַן, — האָט געזאָגט דער סקווייר, — פון דער שיף קאָן מען דאָך דאָס הויז ניט זען, זיי מוזן אודאי צילן אויף דער פאָן. דענקט איר ניט אַז ס'וואָלט געווען גלייכער מ'זאָל זי אַרונטערציען?

— אַרונטערציען מיין פאָן! — האָט דער קאַפּיטאַן אויסגע־רופן. — ניין, מיין הער, ניט איך! — און ווי נאָר ער האָט אַרויסגערעדט דידאָזיקע ווערטער, זיינען מיר, דענק איך, מיט אים אַלע געווען איינפאַרשטאַנען. ניט נאָר איז עס געווען אַ מוסטער פון עכט ים־פאָרערישער, בראַווער עמפּינדלאַכקייט, נאָר אַ חוץ דעם אויך אַ גוטע טאַקטיק, דערמיט וואָס ס'האָט געוויזן אונדזערע שונאים, אַז מיר לאַכן זיך אויס פון זייער קאַנאָנאַדע.

אַ גאַנצן אָוונט האָבן זיי געהאַלטן אין איין דונערן. איין קויל נאָך דער אַנדערער איז אָדער פאַרפלויגן צו ווייט, אָדער געפאַלן פאַרן הויז, אויפהויבנדיק אַ זאַמד־שטורעם אינם הויף. צוליב דעם וואָס זיי האָבן געמוזט שיסן אַזוי הויך, פלעגן די קוילן אַרונ־טערפאַלן נוצלאָזע און זיך איינגראָבן אין דער ווייכער זאַמד. פאַר אַ ריקאָשע האָבן מיר ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבן. כאָטש איין קויל איז יאָ אַריין דורכן דאַך פונם קלעצער־הויז און איז ווידער אַרויס דורכן דיל, האָבן מיר זיך אָבער באַלד צוגעוואוינט צו דעמ־

דאָזיקן פערדישן שפּאַס, און האָבנ׳ס ניט גענומען ערנסטער פון א קריקעט־שפּיל.

— איין גוטע זאַך איז יאָ דאָ דערביי, — האָט באַמערקט דער קאַפּיטאַן: — דער וואַלד פאַר אונדז איז איצט וואַרשיינלאַך פריי פון שונא. דער אַפּפלוס האַלט שוין אַן א היבשע צייט, און אונדזערע פּראָדוקטן מוזן איצט שוין זיין אויפגעדעקט. ווער נעמט זיך אונטער צו גיין אריינברענגען ס׳חזיר־פלייש?

גרעי און האַנטער זיינען געווען די ערשטע זיך אַנצובאַטן. גוט באַוואָפנט, האָבן זיי זיך ארויסגע׳גנב׳עט פון דער פעסטונג, אָבער זייער שליחות איז געווען נוצלאָז. די בונטאַרן זיינען געווען בראַוער ווי מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אָדער זיי האָבן געלייגט מער האָפנונגען אויף איזראַעלס קאַנאַנאַדע. ארום פיר־פינף פּיראַטן זיינען געווען שטאַרק פאַרנומען איבערטראָגנדיק אונדזערע פּראָדוקטן, און צובראָדזשענדיק מיט זיי צו איינעם פון די שיפלאַך וואָס איז געשטאַנען הארט דאַנעבן, און איז געהאַלטן געוואָרן רואיק דורך רודערייען קעגן שטראָם. סילווער איז געזעסן הינטן און האָט קאָ־מאַנדירט. יעדער איינער פון זיי איז געוואָרן באַזאָרגט מיט א מוש־קעט פון זייערן א געהיימען ארסענאַל.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך אַנידערגעזעצט צו זיין טאָגבוך, און דאָס איז דער אָנהויב פון זיין אריינשריפט:

„אַלעקסאַנדער סמאָלעט, קאַפּיטאַן; דייוויד ליווזי, שיפּדאָקטאָר; אייברעהעם גרעי, סטאָליאַר; דזשאָן האַנטער און ריטשאַרד דזשאָיס, דעם באַלעבאָס׳ס דינער, לאַנדמענטשן — אַלע געטרייגעבליבענע מענטשן פון דער שיף — האָבן היינט, מיט פּראָוויאַנט אויף צען טעג צו קליינע פּאַרציעס, געלאַנדעט אויף דעמדאָזיקן ברעג, און האָבן ארויפגעצויגן די בריטישע פאָן אויפן קלעצערהויז פונם „אוצר אינדזל“. טאָמאַס רעדרוט, דינער, און לאַנדמאַן, דערשאָסן פון די בונטאַרן; דזשיימס האָקינס, קאַיוטע יונג — — — —

גראָד דעמאָלט בין איך געזעסן און האָב געטראַכט וועגן דעם גורל פון אָרימען דזשים האָקינס.

— עמיצער רופט אונדז, — האָט געזאָגט האַנטער, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער וואַך.

— דאָקטאָר! סקווייר! קאַפּיטאַן! העלאָ! האַנטער, דאָס זיינט איר? — האָט מען געהערט קולות.

כ'בין צוגעלאָפן צו דער טיר פּונקט אין צייט צו זען דזשים האָקינסן, געזונט און שטאַרק, אַריבערקריכן איבערן פּאַרקן.

ניינצנטער קאַפּיטל

דזשים האָקינס הויבט ווידער אָן צו דערציילן: דער גאַרניזאָן פון דער פעסטונג

ווי נאָר בעז גאַן האָט דערזען די פאָן, איז ער געבליבן שטיין, מיך צוריק אָנגענומען באַם אָרעם, און זיך אַנידערגעזעצט.

— נו, דאָס זיינען זיכער אייערע פריינט, — האָט ער גע־זאָגט.

— דאָס זיינען גיכער די בונטאַרן, — האָב איך געענטפערט.

— וואָס רעדט איר! — האָט ער אויסגערופן. — פאַרשטייט איר דען אַליין ניט אַז אין אַזאַ אָרט, וואו ס'קומט ניט קיינער אַ חוץ ריטער פון צופאַל, וואָלט סילווער גיכער אַרויפגעצויגן דעם „פריילאַכן ראָדזשער"! ס'איז קיין צווייפל ניט אַז דאָס זיינען אייערע פריינט. ס'איז דאָ פאַרגעקומען אַ קאַמף אויך, און כ'רעכן אַז אייערע פריינט האָבן געזיגט. און אַט זיינען זיי איצט אין דער אַלטער פעסטונג, וואָס פלינט האָט מיט יאָרן און יאָרן צוריק אויפגעבויט. אָ, ער האָט געהאַט אַ קאָפּ אויף זיך, דער פלינט! אמת, ער איז געווען אַ שיכור, אָבער אַ חוץ דעם, איז צו אים ניט געווען קיין גלייכן. ער האָט פאַר קיינעם ניט מורא געהאַט, ניט ער, סיידן אפשר פאַר סילווערן — סילווער איז דאָך געווען אַזוי גוט דערצויגן און עלעגאַנט.

— ס'קאָן זיין אַז איר זיינט גערעכט, — האָב איך געזאָגט, — און אויב ס'איז יאָ אַזוי, דאַרף מען דאָך וואָס שנעלער לויפן צו מיינע פריינט.

— ניין, חבר, — האָט בען גאַן געענטפערט, — ניט איר. אויב כ'האָב ניט קיין טעות, זיינט איר אַ וואויל אינגל, אָבער דאָך נאָכאַלעמען ניט מער ווי אַ אינגל. בען גאַן אָבער איז אַ דורכ־געטריבענער יונג, קיין ראָם קאָן אים ניט פֿאַרנאַרן אַהין וואו איר גייט איצט, ניין, ניט קיין ראָם, ביז איך זע ניט אייער דיכ־טיקן דזשענטלמאַן, און קריג ניט פֿון אים זיין ערנוואָרט. פֿאַרגעסט־זשע ניט מיינע ווערטער: — צען טויזנט מאָל מער, וועט איר זאָגן. צען טויזנט מאָל מער צוטרוי, — און דערביי 'עט איר אים אַ קניפּ טאָן אַט אַזוי־אַ.

און ער האָט מיר ווידער אַ קניפּ געטאָן, שוין צום דריטן מאָל, און מיך אָנגעקוקט מיט דערזיכלעבער כיטרער מינע.

— און ווען מ'עט בען גאַנען דאַרפֿן האָבן, 'עט איר וויסן וואו אים צו געפינען, דזשים. אויפֿ'ן זעלביקן אָרט ווי איר האָט אים געפונען היינט. און ווער ס'עט קומען, זאָל האַלטן אַ ווייסע פֿאָן אין דער האַנט, און קומען זאָל ער אַליין. אָ, יאָ, און דער־קלערן 'עט איר עס אַזוי: בען גאַן, 'עט איר זאָגן, האָט זיך זיינע אייגענע אורזאַכן!

— נו, — האָב איך געזאָגט, — כ'דענק אַז איך פֿאַרשטיי: איר האָט עפּעס פֿאָרצושלאָגן, און איר ווילט זען דעם סקווייר אָדער דעם דאָקטאָר, און געפינען קאָן מען אייך, אויפֿן זעלבן אָרט וואו איך האָב אייך געפונען. איז דאָס אַלץ?

— און ווען? ווילט איר וויסן, — האָט ער צוגעגעבן.

— נו, פֿון מיטאָג אָן ביז אַרום זעקס „קלונג".

— גוט, — האָב איך געזאָגט, — און איצט מעג איך שוין גיין?

— פֿאַרגעסט־זשע ניט, — האָט ער זייער באַזאָרגט צוגעגעבן. — „צען טויזנט מאָל", און „האָט זיך זיינע אייגענע אורזאַכן", 'עט איר זאָגן. דער עיקר פֿאַרגעסט ניט „זיינע אייגענע אורזאַכן". דאָס איז דאָס וויכטיקסטע. און איצט, — מאַכט ער, אַלץ האַלטנדיק מיין אָרעם, — רעכן איך אַז איר מעגט גיין, דזשים. און דזשים, אויב איר טרעפֿט אָן סילווערן, 'עט איר ניט פֿאַראַטן בען גאַנען? מיט ווילדע פֿערד 'עטן עס פֿון אייך ניט קאָנען אַרויסבאַקומען, האַ? איר זאָגט צו אַז ניין? און אויב די פּיראַטן 'עלן איבערנעכטיקן

באַם ברעג. וואָס 'עט איר, כ'לעבן, זאָגן, אויב אינדערפרי 'עלן זיין מיט עטלאַכע אלמנות מער?

דאָ איז ער געוואָרן אונטערבראָכן פון אַ שטאַרקן קנאַל. אַ קאַנאָנע־קויל האָט דורכגעקראַכט דורך די ביימער און איז אריין אין

„נאָך אַ ווייטן אומוועג, מזרח־צו, בין איך אַרונטערגעקראָכן צו די ביימער.“

דער זאַמד, אפילו ניט קיין הונדערט קלאַפטער פונם אָרט וואו מיר זיינען געשטאַנען. מיר האָבן זיך ביידע גלייך געלאָזט לויפן אין פאַרשיידענע ריכטונגען.

אַ גוטע שעה צייט האָבן אָפטע שיסערייען געטרייסלט דעם

אינדזל, און קוילן האָבן געהאַלטן אין איין קראַכן דורך דיביימער. כ׳בין געלאָפן פון איין באַהעלטעניש צו דער אַנדערער, ווי נאָכ־געיאָגט פון דידאָזיקע שרעקלאַכע שיסערייען. ווען די קאַנאָנאַדע האָט אויפגעהערט, האָב איך נאָך אַלץ ניט געוואגט צו גיין אין דער ריכטונג פון דער פעסטונג, וואו די קוילן זיינען מייסטנס געפאַלן, כ׳האָב אָבער אָנגעהויבן צוריקצוקריגן מיין מוט. נאָך אַ ווייטן אומוועג, מזרח־צו, בין איך אַרונטערגעקראָכן צו די ברעג־ביימער.

די זון איז נאָר וואָס אונטערגעגאַנגען, דער ים־ווינט האָט געראַשט און געטומלט צווישן די ביימער, און צערונצלט די גרויסע וואַסערפלאַך פונם אַנקערפּלאַץ. דער אָפּפלוס איז געווען ווייט אַוועק, אויפדעקנדיק לאַנגע טראַקטן זאַמד. נאָך דער היץ פונם טאָג, איז די לופט געוואָרן אַזוי קאַלט, אַז דער ווינט האָט מיך דורכגענומען דורך מיין רעקל.

די „היספּאַניאָלאַ“ איז נאָך אַלץ געשטאַנען וואו מ׳האָט זי פאַראַנקערט, איצט אָבער האָט אויף איר שפּיץ געפלאַטערט דער „פריילאַכער ראָדזשער“, די שוואַרצע פּיראַטנפאָן. ווי כ׳האָב אַזוי געקוקט, האָט זיך ווידער באַוויזן אַ רויטער בליץ. נאָך אַ קראַך האָט אויפגעוועקט אָן אַ שיעור פילדערנדיקע עכאָס, און נאָך אַ קויל, די לעצטע פון דער קאַנאָנאַדע, האָט דורכגעפייפט דורך דער לופט.

כ׳בין געלעגן אַ היבשע צייט און האָב באַטראַכט די בהלה וואָס איז אַנטשטאַנען נאָך דער אַטאַקע. אויפן ברעג, ניט ווייט פון דער פעסטונג, האָבן מענטשן געהאַלטן אין איין צעשטערן עפּעס מיט העק. כ׳האָב שפּעטער אויסגעפונען אַז ס׳איז געווען ס׳אָרימע יאָלע־שיפל. ווייטער־צו, לעבן דעם מויל פונם טייך, האָט צווישן די ביימער געברענט אַ גרויס פייער, און צווישן דעם פייער און דער שיף איז הין און צוריק געפאָרן אַ שיפל. די מענטשן וועלכע כ׳האָב פאַרלאָזן אַזוי פאַרזאָרגט, האָבן געטומלט באַ די רודערס ווי קינדער, אין זייערע שטימען האָט מען אָבער געקאָנט הערן אַ קלאַנג וואָס האָט דערמאָנט אין שיכרות און אין ראָם.

כ׳האָב ענדלאַך באַשלאָסן זיך צוריקצוקערן צו דער פעסטונג. כ׳בין געווען גאַנץ ווייט אונטן אויפן נידעריקן, זאַמדיקן לאַנד־צונג וואָס שליסט איין דעם אַנקערפּלאַץ מזרח־צו, און איז אין צייט פון

אפּפֿלום פאַראייניקט מיטן „סקעלעט אינדזל“. ווען כ'האָב זיך אויפגעשטעלט, האָב איך דערזען נאָך ווייטער, הויך איבער די קוס־טעס, זייער אַ הויכן, אָפּגעזונדערטן פעלז, וועמעס ווייסער קאָליר, איז מיר פאַרגעקומען מאָדנע. ס'איז מיר איינגעפאַלן אַז דאָס מוז עס זיין דער „ווייסער פעלז“ וועלכן בען גאַן האָט דערמאָנט, און אַז ווען מירן זיך וועט־ניט־איז נויטיקן אין אַ שיפל, וועל איך ווּיסן וואו עס צו זוכן.

כ'האָב זיך דאַן אַוועקגעשלענגלט מיט פאַרשיידענע וועגן און שטעגן צווישן די ביימער, ביז כ'בין אָנגעקומען צו דער הינטער־שטער, אָדער ברעג־זייט פון דער פעסטונג, און בין זייער װאַרעם אויפגענומען געוואָרן פון מיינע פריינט.

כ'האָב תיכף דערציילט מיין געשיכטע, און זיך גענומען ארומ־קוקן. דער דאַך, די ווענט, און דער דיל פונם הויז זיינען געווען געמאַכט פון קיילעכדיקע סאָסנע־קלעצער, און דער דיל איז אין אייניקע ערטער געווען ארום אנדערהאַלבן פוס העכער פונם זאַמד־באָדן. איבער דער טיר איז געווען אַן אָפּדאַך, און אונטער דעמ־דאָזיקן אָפּדאַך האָט אַ קליינער קוואַל אריינגעקוועלט אין אַ טשי־קאַווען קינסטלאַכן וואַסער־בעקן, וועלכער איז באַשטאַנען פון אַ גרויסן אייזערנעם שיף־קעסל, מיט אַן ארויסגעהאַקטן דנאָ, און וועל־כער איז, לויטן קאַפּיטאַנס אויסדרוק, געווען איינגעגראָבן „ביז איבער די ראַנדן“ אין זאַמד.

אַ חוץ די נאַקעטע פיר ווענט, איז אינעם הויז זייער ווייניק איבערגעלאָזט געוואָרן. אין אַ ווינקל איז געלעגן אַ שטיינערנע פּליטע וואָס האָט געדינט אַלס אַ מין אויוון, און אַן אַלטער, פאַרזשאַווערטער, אייזערנער קאָרב צו האַלטן אין אים פייער.

די ביימער אויף די זייטן פונם בערגל און אינעווייניק פונם פאַרקן זיינען געוואָרן אויסגעהאַקט אויף צו בויען דאָס הויז, און מ'האָט געקאָנט דערקענען, לויט די איבערגעבליבענע ביימער־שטאַמען, וואָס פאַר אַ וואונדערלאַך שיין וועלדל ס'איז דאָ געוואָרן צע־שטערט. נאָכדעם ווי די ביימער זיינען געוואָרן אויסגעהאַקט, איז דער גרעסטער טייל פונם באָדן אָדער געוואָרן אַוועקגעשווענקט, אָדער פאַרגראָבן אין זאַמד. בלויז דאָרט וואו דאָס טייכל האָט ארונטערגעשטראָמט פונם קעסל איז אין דער זאַמד נאָך פאַרבליבן

אַ געדיכטע בייט פון גרינעם מאָך, פאַרנקרויט, און עטלאַכע קריכ־פּלאַנצן. האַרט אַרום דער פעסטונג, צו נאָענט, ווי מ׳האָט מיר דערקלערט, ער זאָל קאָנען דינען אַלס אַ פאַרטיידיגונג, איז געוואַקסן אַ געדיכטער וואַלד, וועלכער איז אויף דער לאַנד־זייט באַשטאַנען בלויז פון סאָסנעס, און האָט צום ים־צו געהאַט אַ גרויסן צומיש פון לעבנסדרעמבן.

דער קאַלטער אוונט־ווינט, וועלכן כ׳האָב פריער דערמאָנט, האָט געבלאָזן דורך יעדער שפּאַרונג פון דערדאָזיקער פּראָסטער געביידע, און האָט אָן אָן אויפהער באַשפּריצט דעם דיל מיט אַ זאַמד־רעגן. מיר האָבן געהאַט זאַמד אין די אויגן, זאַמד צווישן די ציין, זאַמד אין אונדזער וועטשערע, און אין אונדזער קוואַל־קעסל, וואו זי האָט אַרומגעטאַנצט ווי אַ קאַשע אין אַ קאָכעדיק וואַסער. אַזוי ווי אונדזער קוימען איז באַשטאַנען בלויז פון אַ פּירעקיקער לאָך אינם דאַך, האָט דורך אים געקאָנט אַרויס בלויז אַ קליינער טייל פונם רויך, די רעשט איז אַרומגעשוואומען אינם הויז, און האָט אונדז געמאַכט הוסטן און זיך רייבן די אויגן.

דערצו נאָך איז גרעי, דער נייער מאַן, צוליב דעם שניט וואָס ער האָט געקראָגן באַם אַרויסרייסן זיך פון די בונטאַרן, אַרומ־געגאַנגען מיט אַ באַנדאַזשע אויפן פּנים, און דער אָרימער אַלטער רעדרוט איז נאָך אַלץ געלעגן, שטייף און קאַלט, אַ ניט־באַערדיקטער, אונטערן „יוניאָן דזשעק“.

זיצנדיג ליידיק, וואָלטן מיר געוועז אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה, קאַפּיטאַן סמאָלעט האָט׳ס אָבער ניט דערלאָזט. ער האָט אונדז אַלעמען צוזאַמענגערופן און אונדז איינגעטיילט אין וואַכן. איינע איז באַשטאַנען פונם דאָקטאָר, גרעיען און מיך, און די צווייטע פונם סקווייר, האַנטערן און דזשאָיסן. כאָטש מיר זיינען אַלע גע־ווען זייער מידע, האָט ער אַרויסגעשיקט צוויי חברה אַריינצוברענגען ברענהאָלץ, צוויי צו גראָבן אַ קבר פאַר רעדרוטן, און דער דאָקטאָר איז באַשטימט געוואָרן אַלס קוכער. איך בין געשטאַנען אויף דער וואַך באַ דער טיר, און דער קאַפּיטאַן אַליין איז אַרומגעגאַנגען פון איינעם צום צווייטן מיט דערמוטיקנדיקע רייד, אַרויסהעלפנדיק אומעטום וואו ס׳איז געווען נויטיק.

פון צייט צו צייט איז דער דאָקטאָר צוגעקומען צו דער טיר

צו כאפן א ביסל פרישע לופט און אפצורוען זיינע אויגן, וועלכע זיינען שיעור ניט ארויסגערויכערט געווארן פון זיין קאפ, און יעדן מאל האט ער מיר געהאט עפעס צו זאגן.

— דערדאזיקער סמאלעט טויג זיך אוים בעסער פון מיר, און ווען איך זאג עס, דזשים, מיין איך עפעס.

א צווייטן מאל איז ער צוגעקומען, האט א ווילע געשוויגן, דאן אנגעבויגן דעם קאפ אויף א זייט, און מיך אנגעקוקט.

— איז דערדאזיקער בען גאן עפעס א ריכטיקער פארשוין? — האט ער געפרעגט.

— כ׳ווייס ניט, מיין הער, — האב איך געזאגט. — כ׳בין ניט אינגאנצן זיכער צי ער איז באם קלארן פארשטאנד.

— אויב ס׳איז אין דעם דא א צווייפל, דאן איז ער יא באם קלארן פארשטאנד, — האט געענטפערט דער דאקטאר. — פון א מענטשן וואס האט גאנצע דריי יאר זיך געביסן די נעגל אויף א ווילדן אינדזל, דזשים, קאן מען ניט דערווארטן אז ער זאל זיין אזוי קלאר ווי דו און איך, ס׳איז ניט נאטירלאך. וואס זאגסטו האט זיך אים אזוי שטארק געגלוסט? קעז?

— יא, מיין הער, קעז, — האב איך געענטפערט.

— נו, דזשים, — מאכט ער, — אט וואס ס׳מיינט צו זיין א מפונק. האסט דאך אודאי געזען מיין טאבאק־פושקעלע, הא? האסט מיך אבער קיינמאל ניט געזען ארויסנעמען פון דארט קיין שמעק־טאבאק. דאס איז דערפאר וואס אין מיין טאבאקערקע האלט איך שטענדיק א שטיקל פארמעזישן קעז, א קעז וואס ווערט געמאכט אין איטאליע, און איז זייער נארהאפט, דאס וועט זיין אויסגעצייכנט פאר בען גאנען.

פאר דער וועטשערע האבן מיר באגראבן טאמען אין דער זאמד, און זיינען א ווילע ארום אים געשטאנען אויפן ווינט אן היטלען. ס׳איז אריינגעבראכט געווארן א גרויסע צאל ברענהאלץ, אבער אלץ ניט גענוג, לויט דעם קאפיטאנס מיינונג. ער האט געשאקלט מיטן קאפ, און האט געזאגט אז „מירן זיך מארגן באנאכט ווידער מוזן נעמען צו דער ארבעט מיט א ביסל מער ענערגיע”. נאכדעם ווי מיר האבן אפגעגעסן אונדזער חזיר־פלייש, און פארטרונקען מיט א שטארקער

גלאָז האריק, האָבן זיך אַלע דריי עלטסטע פּאַרקליבן אין אַ ווינקל צו באַטראַכטן אונדזער לאַגע.

זיי האָבן אַליין ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. מיר האָבן געהאַט ווייניק פּראָדוקטן, און ס׳איז געווען קלאָר אַז מירן זיך מוזן אונטערגעבן, אויב מירן ניט וועלן אויסגיין פון הונגער, אַ לאַנגע צייט איידער מירן קריגן הילף. מיר האָבן אַלע איינגעשטימט אַז אונדזער בעסטע האָפנונג איז אויסצו׳הרג׳ענען אַזוי פיל פּיראַטן, אַז די רעשט זאָלן זיך אָדער מוזן אונטערגעבן, אָדער אַנטלויפן מיט דער „היספּאַניאָלאַ". פון ניינצן זיינען דערווייל געבליבן פופצן, צוויי זיינען געווען פאַרוואונדעט, און צום ווייניקסטן איינער, דער וואָס איז געוואָרן דערשאָסן לעבן דער קאַנאָנע, איז געווען שווער פאַרוואונדעט, אויב ניט טויט. יעדן מאָל וואָס מירן אויף זיי קאָנען שיסן, וועלן מיר עס מוזן טאָן זייער פאָרזיכטיק, כדי מיר זאָלן אַרויסקריכן מיט גאַנצע ביינער. אַ חוץ דעם, האָבן מיר נאָך געהאַט צוויי מעכטיקע שותפים — ראָם און דעם קלימאַט.

בנוגע דעם ערשטן, פלעגן מיר זיי הערן, אַרום אַן אַנדערהאַלבן מייל ווייט, ליאַרמען און זינגען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. וואָס איז שייך דעם צווייטן, האָט דער דאָקטאָר געוועט זיין פּאַרוק, אַז מיט אַזאַ זומפּיקן לאַגער, און אָן רפואות, וועלן זיי אין איין וואָך צייט זיין קאַפּוט.

— אַזוי, אַז אויב זיי וועלן אונדז ניט אויסשיסן פריער, — האָט ער צוגעגעבן, — וועלן זיי זיין צופרידן איינצופּאַקן און אַוועק מיטן שקונער. אַלץ וואָס זיי דאַרפן, רעכן איך, איז דאָך בלויז אַ שיף, אַבי דאָס, קענען זיי זיך ווידער נעמען צו ים־רויבעריי.

— ס׳איז די ערשטע שיף וואָס איך האָב ווען־ניט־איז אָנגע־וואוירן, — האָט באַמערקט קאַפּיטאַן סמאָלעט.

כ׳בין, פאַרשטייט זיך, געווען זייער מיד, און ווען כ׳האָב ענדלאַך, נאָך אַ סך וואָרפעניש, איינגעדרימלט, בין איך געשלאָפן געשמאַק ווי אַ שטיק האָלץ.

די איבעריקע זיינען פון לאַנג שוין געווען אויף, האָבן שוין געהאַט אָפּגעגעסן פרישטיק, און האָבן דעם הויפן ברענהאָלץ פאַר־גרעסערט כמעט אויף אַ העלפט, ווען אַן אויסברוך פון געשרייען האָט מיך אויפגעוועקט.

— אַ שלום פּאַן! — האָב איך געהערט עמיצן זאָגן, און דאַן מיט אַן אויסגעשריי פון איבעראַשונג, — סילווער אַליין!

כ'בין אויפגעשפּרונגען, האָב זיך אויסגעריבן די אויגן, און בין צוגעלאָפן צו איינעם פון די שיס־פענצטערלאַך אין דער וואַנט.

צוואַנציקסטער קאַפּיטל

סילווערס שליחות

צוויי מענטשן זיינען טאַקע געשטאַנען אויסערן פּאַרקן. איינער האָט געפאָכעט מיט אַ ווייסן טוך, און דער צווייטער, ניט קיין אַנדערער ווי סילווער אַליין, איז רואיק געשטאַנען לעבן אים.

ס'איז נאָך געווען גאַנץ פרי, און דער קעלטסטער פרימאָרגן וואָס איך האָב געהאַט אין מיין דערפאַרונג אויף דער שיף. די קעלט האָט דורכגענומען די ביינער. דער הימל איז געווען לויטער און אָן וואָלקנס, און די שפּיצן פון די ביימער זיינען געווען באַלויכטן מיט אַ ראָזעווען שיין. אָבער דאָרט וואו סילווער מיט זיין לייטענאַנט זיינען געשטאַנען, איז נאָך אַלצדינג געווען אין שאָטן, און זיי האָבן געבראָדזשעט ביז איבער די קני אין אַ נידעריקן, ווייסן נעפּל וואָס איז איבער נאַכט אַרויסגעקראָכן פונם זומפּ. די קעלט און דער נעפּל האָבןביידע דערציילט אַ טרויעריקע געשיכטע וועגן דעם דעמפּיקן, פיבערפולן, און אומגעזונטן אָרט פון דעמדאָזיקן אינדזל.

— קיינער זאָל ניט אַרויסגיין! — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן. — כ'וועט צען צו איינס אַז ס'איז דערביי פאַראַן אַ שפּיצל.

— ווער איז דאָרט? — שטייט, אָדער מיר שיסן! — האָט ער דאַן אויסגערופן צום בוקאַניר.

— די פאָן פון שלום! — האָט אויסגעשריען סילווער.

דער קאַפּיטאַן איז געשטאַנען אויפן גאַניק, אַכטונג געבנדיק

אַז ער זאָל ניט דערשאָסן ווערן פון אַ פאַרעטערישער האַנט. דאַן האָט ער זיך געווענדט צו אונדז און האָט געזאָגט:

— דער דאָקטאָר מיט זיין וואַך, אויפן פּאָסטן! דאָקטאָר ליוועזי, איר נעמט די צפון זייט, זייט מוחל. דזשים — די מזרח זייט. גרעי — די מערב זייט. די מענטשן פון דער צווייטער וואַך — זאָלן זיך גלייך נעמען אָנלאָדן די מושקעטן. לעבעדיק, חברה, און פאַרזיכטיק!

דאַן האָט ער זיך ווידער געווענדט צו די בונטאַרן:

— און וואָס ווילט איר מיט אייער שלום פאָן? — האָט ער אויסגערופן.

דאָס מאָל האָט שוין געענטפערט דער צווייטער.

— קאַפּיטאַן סילווער איז געקומען מאַכן אַ פּשרה, מיין הער, — האָט ער אויסגעשריען.

— קאַפּיטאַן סילווער! כ'קען אים ניט. ווער איז ער? — האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט. און כ'האָב געהערט ווי ער האָט צוגעגעבן שטילערהייט צו זיך אַליין: — אַזוי, קאַפּיטאַן? אַהאַ! דאָס הייסט זיך שנעל אַרויפגעאַרבעט!

דער „לאַנגער דזשאָן" האָט דאַ אַליין געענטפערט.

— איך, מיין הער, די דאָזיקע אָרימע יונגען האָבן מיך אויסגעקליבן פאַר זייער קאַפּיטאַן, נאָכדעם ווי איר האָט דעזערטירט, מיין הער, — האָט ער געזאָגט, מיטן טראָפּ אויף „דעזערטירט". — מיר זיינען וויליק זיך אונטערצוגעבן, אויב מיר קאָנען קומען צו אַ פּשרה. דאָס האָט איר אייך קלאָרע דיבורים. אַלץ וואָס איך פאַרלאַנג איז אייער וואָרט, קאַפּיטאַן סמאָלעט, אַז איר'ט מיך אַרויסלאָזן אַ גאַנצן פון דער דאָזיקער פעסטונג, און מיר געבן איין מינוט צייט אויף אַרויסצוגיין איידער איר שיסט אויף מיר.

— מיסטער סילווער, — האָט געזאָגט קאַפּיטאַן סמאָלעט, — איך האָב ניט דעם קלענסטן באַגער מיט אייך צו ריידן. אויב איר האָט מיר עפּעס צו זאָגן, קאָנט איר אַריינקומען, דאָס איז אַלץ. אויב ס'וועט זיין עפּעס אַ פאַראַט, ו[illegible] איר אים באַגיין, און אויב יאָ, זאָל אייך גאָט העלפן!

— דאָס איז גענוג, קאַפּיטאַן, — האָט דער „לאַנגער דזשאָן" פריילעך אויסגערופן, — אייערס אַ וואָרט איז גענוג. כ'ווייס



„די פאָן פון שלום! — האָט אויסגעשריען סילווער".

וואָס אַ דזשענטלמאַן איז, און איר קאָנט זיך אויף מיר פֿאַרלאָזן.

מ׳האָט געקאָנט זען ווי דער מאַן וואָס האָט געטראָגן די שלום פֿאָן האָט פֿאַרזוכט סילווערן צוריקצוהאַלטן. ס׳איז אויך קיין חידוש ניט, נעמענדיק אין אַנבעטראַכט וואָס פֿאַר אַ „העפלאַכן“ ענטפֿער ער האָט געקראָגן פֿונם קאַפּיטאַן. סילווער האָט אים אָבער הויך אויסגעלאַכט, און האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע, ווי איינער רעדט, ס׳איז ניטאָ וואָס זיך צו שרעקן. ער איז צוגעקומען צום פּאַרקן, האָט אַריבערגעוואָרפֿן די קוליע, אַריבערגעשטעלט זיין פֿוס, און נאָך פֿיל אַנשטרענגונג און געשיקטקייט, איז אים געלונגען אַרויפֿצוקריכן אויפֿן פּאַרקן, און אַרונטערצושפּרינגען אויף דער אַנדערער זייט.

כ׳בין זיך מודה אַז כ׳בין צו פֿיל געווען פֿאַראינטערעסירט אין אַלץ וואָס איז פֿאָרגעקומען, צו זיין פֿון דער קלענסטער נוץ אַלס אַ וואַכמאַן. כ׳האָב אפֿילו פֿאַרלאָזן מיין מזרח׳דיק שיס־פֿענצטערל, און בין צוגעקראָכן צום קאַפּיטאַן. דער קאַפּיטאַן איז איצט געזעסן אויף דער שוועל, די עלנבויגנס אויף די קני, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט, און האָט געקוקט אויפֿן וואַסער וואָס האָט אַרויס־געקוועלט פֿונם אַלטן אייזערנעם קעסל אויף דער זאַמד; שטיל פֿאַר זיך האָט ער געפּייפֿט דאָס לידל „קומט, מיידלאַך און אינגלאַך!“

סילווערן איז אָנגעקומען זייער שווער אַרויפֿצוקריכן אויפֿן בערגל. קעגן דער משופּע׳דיקייט פֿונם באַרגאַרויף, די געדיכטע שטאַמען, און דער ווייכער זאַמד, איז ער געווען הילפֿלאָז ווי אַ שיף קעגן ווינט. ער האָט אָבער עקשנות׳דיק געקעמפֿט, און איז ענדלאַך צוגעקומען צום קאַפּיטאַן, וועמען ער האָט זייער וואַזשנע סאַלוטירט. ער איז געווען אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק. אַ גרויסאַרטיקער בלויער ראָק, פֿול מיט מעשענע קנעפּ, איז אים אַראָפּגעהאַנגען ביז איבער די קני, און אַן עלעגאַנטער הוט איז אים געזעסן הינטן אויפֿן קאָפּ.

— נו, אָט זיינט איר דאָ, מיין טייערער, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן, אויפֿהויבנדיק דעם קאָפּ. — זעצט זיך אַנידער.

— וואָס, איר׳ט מיך ניט אַריינלאָזן אינווייניק, קאַפּיטאַן? — האָט דער „לאַנגער דזשאָן“ געזאָגט מיט פֿאַרוואורף. — כ׳לעבן, מיין

הער, אויף דער גאַס איז אַ ביטערע קעלט. ווי קאָן איך זיצן אינ־דרויסן אויף דער זאַמד?

— נו, מיסטער סילווער, — מאַכט דער קאַפּיטאַן, — ווען איר זאָלט געווען זיין אַן ערלאַכער מאַן, וואָלט איר איצט געזעסן אין אייער קיך. ס'איז אייער אייגענע שולד. איר זיינט אָדער מיין שיפקוכער, און מ'באַהאַנדלט אייך אויסגעצייכנט, אָדער אַ פּשוט'ער בונטאַר און פּיראַט, און אייער אָרט איז אויף דער תליה!

— נו, גוט, קאַפּיטאַן, — האָט געענטפערט דער שיפקוכער. אַנידערזעצנדיק זיך אויף דער זאַמד, — איר'ט מיר בלויז העלפן אַרויסגיין צוריק, דאָס איז אַלץ. אַ, ס'אַראַ טייער ערטל איר האָט דאָ! און אָט איז דזשים אויך! אַ שיינעם גוטמאָרגן דיר, דזשים! דאָקטאָר, צו אייער דינסט! כ'לעבן, איר זיצט זיך דאָ אַלע אינ־איינעם ווי אַ גליקלאַכע משפּחה, אַזוי צו זאָגן!

— אויב איר האָט עפּעס צו זאָגן, פּעטער, קומט אַרויס מיט לשון! — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן.

— גערעכט, קאַפּיטאַן סמאָלעט, — האָט סילווער געענטפערט.

— פליכט איז פליכט, אַלעמאָל. נו, מיין פריינט, איר האָט אָפּגעטאָן אַ שיין שטיקל אַרבעט נעכטן באַנאַכט, מ'קאָן ניט זאָגן! אייניקע פון אייך זיינען גאַנץ פלינק מיט אַ האַנט־שפּיז, און כ'לייקן ניט אַז אַ טייל פון מיינע יאַטן זיינען ניט געוואָרן איבעראַשט. אפשר זיינען אַלע געוואָרן איבעראַשט. און ס'איז גאַנץ מעגלאַך אַז דער־פאַר בין איכ'ס איצט געקומען פאַרהאַנדלען וועגן אַ פּשרה. געדענקט אָבער וואָס איך זאָג אייך, קאַפּיטאַן, אַ צווייטן מאָל וועט'ס אייך ניט אָפּגילטן, צום טייוול! מירן מוזן זיין אויף דער וואַך, און איינהאַלטן אַ ביסל דעם ראָם. איר קערט אודאי מיינען אַז מיר זיינען אַלע געווען פאַרשניאָשקעט, זאָג איך אייך אַז ניין. איך בין געווען ניכטער, אָבער כ'בין בלויז געווען מיד ווי אַ הונט. וואָלט איך זיך געווען אויפגעכאַפּט מיט אַ סעקונדע פריער, וואָלט איך אייך געווען געכאַפּט באַ דער האַנט, וואָלט איך. ער'ז נאָך ניט געווען טויט ווען כ'בין צו אים צוגעקומען, ניט ער!

— נו? — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן זייער קאַלטובלוטיק.

אַלץ וואָס סילווער האָט געזאָגט איז פאַר אים געווען אַ רעטעניש, אָבער מ'וואָלט'ס אויף אים קיינמאָל ניט געווען געקאָנט דער־

קענען. איך אָבער האָב אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וועגן וואָס ס'האָט זיך דאָ געהאַנדלט. בען גאַנס לעצמע ווערטער זיינען מיר געקומען אויפן זינען. ס'איז מיר איינגעפאַלן אַז ער האָט אודאי באַזוכט די פּיראַטן ווען זיי זיינען אַלע געלעגן טויט־שיכור אַרום דעם פייער, און כ'האָב מיט פאַרגעניגן אויסגערעכנט אַז מיר האָבן איצט שוין געהאַט בלויז פערצן שונאים.

— נו, די מעשה דערפון איז אַזוי, — האָט געזאָגט סילווער, — מיר ווילן האָבן דעם אוצר, און מירן אים קריגן אויך, דאָס איז אונדזער ציל! איר אָבער, רעכן איך, ראַטעוועט בעסער אייער לעבן, און דאָס איז אייער ציל. איר האָט דאָך אַ מאַפּע? ניט אמת?

— אפשר יאָ, און אפשר ניט, — האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן.

— אָ, איר האָט יאָ, כ'ווייס עס, — האָט געענטפערט דער „לאַנגער דזשאָן" — איר דאַרפט פון מיר ניט אַזוי חוזק מאַכן. וואָס האָט איר דען דערפון? ס'איז זייער ניט פיין פון אייער זייט, איך פאַרזיכער אייך. אַלץ וואָס מיר ווילן איז אייער מאַפּע. כ'האָב אייך קיינמאָל ניט געמיינט צו טאָן קיין שלעכטס.

— מיך וועט איר ניט נאַרן, פעטער, — האָט אים דער קאַפּיטאַן אונטערבראָכן. — מיר ווייסן אַקוראַט וואָס איר האָט געוואָלט טאָן, און ס'אַרט אונדז ניט, איר זעט דאָך אַליין אַז איר קאָנט אונדז איצט גאָרניט ניט טאָן.

דער קאַפּיטאַן האָט אים רואיק באַטראַכט, און האָט זיך גענומען אָנפילן זיין ליולקע.

—אויב אייב גרעי — האָט סילווער אויסגערופן.

— גענוג! — האָט מיסטער סמאָלעט אויסגעשריען. — גרעי האָט מיר גאָרניט ניט דערציילט, און כ'האָב אים גאָרניט ניט געפרעגט. ניט נאָר דאָס, נאָר כ'וואָלט אייך און אים און דעם גאַנצן אינדזל פריער געוואָלט זען פאַרברענט ווערן און אַוועק מיטן רויך, אָט וואָס! אָט האָט איר אייך מיין מיינונג וועגן דעם, אויב איר ווילט ווייסן, מיין טייערער!

דערדאָזיקער אויסברוך פון צאָרן, האָט סילווערן, ווייזט אויס,

אָפּגעקילט. ער האָט פריער אָנגעהויבן צו ווערן צערייצט, איצט אָבער האָט ער זיך ווידער בארואיקט.

— זייער מעגלאָך, — האָט ער געזאָגט, — ווער קאָן וויסן וואָס אַ דזשענטלמאַן באַטראַכט פאַר אַנשטענדיק, און וואָס ניט? ווי די זאַך זאָל ניט זיין, אַזוי ווי איר מאַכט איצט גרייט אייער ליולקע, קאַפּיטאַן, נעם איך מיר די פרייהייט אויך צו טאָן דאָסזעלביקע.

ער האָט אָנגעפילט זיין ליולקע און האָט פאַרויכערט. ביידע מענער זיינען שטילערהייט געזעסן און האָבן אַ היבשע צייט געראוי־כערט. זיי האָבן זיך אָט אָנגעקוקט, אָט אַרונטערגעשטאָפּט דעם טאַבאַק, אָט זיך אָנגעבויגן אויסצושפּייען. ס'איז געווען אַ פּשוט'ער טעאַטער שפּיל אויף זיי צו קוקן.

— נו, — האָט סילווער פאָרגעזעצט, — די מעשה דערפון איז אַזוי: איר גיט אונדז די מאַפּע מיט וועלכער מירן געפינען דעם אוצר, און הערט אויף צו שיסן אויף אָרימע מאַטראָזן, אָדער זיי אָפּשניידן די קעפּ ווען זיי שלאָפן. אויב איר'ט אַזוי טאָן, וועלן מיר אייך געבן אַן אויסוואַל. אָדער איר קאָנט מיט אונדז מיטפאָרן, נאָכדעם ווי מירן געפינען דעם אוצר און אים אָנלאָדן אויף דער שיף, און כ'על אייך אַרויסגעבן אַ געשריפט אויף מיין ערנוואָרט, אַראָפּצולאָזן אייך, געזונט און שטאַרק, ערגיץ־וואו אויף אַ ברעג. אָדער, אויב דאָס געפעלט אייך ניט, דערפאַר וואָס אַ טייל פון מיינע לייט זיינען פּרעך, און האָבן אַלטע חשבונות וועגן פריערדיקע קריוודעס, טאָ קאָנט איר זיך בלייבן דאָ, קאָנט איר. מירן זיך צעטיילן מיט די פּראָוויאַנטן גלייך אויף גלייך, און כ'על אייך, ווי פריער, אַרויסגעבן אַ געשריפט, אַז כ'על אייך צושיקן די ערשטע שיף וואָס מירן אָנטרעפן אויפן וועג. איר מוזט צוגעבן, אַז דאָס איז זייער שיין פון אונדזער זייט, בעסער פון דעם קאָנט איר ניט דערוואַרטן, ניט איר. און איך האָף, — דאָ האָט ער גענומען רעדן העכער, — אַז אַלע וואָס געפינען זיך אין דעמדאָזיקן קלעצער־הויז הערן מיינע רייד, וואָרים וואָס כ'זאָג איינעם זאָג איך צו אַלע!

קאַפּיטאַן סמאָלעט האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרויסגעקלאַפּט די אַש פון זיין ליולקע אויף דער לינקער האַנט, און האָט געפרעגט:

— איז דאָס אַלץ?

— ביז צום לעצטן וואָרט, צום שוואַרצן יאָר! — האָט דזשאָן געענטפערט. — אַנטזאָגט איר דאָס, און איר זעט מיך צום לעצטן מאָל אָן מושקעט קוילן!

— זייער גוט, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן. — און איצט, הערט וואָס איך האָב אייך צו זאָגן. אויב איר ווילט אַלע קומען אַהער, איינציקווייז, און אומבאַוואָפנט, נעם איך זיך אונטער צו שמידן אייך אַלע אין קייטן, און אייך אַהיים נעמען קיין ענגלאַנד פאַר אַן אומפּאַרטייאישן געריכט. אויב ניט, זאָג איך אייך, ווי מיין נאָמען איז אַלעקסאַנדער סמאָלעט, און איבער אונדז פלאַטערט די ענגלישע פאָן, אַז כ'על אייך אַלע שיקן צו דייווי דזשאָונסן. דעם אוצר קאָנט איר ניט געפינען. די שיף קאָנט איר ניט פירן, קיין איינער פון אייך טויג זיך ניט אויס אויף צו טרייבן די שיף. איר קאָנט אונדז ניט בייקומען — גרעי האָט זיך אויסגעדרייט פון פינף אייעריקע. אייער שיף איז קאַפּוט, מייסטער סילווער. איר געפינט זיך לעבן אַ ברעג מיטן ווינט קעגן אייך. ווי איר זעט מיך דאָ שטיין און רעדן צו אייך, דאָס זיינען די לעצטע פריינדלאַכע רייד וואָס איר הערט פון מיר. ווי מיר האָבן אַ גאָט אין הימל, טרעף איך אייך נאָכאַמאָל, יאָג איך אייך אַריין אַ קויל אין פּלייצע! פּעקלט זיך אַרויס פון דאַנעט, זייט מוחל, אַ האַנט איבער אַ האַנט! איינס, צוויי, דריי, און מאַרש!

סילווערס פּנים איז געווען אַ בילד צום מאָלן. די אויגן זיינען אים שיעור ניט אַרויסגעשפּרונגען פון גרויס צאָרן. ער האָט אַרויסגעקלאַפּט דאָס פייער פון זיין ליולקע און האָט אויסגעשריען:

— העלפט מיר אויפשטיין!

— ניט איך! — האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן.

— ווער וויל מיר העלפן? — האָט דער „לאַנגער“ געררע־וועט.

קיינער פון אונדז האָט זיך ניט גערירט. קללה'נדיג מיט די שענדלאַכסטע זידלערייען, איז ער געקראָכן איבער דער זאַמד ביז ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אינם גאַניק, און האָט זיך ווידער אויפגעהויבן אויף דער קוליע. ער האָט געגעבן אַ שפּיי אין קוואַל אַריין און האָט געזאָגט:

— פו! אָט וואָס כ'דענק פון אייך. איידער ס'עט נאָך אַרי־

בער איין שעה ‏'על איך זען אייער אַלט קלעצער־הויז ברענען ווי אַ ראָם־פאָס. לאַכט, לאַכט, צו אַלדי רוחות! אין איין שעה אַרום ‏'עט איר לאַכן אויף דער אַנדערער זייט. די יעניקע וואָס וועלן פאַלן טויט וועלן זיין די גליקלאַכסטע.

מיט אַ שרעקלאַכער קללה איז ער אַוועקגעשפּרונגען, אַקערנדיק די זאַמד מיט דער קוליע. דער מאַן מיט דער שלום־פאָן האָט אים געהאָלפן אַריבערקריכן איבערן פּאַרקן, און זיי זיינען ביידע אין איין אויגנבליק פאַרשוואונדן צווישן די ביימער.

איין־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

די אַטאַקע

גלייך ווי סילווער איז פאַרשוואונדן, האָט דער קאַפּיטאַן, וואָס האָט אים פאַרזיכטיק נאָכגעקוקט, זיך אויסגעקירעוועט, אַ קוק געטאָן אין הויז אַריין, און האָט קיין איינעם פון אונדז, אַ חוץ גרעיען, ניט געפונען אויף דער וואַך. דאָס איז געווען ס'ערשטע מאָל וואָס מיר האָבן אים געזען אין כעס.

— די וואַך! — האָט ער אַרויסגעדונערט. און ווען מיר האָבן זיך שטילערהייט אָפּגעטראָגן אויף אונדזערע ערטער, האָט ער זיך געווענדט צו גרעיען און האָט געזאָגט: — גרעי, כ'על פאַרשרייבן אייער נאָמען אינם שיף־בוך. איר האָט אָפּגעהיט אייער פליכט ווי אַן אמת'ער מאַטראָז. מיסטער טרעלאָני, ס'וואונדערט מיר אויף אייך, מיין הער, און איר, דאָקטאָר, האָט, דוכט מיר, געטראָגן דעם קעניגס מונדיר! אויב דאָס איז ווי אַזוי איר האָט געקעמפט אין דער שלאַכט פון פאָנטענאָי, מיין הער, וואָלט איר געטאָן אַ סך גלייכער אויב איר זאָלט זיך געוועזן ליגן שלאָפן.

— דעם דאָקטאָרס וואַך איז באַלד ווידער געשטאַנען לעבן די שיס־פענצטערלאַך, און די איבעריקע זיינען געווען פאַרנומען מיט אָנלאָדן די מושקעטן. יעדער איינער איז געווען רויט פון שאַנדע, און האָט, ווי מ'זאָגט, זיך געשעמט אין זיין ווייטן האַלדז.

דער קאַפּיטאַן האָט אונדז אַ ווײַלע שטילערהייט באַטראַכט, און האָט געזאָגט:

— חברים, איר האָט געזען די „פייערדיקע“ אויפנאַמע וואָס כ'האָב אים געגעבן. כ'האָב אומישנע געמאַכט אַזאַ פלאַמפייערדיקן אַנשטעל, און אין ווייניקער פון איין שעה צייט, ווי ער האָט אַליין געזאָגט, קאָנען מיר דערוואַרטן געסט. זיי איבערשטייגן אונדז אין צאָל, כ'דאַרף עס אייך ניט דערציילן, מיר קעמפן אָבער הינטער אַ שויץ, און, צוריק מיט אַ מינוט וואָלט איך געוועזן געקאָנט זאָגן, מיט אַ שטאַרקער דיסציפלין. כ'האָב ניט דעם מינדסטן צווייפל אַז מיר קאָנען זיי בייקומען, אויב איר'ט נאָר וועלן.

ער האָט דאַן אַרומגעשפּאַצירט צווישן די וואַכן, און האָט געזען, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז אַלץ זאָל זיין פּיקס און פּאַרטיק.

אין די צוויי שמעלערע ווענט פונם הויז, אויף מזרח און מערב, זיינען בלויז געווען צו צוויי שיס־פענצטערלאַך; אין דער דרום וואַנט, וואו דער גאַניק איז געווען, אויך צוויי; און אין דער צפון וואַנט, פינף. מיר האָבן אַלע זיבן געהאַט צוואַנציק מושקעטן. דאָס ברענהאָלץ איז אויסגעלייגט געוואָרן אין פיר קופּעס, מ'קאָן זאָגן טישן, איינע לעבן יעדער וואַנט, און אויף יעדן איינעם פון די דאָזיקע טישן זיינען געלעגן אַמוניציע און פיר אָנגעלאָדענע מושקעטן, גרייט צו דער האַנט פון די פאַרטיידיקער. אינמיטן זיינען געלעגן די שווערדן אויסגעלייגט אין אַ שורה.

— לעשט אויס ס'פייער, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן, — די קעלט איז שוין אַריבער, און מיר טאָרן ניט האָבן קיין רויך אין די אויגן.

מיסטער טרעלאָני האָט אַרויסגעטראָגן דעם פייערקאַרב און דערשטיקט די פונקען אין דער זאַמד.

— האָקינס האָט נאָך ניט געגעסן קיין פרישטיק. האָקינס, נעם דיר עפּעס, און גיי צוריק אויף דיין וואַך דאָרט אָפּצועסן, — האָט קאַפּיטאַן סמאָלעט פאָרגעזעצט. — לעבעדיקער, בחור'ל, וועסט'ס דאַרפן איידער מירן פאַרטיק ווערן. האָנטער, גיב יעדן אַ טרונק בראָנפן.

אין דער צייט וואָס דאָס איז געטאָן געוואָרן, האָט דער קאַפּיטאַן באַ זיך אין קאָפּ פאַרענדיקט דעם פּלאַן פון דער פאַרטיידיקונג.

— דאָקטאָר, איר׳ט נעמען די טיר, — האָט ער פאָרגעזעצט. — אָבער זעט גיט אַכטונג אַז מ׳זאָל אייך ניט אַרויסזען. שטייט אינווייניק, און שיסט דורכן גאַניק. האַנטער, איר נעמט די מזרח וואַנט, דאָרט־אָ, און איר, דזשאָים, די מערב וואַנט. מיסטער טרעלאָני, איר זיינט דער בעסטער שיסער, איר מיט גרעיען וועט נעמען די דאָזיקע לאַנגע צפון וואַנט מיט די פינף שיס־פענצטערלאַך. דאָרט איז די הויפּט געפאַר. אויב זיי זאָלן צוקומען אַהין, און אריינשיסן דורך אונדזערע אייגענע פענצטער, וועט זיין זייער פּאַסקודנע. האָקינס, מיר זיינען ביידע ניט ווערט קיין סך אַלס שיסער, מירן דערפאַר שטיין גרייט אָנצולאָדן און אַרויסצוהעלפן.

דער קאַפּיטאַן איז געווען גערעכט, די קעלט איז טאַקע אַריבער. ווי נאָר די זון האָט זיך אויפגעהויבן הויך איבער אונדזער לאַנד־גאַרטל פוןביימער, איז זי געפאַלן מיט איר גאַנצער קראַפט אויף דער ליידיקער פּלאַץ, און האָט מיטאַמאָל אויסגעטרונקען דעם גאַנצן נעפּל. די זאַמד איז באַלד געוואָרן גליענד הייס, און די סמאָלע האָט אָנגעהויבן צו טריפן פון צווישן די באַלקנס פונם קלעצער־הויז. מיר האָבן פון זיך אַרונטערגעוואָרפן די זשאַקעטן און רעק, צע־בראָסטעט די העמדער, פאַרקאַטשערט די אַרבל, און געשטאַנען יע־דער אויף זיין פּאָסטן, פיבערנדיק פון היץ און גרויס שפּאַנונג.

ס׳איז אַריבער אַ שעה.

— געהאַנגען זאָלן זיי ווערן! — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן. — ס׳איז דאָ אַזוי לאַנגווייליק ווי אַ ווינט־שטילשטאַנד באַם עקוואַטאָר. גיט אַ פייף, גרעי, און רופט אַרויס אַ ווינט.

פּונקט אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט די ערשטע נייס פון דער אַטאַקע.

— אַנטשולדיקט, מיין הער, — האָט זיך אָנגערופן דזשאָים, — ווען איך דערזע עמיצן, דאַרף איך גלייך שיסן, האַ?

— נו, געוויס. כ׳האָב דאָך אייך פריער געזאָגט, — האָט דער קאַפּיטאַן אויסגעשריען.

— אַ דאַנק מיין הער, — האָט דזשאָים געענטפערט מיט דער זעלבער געלאַסענער העפלאַכקייט.

פּאַרלויפּיק האָט גאָרניט ניט פּאַסירט, אָבער די באַמערקונג האָט אונדז אַלעמען ווידער דערמוטיקט. אנשטרענגענדיק אויערן און אויגן, זיינען די מושקעטירן געשטאַנען גרייט מיט זייערע כלי־זין אין די הענט, און דער קאַפּיטאַן איז געשטאַנען אינמיטן הויז מיט אַ פאַרשטשעמעטן מויל און מיט אַן אָנגעכמורעטן פּנים.

ס׳זיינען אַזוי אַריבער עטלאַכע סעקונדן, ביז דזשאָיס האָט פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן זיין מושקעט און האָט אויסגעשאָסן. דער קנאַל איז נאָך ניט געווען אָפּגעשטאָרבן, ווען פון דרויסן האָט זיך דערהערט אַ שנעלע שיסעריי. איין שאָס נאָכן אַנדערן, ווי אַ שורה גענדז, זיינען געפלויגן פון אַלע זייטן אויף דער פעסטונג. עטלאַכע קוילן האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין הויז, אָבער קיין איינע פון זיי איז ניט אַריין אינווייניק. און ווען דער רויך איז פאַר־שוואונדן, האָבן די פעסטונג און דער וואַלד אַרום איר אויסגעזען רואיק און פאַרלאָזן ווי פריער. קיין צווייג האָט זיך ניט גערירט, און קיין גלאַנץ פון מושקעט־רערן האָט ניט פאַראַטן די אנוועזנ־הייט פון אונדזערע שונאים.

— האָט איר געטראָפן אייער מאַן? — האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט.

— ניין, מיין הער, — האָט דזשאָיס געענטפערט. — כ׳גלויב אַז ניט, מיין הער.

— זייער גוט. נאָר דעם אמת! — האָט קאַפּיטאַן סמאָלעט גע־מורמלט. — לאָד אים ווידער אָן די ביקס, האָקינס. אַרום וויפל, רעכנט איר, זיינען געווען אויף אייער זייט, דאָקטאָר?

— כ׳וויים עס אַקוראַט, — האָט געזאָגט דאָקטאָר ליווזי. — אויף מיין זייט זיינען אָפּגעפייערט געוואָרן דריי שאָס. כ׳האָב געזען דריי בליצן, צוויי איינער לעבן אַנדערן, און איינעם ווייטער מערב־צו.

— דריי, הייסט עס, — האָט דער קאַפּיטאַן איבערגע׳חזר׳ט. — און וויפל אויף אייער זייט, מיסטער טרעלאָני?

אָבער אויף דעם איז שוין ניט געווען אַזוי לייכט צו ענטפערן. פון צפון זיינען געקומען אַ סך — זיבן, לויטן סקווירס אויסרעכע־נונג, אַרום אַכט־ניין, לויט גרעיס. פון מזרח און מערב איז גע־קומען בלויז איין שאָס. ס׳איז דאַריבער געווען קלאָר, אַז די אַטאַקע

וועט זיך אַנטוויקלען אויף צפון זייט, און אַז אויף די אַנדערע דריי זייטן וועלן מיר באַלעסטיקט ווערן בלויז פון אַן אָנשטעלערישן אָנגריף. קאַפּיטאַן סמאָלעט האָט אָבער ניט געמאַכט קיין ענדע־רונג אין זיינע פּלענער. — אויב ס'זאָל די בונטאָרן געלינגען אַריבערצוקריכן איבערן פּאַרקן — האָט ער גע'טענה'ט, — —וועלן זיי פאַרכאַפּן די אומבאַשיצטע שיס־פענצטערלאַך, און אונדז אויסשיסן ווי די מייז אין אונדזער אייגענער פעסטונג.

ס'איז אונדז אויך ניט געבליבן קיין סך צייט זיך איבערצוטרייגן. פּלוצלונג, מיט אַ הויכן הוראַ, איז אַ קליינע טרופּע פּיראַטן אַרויס־געשפּרונגען פונם וואַלד אויף דער צפון זייט, און האָט זיך געלאָזט גלייך אויף דער פעסטונג. אין דער זעלבער צייט האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די שיסעריי פונם וואַלד. אַ קויל איז אַריינגעפלויגן דורך דער טיר, און האָט צעשפּליטערט דעם דאָקטאָרס מושקעט אויף פּיצ־פּיצלאַך.

די אָנגרייפער האָבן געקלעטערט איבערן פּאַרקן ווי די מאַלפּעס. דער סקווייר און גרעי האָבן געהאַלטן אין איין שיסן. דריי מאַן זיינען געפאַלן, איינער אינווייניק און צוויי אויסנווייניק פונם פּאַרקן. פון דיזאָזיקע צוויי, איז איינער, ווייזט אויס געווען מער איבער־געשראָקן ווי פאַרוואונדעט, וואָרים מיט איין הויב איז ער ווידער געווען אויף די פיס, און איז אויגנבליקלאַך פאַרשוואונדן צווישן די ביימער.

צוויי האָבן, הייסט עס, געקייט די ערד, איינער איז אַנטלאָפן, אָבער פיר זיינען אַריין אינווייניק, אין דער צייט וואָס פון הינטער דער שוץ פונם וואַלד האָבן אַ זיבן־אַכט, יעדער איינער באַוואָרנט מיט עטלאַכע מושקעטן, אָנגעהויבן אַ היציקע, כאָטש נוצלאָזע, שי־סעריי אויפן קלעצער־הויז.

די פיר וואָס זיינען אַריין אינווייניק פונם פּאַרקן האָבן מיט אַ געשריי זיך געלאָזט גלייך אויף דער געביידע, און די חברה־לייט אין וואַלד האָבן זיי נאָכגעשריען און דערמוטיקט. מיר האָבן אויס־געשאָסן עטלאַכע מאָל, אָבער די שיסער האָבן זיך אַזוי געאיילט, אַז קיינער האָט, ווייזט אויס, ניט געטראָפן אין ציל. אין איין מאָמענט זיינען די פיר פּיראַטן אַרויף אויפן בערגל און זיינען געווען לעבן הויז.

דזשאָב אַנדערסאָן דעם באָטמאַנס קאָפּ האָט זיך באַוויזן אינם מיטלסטן שיס־פענצטערל.

— גרייפט זיי אָן, חברים! — האָט ער געדעוועט מיט אַ דונערנדיקער שטים.

אין דעמזעלבן מאָמענט, האָט אַן אַנדער פּיראַט אָנגעכאַפּט האָנ־טערס ביקס באַם פּיסקל, אַרויסגעדרייט זי פון זיינע הענט, און זי דורכגעזעצט צוריק דורכן שיס־פענצטערל מיט אַזאַ קראַפט, אַז דער אָרימער מאַן איז אַוועקגעפאַלן באַוואוסטלאָז אויפן דיל. דער־ווייל האָט אַ דריטער, אַפּערלויפנדיק אומבאַשעדיקט פון אַ ווינקל פונם הויז, זיך פלוצלונג באַוויזן באַם אַריינגאַנג, און איז אָנגעפאַלן מיט זיין שווערד אויפן דאָקטאָר.

אונדזער לאַגע האָט זיך אינגאַנצן געביטן. ערשט־אַ זיינען מיר געווען באַשיצט און האָבן געשאָסן אויף אַן אומבאַשיצטן שונא, און איצט זיינען מיר עס געווען די אומבאַשיצטע, און האָבן ניט געקאָנט אָפּענטפערן קיין איין שאָס.

דאָס הויז איז געווען פול מיט רויך, און דעם האָבן מיר טיילווייז צו פאַרדאַנקען פאַר אונדזער רעטונג. געשרייען און אומאָרדנונג, דאָס אויפבליצן און קנאַלן פון די פּיסטאָלעטן, און איין הויכער קרעכץ, האָבן מיר געקלונגען אין די אויערן.

— אַרויס, חברה, אַרויס! מיט די שווערדן אויף דער גאַס אַרויס! — האָט דער קאַפּיטאַן געשריען.

כ׳האָב אָנגעכאַפּט אַ שווערד פון דער קופּע, און נאָך עמיצער. וועלכער האָט אין דערזעלבער צייט אויך געכאַפּט איינע, האָט מיר געגעבן אַ שניט איבער די פינגער. כ׳האָב עס אָבער קוים געפילט און בין אַרויס דורך דער טיר אויף דער ליכטיקער שיין. עמיצער איז געווען הינטער מיר, כ׳האָב אָבער ניט געוואוסט ווער. פאַר מיר האָב איך געזען דעם דאָקטאָר נאָכיאָגן זיין אָנ־גרייפער באַרגאַראָפּ און וואָרף טאָן אויף אים זיין געווער. דער יונג איז געפאַלן אויפן רוקן, מיט אַ געוואַלטיקן שניט אויפן פּנים.

— רינגלט אַרום דאָס הויז, חברה, רינגלט אַרום דאָס הויז!

— האָט געשריען דער קאַפּיטאַן, און אַפילו אין דעראַזיקער סומאַ־טאָכע האָב איך באַמערקט אַן איבערבייט אין זיין שטים.

כ׳האָב מעכאַניש געפאָלגט, זיך פאַרקירעוועט מזרח־צו, און

מיט א שווינגענדיקער שווערד, האב איך זיך געלאזט לויפן ארום דעם הויז. פלוצלונג בין איך געשטאנען פנים־אל־פנים מיט אנדער־סאנען. ער האט אויסגעשריען און זיך אויף מיר פארמאסטן מיט זיין קינזשאל וואס האט געפינקלט אין דער זון. כ'האב ניט געהאט קיין צייט צו טראכטן וועגן מורא. אזוי ווי דער הויב איז נאך אלץ געהאנגען אין דער לופט, האב איך בליצשנעל א שפרונג געטאן אויף א זייט, און אויסגליטשנדיק זיך אויף דער ווייכער זאמד, האב איך זיך ארונטערגעקייקלט בארגאראפ.

ווען כ'בין ארויס פון דער טיר, האבן שוין די אנדערע בונטארן געקלעטערט איבערן פארקן צו מאכן פון אונדז א סוף. איי־נער, מיט א רויטן נאכט־היטל און מיט א קינזשאל צווישן די ציין, איז שוין אפילו געווען אויוון, און שוין אריבערגעשטעלט א פוס. אלץ איז געשען אזוי שנעל, אז ווען כ'בין ווידער געווען אויף די פיס, איז אלץ געווען אויף דעמזעלבן ארט. דער בחור מיטן רויטן נאכט־היטל איז נאך אלץ געזעסן אויפן פארקן, און א צווייטער איז געשטאנען אויף דער אנדערער זייט און האט אריבערגעקוקט. און דאך, איז אין דער רגע דער קאמף געווען פאריבער, און דער זיג אונדזערער.

גרעי, וועלכער איז געווען הארט הינטער מיר, האט אוועקגע־לייגט דעם ריזיקן באטמאן, איידער נאך יענער האט געהאט צייט זיך ווידער צו פארמעסטן מיט זיין קינזשאל. א צווייטער איז דער־שאסן געווארן לעבן א שיס־פענצטערל, בשעת ער האט געוואלט אריינ־שיסן אין הויז אריין, און איז איצט געלעגן מיט א רויכערנדיקן פיסטאלעט אין דער האנט און האט זיך געראנגלט מיטן טויט. א דריטן, האט דער דאקטאר מיט איין קנאק אוועקגעשיקט אויף יענער וועלט. פון די פיר וואס האבן אריבערגעקלעטערט איבערן פארקן איז נאך בלויז איינער געשטאנען אויף די פיס. איצט אבער, איבערלאזנדיק זיין שווערד אויפן שלאכטפעלד, האט ער זיך אויך געלאזט אין טויט־שרעק אריבערקריכן צוריק.

— שיסט, שיסט פון הויז ארויס! — האט געשריען דער דאקטאר. — און איר, חברה, אריין צוריק!

קיינער האט אים אבער ניט געהערט, קיינער האט ניט גע־שאסן, און דעם לעצטן פון די אנגרייפער איז געלונגען צו אנטלויפן

„גרעי, וועלכער איז געווען הארט הינטער מיר, האָט אוועקגעלייגט דעם ריזיקן באָטמאַן...״

אומבאַשעדיקט אין וואַלד אַריין. אין דריי סעקונדן אַרום איז פון דער אַטאַקירנדיקער פּאַרטיע ניט געבליבן קיין זכר, אַ חוץ די פינף וואָס זיינען געפאַלן, פיר אינווייניק, און איינער אויסנווייניק פונם פּאַרקן.

דער דאָקטאָר, גרעי, און איך זיינען שנעל אַריין אין הויז. מיר האָבן מורא געהאַט אַז די לעבנגעבליבענע בונטאַרן זאָלן ניט צוריקקומען נאָך זייערע איבערגעלאָזטע מושקעטן און נאָך ווידער באַנייען דעם קאַמף צו יעדער מינוט.

דאָס הויז איז שוין איצט געווען ריין פון רויך, און מיר האָבן אין איין אויגנבליק דערזען דעם פּרייז וואָס מיר האָבן באַצאָלט פאַרן זיג. האָנטער איז געלעגן באַוואוסטלאָז לעבן זיין שיס־פענצטערל, און דזשאָיס לעבן זיינעם מיט אַ דורכגעשאָסענעם קאָפּ, קיינמאָל מער זיך ניט צו רירן. אינמיטן, האָט דער סקווייר אונטערגעהאַלטן דעם קאַפּיטאַן, איינער בלאַסער פונם אַנדערן.

— דער קאַפּיטאַן איז פאַרוואונדעט, — האָט געזאָגט מיסטער טרעלאָני.

— זיינען זיי אַנטלאָפן? — האָט געפרעגט מיסטער סמאָלעט.

— געוויס, די יעניקע וואָס האָבן געקאָנט, — האָט געענטפערט דער דאָקטאָר, — אָבער פינף פון זיי וועלן מער קיינמאָל שוין ניט לויפן.

— פינף! — האָט דער קאַפּיטאַן אויסגערופן, — נו, גוט! פינף קעגן דריי. זיינען מיר, הייסט עס, איצט פיר קעגן ניין. דאָס איז שוין אַ סך בעסער ווי ווען מיר האָבן אָנגעהויבן. — דעמאָלט זיינען מיר געווען זיבן קעגן נייניצן, אָדער מיר האָבן וויניקסטן אזוי געמיינט, און דאָס איז פונקט אַזוי שלעכט.*)

*) ס'זיינען איז דער אמת'ן ניט געווען מער פון אכט בונטארן, ווארים דער יעניקער אויף וועלכן מיסטער טרעלאָני האָט געשאָסן פונם יאָל־שיפל, איז נאָך יענע נאכט געשטאָרבן פון זיינע וואונדן אויף דער שיף. מיר האָבן וועגן דעם אָבער ניט געוואוסט.

פערטער טייל
די פעסטונג

צוויי־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

ווי אַזוי כ׳האָב אָנגעהויבן מיין אַוואַנטורע אויפן ים

דו בונטאַרן האָבן זיך מער ניט צוריקגעקערט — אפילו ניט אַ שאָס געטאָן פון וואַלד אַרויס. זיי האָבן, ווי דער קאַפּיטאַן האָט זיך אויסגעדריקט, „געקראָגן גענוג פאַר איין טאָג". מיר האָבן געהאַט דאָס הויז פאַר זיך אַליין, און גענוג צייט צו אונטערזוכן די פאַרוואונדעטע און צוצוגרייטן וואַרעמעס. דער סקווייר און איך האָבן אינדרויסן באַזאָרגט דאָס עסן, אָבער אפילו דאָרט האָבן מיר אַליין ניט געוואוסט וואָס מיר טוען, וואָרים די שרעקלאַכע קרעכצן און זיפצן פונם דאָקטאָרס פאַציענטן האָבן אונדז דערגרייכט אפילו אַהין.

פון די אַכט מענטשן וואָס זיינען געפאַלן אין שלאַכט, האָבן בלויז דריי נאָך געאָטעמט — דער פּיראַט וואָס איז דערשאָסן געוואָרן לעבן דעם שיס־פּענצטערל, האַנטער, און קאַפּיטאַן סמאָלעט; פון די־דאָזיקע, זיינען די ערשטע צוויי געווען אַזוי גוט ווי טויט. דער פּיראַט איז טאַקע געשטאָרבן אונטערן דאָקטאָרס מעסער, און האַנטער איז, ניט קוקנדיק אויף אונדזער גאַנצער אָנשטרענגונג, קיינמאָל ניט געקומען צו זיך אויף דער וועלט. ער האָט נאָך געלעבט אַ גאַנצן טאָג, אָטעמענדיק זייער שווער, ווי דער אַלטער בוקאַניר אין דער קרעטשמע ווען דער שלאַק האָט אים געטראָפן. די ביינער פון זיין ברוסטקאַסטן זיינען געוואָרן צעשמעטערט פונם קלאַפּ און זיין שאַרבן צעשפּאַלטן פונם פאַל. אויף דער צווייטער נאַכט איז ער שטילער־הייט אַוועק צו זיין באַשעפער.

דעם קאַפּיטאַנס וואונדן זיינען געווען גענוג טרויעריק, אָבער ניט געפערלאַך. קיין אבר איז אים ניט געווען טויטלאַך פאַרוואונדעט. אַנדערסאָנס קויל — וואָרים דזשאָב האָט עס אויף אים דער ערשטער געשאָסן — האָט אים צעבראָכן די פּלייצע־לאָפּעטקע, און אים ניט

זייער ערנסט אָנגערירט אַ לונג. די צווייטע קויל האָט אים בלויז צעריסן און צעשטערט עטלאַכע ליטקע־מוסקלען. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט אַז אַלץ וועט זיך זיכער פאַרהיילן, אָבער ביז דעמאָלט טאָר ער וואָכנלאַנג ניט ארומגיין, ניט רירן מיטן אָרעם, און, אויב מעג־לאַך, אפילו ניט רעדן.

מיין אייגענער צופעליקער שניט איבער די פינגער איז ניט געווען ערנסטער פון אַ פלוי־ביס. דאָקטאָר ליוויזי האָט אויף אים אַרויפגעקלעפּט אַ פּלאַסטער, און האָט מיר נאָך פאַר אַ צוגאָב אָנגעדרייט די אויערן.

נאָכן עסן האָבן זיך דער סקווייר און דער דאָקטאָר צוגעזעצט לעבן דעם קאַפּיטאַן צו האָבן אַ באַראַטונג. ווען זיי האָבן אַלץ אַרומגערעדט, ס'איז שוין דעמאָלט געווען נאָך האַלבן טאָג, האָט דער דאָקטאָר אָנגעטאָן זיין הוט, גענומען זיינע פּיסטאָלעטן, אָנ־געגורט אַ שווערד, אַריינגעלייגט די מאַפּע אין קעשענע, און מיט אַ מושקעט אויפן אַקסל, איז ער אַריבערגעקראָכן איבער דער צפון זייט פונם פּאַרקן, און איז שנעל פאַרשוואונדן צווישן די ביימער.

איך מיט גרעיען זיינען ביידע געזעסן אינם הינטערשטן טייל פונם הויז, כדי מיר זאָלן ניט קאָנען הערן די באַראַטונג פון אונדזערע עלטסטע. גרעי האָט אַרויסגענומען די ליולקע פונם מויל, און האָט זי לחלוטין פאַרגעסן צוריק אַריינצונעמען, אַזוי אי־בעראַשט איז ער געוואָרן פון דעם, וואָס ער האָט צוגעזען.

— אין דייווי דזשאָנס' נאָמען, — האָט ער אויסגערופן, — איז דאָקטאָר ליוויזי משוגע צי מטורף?

— נו, געוויס ניט, — מאַך איך צו אים, — כ'רעכן אַז ער איז דער לעצטער צווישן אונדז וועגן וועמען מ'קאָן אַזאַ זאַך זאָגן.

— נו, ברודער, — האָט גרעי געזאָגט, — ער איז אפשר ניט משוגע, אָבער אויב ניט ע ר, טאָ בין א י ך זיכער ניט באַם קלאָרן פאַרשטאַנד, סט'זאָגן אַז איך האָב דיר געזאָגט.

— כ'רעכן, — האָב איך געזאָגט, — אַז דער דאָקטאָר האָט זיך זיין מיין דערביי, און אויב כ'מאַך ניט קיין טעות, גייט ער זיך איצט זען מיט בען גאָנען.

כ'בין געווען גערעכט, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן. דערווייל אָבער, אַזוי ווי אין הויז האָט געשטיקט די היץ, און

די קליינע זאַמד־פּלאַך אויף דער אינוווייניקסטער זייט פונם פּאַרקן איז געווען אָנגעגליט פון דער מיטאָג זון, איז מיר געקומען אויף די מחשבות אַ צווייטער געדאַנק, וועלכער איז בשום אופן ניט געווען קיין באַרעכטיקטער. כ׳האָב אָנגעהויבן מקנא צו זיין דעם דאָקטאָר אויף זיין שפּאַציר אונטערן שאָטן פון די ביימער, מיט די פייגעלאַך און אנגענעמען ריח פון סאָסנעס אַרום אים, אין דער צייט וואָס איך בין געזעסן און זיך געבראָטן פון היץ, מיינע קליידער צוגעקלעפּט צו דער הייסער סמאָלע, און מיט אַזוי פיל בלוט אַרום מיר, און אַזוי פיל וויסטיקע טויטע קערפּערס אַרום מיר, אַז ס׳האָט מיר פּשוט אָנגעכאַפּט אַ מורא׳דיקער עקל פאַר דעמדאָזיקן פּלאַץ.

די גאַנצע צייט וואָס כ׳האָב אויפגעראַמט דאָס הויז, און אי־בערגעוואַשן די עס־כלים, האָבן מיך דערדאָזיקער עקל און קנאה באַ־הערשט אַלץ מער און מער, ביז כ׳האָב ענדלאַך, זייענדיק נאָנט פון אַ ברויט־זאַק, און פון קיינעם ניט באַמערקט, גענומען די ערשטע שריט צו מיין אַוואַנטורע, און האָב אָנגעפילט ביידע קעשענעס פון מיין ראָק מיט צוויבאַק.

כ׳בין געווען אַ נאַר, אויב איר ווילט, און זיכער איז, אַז כ׳האָב געזאָלט באַגיין אַ נאַרישע און איבערבראַווע טאַט. כ׳בין אָבער געווען אַנטשלאָסן דורכצופירן מיין פּלאַן אַזוי פאָרזיכטיק ווי כ׳האָב נאָר געקאָנט. אין פאַל אויב ס׳זאָל מיט מיר עפּעס טרעפן, וועט מיך דערדאָזיקער צוויבאַק אויפהאַלטן פון הונגער צום ווייניקסטן ביז שפּעט אויפן צווייטן טאָג.

נאָכדעם האָב איך מיר גענומען אַ פּאָר פּיסטאָלעטן, אַ פּולווער־האָרן און קוילן האָב איך שוין געהאַט פון פריער, און האָב זיך געפילט גוט באַזאָרגט מיט וואָפן.

דער פּלאַן וועלכן כ׳האָב פאַרטראַכט איז אַן און פאַר זיך נאָכאַלעמען ניט געווען אַזאַ שלעכטער. כ׳האָב געזאָלט אַרונטערגיין צום זאַמדיקן לאַנד־צונג, וואָס טיילט אָפּ דעם אַנקערפּלאַץ אויף מזרח זייט פונם אָפענעם ים, געפינען דעם „ווייסן פעלז“ וואָס כ׳האָב באַמערקט מיט אַן אָוונט פריער, כדי אויסצוגעפינען צי בען גאַן האָט דאָרטן טאַקע באַהאַלטן זיין שיפל. ס׳איז געווען אַ גאַנץ וויכטיקער פּלאַן, ווי איך גלויב נאָך ביז היינט. אַזוי ווי אָבער כ׳בין געווען זיכער, אַז מ׳וועט מיר ניט דערלויבן צו פאַרלאָזן די

פעסטונג, איז מיר געבליבן צו נעמען אַ „פראַנצויזישן אורלויב“ און זיך אַרויסכאַפּן ווען קיינער וועט ניט זען. דאָס איז געווען אַזאַ אומגעלומפּערטער אופן צו טאָן דידאַזיקע זאַך, אַז זי איז דורך דעם אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עולה. כ'בין אָבער געווען ניט מער ווי אַ אינגל, און קיין זאַך האָט מיך ניט געקאָנט אָפּהאַלטן פון מיין באַשלוס.

ענדלאַך האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז כ'האָב געקראָגן אַ וואונדערלאַכע געלעגנהייט. דער סקווייר און גרעי זיינען געווען פאַרנומען העלפנדיק דעם קאַפּיטאַן מיט זיינע באַנדאַזשן. דער וועג איז געווען פריי. אָקאָרשט מ'זעט ניט בין איך געווען איבערן פּאַרקן, אַריין אין וואַלד, און איידער נאָך מ'האָט זיך געכאַפּט אַז כ'בין ניטאָ, בין איך שוין געווען ווייט גענוג ניט צו הערן דעם רוף פון מיינע חברים.

דאָס איז געווען מיין צווייטע נאַרישקייט, און אַ פיל ערגערע פון דער ערשטער, וואָרים כ'האָב איבערגעלאָזט בלויז צוויי געזונטע מענער צו באַשיצן דאָס הויז; אָבער פּונקט ווי די ערשטע, האָט זי פיל בייגעשטייערט צו אונדזער אַלעמענס רעטונג.

כ'האָב זיך געלאָזט גיין גלייך צום מזרח ברעג פונם אינדזל, וואָרים כ'האָב באַשלאָסן אַרונטערצוגיין צו דער ים־זייט פונם לאַנדצונג, כדי אויסצומיידן יעדע מעגלאַכקייט באַמערקט צו ווערן פונם אַנקערפּלאַץ. ס'איז שוין געווען גאַנץ שפּעט בייטאָג, אָבער נאָך גאַנץ וואַרעם און זוניק. ווי כ'בין אַזוי געגאַנגען צווישן די הויכע ביימער, האָב איך געקאָנט הערן פון דערווייטנס ניט נאָר דאָס שטענדיקע דונערן פון די כוואַליעס, נאָר אויך אַ געוויסע שאָקלעניש פון די בלעטער און באַוועגונג פון די צווייגן, וואָס האָבן מיר איבערציינגט, אַז דער ים־ווינט איז געוואָרן שטאַרקער ווי געוויינטלאַך. באַלד האָבן אָנגעהויבן אָנקומען קילע לופט־שטראָמען. אַ פּאָר טריט ווייטער ביז איך אַרויסגעקומען פונם וועלדל אויף די אָפענע ברעגן, און האָב דערזען דעם בלויען ים ליגן אויסגעשפּרייט קעגן דער זון ביז צום האָריזאָנט, און די כוואַליעס וועלכע האָבן זיך געוואָרפן און געוויגט, שוימענדיק אויף דער גאַנצער לענג פונם ברעג.

אייגנטלאַך, האָב איך דעם ים אַרום דעם „אוצר אינדזל“ קיינמאָל ניט געזען רואיק. די זון האָט געמעגט ברענען איבערן קאָפּ, די

לופט זיין אַן אַ ווינטעלע, די וואַסערפלאַך גלאַט און בלוי, פונ־דעסטוועגן זיינען גרויסע, לאַנגע כוואַליעס אַרומגעלאָפן באַ דער לענג פונם אויסגווייניקסטן ברעג, דונערנדיק אַן אַן אויפהער באַטאָג און באַנאַכט. כ׳גלויב קוים צי ס׳איז ערגיץ־וואו אויפן אינדזל פאַראַן אַן אָרט וואו מ׳קאָן זיך אויסבאַהאַלטן פון זייער גערויש.

כ׳האָב אַזוי מיט גרויס פאַרגעניגן שפּאַצירט מיט דער לענג פונם ברעג, ביז כ׳האָב געדענקט אַז כ׳בין שוין געווען ווייט גענוג דרום־צו. דאַן האָב איך זיך באַהאַלטן הינטער עטלאַכע דיקע קוסטעס, און בין אַרויפגעקראָכן ביז צום רוקן פונם לאַנד־צונג.

הינטער מיר איז געווען דער ברייטער ים, פאַר מיר דער אַנקערפּלאַץ. דער ווינט, ווי ער וואָלט זיך צוליב זיין אויסערגע־וויינטלאַכער שטאַרקייט שנעלער אויסגעלאָשן, איז פאַרשוואונדן. אויף זיין אָרט זיינען אָנגעקומען לייכטע, זיך בייטנדיקע ווינטלאַך פון דרום און פון דרום־מזרח, מיטברענגענדיק מיט זיך געוואַלטיק גרויסע נעפּלען. בלויז דער אַנקערפּלאַץ, אויף דער ווינטלאָזער זייט פונם „סקעלעט אינדזל“, איז געלעגן אַ בלייענער ווי אינם טאָג וואָס מיר זיינען אין אים אַריינגעפאָרן. די „היספּאַניאָלאַ“ האָט זיך שאַרף אָפּגעשפּיגלט אין דער גלאַטער וואַסערפלאַך, פונם העכסטן מאַסט־שפּיץ, אויף וועלכן ס׳האָט געפלאַטערט דער „פרייליכער ראָדזשער“, ביז צו דער וואַסערליניע.

לעבן איר איז געשטאַנען איינע פון די פּיראַטן־שיפלאַך, מיט סילווערן אויפן הינטערשטן זיץ — אים האָב איך אַלעמאָל געקאָנט דערקענען — און צוויי אַנדערע פּיראַטן זיינען געשטאַנען אויפן שקונער, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף די שוץ־ווענט פון הינטערדעק. איינער, מיט אַ רויטן היטל, איז מסתמא געווען דערזעלביקער אויסוואורף וועלכן כ׳האָב מיט אַ פּאָר שעה צוריק געזען רייטנדיק אויפן פּאַרקן. זיי האָבן צווישן זיך גערעדט און געלאַכט; אַזוי ווי אָבער זיי זיינען געווען איבער אַ מייל ווייט פון מיר, האָב איך ניט געקאָנט הערן קיין איין וואָרט פון זייער געשפּרעך. מיטאַמאָל האָבן זיך דערהערט שוידערלאַכע, איבערנאַטירלאַכע געשרייען, וועלכע האָבן מיך אין אָנהויב געוואַלטיק איבערגעשראָקן. כ׳האָב זיך אָבער באַלד דערמאָנט אין „קאַפּיטאַן פלינטס“ שטים, און ס׳האָט זיך מיר

אויסגעוויזן אַז כ׳האָב געזען דעם פויגלס בונטע פעדערן ווי ער איז געזעסן אויף אַ סידעלע אויף דער האַנט פון זיין באַלעבאָס.

גלייך נאָכדעם איז דאָס שיפל אָפּגעפאָרן און האָט זיך געלאָזט פאָרן צום ברעג, און דער מאַן מיטן רויטן היטל און זיין חבר זיינען אַרונטער אונטן מיט די טרעפּ פון דער דעק־קאַיוטע.

כמעט אין דערזעלבער צייט איז די זון אונטערגעגאַנגען אונטערן „שפּאַקטיוו״, און אַזוי ווי דער נעפּל האָט זיך שנעל אָנגעקליבן, האָט אויף אַן אמת׳ן אָנגעהויבן צו ווערן פינצטער. כ׳האָב איינגעזען אַז אויב איך וויל נאָך יענעם אָוונט געפינען דאָס שיפל, טאָר איך ניט פאַרלירן קיין צייט.

דער „ווייסער פעלז״, וועלכן מ׳האָט שוין געקאָנט זען הויך איבער די קוסטעס, איז נאָך אַלץ געווען אַרום אַן אַכטל מייל אונטן אויפן לאַנד־צונג, און ס׳האָט מיר גענומען אַ היבשע צייט, איידער כ׳בין אַהין, אָפט קריכנדיק אויף אַלע פיר צווישן די צעקרימטע ביימלאַך, צוגעקומען. ס׳איז שוין כמעט געווען נאַכט, ווען כ׳האָב ענדלאַך אַרויפגעלייגט מיין האַנט אויף זיין רויער אויבערפלאַך. פונקט אונטער אים איז געווען אַ גאַנץ שמאָלע גראָז־באַוואָקסענע קליינע הייל, באַהאַלטן אונטער פאַרשיידענע געוויקסן און קני־הויכע ביימלאַך. וואָס זיינען דאָ זייער שפּע׳דיק געוואַקסן. און ריכטיק! אינמיטן פון דער הייל איז טאַקע געשטאַנען אַ קליינער געצעלט פון ציגנפעלן, אַזאַ ווי ציגיינער שלעפּן מיט זיך אַרום אין ענגלאַנד.

כ׳בין אַרונטערגעשפּרונגען אין הייל אַריין, האָב אויפגעהויבן אַ פאָלע פונם געצעלט און דערזען בען גאָנס שיפל. מ׳האָט באַלד געקאָנט זען אַז ס׳איז געווען היימיש־געמאַכט: אַ פאַרטאַטשקע, צעבויגענע ראַם, געמאַכט פון האַרטן האָלץ, איבערגעצויגן מיט אַ דעק פון ציגנפעלן, מיט די האָר אויף אינווייניק. די מאַכערייקע איז געווען זייער אַ שמאָלע, אפילו פון מיינעטוועגן, און כ׳האָב זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן ס׳זאָל אויף זיך קאָנען האַלטן אַ דערוואַקסענעם מאַן. ס׳האָט געהאַט זייער אַ נידעריקע קוווער־באַנק אינם הינטער־טייל, אַ מין קוווער־ברעט אינם פאָדערשטן טייל, און צוויי רודערס צום באַוועגן.

כ׳האָב נאָך ביז דעמאָלט קיינמאָל ניט געהאַט געזען קיין פעל־שיפל, אַזאַ ווי די אַלטע בריטאַנער פלעגן זיי מאַכן. שפּעטער

האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען אַזאַ, און כ׳קאָן אייך ניט געבן קיין בעסערן באַגריף פון בען גאַנס שיפל, ווי צו זאָגן אַז ס׳האָט אויסגעזען ווי דאָס ערשטע און ערגסטע פעל־שיפל וואָס אַ מענטש האָט ווען געמאַכט. ס׳האָט אָבער, פאַרשטייט זיך, געהאַט די גרויסע מעלות פון אַזאַ שיפל מיט דעם, וואָס ס׳איז געווען אויסער־געוויינטלאַך לייכט און טראָגבאַר.

און איצט, אַז כ׳האָב שוין געפונען דאָס שיפל, וואָלט מען דאָך געקאָנט מיינען, אַז כ׳האָב שוין גענוג פאַרנאַכלעסיקט מיין פליכט פאַר איין טאָג, איז מיר אָבער איינגעפאַלן נאָך אַ פּלאַן, און ער איז מיר אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן, אַז כ׳וואָלט אים, דוכט מיר, געווען דורכגעפירט קעגן דעם ווילן פון קאַפּיטאַן סמאָלעטן אַליין. דער פּלאַן איז באַשטאַנען אין דעם, אַז כ׳זאָל אַרויספאָרן אונטערן שאָטן פון דער נאַכט צו דער „היספּאַניאָלאַ“, איבערשניידן אירע אַנקער־שטריק, און זי אָפּלאָזן שווימען אויף הפקר צום ברעג וואו זי וויל אַליין. כ׳בין געווען גאַנץ זיכער, אַז די בונטאַרז וועלן, נאָכן צוריקשטוים פון אינדערפרי, ניט וועלן קיין בעסערע זאַך ווי אויסצואַנקערן און צוריק אַוועק אויפן ים. דאָס, האָב איך געטראַכט, וואָלט געווען אַ וואוילע זאַך צו פאַרמיידן. איצט, זעענדיק אַז זיי האָבן איבערגעלאָזט זייער וואַכמאַן אָן אַ שיפל, האָב איך גע־רעכנט אַז כ׳וועל קאָנען דורכפירן מיין פּלאַן אָן גרויס געפאַר.

כ׳האָב זיך אַנידערגעזעצט וואַרטן ביז ס׳עט ווערן פינצטער, און האָב דערווייל איבערגעכאַפּט אַ געשמאַקן מאָלצייט פון צוויבאַק. ס׳איז געווען אַ נאַכט ווי איינע פון טויזנט פאַר מיין צוועק. דער נעפּל האָט איצט געהאַט פאַרדעקט דעם גאַנצן הימל. די לעצטע שטראַלן פונם טאָגליכט זיינען פאַרשוואונדן, און אַ שוואַרצע פינצטערניש האָט אַראָפּגענידערט אויפן "אוצר אינדזל". ווען כ׳האָב גענומען מיין פעל־שיפל אויף די פּלייצעס, און ביז, טאַפּנדיק מיין וועג אין דער פינצטער, אַרויסגעקראָכן פון דער הייל וואו כ׳האָב געגעסן, האָט מען אויפן גאַנצן אַנקערפּלאַץ געקאָנט זען בלויז צוויי פּונקטן.

איינער איז געווען דער גרויסער פייער אויפן זומפּיקן ברעג, אַרום וועלכן די באַזיגטע פּיראַטן זיינען געלעגן און האָבן געהו־ליעט, און דער צווייטער, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ ליכט־

פּלעק אין דער פינצטערניש, האָט אָנגעוויזן די פּאָזיציע פון דער פראַנקערטער שיף. דער שטראָם האָט זי אויסגעקירעוועט און זי איז איצט געשטאַנען מיט דער נאָז צו מיר. ס'איינציקע ליכט אויף דער שיף איז געווען אין דער קאַיוטע, און וואָס איך האָב געזען, איז געווען בלויז די אָפּשפּיגלונג פון זיינע שטאַרקע שטראַלן, וואָס האָבן אַרויסגעשטראָמט פונם הינטערשיף־פענצטער אין נעפּל אַריין.

דער אָפּפלוס האָט געדויערט אַ היבשע צייט, און כ'האָב געמוזט בראָדזשען איבער אַ לאַנגער שטרעקע פון זומפּיקער זאַמד, זינקענדיק עטלאַכע מאָל ביז איבער די קנעכל, איידער כ'בין צוגעקומען צום ראַנד פון די אָנטלויפנדיקע כוואַליעס. כ'בין דאָן אַריינגעגאַנגען עטלאַכע טריט אין וואַסער, און האָב מיט אַ שטאַרקן און געשיקטן שוואונג אַ וואָרף געטאָן מיין פּעל־שיפל מיטן באָלקן אַרונטער אויף דער וואַסערפלאַך.

דריי־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

מיטן שטראָם

דאָס פּעל־שיפל, ווי כ'האָב געהאַט גענוג דערפאַרונג אויסצו־געפינען איידער כ'בין מיט דעם פּאַרטיק געוואָרן, איז געווען אַ גאַנץ זיכער שיפל, און האָט זיך לייכט אין געשיקט געהאַלטן אויבן וואַ־סער, ס'איז אָבער געווען אַ פאַר'עקשנ'טע, אומגעלומפּערטע מאַכע־רייקע צום טרייבן. וואָס כ'האָב ניט איבערגעטאָן, איז'ס אַלץ ניט געפאָרן אַהין וואו כ'האָב געוואָלט, און האָט זיך אָמבעסטן געטויגט אויף צו דרייען זיך אַרום און אַרום. אפילו בען גאַן אַליין האָט צוגעגעבן אַז „ס'איז זייער שווער דאָס צו ריכטן, איידער מ'קען דעמס משוגעת'ן".

איך האָב „דעמס" קאַפּריזן, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט, און ס'האָט זיך געדרייט אין אַלע זייטן אַ חוץ אַהין, וואו כ'האָב געוואָלט. ס'איז מייסטנס געשוואומען אינדערברייט, און כ'בין גאַנץ

זיכער, אַז ווען ניט דער אַפּפּלוס, וואָלט איך בשום אופן קיינמאָל ניט געווען צוגעקומען צו דער שיף. גליקלאַכערווייז, האָט מיך׳ ניט מיין גאַנצע רודערקונסט, נאָר דער שטראָם, געטריבן אַלץ נענטער גלייך צו דער „היספּאַניאָלאַ“.

פריער האָט די „היספּאַניאָלאַ“ זיך איבער מיר אויפגעהויבן ווי אַ מין גרויסער פלעק פון עפּעס, וואָס איז נאָך שוואַרצער פון פינצטערניש. דאַן האָבן די געביידע און די מאַסט־באַלקנס אָנגעהויבן אָנצונעמען אַ געוויסע פאָרם, און גלייך נאָכדעם, ווי מיר האָט זיך אויסגעדוכט, (וואָרים וואָס ווייטער איז דער שטראָם פונם אַפּפּלוס געוואָרן אַלץ שנעלער און שנעלער) בין איך געווען לעבן איר אַנקערשטריק וועלכן כ׳האָב אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט.

דער אַנקערשטריק איז געווען שטייף ווי אַ בויגנשנור, אַזוי שטאַרק האָט ער געצויגן דעם אַנקער. אַרום און אַרום דער געביידע האָט זיך אין דער פינצטערניש געקרייזלט דער שטראָם, מורמלענדיק און פּלוידערנדיק ווי אַ קליין בערג־טייכל. איין שניט מיט מיין מאַטראָזנמעסער, און די „היספּאַניאָלאַ“ וואָלט זשוזשענדיק אַוועק מיטן שטראָם.

איז דאָך שוין גוט, האַ? האָב איך זיך אָבער דערמאָנט, אַז אַן אָנגעצויגענער אַנקערשטריק וואָס ווערט פּלוצלונג איבערגע־שניטן, איז פּונקט אַזוי געפערלאַך ווי אַ בריקענדיק פערד. מ׳וואָלט געמעגט וועטן צען קעגן איינס, אַז אויב כ׳וואָלט אין מיין נאַרישער בראַווקייט געווען אָפּגעשניטן די „היספּאַניאָלאַ“ פון איר אַנקער, וואָלט איך געווען אַרויסגעשליידערט געוואָרן פון וואַסער אינאיינעם מיט מיין פעל־שיפל.

דאָס האָט מיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט, און ווען ס׳וואָלט מיר ניט געווען צוגעשפּילט ס׳מזל, וואָלט איך געווען געמוזט אויפגעבן מיין פּלאַן. אָבער די לייכטע ווינטן, וועלכע זיינען פריער אָנגעקומען פון דרום־מזרח און פון דרום, זיינען, נאָכן צופאַלן פון דער נאַכט, אַריבער אויף דרום־מערב. ווי כ׳האָב אַזוי געהאַלטן אין איבערטראַכטן דיזאָזיקע געשיכטע, איז אָנגעקומען אַ שטאַרקער ווינט, אָנגע־כאַפּט די „היספּאַניאָלאַ“, און האָט זי אַריינגעטריבן אין שטראָם אַריין. צו מיין גרויס פרייד, האָב איך דערפילט ווי דער אַנקערשטריק

איז לויז געוואָרן, און האָט זיך, צוזאַמען מיט דער האַנט מיט וועל־כער כ'האָב אים געהאַלטן, איינגעטונקט אין וואַסער.

כ'האָב באַלד געפּאַסט אַ באַשלוס, אַרויסגענומען ס'מעסער, עס אויפגעעפנט מיט די ציין, און האָב איבערגעשניטן איין שנור נאָכן אַנדערן, ביז די שיף האָט זיך געהאַלטן בלויז אויף צוויי. כ'בין דאַן אַ ווײַלע געלעגן רואיק, גרייט איבערצושנײַדן די־לעצטע שנורן, גלײַך ווי אַ לייכטער ווינט וועט זיי ווידער אָנציען.

דורך דער גאַנצער צייט האָב איך געהערט דעם קלאַנג פון הויכע שטימען אין דער קאַיוטע. אָבער מיין מוח איז, דעם אמת זאָגנדיק, געווען אַזוי פאַרנומען מיט אַנדערע געדאַנקען, אַז כ'האָב זיך כמעט ניט צוגעהערט. איצט אָבער, אַזוי ווי כ'האָב במילא ניט געהאַט וואָס צו טאָן, האָב איך אָנגעהויבן בעסער אויפצופּאַסן.

אין איין שטים האָב איך דערקענט דעם רודערמאַן, איזראַעל האַנדס, וועלכער איז אין זיין צייט געווען פלינטס קאַנאָנע־שיסער. די אַנדערע איז, פאַרשטייט זיך, געווען מיין פריינטס מיטן רויטן נאַכט־היטל. זיי זיינען ביידע געווען טויט־שיכור און האָבן נאָך געהאַלטן אין זויפן ווייטער. וואָרים, ווי כ'האָב זיך אַזוי אונטער־געהערט, האָט איינער פון זיי, מיט אַ שיכור'ן אויסרוף, געעפנט דאָס הינטערשיף־פענצטער און האָט אַרויסגעוואָרפן עפּעס וואָס האָט געמאַכט דעם רויש פון אַ ליידיקער פלאַש. אָבער ניט נאָר זיינען זיי געווען פאַרשניאַשקעט, נאָר ס'איז אויך געווען קלאָר אַז זיי זיינען ביידע געווען געפערלאַך אויפגערעגט. קללות זיינען געפלויגן ווי האָגל־שטיינדלאַך, און אַלע ווײַלע האָט זיך דערהערט אַזאַ אויס־ברוך פון צאָרן, אַז כ'בין געווען זיכער אַז ער מוז זיך ענדיקן מיט אַ געשלעג. אָבער יעדן מאָל איז די קריגעריי אַריבער, די שטימען האָבן געבורטשעט אַביסל נידעריקער, ביז ס'איז ווידער אָנגעקומען אַ קריזיס, וואָס האָט זיך אויך געענדיקט אָן רעזולטאַטן.

אויפן ברעג האָב איך געקאָנט זען די שיין פונם גרויסן לאַגער־פייער, וואָס האָט לעבעדיק געפלאַקערט צווישן דיביימער. עמיצער האָט פויל געזונגען אַן אומעטיק, אַלט מאַטראָזנליד. באַם סוף פון יעדער סטראָפע פלעגט זיך דער זינגער פאַרגיין אַזוי לאַנג, אַז ס'איז פּשוט געווען צו באַוואונדערן זיין געדולד. כ'האָב

דאָס ליד געהערט אויף דער רייזע מער פון איין מאָל און האָב גע־דענקט דידאָזיקע ווערטער:

„איינער בלויז איז לעבן געבליבן,
געפאָרן אויפן ים זיינען זיבעציק־זיבן".

כ'האָב געטראַכט אַז דאָסדאָזיקע ליד איז געווען צו קלאָגעדיק צוגעפּאַסט צו אַ באַנדע וואָס האָט ערשט אינדערפרי געליטן אַזעלכע גרויזאַמע פאַרלוסטן. דידאָזיקע ים־רויבער זיינען אָבער געווען פאַר־האַרטעוועט צו וועלכע־ס'איז געפילן, ווי דער ים אַליין אויף וועלכן זיי זיינען געפאָרן.

ענדלאַך איז אָנגעקומען דער ווינט. דער שקונער האָט זיך גענומען באַוועגן זייטווערטס און האָט זיך דערנענטערט אין דער פינצטערניש. כ'האָב דערפילט ווי דער אנקערשטריק איז ווידער לויז געוואָרן, און כ'האָב מיט מיין גאַנצער קראַפט איבערגעשניטן זיינע לעצטע פעדים.

אַזוי ווי דער ווינט האָט געהאַט אַ קנאַפּע ווירקונג אויף מיין פּעל־שיפל, האָב איך כמעט אויגנבליקלאַך צוגערודערט צו דער נאָז פון דער „היספּאַניאָלאַ". אין דערזעלבער צייט האָט זיך אָבער דער שקונער אָנגעהויבן פּאַמעלאַך אויסקירעווען צוריק קעגן דעם שטראָם.

כ'האָב גענומען רודערן ווי אַ מאַניאַק, וואָרים כ'האָב יעדע מינוט דערוואַרטעט אַ געזאַלצענע באָד. אַזוי ווי כ'האָב דערזען אַז כ'וועל ניט קאָנען צופירן מיין פּעל־שיפל צו דער נאָז פון דער שיף, האָב איך זיך געלאָזט פאָרן דירעקט אין דער ריכטונג פון דער הינטערשיף, וואו כ'בין ענדלאַך געווען אויסערן וועג פון מיין גע־פערלאַכן שכן. פונקט ווען כ'האָב געגעבן מיין לעצטן רודערשטויס, איז מיר אַריין אין דער האַנט אַ דין שטריקל וואָס איז אַריבערגע־האַנגען איבער די הינטערשטע פאַרענטשעס, און כ'האָב עס גלייך אָנגעכאַפּט.

פאַרוואָס כ'האָב עס געטאָן ווייס איך אַליין ניט. אין אָנהויב איז עס געווען פּשוט אינסטינקטיוו. אָבער אַזוי ווי כ'האָב עס שוין געהאַלטן אין די הענט, און האָב געזען אַז ס'האַלט זיך שטאַרק, האָט מיין טשיקאַוועס געקראָגן די אויבערהאַנט, און כ'האָב באַשלאָסן צו כאַפּן אַ קוק דורכן קאַיוטע־פענצטער.

כ'האָב זיך אַרויפגעצויגן, אַ האַנט איבער אַ האַנט, אויפן

שטריקל, און ווען כ׳האָב געדענקט אַז כ׳בין שוין גענוג נאָנט, האָב איך זיך אויפגעהויבן, ניט אָן געפאַר, ביז אַרום העלפט פון מיין הויך, און האָב געקאָנט באַטראַכטן די סטעליע און אַן אינ־ווייניקסטן טייל פון דער קאַיוטע.

ארום דער צייט האָבן דער שקונער און זיין קליין ברודערל זיך גאַנץ שנעל געגליטשט איבערן וואַסער, ביז מיר זיינען שוין כמעט געווען אויף איין שורה מיטן לאַגער־פייער. די שיף האָט, ווי מאַטראָזן זאָגן, געפּלוידערט הויכערהייט, דורכשניידנדיק די אומ־צעלבאַרע כוואַליעלאַך מיט אַן אומאויפהערלאַכן שמייסנדיקן פּלעשטש. כל זמן כ׳האָב ניט אַריינגעקוקט דורכן פענצטער, האָב איך ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס די וועכטער האָבן גאָרניט ניט פאַר־דעכטיקט. אָבער איין קוק, און מער פון איין קוק האָב איך פון מיין שאָקלענדיקן שיפל ניט געוואַגט צו געבן, איז פאַר מיר געווען גענוג. כ׳האָב דערזען האַנדסן און זיין חבר איינגעשלאָסן איינער אינם אַנדערן אין אַ טויטלאַכן געראַנגל, יעדער מיט אַ האַנט אויפן צווייטנס האַלדז.

כ׳האָב זיך צוריק אַרונטערגעלאָזט אויף דער קווערבאַנק, דורכ־אויס ניט צו־פרי, וואָרים כ׳בין שיעור ניט אַריין אין וואַסער. פאַר אַ מאָמענט האָב איך גאָרניט ניט געזען אַ חוץ די צוויי צאָרנדיקע רויטע פּנימ׳ער, וועלכע האָבן זיך געוויגט אונטערן פאַרויכערטן לאָמפּ. כ׳האָב פאַרמאַכט די אויגן, כדי כ׳זאָל זיי צוריק צוגעוואוי־נען צו דער פינצטערניש.

צו דער אומענדלאַכער באַלאַדע אויפן אינדזל האָט ענדלאַך אויך גענומען אַ סוף, און די גאַנצע באַנדע אַרום דעם לאַגער־פייער האָט אָנגעהויבן צו זינגען דעם צוזינג וואָס כ׳האָב געהערט אַזוי אָפט:

„פופצן מאַן אויפן טויטנס אָרון,
יאָ־האָ־האָ, און אַ פלאַש מיט ראָם!
אַנדערע האָט דער טייוול גענומען,
די רעשט — פון שיכרות אומגעקומען,
יאָ־האָ־האָ, און אַ פלאַש מיט ראָם!"

טראַכטנדיק אַזוי ווי שיכרות און דער טייוול זיינען גראָד אין דערזעלבער מינוט געווען באַשעפטיקט אין דער קאַיוטע פון

דער „היספּאַניאָלאַ", בין איך איבעראַשט געוואָרן פון אַ פּלוציםדיקן שטוים פון מיין פּעל־שיפל. ס'האָט זיך געגעבן אַ שאַרפן דריי, און האָט אויסגעזען ווי ס'וואָלט וועלן ענדערן איר ריכטונג. איר שנעלקייט איז דערווייל מאָדנע פאַרגרעסערט געוואָרן.

כ'האָב מאָמענטאַל געעפנט די אויגן. אַרום און אַרום זיינען געווען קליינע כוואַליעלאַך, וועלכע האָבן געפּלעשטשעט מיט אַ שאַרפן, מונטערן קלאַנג, און האָבן דערביי אַרויסגעגעבן אַ פאָספאָרישע שיין. די „היספּאַניאָלאַ" אַליין, אין וועמעס וואַסער־שפּור כ'בין עטלאַכע קלאַפּטער געוואָרן מיטגעווירבלט, האָט זיך געוואַקלט אויף איר גאַנג, און כ'האָב געזען ווי אירע מאַסט־באַלקנס האָבן זיך געשאָקלט אין דער שוואַרצקייט פון דער נאַכט. ניט נאָר דאָס, נאָר ווען כ'האָב זיך איינגעקוקט מער, האָב איך דערזען אַז זי האָט זיך אויך געקירעוועט דרום־צו.

כ'האָב אויף שנעל געכאַפּט אַ קוק אויף צוריק, און ס'האַרץ איז מיר שיעור ניט אַרויס דורכן רוקן. פונקט הינטער מיר האָב איך דערזען דאָס ליכט פונם לאַגער־פייער. דער שטראָם האָט זיך פאַרקירעוועט רעכט־ווינקלדיק, מיטשלעפּנדיק מיט זיך דעם גרויסן שקונער און ס'קליינע טאַנצנדיקע פּעל־שיפל: שנעלער און כוואַ־ליענדיקער, מורמלענדיק אַלץ העכער און העכער, האָבן זיי זיך ביידע געאיילט דורכן דורכפּלוס אין אָפענעם ים אַריין.

פּלוצלונג האָט זיך דער שקונער פאַר מיר געגעבן אַ שטאַרקן דריי, אפשר אויף אַ צוואַנציק גראַד, און כמעט אין דערזעלבער צייט האָבן זיך אויף דער שיף דערהערט איין אויסגעשריי נאָכן נאָכן אַנדערן. כ'האָב דערהערט אַ טופּעריי פון פיס אויפן לייטער פון דער דעק־קאַיוטע, און האָב פאַרשטאַנען אַז די צוויי שיכורים זיינען ענדלאַך געוואָרן איבערגעשלאָגן אינמיטן פון זייער קריגעריי, און האָבן דערזען זייער צרה'דיקע לאַגע.

כ'האָב זיך אויסגעצויגן פלאַך אויפן דעק פון מיין אומגליק־לאַכן שיפל און האָב מיט גרויס כונה געגומען זאָגן ווידוי. כ'בין געווען זיכער, אַז באַם סוף פונם דורכפּלוס וועלן מיר אַריינפאַלן אין אַ ווירבל פון צאַרנדיקע כוואַליעס, וואו אַלע מיינע צרות וועלן זיך גאַנץ שנעל ענדיקן. דעם טויט אַליין וואָלט איך אפשר

געווען געקאָנט אַריבערטראָגן, ס'איז מיר אָבער געווען זייער שווער צוצוקוקן ווי מיין גורל האָט זיך דערנענטערט.

כ'בין אַזוי מסתמא אָפּגעלעגן עטלאָבע שעה נאָכאַנאַנד, געוואָרפן אַרויף און אַראָפּ פון די כוואַליעס, ווערנדיק פון צייט צו צייט באַנעצט פון פליענדיקע שפּריצן, און ניט אויפהערנדיק צו דער־וואַרטן דעם טויט יעדע מינוט. ביסלאַכווייז האָט מיך באַהערשט אַ מידקייט. מיין מח איז מיר געוואָרן טעמפּ און פאַרגליווערט אינמיטן פון מיין שרעק. ענדלאַך איז מיר באַפאַלן אַ שלאָף, און געוויגט פון די כוואַליעס אין מיין פעל־שיפל, בין איך געלעגן און האָב גע'חלומ'ט וועגן מיין היים און דער אַלטער „אַדמיראַל בענ־באָו".

פיר־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

די נסיעה פונם פעל־שיפל

ס'איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט, און זיך געפונען וויגנדיק לעבן דער דרום־מערב זייט פונם „אוצר אינדזל". די זון איז שוין געווען אויפגעגאַנגען, אָבער זי איז נאָך אַלץ געווען פאַרשטעלט פון מיר דורך דער ריזיקער מאַסע פונם „שפּאַקטיוו", וועלכער האָט זיך אויף דער זייט אַרונטערגעלאָזט כמעט ביז צום ים מיט זיינע אימה'דיקע פעלזן.

„האַלבאָולאַין קאָפּ" און „הינטערמאַסט באַרג" זיינען מיר גע־ווען באַ דער האַנט. דער „באַרג" איז געווען נאַקעט און שוואַרץ, און דער „קאָפּ" איז געווען אַרומגערינגלט מיט פעלזן צו פערציק־פופציק פוס די הויך, און אַרומגעזוימט מיט שטיינער־רואינען. כ'בין געווען נאָך ווייניקער פון אַ פערטל מייל פונם ברעג, און מיין ערשטער געדאַנק איז געווען צוצורודערן און לאַנדן.

דעמדאָזיקן פּלאַן האָב איך אָבער באַלד אויפגעגעבן. צווישן די שטיינער־רואינען האָבן ברויזנדיקע כוואַליעס געטומלט און גע־שפּריצט. הויכע ווידער־קולות און פליענדיקע, פאַלנדיקע שווערע שפּריצן האָבן נאָכגעפאָלגט איינער דעם אַנדערן יעדע סעקונדע.

כ׳האָב געזען, אַז וואָלט איך געוואגט צוגיין נענטער, וואָלט איך, אָדער אַרויסגעשליידערט געוואָרן צום טויט אויפן בייזן ברעג, אָדער זיך אומזיסט אויסגעמאַטערט אין מיין פאַרזוך אַרויפצוקלעטערן אויף די שפיציקע פעלזן.

און אויב דאָס איז ניט גענוג, האָב איך נאָך געזען אַרומקריכן אויף די גלאַטע פעלז־פלאַטן ריזיקע, שליימיקע מאָנסטערן, אַזעלכע מין ווייכע, אומגעהייער גרויסע שלענג. זיי האָבן זיך געהאַלטן צו צוויי און צו דריי אינאיינעם, און דער עכאָ פון זייער געברילעריי האָט אָפגעהילכט אויף די פעלזן.

כ׳האָב שוין זינט דאַן אויסגעפונען אַז דאָס זיינען געווען ים־לייבן, און לחלוטין אומשעדלאַכע חיות. אָבער דעמאָלט, איז זייער אויסזען, צוזאַמען מיט דער ווילדקייט פונם ברעג און די ברוייזנדיקע כוואַליעס, געווען מער ווי גענוג צו פאַר׳מיאוס׳ן אין מיינע אויגן דעמדאָזיקן לאַנדונג־פונקט. כ׳בין געווען גרייט באַדאַי אויסצוגיין פון הונגער אויפן ים, איידער צו באַגעגענען פנים־אל־פנים אַזעלכע געפאַרן.

דערווייל האָב איך פאַר מיר דערזען אַ בעסערע געלעגנהייט. אין צפון זייט פון „האַלבאָולאין קאָפ“ ליגט אויסגעשפרייט אַ ברייטער ברעג, וועלכער לאָזט נאָך זיך איבער אין דער צייט פון אָפפלוס. אַ לאַנגע שטרעקע פון געלער זאַמד. נאָך ווייטער, צפון־צו, ווידער, איז פאַראַן נאָך אַ „קאָפ“, באַצייכנט אויף דער מאַפע אַלס דער „וואַלד קאָפ“, וועלכער איז אינגאַנצן באַוואָקסן מיט הויכע גרינע סאָסנעס, וועלכע גרייכן אַרונטער ביז צום ראַנד פונם ים.

כ׳האָב זיך דערמאָנט וואָס סילווער האָט געזאָגט וועגן דעם שטראָם וואָס הייבט זיך אָן צפון־צו מיט דער לענג פונם גאַנצן מערב׳דיקן ברעג פונם „אוצר אינדזל“. כ׳האָב שוין דאָ געקאָנט באַמערקן זיין איינפלוס, און האָב פאַרגעצויגן איבערצולאָזן דעם „האַלבאָולאַין קאָפ“ הינטער זיך, און איינצושפאָרן מיינע כחות אויף אַ פאַרזוך צו לאַנדן אויפן פריינטלאַכערן „וואַלד קאָפ“.

דער ים האָט זיך איצט געלאַט און אויפגעשוואָלן געכוואַליעט. אַזוי ווי פון דרום האָט איצט נאָכאַנאַנד געבלאָזן אַ מילדער ווינט, איז דעריבער ניט געווען קיין קעגנערשאַפט צווישן אים און דעם

שטראָם, און די כוואַליעס האָבן זיך פראַנק און פריי געהויבן אַרויף און אַראָפּ.

ווען ניט דאָס, וואָלט איך מסתמא לאַנג שוין געווען אונטערגע־גאַנגען. אָבער ווי די זאַך איז געווען, איז עס צום באַוואונדערן ווי לייכט און זיכער מיין קליין לייכט שיפל האָט זיך געשיפט. אָפט, ליגנדיק אויפן דעק, און אַריבערקוקנדיק בלויז מיט איין אויג איבער זיין ראַנד, האָב איך געזען גרויסע, בלויע וואַסער־בערג זיך אויפהויבן און פאַלן האַרט לעבן מיר. אָבער דאָס פעל־שיפל פלעגט בלויז אַ טאַנץ טאָן ווי אויף ספּרוזשינעס, און לייכט ווי אַ פייגעלע אַרי־בערשפּרינגען אויף דער אַנדערער זייט פונם וואַסערטאָל.

נאָך אַ קורצער ווייַלע בין איך געוואָרן אַביסל געוואַגטער, און האָב זיך אויפגעזעצט כדי ווידער אויסצופּרוואוון מיין רודערקונסט. אָבער די טבע פון אַ פעל־שיפל איז, אַז אפילו דער קלענסטער איבערבייט פון זיין גלייכגעוויכט מאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק אויף זיין אויפפירונג. ווי כ׳האָב זיך נאָר אַ ריר געטאָן, האָט דאָס שיפל גלייך אויפגעגעבן זיין לייכטע, טאַנצנדיקע באַוועגונג, איז אַרויף אויף אַזאַ משופּע׳דיקן וואַסערבאַרג, אַז ס׳האָט זיך מיר אַזש פאַרדרייט דער קאָפּ, און איז אַריין מיט דער נאָז טיף אין דער נאָנטסטער כוואַליע, אַרויפשפּריצנדיק אַ שפּריירעגן.

דורכגעווייקט און דערשראָקן, בין איך מאָמענטאַל אַוועקגעפאַלן אויף מיין פריערדיקער פּאָזיציע. דאָס שיפל האָט זיך ווידער באַרו־איקט, און האָט מיך געוומען פירן מיט דער פריערדיקער לייכטקייט צווישן די כוואַליעס. ס׳איז געוואָרן קלאָר אַז מ׳טאָר זיך דעם ניט שטעלן אַקעגן, אָבער אונטער דידאָזיקע אומשטענדן, ניט קאָנענדיק בשום אופן באַאיינפלוסן זיין גאַנג, ווי האָב איך געקאָנט האָפן ווען ס׳איז צוצוקומען צום ברעג?

כ׳בין געוואָרן שרעקלאַך אומרואיק, כ׳האָב אָבער ניט פאַר־לוירן דעם קאָפּ. ערשטנס, האָב איך מיט מיין מאַטראָזנהיטל זייער פאָרזיכטיק אויסגעשעפּט דאָס שיפל. דאַן האָב איך ווידער אַריבער־געקוקט איבערן ראַנד, אויסצוגעפינען ווי אַזוי ס׳האָט זיך געקאָנט אַזוי רואיק שיפן צווישן די כוואַליעס.

כ׳האָב געזען אַז די כוואַליעס, אַנשטאָט גרויסע, גלאַטע, גלאַנצנדיקע בערג, ווי זיי זעען אויס פונם ברעג, אָדער פונם דעק

פון אַ שיף, זיינען אין יעדער הינזיכט געווען ענלאַך אויף אַ באַרג־קייט אויף דער יבשה, מיט שפּיצן, טאָלן, און פלאַכע שטרעקעס. דאָס שיפל, ווען איבערגעלאָזט אויף זיין אייגענעם באַראַט, האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, און האָט, אַזוי צו זאָגן, געטראָטן דורך דידאָזיקע וואַסערפלאַכן, אויסמיידנדיק די משופּע׳דיקע בערג און טורעמס פון די כוואַליעס.

— נו, טראַכט איך, כ׳זע שוין אַרויס אַז כ׳על מוזן ליגן אויף איין אָרט, און ניט שטערן ס׳גלייכגעוויכט. ס׳איז אָבער אויך קלאָר אַז כ׳קאָן אַרויסהיינגען דעם רודער, און פון צייט צו צייט, אויף פלאַכע שטעלן, רודערן אין דער ריכטונג פון דער יבשה. געזאָגט און געטאָן. כ׳בין געלעגן אָנגעשפּאַרט אויף די ענלבויגנס, אין דער אומבאַקוועמסטער לאַגע, און האָב אַלע ווײַלע געגעבן איינעם אָדער צוויי שוואַכע רודערשטויסן, טרייבנדיק דאָס שיפל צום ברעג.

ס׳איז געווען זייער אַ שווערע און לאַנגזאַמע אַרבעט, כ׳בין אָבער בעשײַנפּערלאַך געפאָרן אַלץ ווײַטער און ווײַטער. צוקומענדיק נענטער צום „וואַלד קאַפּ“, האָב איך שוין געהאַט געוואונען עטלאַכע הונדערט קלאַפטער דרום־צו, כ׳האָב אָבער איינגעזען אַז כ׳על זיכער קיינמאָל ניט קאָנען צוקומען צו דעמדאָזיקן פּונקט, כאָטש כ׳בין שוין געווען גאַנץ נאָנט. כ׳האָב שוין געקאָנט זען ווי די קילע, גרינע בערג־שפּיצן האָבן זיך געוויגט אינם ווינט, און בין געווען איבערצייגט אַז כ׳על געווים צוקומען צום נאָנטסטן לאַנדשפּיץ.

ס׳איז שוין געווען די העכסטע צייט, וואָרים כ׳האָב איצט אָנגעהויבן צו ליידן פון דורשט. אויוון די גליענדיקע זון, און אירע טויזנטפאַכיקע אָפּשפּיגלונגען אין די כוואַליעס, דאָס ים־וואַסער וואָס איז אויף מיר געפאַלן, אויסגעטריקנט געוואָרן און פאַרפּאַפּט מיט זאַלץ אפילו די ליפּן, האָבן אַלע אינאיינעם אויף מיר געווירקט אַזוי, אַז ס׳האָט מיר געברענט אין האַלדז און שרעקלאַך ווי געטאָן דער קאָפּ. די אָנזיכט פון די ביימער האָט מיך קראַנק געמאַכט פון בענקשאַפט. דער שטראָם האָט מיך אָבער באַלד פאַרבייגעטראָגן דעם לאַנדונג פּונקט; און ווען דער נעקסטער איינגוס האָט זיך פאַר מיר געעפנט, האָב איך דערזען אַ בילד, וואָס האָט געגעבן מיינע געדאַנקען אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג.

פונקט פאַר מיר, ניט מער פון אַ האַלבן מייל אַוועק, האָב איך

דערזען די „היספּאַניאָלאַ" אונטער זעגלען. כ'בין, פאַרשטייט זיך, געווען זיכער אַז זי וועט מיך איבערנעמען אויפן וועג, כ'האָב אָבער אַזוי שרעקלאַך געליטן פון דורשט, אַז כ'האָב אַליין ניט געוואוסט צי כ'זאָל זיך פרייען מיט דעם געדאַנק צי זיין טרויעריק. איידער כ'האָב נאָך געוואוסט וואו כ'בין אין דער וועלט, האָט מיך באַהערשט אַזאַ איבעראַשונג, אַז כ'האָב בלויז געקאָנט קוקן און שטוינען.

די „היספּאַניאָלאַ" איז געפאָרן אונטער איר הויפּט־זעגל און צוויי דריי־עק זעגלען, און די שיינע, ווייסע לייוונט האָט געגלאַנצט אויף דער זון ווי שניי און זילבער. ווען כ'האָב זי דערזען, האָבן אַלע דריי זעגלען געצויגן, און זי איז געפאָרן אין דער ריכטונג פון צפון־מערב. כ'האָב זיך דערפאַר משער געווען, אַז די צוויי פּיראַטן אויף דער שיף זיינען געפאָרן אַרום דעם אינדזל צוריק צום אַנקער־פּלאַץ. איצט אָבער, האָט זי זיך גענומען קירעווען אַלץ מער און מער צו מערב־צו, און כ'האָב געמיינט אַז זיי האָבן מיך דערזען און האָבן מיך גענומען נאָכיאָגן. ענדלאַך אָבער האָט זי גענומען גיין אַקעגן דעם ווינט, איז געוואָרן צוריקגעשטויסן, און איז אַ ווײַלע געשטאַנען הילפלאָז מיט ציטערנדיקע זעגלען.

— אומגעלומפּערטע ברואים! — האָב איך געטראַכט, — זיי מוזן נאָך אַלץ זיין שיכור ווי לוט. אי וואָלט זיי קאַפּיטאַן סמאָלעט אונטערגעהאַקט די פּיס!

דערווייל האָט דער שקונער ביסלאַכווייז אָנגענומען אַן אַנדער ווענדונג. די זעגלען האָבן זיך ווידער אָנגעבלאָזן. דער שקונער איז אַ ווײַלע געפאָרן שנעל, און איז ווידער געבליבן שטיין קעגן ווינט. דאָס האָט זיך נאָכאַנאַנד איבערגע'חזר'ט פיל מאָל. הין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ, צפון און דרום, מזרח און מערב, האָט די „היספּאַניאָלאַ", טאַנצנדיק און שפּרינגענדיק ווי אַ רויב פויגל, געזעגלט, און יעדן מאָל האָט זי געענדיקט ווי זי האָט אָנגעהויבן, מיט אומזיסט פליגלענדיקע זעגלען. כ'האָב באַלד פאַרשטאַנען אַז קיינער האָט ניט געוועלטעוועט, און, אויב אַזוי, וואו־זשע זיינען די צוויי יונגאַטשעס? אָדער זיי זיינען טויט־שיכור, אָדער זיי האָבן זי פאַרלאָזן, האָב איך געטראַכט, און אויב איך זאָל קאָנען אַרויף אויפן דעק, וואָלט איך אפשר געקאָנט אומקערן דעם שקונער צו זיין קאַפּיטאַן.



„פונקט פאר מיר, ניט מער פון א האלבן מייל ווייט אוועק, האב איך
דערזען די „היספאניאלא".

דער שטראָם האָט איצט מיט דערזועלבער שנעלקייט געטראָגן מיין שיפל און דעם שקונער דרום־צו. וואָס איז שייך דעם שקונער, איז ער געפאָרן אַזוי משונה׳דיק און אומרעגלמעסיק, און האָט זיך יעדן מאָל אָפּגעשטעלט אויף אַזוי לאַנג, אַז ער האָט זיכער גאָרניט געוואונען, ער האָט נאָך אפשר פאַרלוירן. עך, ווען איך זאָל וואַגן זיך אויפצוזעצן און נעמען רודערן, וואָלט איך אים זיכער איבערגענומען אויפן וועג! דערדאָזיקער פּלאַן האָט געשמעקט מיט אַוואַנטורע און האָט מיך באַגייסטערט, און דער געדאַנק וועגן דעם וואַסער־עמער לעבן דער דעק־קאַיוטע האָט פאַרשטאַרקט מיין קוראַזש.

כ׳האָב זיך אויפגעהויבן און בין אויגנבליקלאַך אויפגענומען געוואָרן פון אַ שפּריי וואַלקן. דאָס מאָל האָב איך אָבער ניט אָפּגעלאָזט. מיט אַלע מיינע כחות און פאַרזיכטיקייט האָב איך גענומען רודערן אין דער ריכטונג פון דער ניט־געראַדערטער „היספּאַניאָלאַ". איין מאָל האָב איך אָנגענומען אַזוי פיל וואַסער, אַז כ׳האָב זיך געמוזט אָפּשטעלן אויסצושעפּן, און ס׳האַרץ האָט מיר געציטערט ווי אַ פייגעלע. כ׳האָב זיך אָבער ביסלאַכווייז צוגעוואוינט און האָב געפירט מיין שיפל צווישן די כוואַליעס אַזוי, אַז ס׳האָט בלויז פון צייט צו צייט געקראָגן אַ שטויס, און איך — אַ שוימיקן פּליוך אין פּנים אַריין.

כ׳בין געוואָרן אַלץ נעענטער און נעענטער צום שקונער. כ׳האָב שוין אַפילו געקאָנט זען דעם גלאַנץ פון מעשענעם הענט־שטאָק, וועלכער האָט זיך געשאָקלט הין און צוריק, אָבער אויפן דעק האָט מען נאָך אַלץ קיינעם ניט געזען. ס׳איז מיר דעריבער געבליבן די איינציקע השערה, אַז מ׳האָט זי פאַרלאָזן. אויב ניט, זיינען די צוויי יונגאַטשעס מסתמא געלעגן שיכור אונטן, וואו כ׳האָב זיי געקאָנט פאַרשפּאַרן, און טאָן מיט דער שיף וואָס איך וויל.

אַ לאַנגע צייט האָט זי פון מיינעטוועגן געטאָן ס׳ערגסטע — זי איז געשטאַנען אויף איין אָרט. זי איז געווען געווענדט כמעט דרום־צו, און האָט זיך, פאַרשטייט זיך, געשאָקלט די גאַנצע צייט. יעדן מאָל וואָס זי האָט זיך פאַרקירעוועט, האָבן זיך די זעגלען טיילווייז אָנגעבלאָזן, און האָבן זי גלייך ווידער געשטעלט קעגן ווינט. כ׳האָב פריער געזאָגט אַז דאָס איז פאַר מיר געווען ס׳ערגסטע,

דאָס איז דערפאַר, וואָס כאָטש זי האָט אין דעמדאָזיקן צושטאַנד אויסגעקוקט אַזוי הילפלאָז, מיט די זעגלען קראַכנדיק ווי קאַנאָנען, און די ברעטער טומלענדיק און קלאַפּנדיק אויפן דעק, האָט זי דאָך געהאַלטן אין איין אַנטלויפן פון מיר, ניט נאָר מיט דער שנעלקייט פונם שטראָם, נאָר מיט דער גאַנצער קראַפט פונם ווינט, וועלכער איז נאַטירלעך געווען זייער שטאַרק.

ענדלעך האָב איך אָבער געקראָגן אַ געלעגנהייט. דער ווינט האָט אויף אַ פּאָר סעקונדן נאָכגעלאָזט. דער שטראָם האָט זי ביס־לעכווייז פאַרקירעוועט, און די „היספּאַניאָלאַ" האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו מיר. דאָס קאַיוטע־פענצטער איז נאָך אַלץ געווען ברייט פאַנאַנדערגעעפנט, און דער לאָמפּ אויפן טיש האָט נאָך אַלץ געברענט אין גרויסן טאָג אַריין. דער הויפּט־זעגל איז געהאַנגען אַרונטערגעלאָזן ווי אַ פאָן. ווען ניט דער שטראָם, וואָלט זיך די שיף אַפילו ניט גערירט פון אָרט.

די לעצטע עטלעכע מינוטן האָב איך אַפילו גע׳פּטר׳ט אויף גאָרניט, אָבער איצט האָב איך מיט פאַרשטאַרקטע כחות ווידער אָנגעהויבן מיין יאָגד.

כ׳בין שוין געווען ניט מער פון הונדערט קלאַפטער פון דער שיף, ווען ס׳איז ווידער אָנגעקומען אַ ווינט. איינער פון די זעגלען האָט זיך ווידער אָנגעבלאָזן, און זי האָט זיך ווידער אַוועקגעלאָזט שווען אַרויף און אַראָפּ ווי אַ שוואַלב.

מיין ערשטער אימפּולס איז געווען פון פאַרצווייפלונג, אָבער דער צווייטער פון פרייד. זי האָט זיך איינמאָל אַ קירעווע געטאָן, און איז געווען קעגן מיר מיט דער ברייט־זייט. נאָכדעם נאָכאַמאָל, ביז זי איז אַריבער פריער אַ העלפט, דאַן צוויי דריטל, און דאַן דריי פערטל פונם שטח וואָס האָט אונדז פאַנאַנדערגעטיילט. די כוואַליעס האָבן שוימיק געזאָטן אונטערן פאָדער־באַלקן. פון מיין פּאָזיציע אינם פּעל־שיפל האָט זי מיר אויסגעזען אומגעהייער הויך.

פּלוצלונג בין איך געוואָרן באַוואוסטזיניק וועגן מיין געפער־לעכער לאַגע. כ׳האָב אַפילו ניט געהאַט קיין צייט צו באַטראַכטן וואָס צו טאָן כדי זיך צו ראַטעווען. כ׳בין נאָך ניט אַראָפּ פון איין וואַסער־באַרג, ווען דער שקונער איז אַרויף אויפן נאָכקומענדיקן. אַזוי

ווי דער פּאַדערבויגן איז גראָד געווען איבער מיין קאָפּ, בין איך אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, און דער זעץ פון מיין שפּרונג האָט אַרונטערגעשטויסן מיין שיפל אונטערן וואַסער. מיט איין האַנט האָב איך אָנגעכאַפּט דעם דריי־עק זעגלבוים, און אַריינגעשטעלט אַ פוס צווישן דעם זעגל־שטריק און דעם קווערשטאַנג באַנד. ווי כ׳בין אַזוי געהאַנגען מיט אַ פאַרכאַפּנדיקן אָטעם, האָב איך דערהערט אַ שטאַרקן קלאַפּ און האָב פאַרשטאַנען אַז דאָס האָט עס דער שקוּנער צעשמעטערט מיין שיפל און איז׳ס איבערגעפאָרן. און אַזוי בין איך אָן אַ מעגלאַכן צוריקטריט געבליבן אויף דער „היספּאַניאָלאַ“.

פינף־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

איך שליידער אַרונטער דעם „פריילאַכן ראָדזשער“

כ׳האָב זיך נאָך ניט געהאַט באַפעסטיקט אויפן פּאַדערבויגן, ווען דער פלאַטערנדיקער דריי־עק זעגל איז אַראָפּגעפאַלן ווי אַ פלאַכטע, און האָט זיך אָנגעבלאָזן אויף דער אַנדערער זייט מיט אַ גערויש ענלעך אויפן קראַך פון אַ ביקס. אונטער דער ווירקונג פון דעמדאָזיקן צוריקשטויס האָט דער שקונער אויפגעציטערט ביזן גרונטבאַלקן. די אַנדערע זעגלען האָבן נאָך אַלץ געצויגן, אָבער דער „דריי־עק“ איז מאָמענטאַל ווידער אַראָפּגעפאַלן און איז געהאַנגען ליידיק.

דאָס האָט מיך שיעור ניט אַריינגעשליידערט אין ים אַריין. כ׳האָב אָבער ניט פאַרלוירן קיין צייט, בין אַרויפגעקראָכן אויפן פּאָדערבויגן און אַרונטערגעשפּרונגען מיטן קאָפּ פאָרויס אויפן דעק.

כ׳האָב זיך איצט געפונען אויף דער ווינט־געשיצטער זייט פונם פּאָדערדעק, און דער הויפּטזעגל, וועלכער האָט נאָך אַלץ געצויגן, האָט פון מיר פאַרשטעלט אַ היבשן טייל פונם הינטערדעק. מ׳האָט ניט געזען קיין לעבעדיקן נפש. די ברעטער, וועלכע זיינען זינט דעם בונט ניט געוואַשן געוואָרן, האָבן אויף זיך געהאַט די שפּורן פון אַ סך פוס־טריט. אַ ליידיקע פלאַש, מיט אַן אָפּגעבראָכן

העלדזיל, האָט זיך אַרומגעקוליעט הין און צוריק צווישן די דעק־לעכער ווי עפּעס אַ לעבעדיק וועזן.

פּלוצלונג האָט זיך די „היספּאַניאָלאַ“ ווידער געשטעלט קעגן ווינט. די דריי־עק זעגלען הינטער מיר האָבן געקנאַקט אויף אַ קול. דער רודער איז צוגעפאַלן מיט אַ שטאַרקן טראַך. די גאַנצע שיף האָט זיך געגעבן אַ שרעקלאַכן הויב און ציטער, און אין דערזעלבער צייט האָט זיך דער הויפּט קוּוער־שטאַנג מיט גרויסן טומל אַריינ־געשוואונגען אינווייניק, אַנטפּלעקנדיק פאַר מיר דעם ווינט־געשיצטן הינטערדעק.

דאָרט האָבן זיך עס טאַקע געפונען די צוויי וואַכליט: ס׳„רויטע היטל“ איז געלעגן אויפן רוקן אויסגעצויגן שטייף ווי אַ שפּיז, די הענט צעשפּרייט ווי אַ צלם, און מיט שטשירענדיקע ציין. איזראַעל האַנדס איז געזעסן אָנגעשפּאַרט קעגן דער פּאַרענטשע. די מאָרדע איז אים אַראָפּגעהאַנגען אויף דער ברוסט, די הענט אויפן דעק, און זיין אָפּגעברענט פּנים איז בא אים געווען ווייס ווי אַ חלב׳ן ליכט.

די שיף האָט זיך נאָך אַ קורצע צייט געוויגט און געבויגן ווי אַ צעווילדעוועט פערד. די זעגלען האָבן זיך אָנגעבלאָזן אָט אויף איין זייט, אָט אויף דער צווייטער. דער קוּוערשטאַנג האָט זיך געשאָקלט אַרויף און אַראָפּ, ביז דער מאַסט האָט הויך געקרעכצט אונטער דער אָנשטרענגונג. פון צייט צו צייט פלעגט אויך אַרויף אַ וואָלקן פון לייכטע שפּריצן איבערן ראַנד פון דער פּאַרענטשע, און די שיפבויגנס פלעגן זיך אָנשלאָגן אינם וואַסער געשוועל. דער קאַמף מיט די כוואַליעס איז דערדאָזיקער גרויסער, אָנגעשטריקטער שיף אָנגעקומען שווערער ווי מיין היימיש־געמאַכטן, פּאַרטאַטשקע פעל־שיפל, וואָס איז איצט שוין געלעגן ערגיץ אויפן אָפּגרונט פונם ים.

מיט יעדן שפּרונג פונם שקונער האָט זיך ס׳„רויטע היטל“ געגליטשט אהין און אהער, און ס׳האָט מיר אָנגעכאַפּט אַן אימה צוצוזען, ווי ניט זיין באַנעמונג און ניט זיינע שטשירענדיקע ציין האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין שום באַאומרואיקונג קעגן דערדאָזיקער גראָבער באַהאַנדלונג. האַנדס, ווידער, האָט אויך מיט יעדן שפּרונג אויסגעזען נאָך מער צוריקצעפאַלן און זיך צעלייגן אויפן דעק,

זיינע פיס האָבן זיך אַלץ מער און מער אויסגעצויגן, און דער גאַנצער קערפּער האָט זיך אָנגעבויגן אויף אַ זייט אַזוי, אַז זיין פּנים איז פון מיר ביסלאַכווייז געוואָרן פאַרשטעלט. ענדלאַך האָב איך, אַ חוץ איין אויער און איין העלפט פון זיין צעשויבערטער באַקנבאָרד, מער גאָרניט ניט געקאָנט זען.

כ'האָב אין דערזעלבער צייט אויך באַמערקט, אַרום זיי בײדע, פלעקן פון שוואַרץ בלוט אויף די ברעטער, און בין געוואָרן איבער־צייגט אַז זיי האָבן זיך אין זייער שיכור'ן צאָרן איינס ס'אַנדערע דער'הרג'עט.

ווי כ'האָב זיי אַזוי באַטראַכט און זיך געוואונדערט, האָט איזראַעל האַנדס, ווען די שיף איז אַ ווײַלע געשטאַנען רואיק, זיך טיילווייז אויסגעדרייט, און איז מיט אַ שווערן זיפץ אָוועקגעפאַלן צוריק אויף דערזעלבער פּאָזיציע אין וועלכער כ'האָב אים געפונען. דערדאָזיקער זיפץ, וועלכער האָט עדות געזאָגט אויף גרויסע ליידן און אַ טויטלאַכער שוואַכקייט, און דער אופן ווי אַזוי זיין מאָרדע איז האַלב אָפן אַראָפּגעהאַנגען, האָבן מיר פאַרקלעמט באַם האַרצן. אָבער ווען כ'האָב זיך דערמאָנט אינם געשפּרעך וועלכן כ'האָב אונ־טערגעהערט פון דער עפּל־פאַס, האָב איך פאַרלוירן מיין גאַנצן רחמנות.

כ'האָב מיר געלאָזט גיין צום הינטערדעק ביז כ'בין צוגעקומען צום הויפּטמאַסט.

— קומט אַרויף, מיסטער האַנדס! — האָב איך איראָניש געזאָגט.

ער האָט מיט גרויס מי געעפנט די אויגן, איז שוין אָבער געווען צו שוואַך אפילו אויסצודריקן איבעראַשונג. אַלץ וואָס ער האָט געקאָנט טאָן איז אַרויסריידן דאָס וואָרט: „בראָנפן“!

כ'האָב דערפילט אַז כ'טאָר ניט פאַרלירן קיין צייט. אויס־מיידנדיק דעם הויפּט קוואָר־שטאַנג, וועלכער האָט זיך ווידער אַריינ־געוויגט איבערן דעק, האָב איך זיך ווידער אַריבערגעכאַפּט צום הינטערדעק, און בין אַרונטער מיט די טרעפּ אין דער קאַיוטע אַריין.

איך קאָנט זיך קוים פאַרשטעלן וואָס פאַר אַן אומאָרדנונג ס'האָט דאָרט געהערשט. אַלע פאַרשלאָסענע ערטער זיינען געוואָרן

אויפגעבראָכן אין דער צייט ווען זיי האָבן געזוכט די מאַפּע. דער דיל איז געווען פול מיט בלאָטע, אומעטום וואו די אויסוואורפן האָבן זיך אַנידערגעזעצט שיכור'ן אָדער אָפּהאַלטן אַ באַראַטונג, נאָכדעם ווי זיי זיינען צוריקגעקומען פון די זומפּן אַרום זייער לאַגער. די

„קומט אַרויף, מיסטער האַנדס! — האָב איך איראָניש געזאָגט“.

ווענט, וועלכע זיינען פריער געווען ווייס און ציכטיק, און אַרומגע־זוימט מיט גאָלד, האָבן אויף זיך געטראָגן די סימנים פון שמוציקע הענט. צענדליקער ליידיקע פלעשער האָבן זיך געוואַלגערט אין די ווינקלען, און האָבן באַ יעדן וויג פון דער שיף אַרויסגעלאָזן אַ קלינגע־ריי. איינער פונם דאָקטאָרס מעדיצינישע ביכער איז געלעגן אויפן

טיש, מיט אַ העלפט פון די בלעטער אויסגעפליקט, מסתמא אויף צו פאַרויכערן די ליולקעס. איבער דעם אַלעם האָט דער לאָמפּ נאָך אַלץ געוואָרפן אַ רויִקן, טונקל־ברוינעם שיין.

כ׳בין אַרונטער אין קעלער. פון די פעסער איז ניט געבליבן קיין איינע, און אַן אומגלויבלאַכע צאָל פלעשער איז געוואָרן אויס־געליידיקט און אַוועקגעוואָרפן. זינט דער בונט האָט זיך אָנגעהויבן, איז זיכער קיין איינער פון דער חברה ניט געווען ניכטער.

אַרומזוכנדיק, האָב איך פון האַנדס׳ וועגן געפונען אַ פלאַש מיט אַ ביסל איבערגעבליבענעם בראַנפן. פון מיינעטוועגן האָב איך אויפגעזוכט עטלאַכע שטיקלאַך צוויבאַק, אַ ביסל איינגעזייערטע פרוכט, אַ גרויס בינטל ראַזשינקעס, און אַ שטיק קעז. כ׳האָב דאָס אַלץ אַרויפגעבראַכט מיט זיך אויפן דעק, אַוועקגעלייגט מיין חלק הינטערן רודער־קאָפּ, וואוהין דער רודערמאַן האָט ניט געקאָנט צוקומען, בין צוגעגאַנגען צום וואַסער־עמער און האָב געגעבן אַ גוטן, טיפן טרונק וואַסער, און דערנאָך האָב איך ערשט געגעבן האַנדסן דעם בראַנפן.

— אי, האָב איך עס געלעכצט נאָך אַ קאַפּיטשקע, צום טייוול!

— האָט ער געזאָגט.

כ׳האָב זיך אַנידערגעזעצט אין מיין אייגענעם ווינקל און האָב אָנגעהויבן צו עסן.

— שטאַרק פאַרוואונדעט? — האָב איך אים געפרעגט.

— ווען דער דאָקטאָר וואָלט געווען אויף דער שיף, וואָלט ער מיך איינס־צוויי געשטעלט אויף די פיס. כ׳האָב אָבער ניט קיין מזל, אַט וואָס, אַזוי איז שוין מיין גורל. וואָס איז שייך דעמדאָזיקן אויסוואורף דאָרט־אָ, איז ער שוין אַזוי גוט ווי טויט, איז ער, — האָט ער צוגעגעבן, אָנווייזנדיק אויפן מאַן מיטן רויטן היטל. — ער איז אָבער במילא ניט געווען קיין ים־פאָרער. און פון וואַנעט האָסטו זיך אַהער גענומען?

— איך! — האָב איך געזאָגט, — איך בין געקומען איבערנע־מען די פאַרוואַלטונג פון דעראָזיקער שיף, מיסטער האַנדס. איר׳ט זיין אַזוי גוט און מיך ביז אויף ווייטער באַטראַכטן אַלס אייער קאַפּיטאַן.

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ זויערער מינע און האָט גאָרניט

ניט געזאָגט. ער האָט שוין איצט געקראָגן אַ ביסל פאַרב אין פּנים, האָט אָבער נאָך אַלץ אויסגעקוקט זייער קראַנק, און האָט געהאַלטן אין איין איינזינקען מיט יעדן דריי פון דער שיף.

— אגב, — מאַך איך צו אים, — קאָן איך ניט פאַרליידן דידאָזיקע פּאַן, דאָרט אויוון, מיסטער האַנדס, און איך וועל זי, זייט מוחל, אַרונטערציען. בעסער גאָרניט איידער דידאָזיקע פּאַן.

ווידער אויסמיידנדיק דעם קווערשטאַנג, בין איך צוגעלאָפן צו די פאָן־שטריק, האָב אַרונטערגעצויגן די פאַרשאָלטענע שוואַרצע פאָן, און זי אַריינגעשליידערט אין וואַסער אַריין.

— גאָט באַשיץ דעם קעניג! — האָב איך אויסגערופן, אויס־טוענדיק מיין היטל, — און דאָס איז דער סוף פון קאַפּיטאַן סילווער.

ער האָט מיך שאַרף און ביטערע אָנגעקוקט, און זיין מאָרדע איז נאָך אַלץ אַראָפּגעהאַנגען אויף דער ברוסט.

— איך רעכן, — האָט ער זיך ענדלאַך אָנגערופן, — איך רעכן, קאַפּיטאַן האָקינס, אַז איר'ט מסתמא איצט צוריק צופאָרן צום ברעג. לאָמיר זיך אָקאָרשט וועגן דעם דורכריידן.

— נו, געוויס, — מאַך איך צו אים, — מיטן גרעסטן פאַר־געניגן, מיסטער האַנדס, אַרויס מיט לשון! — און האָב זיך ווידער גענומען צו מיין מאָלצייט מיט גרויס אַפּעטיט.

— דערדאָזיקער יאַט, — האָט ער אָנגעהויבן, אָנווייזנדיק מיט גרויס מי אויפן מת, — אָ'ברייען האָט ער געהייסן, אַ פּאַסקודנער אירלענדער געווען; דערדאָזיקער יאַט און איך האָבן שוין געהאַט אַרויפגעצויגן די לייוונט מיטן צוועק צוריקצוזעגלען. אָבער ער'ז איצט טויט, איז ער, טויט ווי אַ שטיין. און ווער ס'קאָן איצט טרייבן די שיף, ווייס איך אַליין ניט. אָן מיין מיטהילף, וועט איר'ס ניט קאָנען טאָן. הערט־זשע מיך אויס: איר גיט מיר עפּעס עסן און אַ טרונק, און אַן אַלטן שאַרף אָדער אַ טיכל צו פאַרבינדן מיין וואונד, גיט מיר, און איכ'ל אייך ווייזן ווי אַזוי צו זעגלען. כ'רעכן אַז דאָס איז יושר'דיק פאַרביידן.

— כ'על אייך זאָגן איין זאַך, — מאַך איך צו אים, — צו „קאַפּיטאַן קידס אַנקערפּלאַץ" וועל איך צוריק שוין ניט פאָרן. כ'דענק אַריינצופאָרן אין דעם „צפון אויסגוס", און זי דאָרט רואיק לאַנדן אויף דער זאַמד.

— נו, זיכער ׳עט איר אזוי טאָן, — האָט ער אויסגערופן.
— כ׳בין דאָך נאָכאַלעמען ניט אזא פאַרדאַמטער טיפּש. כ׳זע שוין זוי כ׳האַלט אין דער וועלט. כ׳האָב געשפּילט און פאַרלוירן, און איר האָט איצט איבער מיר די אויבערהאַנט. „צפון אויסגוס״? נו גוט, אַ ברירה האָב איך! כ׳על אייך העלפן זעגלען אַפילו ביזן „תליה דאָק״, ׳על איך, צום טייוול!

דער פאָרשלאָג איז ניט געווען קיין שלעכטער, און מיר האָבן אויפן שטעל „צוגעקלאַפּט״. אין דריי מינוט אַרום איז די „היספּאַניאָלאַ״ באַ מיר לייכט געפאָרן פאָרן ווינט מיט דער לענג פונם ברעג אַרום דעם אינדזל. מיר האָבן געהאַט גוטע אויסזיכטן צוצוקומען נאָך פאַר מיטאָג צום צפון׳דיקן פונקט, און פון דאָרט אַרונטערצופאָרן ביז צום „צפון אויסגוס״, איידער ס׳וועט אָנקומען דער צופלוס. דאָרט וועלן מיר זי קאָנען רואיק לאַנדן אויף דער זאַמד, און צוּוואַרטן ביז דער אָפּפלוס וועט אונדז דערלויבן אַרויפצוגיין אויפן לאַנד.

כ׳האָב דאַן צוגעבונדן דעם רודער־שטאָק, בין אַרונטער אונטן, און האָב אַרויסגענומען פון מיין קופערט מיין מאַמעס אַ זיידן טיכל, מיט וועלכן כ׳האָב פאַרבונדן דעם שניט וואָס האַנדס האָט געקראָגן אין דער דיך. נאָכדעם ווי ער האָט עפּעס איבערגעכאַפּט און האָט גענומען אַ צוויי־דריי טרונק בראַנפן, איז ער אויגנבליקלאָך געקומען צו זיך. ער האָט זיך אויפגעזעצט, האָט גענומען רעדן העכער און פאַרשטענדלאָכער, און איז אינגאַנצן געוואָרן אַן אַנדער מענטש.

דער ווינט האָט אונדז אויסגעצייכנט מיטגעהאָלפן. מיר זיינען ממש געפלויגן פאַר אים ווי אַ פויגל. דער אינדזל־ברעג איז אונדז שנעל פאַרבייגעלאָפן, און די פּאַנאָראַמע האָט זיך געביטן יעדע מינוט. באַלד איז די באַרגיקע געגנט געווען הינטער אונדז, און מיר האָבן זיך געוויגט מיט דער לענג פונם נידעריקן, זאַמדיקן פלאַכלאַנד, וואָס איז שיטערלאָך געווען באַזעצט מיט קאַרליקעוואַטע סאָסנעס. באַלד זיינען זיי אויך פאַרשוואונדן, און מיר האָבן זיך פאַרקירעוועט אַרום דעם פעלזיקן באַרג, דער לעצטער צפון׳דיקער פונקט פונם אינדזל.

כ׳האָב זיך געפילט זייער שטאָלץ מיט מיין נייער הערשאַפט,

און האָב געהאַט גרויס פאַרגעניגן פונם ליכטיקן, זוניקן וועטער און פון די פאַרשיידענע בילדער אויפן ברעג. כ'האָב איצט געהאַט גענוג וואַסער און גוטע זאַכן צום עסן, און מיין געוויסן, וואָס האָט מיך שטאַרק געפּלאָגט פאַר מיין דעזערטירונג, אַט זיך איצט, צוליב מיין זיג, באַרואיקט. ס'וואָלט מיר שוין איצט גאָרניט ניט געפעלט, ווען ניט דער רודערמאַן, וועמעס אויגן האָבן מיך שפּאָטיש נאָכגעפאָלגט איבערן דעק, און דער מאָדנער שמייכעלע וואָס האָט זיך כסדר באַוויזן אויף זיין פּנים. ס'איז געווען אַ שמייכעלע, וואָס האָט אין איין און דערזעלבער צייט אויסגעדריקט סיי ווייטיק, סיי שוואַכקייט; מיט איין וואָרט, אַ העסלאַך שמייכעלע פון אַן אַלטן מאַן. ער האָט אָבער אַ חוץ דעם אויך פאַרמאָגט אַ מין קערנדל פון שפּאָט, און אַ שאָטן פון באַטרוג, אין דעם אופן ווי אַזוי ער האָט מיר געהאַלטן אין איין נאָכקוקן בײַ דער אַרבעט.

זעקס-און-צוואַנציקסטער קאַפּיטל

איזראַעל האַנדס

דער ווינט האָט געבלאָזן ווי געוואונטשן, און האָט אונדז געטריבן מערב-צו. ס'איז דערפאַר געווען פיל לייכטער צו פאָרן פונם צפון'דיקן ווינקל צום מויל פונם „צפון אויסגוס". אַזוי ווי מיר האָבן אָבער ניט געהאַט קיין אַנקער, און האָבן ניט געוואַגט צו לאַנדן אויף דער זאַמד, ביז דער שטראָם וועט ניט צופליסן אַ סך ווייטער, האָבן מיר דערווייל ניט געהאַט וואָס צו טאָן. דער רודערמאַן האָט מיר געזאָגט ווי אַזוי אָפּצושטעלן די שיף, און נאָך פיל פּראָבן איז עס מיר געלונגען. מיר האָבן זיך דאַן ביידע שטילערהייט געזעצט עסן אַ צווייטן מאָלצייט.

— קאַפּיטאַן, — מאַכט ער ענדלאַך צו מיר, מיט דעמזעלבן אומאַנגענעמען שמייכעלע, — אָט ליגט מיין אַלטער שיף-חבר, אָ'בריען! ווי וואָלט געווען, אַ שטייגער, ווען איר זאָלט אים אַריבערוואַרפן אין ים אַריין? געוויינטלאַך גייען מיר אַזעלכע זאַכן

ניט אָן, און כ׳נעם זיך ניט שטאַרק צום האַרצן, וואָס כ׳האָב אים צערעכט געמאַכט, אָבער קיין וואַזשנע שיינדל איז ער דאָ אויך ניט. רעכן איך, ווי מיינט איר?

— ערשטנס, בין איך ניט שטאַרק געגוג דערצו, — האָב איך געענטפערט, — און צווייטנס, געפעלט מיר ניט דער גאַנצער עסק, פון מיינעטוועגן קאָן ער זיך דאָרט בלייבן ליגן.

— אָן אומגליקלאַכע שיף, אונדזער „היספּאַניאָלאַ“, דזשים!

— האָט ער פאַרגזעצט, פינטלענדיק מיט די אויגן. — אַ מאַסע מענטשן זיינען שוין אויף איר דער׳הרג׳עט געוואָרן. אַזוי פיל אָרימע מאַטראָזן טויט אין אומגעבראַכט געוואָרן, זינט מיר האָבן ביידע פאַרלאָזן בריסטאָל. איך האָב נאָך אַזאַ שלימאַזלדיקייט ניט געזען, ניט איך. אָט נעמט, אַ שטייגער, דעמדאָזיקן אָ׳ברייען. ער׳ז איצט טויט, ניט אמת? נו, איך בין ניט קיין געלערנטער, איר זיינט אָבער אַ יאָט וואָס קאָן לייענען און שרייבן, מיט איין וואָרט, זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, דענקט איר אַז אַ טויטער איז טאַקע אויף שטענדיק טויט, צי קאָן ער נאָך אַמאָל לעבעדיק ווערן?

— איר קאָנט טויטן דעם קערפּער, מיסטער האַנדס, אָבער קיינ־מאָל ניט דעם גייסט. דאָס וואָלט איר שוין פונלאַנג געדאַרפט וויסן, — האָב איך געענטפערט. — אָ׳ברייען איז איצט אויף יענער וועלט, אָבער ס׳איז גאַנץ מעגלאַך אַז ער וואַכט איצט איבער אונדז.

— אָה! — מאַכט ער, — דאָס איז שלעכט. הייסט עס, אַז הרג׳ענען מענטשן מיינט נאָר אומזיסט פּטר׳ן צייט. פונדעסט־וועגן, זאָג איך אייך, האָבן גייסטער דאָך ניט קיין גרויסן ווערט, אויף וויפל איך וויים. כ׳נעם זיך צו יעדער צייט אונטער בייצו־קומען גייסטער, דזשים. און איצט, אַזוי ווי איר האָט שוין געגעבן אייער אָפנהערציקע מיינונג, טוט־זשע מיר אַ טובה, און גייט אַרונטער אין דער קאַיוטע, און ברענגט מיר אַרויף אַ — ווי רופט׳ן עס, אַ — צום טייוול! כ׳האָב פאַרגעסן ווי ס׳הייסט. אָ, יאָ, ברענגט מיר אַרויף אַ פלאַש ווייַן, דזשים. דערדאָזיקער בראַנפן איז צו שטאַרק פאַר מיין קאָפּ.

דעם רודערמאַנס שטאַמלען איז מיר פאַרגעקומען אומנאַטיר־לאַך, און דאָס וואָס ער האָט עפּעס פאַרגעצויגן ווייַן צו בראַנפן, האָב איך אים שוין גאָרניט געקאָנט גלויבן. די גאַנצע מעשה איז

בלויז געווען אַן אויסרייד. ער האָט געוואָלט אַז כ'זאָל פאַרלאָזן דעם דעק, דאָס איז געווען קלאָר, אָבער צוליב וואָס, האָב איך ניט געקאָנט פאַרשטיין. ער האָט מיר מער ניט געקוקט אין די אויגן. זיינע בליקן האָבן געהאַלטן אין איין אַרומוואַנדערן הין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ, אָט אויפן הימל, אָט מיט אַ שנעלן קוק אויפן טויטן אָ'ברייען. דערביי האָט ער די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין שמייכלען און אַרויסשטעקן דעם צונג אויף אַזאַ שולדיקן און צעטומלטן אופן, אַז אַ קינד וואָלט געקאָנט פאַרשטיין, אַז ער האָט דאָ געפּלאַנט עפּעס אַ שווינדל. כ'האָב אים אָבער גלייך געענטפערט, וואָרים כ'האָב געזען אַז כ'קאָן דערביי פּראָפיטירן. פון אַזאַ פאַרדאַמטן שוטה האָב איך זייער גרינג געקאָנט באַהאַלטן מיין פאַרדאַכט ביזן סוף.

— אַ ביסל ווייַן? — האָב איך געזאָגט, — נאָך בעסער. ווילט איר ווייסן צי רויטן?

— כ'רעכן אַז ס'איז מיר פאַרדאַמט אַלצאיינס, ברודער, — האָט ער געענטפערט. — אַבי ער'ז נאָר שטאַרק, און ס'איז דאָ גענוג, וואָס איז דאָ דער חילוק?

— זייער גוט, — האָב איך געענטפערט, — כ'על אייך ברענגען פּאָרט-ווייַן, מיסטער האַנדס. ס'עט מיר אָבער נעמען לאַנג איידער כ'על אים געפינען.

איך בין דאַן אַראָפּ מיט די טרעפּ, מאַכנדיק דערביי אַזוי פיל טומל וויפל כ'האָב געקאָנט, האָב אויסגעטאָן די שיך, בין צוריקגעלאָפן דורכן שמאָלן דורכגאַנג, אַרויף מיטן לייטער, און האָב אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פאָדערדעק-פענצטערל פון דער קאַיוטע. כ'האָב געוואוסט אַז ער'ט זיך ניט ריכטן מיך דאָרטן צו זען, פונדעסטוועגן האָב איך זיך זייער פאָרזיכטיק באַוואָרנט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער ערגסטער פון מיינע פאַרדאַכטן איז געווען אמת.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף די הענט און קני. כאָטש דער פוס האָט אים אָן צווייפל זייער שטאַרק ווי געטאָן, ווען ער האָט זיך באַוואוגן, וואָרים כ'האָב געהערט ווי ער האָט פאַרשטיקט אַ קרעכץ, פונדעסטוועגן האָט ער זיך גאַנץ לאַווקע אַריבערגעשלעפּט איבערן דעק. אין ווייניקער

פון א האלבער מינוט איז ער געווען אויף דער אנדערער זייט און האט פון א קנויל שטריק ארויסגענומען א לאנגן מעסער, אדער בעסער געזאגט, א קורצן קינזשאל, וועלכער איז געווען איינגעשמירט מיט בלוט ביז דער שטיל. ער האט אים א ווײַלע באטראכט, אויס־שטרעקנדיק זיין הינטערשטן קינבאק, האט געפרואווט דעם שפיץ אויף דער האנט, און דאן, שנעל באהאלטנדיק אים אין דער בוזים־קעשענע פון זיין רעקל, האט ער זיך ווידער אריבערגעפעקלט צוריק צו זיין פריערדיק ארט, לעבן דער פארענטשע.

דאס איז אלץ וואס כ'האב געדארפט וויסן. איזראעל האט זיך, הייסט עס, געקאנט באוועגן און איז געווען באוואפנט. דאס וואס ער האט זיך גענומען אזוי פיל מי פון מיר פטור צו ווערן, איז געווען גענוג באוויז, אז איך האב עס געזאלט זיין דער קרבן. וואס ער וואלט געטאן דערנאך, צי וואלט ער פארזוכט אריבער־צוקריכן איבערן גאנצן אינדזל פונם „צפון אויסגוס" ביזן לאגער אין די זומפן, צי וואלט ער אויסגעשאסן דעם „לאנגן טאם", האפנ־דיק אז זיינע חברים וועלן אים דערהערן און קומען צו הילף: האב איך, פארשטייט זיך, ניט געקאנט וויסן. כ'בין אבער געווען זיכער, אז כ'קאן אים טרויען אין איין פונקט, וואָרים מיר זיינען אין אים ביידע גלייך געווען פאראינטערעסירט, און דאס איז געווען אינם צושטאנד פונם שקונער. ביידע האבן מיר אים געוואלט זיכער לאנדן אויף א געשיצטן ארט, אזוי, אז ווען ס'וועט קומען די צייט, זאל מען אים קאנען ארויסנעמען צוריק מיט אזוי ווייניק אנ־שטרענגונג און געפאר ווי מעגלאך. ביז דאן האב איך געפילט, אז מיין לעבן איז אויסער געפאר.

אין דער צייט וואס כ'האב דאס אלץ איבערגעטראכט, בין איך ניט געשטאנען ליידיק. כ'האב זיך צוריק ארייגנע'גנב'עט אין דער קאיוטע, אנגעטאן די שיך, געכאפט א פלאש וויין וואס איז מיר געקומען צו די הענט, און איצט, מיט דעם אלם אן אנטשולדיקונג, האב איך זיך צוריק באוויזן אויפן דעק.

האנדס איז געלעגן ווי כ'האב אים איבערגעלאזט, איינגאנצן איינגעפאלן ווי א הויפן, מיט אראפגעלאזטע ברעמען, ווי ער וואלט געווען צו שוואך צו פארטראגן דאס ליכט. ווען כ'בין ארויפגע־קומען, האט ער אויפגעעפנט די אויגן, אראפגעקנאקט ס'העלדזל פון

דער פלאַש, ווי איינער וואָס האָט'ס שוין פריער אָפט געטאָן, און האָט געגעבן אַ גוטן זופּ, מיט זיין באַליבטן „לחיים“: „אַט איז גליק!“. ער איז דאָן אַ ווײלע געלעגן רואיק, און אַרויסשלעפּנדיק אַ שטיק טאַבאַק, האָט ער מיר געבעטן איך זאָל אים אָפּשניידן אַ שטיקל.

— שניידט מיר אָפּ אַ גראָב רעפטל דערפון, — מאַכט ער צו מיר, — וואָרים איך האָב ניט קיין מעסער, און בין צו שוואַך דערצו, אפילו ווען כ'וואָלט געהאַט אַ מעסער. עך, דזשים, דזשים, כ'רעכן אַז איך בין אויסגעשפּילט. שניידט מיר אָפּ אַ שטיקל, ס'עט מסתמא זיין ס'לעצטע, ברודערל, כ'פאָר איצט אהיים, דאָס איז זיכער.

— גוט, — זאָג איך, — כ'על אייך אָפּשניידן אַ שטיקל טאַבאַק, אָבער ווען איך וואָלט געווען אויף אייער אָרט, און וואָלט געדענקט אַז ס'האַלט מיט מיר אַזוי שמאָל, וואָלט איך, ווי אַ גוטער קריסט, בעסער גענומען זאָגן וידוי.

— וואָסי? — זאָגט ער, — צו וואָס דאַרף איך עס?

— צו וואָס?! — האָב איך אויסגערופן. — איר האָט מיך דאָך נאָר וואָס אויסגעפרעגט וועגן טויטע. איר האָט געבראָכן אייער צוזאָג. איר האָט געלעבט אין זינד, פאַלשקייט, און בלוט. אַט ליגט אייך איצט צופוסנס אַ מענטש וועמען איר האָט נאָר וואָס דער'הרג'עט, און איר פרעגט נאָך צו וואָס! כדי גאָט זאָל אייך מוחל זיין, מיסטער האַנדס, אַט צו וואָס!

כ'האָב גערעדט זייער אויפגערעגט, אינזינען האָבנדיק דעם בלוטיקן קינזשאַל וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיין קעשענע, און מיט וועלכן דער בייזער טייוול האָט מיך געפּלאַנט אומצוברענגען. ער, ווידער, האָט געגעבן נאָך אַ גרויסן זופּ ווייַן, און האָט גענומען רעדן מיט אויסערגעוויינטלאָכער פייערלאַכקייט.

— שוין דרייסיק יאָר, — האָט ער געזאָגט, — אַז איך פאָר אַרום אויפן ים. כ'האָב געזען גוטס און שלעכטס, בעסערס און ערגערס, היץ און קעלט, פּראָוויאַנטן זיינען אויסגעגאַנגען, מעסערס זיינען געפלויגן, און וואָס ניט? וואָס זאָל איך אייך זאָגן, כ'האָב נאָך ביז היינט ניט געזען, אַז פון גוטסקייט זאָל אַרויסקומען עפּעס גוטס. גיב דעם ערשטן קלאַפּ! זאָג איך. טויטע בייסן ניט! איז מיין שטאַנדפּונקט, אמן סלה!

— און איצט, הערט מיך אויס, — האָט ער צוגעגעבן, פלוצלונג איבערבייטנדיק זיין שטים. — מיר האָבן שוין געפּטר'ט גענוג צייט אויף נאַרישקייטן. דער צופּלום איז שוין איצט גענוג הויך. פּאָלגט אויס מיינע באַפעלן, קאַפּיטאַן האַקינס, און מירן זיך מיטאַמאָל אַ יאָג טאָן צום ברעג, און אַן עק זאָל נעמען.

מיר האָבן העכסטנס נאָך געהאַט קנאַפּע צוויי מייל צו פאָרן, אָבער די נאַוויגאַציע איז געווען אַ שווערע. דער אריינפאָר אין דעמדראָזיקן צפון'דיקן אַנקערפּלאַץ איז ניט נאָר געווען שמאָל און פליטקע, נאָר האָט זיך אויך געדרייט פון מזרח צו מערב אַזוי, אַז מ'האָט דעם שקונער געדאַרפט זייער פּאָרזיכטיק קאָנטראָלירן כדי אים אריינצופירן. כ'דענק אַז כ'בין געווען אַ גוטער און פלינקער סובאָלטערן, און בין זיכער, אַז האַנדס איז געווען אַן אויסגעצייכנטער לאָצמאַן. מיר זיינען געגאַנגען לינקס און רעכטס, געקירעוועט אַהין און אַהער, כמעט ניט אָנרירנדיק די ברעגן, מיט אַזאַ זיכערקייט און פּינקטלאַכקייט, אַז ס'איז געווען אַ פאַרגעניגן צוצוקוקן.

ווי נאָר מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן די לאַנדשפּיצן פונם דורכגאַנג, זיינען מיר גלייך געוואָרן איינגעשלאָסן מיט לאַנד אַרום און אַרום. די ברעגן פונם „צפון אויסגוס" זיינען געווען פּונקט אַזוי געדיכט באַוואַלדעט ווי דער דרום'דיקער אַנקערפּלאַץ, אָבער דער שטח צווישן זיי איז געווען לענגער און שמעלער, און ענלאַכער אויף אַ מויל פון אַ טייך, וואָס ער איז אין דער אמת'ן טאַקע געווען. פּונקט פאַר אונדז, דרום־צו, האָבן מיר דערזען די חורבה פון אַ צעבראָכענער שיף אין די לעצטע שטופּן פון צעשטערונג. זי איז, ווייזט אויס, אַמאָל געווען אַ גרויסע, דריי־מאַסטיקע שיף. זי איז שוין אָבער אַזוי לאַנג מסתמא געלעגן אויפגעדעקט צו דער שעדיקונג פונם וועטער, אַז זי איז שוין געווען באַדעקט מיט גרויסע געוועבן פון פייכטע ים־פלאַנצן, און אויפן דעק זיינען שוין אויסגעוואַקסן ברעג־געוויקסן, וועלכע זיינען איצט געווען אין פולער בליאונג. ס'איז געווען אַ טרויעריק בילד, ס'האָט אונדז אָבער באַוויזן אַז דער אַנקערפּלאַץ איז געווען פאָלשטענדיק רואיק.

— נו, זאָגט אַליין, — מאַכט האַנדס צו מיר, — איז דאָס ניט אַ טייער ערטל צו שטראַנדן אַ שיף? גוטע, פלאַכע זאַמד,

קיין סימן פון ווינט, אַרום און אַרום זיינען דאָ ביימער, און בלומען בליען אויף דער אַלטער שיף דאָרט ווי אין אַ גאָרטן!

— און נאָכדעם ווי מיר וועלן זי שטראַנדן, — האָב איך געפרעגט. — ווי וועלן מיר זי צוריק אַרויסקריגן?

— גאַנץ פּשוט, — האָט ער געענטפערט, — מ'נעמט אַ שטריק און מ'גייט מיט אים, אין דער צייט פון אָפּפלוס, אויף דער אַנדע־רער זייט פונם ברעג, און מ'וויקלט אים אַרום אַרום איינער פון דידאָזיקע הויכע סאָסנעס. דאַן נעמט מען דעם שטריק אַרויף צוריק אויפן דעק, מ'וויקלט אים אַרום אַרום דער הויב־מאַשין, און מ'וואַרט אויפן צופלוס. ווען ס'וואַסער ווערט הויך, נעמען אַלע שלעפן דעם שטריק, און ס'גייט אַ גאַנג ווי אויף פּוטער. און איצט, בחור'ל, זיי גרייט. מיר ווערן אַלץ נענטער און נענטער, מיר פאָרן אָבער צו שנעל. קירעווע אַ ביסל רעכטס — אַזוי — לאַנגזאַם — רעכטס — אַביסל לינקס — לאַנגזאַם — לאַנג—זאַם!

ער האָט אַזוי געגעבן זיינע באַפעלן, וועלכע כ'האָב אָן אַן אָטעם אויסגעפאָלגט, ביז ער האָט פּלוצלונג אויסגעשריען, — און איצט, טייערינקער, פאָרויס! — כ'האָב מיט אַלע כוחות צוגעהאַלטן דעם העלם־שטאָק. די „היספּאַניאָלאַ" האָט זיך אַ דריי געטאָן, און איז אַרויפגעלאָפן מיטן פאָדערטייל אויפן נידעריקן באַוואַלדעטן ברעג.

די אויפרעגונג פון דידאָזיקע לעצטע מאַנעוורעס האָט אין אַ געוויסער מאָס אונטערבראָכן מיין וואַך וואָס כ'האָב ביז איצט, שאַרף געגעבן, געהאַלטן אויפן רודערמאַן. כ'בין נאָך איצט אַפילו געווען אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט, וואַרטנדיק אַז די שיף זאָל אַרויפלויפן, אַז כ'האָב אינגאַנצן פאַרגעסן אין דער געפאַר וואָס איז מיר געהאַנגען איבערן קאָפּ, און בין געשטאַנען מיט אַן אויס־געצויגענעם האַלדז איבער דער פאַרענטשע אויף דער רעכטער זייט פון דער שיף, און האָב באַטראַכט דעם ברייטן כוואַליענדיקן שטח פאַר דער שיף. כ'וואָלט געווען געפאַלן אַן אַ קאַמף פאַר מיין לעבן, ווען ס'כאַפּט מיך ניט אָן אַ פּלוצימדיקע אומרואיקייט, וואָס האָט מיר געמאַכט אויסדרייען דעם קאָפּ. איך ווייס ניט, צי ס'איז דער־פאַר וואָס כ'האָב דערהערט עפּעס אַ שאָרך, צי מיט אַ ווינקל פון מיין אויג דערזען זיין שאָטן, אָדער אפשר איז'ס גאָר געווען אַ מין

קעצישער אינסטינקט; ווי די זאך זאל ניט האבן געווען, ווען כ׳האב זיך אומגעקוקט, האב איך דערזען האנדסן, שוין העלפט וועג לעבן מיר, מיטן קינזשאל אין דער רעכטער האנט.

מיר האבן מסתמאביידע הויך אויסגעשריען, ווען אונדזערע אויגן האבן זיך באגעגנט. אבער אין דער צייט וואס מיין געשריי איז געווען א דורכדרינגענדיקער געשריי פון שרעק, איז זיינער געווען א רעווע פון צארן, ווי פון א צעווילדעוועטן אקס. ער האט זיך אווארף געטאן פארויס, און איך האב אין זעלבן מאמענט געגעבן א שפרונג אויף א זייט צו די פאדערבויגנס. דערביי האב איך אפגעלאזט דעם רודער־שטאק, וועלכער איז שארף אפגעשפרונגען אויף צוריק. דאס, גלויב איך, האט מיר געראטעוועט מיין לעבן, ווארים דער רודער־שטאק האט א זעץ געטאן האנדסן אין דער ברוסט, און האט אים דערווייל אוועקגעלייגט אין א פאר׳חלש׳טן צושטאנד.

איידער ער האט געקאנט קומען צו זיך, האב איך זיך ארויסגעדרייט פונם ווינקל וואו ער האט מיך געהאלטן ווי אין א פאסטקע, און האב געהאט פאר זיך דעם גאנצן דעק זיך צו ראטעווען. פונקט פארן הויפטמאסט בין איך געבליבן שטיין, האב ארויסגעצויגן פון קעשענע א פיסטאלעט, און האב קאלטבלוטיק געצילעוועט; כאטש ער האט זיך שוין געהאט אויפגעהויבן און האט זיך ווידער געלאזט אויף מיר, האב איך א צי געטאן דעם דריקער, אבער ס׳האט ניט נאכגעפאלגט ניט קיין אויפבליץ און ניט קיין גערויש. דאס ים־וואסער האט נאס געמאכט דעם צינד־פולווער, און ער האט צו גארניט ניט געטויגט. כ׳האב זיך פארשאלטן ס׳געביין פאר מיין נאכלעסיקייט. פארוואס האב איך ניט, פריער נאך, איבערגעביטן דעם צינד־פולווער און ווידער אנגעלאדן מיינע איינציקע וואפן? כ׳וואלט דאך איצט ניט געווען אין דער לאגע פון אן ארים שעפעלע וואס אנטלויפט פארן קצב!

כאטש ער איז געווען פארוואונדעט, האט ער זיך דאך באוועגט מיט וואונדערלאכער שנעלקייט. ס׳איז געווען אן אימה אים אנצוקוקן מיט זיינע גרויע האר, צעשויבערט איבערן פנים, און ס׳פנים אליין רויט ווי א בוראק פון אומגעדולד און צארן. כ׳האב ניט געהאט גענוג צייט צו פרואוון מיין אנדערן פיסטאלעט,

און קיין גרוים חשק דערצו אויך ניט, וואָרים כ'בין געווען זיכער אַז ער טויג ניט. איין זאַך איז מיר געווען קלאָר: צוריקציִען זיך אַליין איז ניט גענוג, אַניט וועט ער מיך פאַרשפאָרן לעבן די פאָדערבויגנס, ווי אַ ווײַלע צוריק אין דער פאַסטקע אויפן הינטער־דעק. כאַפּט ער מיך, דאַן וועלן אַ ניין־צען צאָל פונם בלוט־באַפּלעקטן קינזשאַל זיין מיין לעצטע דערפאַרונג אויף דער זייט פון דער אייביקייט. כ'האָב זיך אָנגעהאַלטן מיט ביידע הענט אינם גאַנץ דיקן הויפּטמאַסט, און האָב געוואַרט, אָנשטרענגענדיק יעדן נערוו.

זעענדיק אַז כ'האָב אים געוואָלט אויסמיידן, איז ער אויך געבליבן שטיין. אַ צוויי־דריי מינוט זיינען אַריבער מיט טאַנצע־רייען פון זיין זייט, און ענלאַכע באַוועגונגען פון מיינער. אַזאַ שפּיל האָב איך אַמאָל געשפּילט אין דר'היים אַרום די פעלזן פון „שוואַרצבאַרג האַפן", אָבער, איר מעגט זיכער זיין, קיינמאָל ניט פריִער, מיט אַזאַ ווילד־קלאַפּנדיק האַרץ ווי איצט. ס'איז אָבער דאָך געווען אַ קינדערשפּיל, און כ'האָב געטראַכט אַז כ'וועל קאָנען באַשטיין מיין שטעדטל קעגן אַן עלטערן מאַטראָז מיט אַ פאַר־וואונדעטן פוס. יאָ, מיין קוראַזש איז געשטיגן אַזוי הויך, אַז כ'האָב שוין אפילו גענומען שנעל איבערטראַכטן מיט וואָס דידאַזיקע געשיכטע וועט זיך סוף־כל־סוף ענדיקן. כ'האָב באַלד געזען, אַז באַטש כ'וועל די שפּיל קאָנען אָנהאַלטן אַ לאַנגע צייט, האָב איך אָבער ניט געקאָנט האָפן אויף קיין פולשטענדיקער רעטונג.

אינדעם איז די „היספּאַניאָלאַ" אַרויף אויפן ברעג, זיך אַ וואַקל געטאָן, זיך גערוקט אַ ווײַלע איבער דער זאַמד, און דאַן, מיט דער שנעלקייט פון געדאַנק, זיך איבערגעקערט אויף דער לינקער זייט, און איז געבליבן שטיין מיטן דעק אויף אַ ווינקל פון פינף און פערציק גראַד. אַרום אַ פאַס וואַסער איז אַריין דורך די דעק־לעכער, שאַפנדיק אַ קליין טייכל צווישן דעם דעק און דער פאַרענטשע.

מיר האָבן זיך ביידע אויגנבליקלאַך איבערגעקערט, און אַרונ־טערגעקייקלט, כמעט אינאיינעם, צום ראַנד פונם דעק. „רויט היטל'ס" שטייפער, טויטער, קערפּער איז אונדז נאָכגעפאַלן מיט צעשפּרייטע אָרעמס. מיר זיינען געווען אַזוי נאָענט איינער פונם אַנדערן, אַז מיין קאָפּ האָט זיך אָנגעשלאָגן אינם רודערמאַנס שטיוול

מיט אזא קנאַק, אַז די ציין האָבן מיר געגומען ציטערן. גיט קוקנדיק אויפן קלאַפּ, בין איך דאָך געווען דער ערשטער אויף די פיס, וואָרים האַנדס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אינם טויטנס קערפּער.

מחמת דער משופּע׳דיקער פּאָזיציע פון דער שיף, האָט מען שוין אויפן דעק ניט געקאָנט אַרומלויפן. כ׳האָב געמוזט געפינען עפּעס אַ נייעם מיטל ווי אַזוי צו אַנטלויפן, אי דאָס באַלד, וואָרים מיין שונא איז שוין כמעט געווען לעבן מיר. מיט דער פלינגקייט פון געדאַנק בין איך צוגעשפּרונגען צו די מאַסט־שטריק פונם הינטערשטן זעגל, אַרויפגעקלעטערט אַ האַנט איבער אַ האַנט, און האָב ניט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם ביז כ׳בין ניט געזעסן אויפן קווערשטאַנג.

מיין פּראָמפּטקייט האָט מיך געראַטעוועט. דער קינזשאַל איז געבליבן שטעקן נאָך ווייניקער פון זעקס צאָל אונטער מיר, אין דער צייט וואָס איך בין געווען אינמיטן פון מיין אַרויפיקן געיעג. איזראַעל האַנדס איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל און האָט אַרויפגעקוקט צו מיר, ווי אַ פּולקאָמע סטאַטוע פון פאַרגאַפונג און אַנטוישונג.

איצט, קריגנדיק אַ פרייע מינוט, האָב איך ניט פאַרלוירן קיין צייט, איבערגעביטן דעם צינד־פּולווער פון מיין פּיסטאָלעט, און ווען ער איז געווען גרייט פאַרן געברויך, האָב איך, כדי דאָפּלט זיכער צו זיין, גענומען אויסלאָדן דעם צווייטן, און אים איבעראַניים ווידער אָנלאָדן.

מיין נייע באַשעפטיקונג האָט האַנדסן אינגאַנצן געפּלעפּט. ער האָט דערזען אַז ס׳רעדעלע פון זיין מזל האָט זיך איבערגעדרייט. נאָכדעם ווי ער האָט, ווייזט אויס, אַליין ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, האָט ער זיך מיט גרויס שווערקייט אַרויפגעצויגן צו די מאַסט־שטריק, און, מיטן קינזשאַל צווישן די ציין, אָנגעהויבן פּאַמעלאַך און מיט גרויס מי אַרויפשטייגן. ס׳האָט אים געקאָסט אַן אַ שיעור צייט און קרעכצענישן מיטצושלעפּן אונטער זיך זיין פאַרוואונדעטן פוס. כ׳האָב שטילערהייט פאַרענדיקט מיינע פאַרבאַרייטונגען, נאָך איידער ס׳איז אים געלונגען אַרויפצוקריכן קוים אַ דריטל וועג אַרויף. דאַן, מיט די פּיסטאָלעטן אין ביידע הענט, האָב איך זיך צו אים געווענדט און געזאָגט:

— נאָך איין טראָט, מיסטער האַנדס, און כ׳שיס אייך אַרוים

די געהירן פון קאָפּ! איר ווייסט דאָך, טויטע בייסן ניט! — האָב איך צוגעגעבן מיט אַ געלעכטערל.

ער האָט זיך תיכּף אָפּגעשטעלט. כ'האָב געקאָנט דערקענען, לויט דער באַוועגונג פון זיין פּנים, אַז ער האָט געפּרואווט טראַכטן, און דער פּראָצעס איז אים אָנגעקומען אַזוי שווער און פּיינלאַך, אַז כ'האָב זיך, אין מיין ניי־געפונענער שוץ, געמוזט הויך פאַנאַנדערלאַכן. ענדלאַך האָט ער אַרויסגעבאַלבעט עפּעס עטלאַכע ווערטער, און זיין פּנים האָט נאָך אַלץ געהאַט דיזעלבע מינע פון עקסטרעמער פאַרגאַפונג. כּדי ער זאָל קאָנען ריידן, האָט ער, פאַרשטייט זיך, געמוזט אַרויסנעמען דעם קינזשאַל פונם מויל, אָבער אַ חוץ דעם איז ער געבליבן אומבאַוועגלאַך.

— דזשים, — מאַכט ער, — כ'רעכן אַז מיר האָבן געמאַכט אַ טעות, דו און איך, און אַז מירן מוזן שליסן אַן אָפּמאַך. ווען ניט דידאָזיקע פאַרדאַמטע איבערקערעניש, וואָלט איך דיך פונלאַנג שוין געוועזן געכאַפּט. כ'האָב אָבער ניט קיין מזל, ניט איך. כ'רעכן אַז כ'על מוזן אַרונטערלאָזן די פאָן.*) אַז אָך און ווי איז צו מיר! איך, אַן אַלטער דערפאַרענער ים־פאָרער, דאַרף זיך אונטערגעבן צו אַזאַ שנעק ווי דו, דזשים!

כ'האָב געטרונקען זיינע רייד, און געהאַלטן אין איין שמייכלען פון גרויס הנאה, ווי אַ שטאָלצער האָן אויף אַ פּלויט. פּלוצלונג, האָט ער, אָקאָרשט מ'זעט ניט, פאַרהויבן די האַנט איבערן קאָפּ, און עפּעס האָט אַ פייף געטאָן ווי אַ פייל דורך דער לופט. כ'האָב דערפילט אַ קלאַפּ און אַ שאַרפן ווייטיק, און כ'בין געבליבן זיצן צוגענאָגלט מיטן אַקסל צום מאַסט. אינם שרעקלאַכן ווייטיק און דער איבעראַשונג פונם מאָמענט, — קאָן איך קוים זאָגן צי ס'איז געווען מיט מיין אייגענעם ווילן, כ'בין אָבער זיכער אַז ס'איז געווען אָן באַוואוסטזיניקן ציל, — האָבן מיינע פּיסטאָלעטן ביידע אויסגעשאָסן, און זיינען ביידע אַרויסגעפאַלן פון מיינע הענט. זיי זיינען ניט געפאַלן אַליין. מיט אַ פאַרשטיקטן אויסגעשריי, האָט דער

---

*) אַרונטערלאָזן די פאָן איז אַ סימן פון אונטערגעבונג.



„מיט אַ פאַרשטיקטן אויסגעשריי, האָט דער רודערמאַן אָפּגעלאָזט
די שטריק און איז אַריינגעפאַלן מיטן קאָפּ פאַרויס אין וואַסער אַריין".

רודערמאַן אָפּגעלאָזט די שטריק און איז אַריינגעפאַלן מיטן קאָפּ פאַרויס אין וואַסער אַריין.

זיבן-און-צוואַנציקסטער קאַפּיטל

„גאָלדענע רענדלאַך!"

אַזוי ווי די שיף איז געווען אָנגעבויגן, זיינען די מאַסטן אַריבערגעהאַנגען ווייט איבערן וואַסער, און אונטער מיין סידעלע אויפן קווערשטאַנג איז גאָרניט געווען אַ חוץ דער וואַסערפלאַך. האַנדס, וועלכער האָט ניט באַוויזן אַרויפצוקריכן זייער הויך, איז דערפאַר אַראָפּגעפאַלן נעענטער צו דער שיף, צווישן מיר און דער פאַרענטשע. ער איז נאָך איין מאָל אַרויפגעקומען אין אַ בלוטיקן שוים איבערן וואַסער, און איז ווידער אַרונטערגעזונקען אויף אייביק. ווען ס'וואַסער האָט זיך ווידער איינגעשטילט, האָב איך אים געזען ליגן אייגעניוורקעט אויף דער ריינער, העלער זאַמד אינם שאָטן פון דער שיף. אַ צוויי-דריי פישלאַך זיינען פאַרביי־געשוואומען לעבן זיין קערפּער. דער ציטער פון דער וואַסערפלאַך האָט אים צוגעגעבן אַ לעבעדיקן אויסזען, און ס'האָט זיך אויסגעדוכט אַז ער האָט זיך געפּרוּווט אויפהויבן. ער איז אָבער געווען טויט אויף אַן אמת, פון יעדן שטאַנדפּונקט: דערשאָסן, דערטרונקען, און אָנגעברייט צו ווערן שפּייז פאַר פיש, אויפן זעלבן אָרט, וואו ער האָט געפּלאַנט מיין מאָרד.

גלייך ווי כ'בין אין דעם געוואָרן איבערצייגט, האָב איך אָנגע־הויבן פילן קראַנק, שוואַך, און דערשראָקן. היים בלוט איז מיר געראָנען איבער דער פּלייצע און ברוסט. דער קינזשאַל, מיט וועלכן ער האָט מיך צוגענאָגלט צום מאַסט, האָט מיר געבערענט ווי אַן אָנגעגליט אייזן. פונדעסטוועגן, זיינען עס ניט געווען אַזוי די דאָ־זיקע קערפּערלאַכע ווייטיקן וואָס האָבן מיך געפּייניקט, וואָרים זיי, האָב איך געדענקט, וועל איך קאָנען אַריבערטראָגן אָן אַ פּיפּס. פיל מער האָט מיך געפּייניקט די שרעק, אַז כ'קאָן נאָך אַראָפּפאַלן פונם קווערשטאַנג אינם שטילן, גרינעם וואַסער אַריין, לעבן דעם קערפּער פונם רודערמאַן.

כ׳האָב זיך איינגעקלאַמערט מיט ביידע הענט, ביז די נעגל האָבן מיר אַזש אָנגעהויבן ווייִ צו טאָן, און האָב פאַרמאַכט די אויגן, ווי דורך דעם צו פאַרשטעלן די געפאַר. ביסלאַכווייז האָב איך זיך באַרואיקט, מיינע פולסן האָבן זיך איינגעשטילט און זיינען געוואָרן נאָרמאַל, און כ׳האָב זיך ווידעראַמאָל געהאַט אין די הענט.

מיין ערשטער געדאַנק איז געווען אַרויסצושלעפן דעם קינזשאַל. אָבער, צי דערפאַר וואָס ער האָט געשטעקט צו טיף, צי דערפאַר וואָס כ׳האָב ניט געהאַט גענוג מוט דערצו, כ׳האָב עס געמוזט אויפגעבן מיט אַ האַסטיקן שוידער. און מערקווירדיק! דערדאָזיקער שוידער האָט מיר אַרויסגעהאָלפן. דער קינזשאַל וואָלט מיר אפשר אינגאַנצן ניט געווען געטראָפן, ער האָט מיר אָבער פאַרטשעפעט בלויז אַ דין הייטל פונם אָרעם, און דערדאָזיקער שוידער האָט עס איצט איבערגעריסן. ס׳בלוט האָט, נאַטירלאַך, גענומען רינען שנעלער, כ׳בין אָבער ווידער געווען באַלעבאָס איבער זיך, און בין איצט געהאַנגען צוגעטשעפעט צום מאַסט נאָר מיטן ראָק און מיטן העמד.

מיט אַ שטאַרקן טרייסל האָב איך זיך אָפגעריסן, און בין ווידער אַרונטער מיט די מאַסט־שטריק אויפן דעק. פאַר קיין זאַך אין דער וועלט וואָלט איך ניט געווען געוואַגט, צעשראָקן ווי כ׳בין געווען, ווידער אַרויפצוקריכן אויף די אַריבערהענגענדיקע שטריק פון וועלכע איזראַעל איז נאָר וואָס אַראָפגעפאַלן.

כ׳בין אַרונטער אין דער קאַיוטע, פאַרבונדן מיין וואונד, וועלכע האָט מיר איצט פאַרשאַפט גרויסע שמערצן, און וועלכע האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין בלוטיקן. זי איז אָבער ניט געווען טיף און ניט געפערלאַך, און האָט מיר ניט ווייִ געטאָן קיין סך, ווען כ׳האָב באַוועגט מיין אָרעם. כ׳האָב זיך דאַן גענומען אַרומקוקן, און אַזוי ווי די שיף איז איצט, אין אַ געווויסן זין, געווען מיינע, האָב איך אַ טראַכט געטאָן וועגן אָפראַמען זי פון איר לעצטן פאַסאַזשיר, דעם טויטן אָ׳ברייען.

ער איז געווען אָנגעשפאַרט, ווי שוין געזאָגט, לעבן דער פאַרענטשע, וואו ער איז געבליבן ליגן ווי עפעס אַ מין שרעקלאַכע, אומגעלומפערטע ליאַלקע. אמת טאַקע, אַ לעבן־גרויסע, אָבער דאָך ווי אַנדערש פון אַ לעבעדיק געשטאַלט און זיין ליבלאַכקייט! אין

„מיט איין גוטן וויג, האָב איך אים אַריבערגעוואָרפן איבערן דעק.“

דערדראָזיקער פּאָזיציע האָב איך פון אים זייער לייכט געקאָנט פטור ווערן. אַזוי ווי כ׳בין שוין געווען צוגעוואוינט צו טראַגישע אוואַנטורעס, וועלכע האָבן בײַ מיר אַוועקגענומען יעדן שרעק פאַר טויטע. האָב איך אים אָנגענומען בײַ דער טאַליע, ווי ער וואָלט געווען אַ זאַק קליַיען, און מיט איין גוטן וויג, האָב איך אים אַריבערגעוואָרפן איבערן דעק.

ער איז אַרײַנגעפאַלן מיט אַ שטאַרקן פליוך. זײַן רויטע היטל איז אַראָפ און איז געבליבן שווימען אויף דער וואַסערפלאַך. ווען דער פליוך האָט זיך אײַנגעשטילט, האָב איך געזען ווי ער און איזראַעל זײַנען געלעגן איינער לעבן אַנדערן, און די ציטערנדיקע אויבערפלאַך האָט זיי צוגעגעבן אַ באַוועגנדיקן אויסזען. אַ׳ברייען, כאָטש נאָך אַ גאַנץ יונגער מאַן, האָט געהאַט אַ היפשן פליך. ער איז געלעגן מיט זײַן פליבעוואַטן קאָפ אויף די קני פון זײַן מערדער, און אײַלנדיקע פיש זײַנען אַרומגעשוואומען הין און צוריק איבער ביידע קערפערס.

כ׳בין איצט געווען איינער אַליין אויף דער שיף. דער שטראָם האָט איצט אָנגעהויבן אָפּצופאַלן. די זון האָט זיך שוין געזעצט און די שאָטנס פון די סאָסנעס אויפן מערב׳דיקן ברעג האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן איבערן אַנקערפּלאַץ און מאַכן אוזאָרן אויפן דעק. דער אָוונט ווינט האָט זיך אויפגעכאַפּט, און כאָטש דער באַרג מיט די צוויי שפּיצן האָט אים פאַרהאַלטן אויף מזרח זײַט, האָבן די שטריק־ווערק אָנגעהויבן צו זינגען שטילערהייט, און די זעגלען זיך צו שאָקלען הין און צוריק.

דאָס האָט נאָך געקאָנט שטעלן די שיף אין געפאַר. כ׳האָב דערפאַר שנעל אַרונטערגענומען די דריי־עק זעגלען און זיי אַרונטערגעוואָרפן אויפן דעק. דעם הויפּט־זעגל איז אָבער אָנגעקומען שווערלאַך אַרונטערצונעמען, וואָרים ווען דער שקונער האָט זיך איבערגעקערט, האָט זיך דער־קווערשטאַנג אַריבערגעשוואונגען איבערן דעק און זײַן שפּיץ און אַ צוויי־דריי פוס פונם זעגל זײַנען אַריבערגעהאַנגען אין וואַסער אַרײַן. דאָס האָב איך באַטראַכט פאַר נאָך געפערלאַכער, די שפּאַנונג איז אָבער געווען אַזוי שווער, אַז כ׳האָב זיך כמעט ניט געטרויט עפּעס צו טאָן. ענדלאַך האָב איך אַרויסגענומען מײַן מעסער און איבערגעשניטן די זעגל־שטריק. דער אויבערשטער טייל

פונם זעגל איז מאָמענטאַל אַראָפּגעפאַלן און איז געבליבן ליגן ווי אַן אָנגעבלאָזענער זאַק פון לייוונט, שווימענדיק אויפן וואַסער. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס כ'האָב געשלעפּט דעם אַרונטעריציער מיט אַלע כחות, האָב איך דאָך אים ניט געקאָנט רירן פון אָרט. דאָס איז דערפאַר געווען אַלץ וואָס כ'האָב געקאָנט אויפטאָן. אויף ווייטער וועט זיך די „היספּאַניאָלאַ" מוזן פאַרלאָזן אויף איר מזל, ווי איך אויף מיינעם.

איצט איז שוין דער גאַנצער אָנקערפּלאַץ געווען פאַרזונקען אין שאָטנס. כ'געדענק ווי די לעצטע שטראַלן זיינען געפאַלן דורך אַ ליידיקן שטח אינם וואַלד, און האָבן געשיינט ליכטיק ווי איידל־שטיינער אויפן בלומענמאַנטל פון דער חורבה. ס'האָט אָנגעהויבן צו ווערן קיל. דער שטראָם איז שנעל אַנטלאָפן צוריק אין ים אַריין, און דער שקונער האָט זיך אַלץ מער און מער אָנגעבויגן אויף אַ זייט.

כ'האָב אַריבערגעקלעטערט פון פאָרנט און האָב אַרונטערגע־קוקט. ס'וואַסער איז ניט געווען זייער טיף. אָנהאַלטנדיק זיך אין דעם אָפּגעשניטענעם אָנקערשטריק מיט ביידע הענט אַלס לעצטע פאַרזיכערונג, האָב איך זיך פאַמעלאַך אַרונטערגעלאָזט פונם דעק פון דער שיף. ס'וואַסער האָט קוים דערגרייכט ביזן גאַרטל. די זאַמד איז געווען פעסט און באַדעקט מיט שפּורן פון קרייזלענדיקע כוואַליעס. כ'האָב אַרויפגעבראָדזשעט אויפן ברעג זייער באַגייסטערט, איבערלאָזנדיק הינטער זיך די איבערגעקערטע „היספּאַניאָלאַ", מיט איר הויפּט־זעגל אויסגעשפּרייט איבער דער אויבערפלאַך פונם וואַ־סער. די זון איז איצט שוין געווען אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען, און ס'ווינטל האָט שטילערהייט געפייפט אין דער בין־השמשות שעה צווישן די זיך־שאָקלענדיקע סאָסנעס.

ענדלעך, בין איך וויניקסטנס געווען צוריק אויף דער יבשה, און בין ניט געקומען מיט ליידיקע הענט. דער שקונער איז ענדלעך געווען באַפרייט פון די בוקאַנירן, און גרייט אויפצונעמען אונדזערע אייגענע לייט, און ווידער אַרויסצופאָרן אויפן ים. קיין זאַך איז מיר ניט געווען אַזוי נאָנט צום האַרצן, ווי צו קומען צוריק אַהיים אין דער פעסטונג און זיך באַרימען מיט מיינע דערגרייכונגען. כ'וועל מסתמא אויסגעמוסר'ט ווערן פאַר מיין דעזערטירונג, אָבער די צוריקנעמונג פו דער פאַרכאַפּטער „היספּאַניאָלאַ" וועט זיין אַ

שלאנגדער ענטפער, און כ׳האב געהאפט אז אפילו קאפיטאן סמאלעט וועט מוזן צוגעבן אז כ׳האב ניט פארלוירן קיין צייט אומזיסט.

מיט דידאזיקע געדאנקען, און אין א געהויבענער שטימונג, האב איך זיך געלאזט גיין אהיים צו דער פעסטונג און צו מיינע חברים. כ׳האב זיך דערמאנט אז דער מזרח׳דיקסטער פון די טייכן, וועלכע פאלן אריין אין „קאפיטאן קידס אנקערפלאץ”, האט זיך אנגעהויבן פונם צוויי־שפיציקן בארג, לינקס, כ׳האב זיך דערפאר געלאזט גיין אין דערדאזיקער ריכטונג, כדי כ׳זאל קאנען אריבערגיין איבערן טייכל וואו ס׳איז נאך שמאל. דער וואלד איז געווען גאנץ שיטער, און האלטנדיק זיך לעבן די נידעריקע ביימלאך, האב איך זיך באלד פארקירעוועט ארום דעמדאזיקן בארג, און ניט לאנג דערנאך, האב איך אריבערגעבראדזשעט ביז די קני דורכן טייכל.

דאס האט מיך געבראכט נעגטער צום ארט וואו כ׳האב זיך אנגעטראפן מיטן „פארלאזטן” בען גאן. כ׳האב דערפאר גענומען גיין פארזיכטיקער, קוקנדיק אויפמערקזאם אויף ביידע זייטן. ס׳איז שוין געווען פולקאם פינצטער, און ווען כ׳האב דערזען די עפענונג צווישן די צוויי שפיצן, האב איך באמערקט א ציטערנדיקע רויט־קייט פינקלען קעגן הימל, וואו, לויט מיין אויסרעכענונג, דער אינ־זעלאנער האט געקאכט זיין וועטשערע לעבן א פלאקערנדיקן פייער. ס׳האט מיר אבער זייער געוואונדערט אויף אים, וואס ער איז געווען אזוי אומפארזיכטיק. אויב איך האב געקאנט זען דאסדאזיקע פייער, קאן עס דאך אויך דערגרייכן סילווערס אויגן, אין זיין זומפיקן לאגער באם ברעג?

בּיסלאכווייז איז די נאכט געווארן אלץ שווארצער און שווארצער. כ׳האב געמוזט קריכן אין דער פינצטער ווי ס׳האט זיך געמאכט, צו געפינען דעם וועג צו מיין ציל. דער צוויי־שפיציקער בארג הינטער מיר, און דער „שפאקטיוו” רעכטס, זיינען געווארן טונקעלער און אומדייטלאכער. ס׳זיינען געווען בלויז עטלאכע בלאסע שטערן אין הימל. אויפן נידעריקן באדן, וואו כ׳האב גע־וואנדערט, האב איך געהאלטן אין איין פאלן איבער קוסטעס, און אריינפאלן אין זאמדיקע גריבער.

פלוצלונג איז ארום מיר געפאלן א מאדנע מין ליכטיקייט און כ׳האב ארויפגעקוקט. א בלאסער שימער פון לבנה־שטראלן האט בא־

ליכטן דעם שפּיץ פונעם „שפּאַקטיוו“. באַלד נאָכדעם האָב איך דערזען אַ ברייטע זילבערנע העלקייט אַרונטערשטייגן הינטער דיביימער, און האָב פאַרשטאַנען אַז די לבנה איז אויפגעגאַנגען.

מיט דער הילף פונעם לבנה־ליכט בין איך שנעל אַריבער דעם איבעריקן טייל פון מיין וועג. גייענדיק און לויפנדיק, בין איך אומגעדולדיק צוגעקומען אַלץ נענטער און נענטער צו דער פעסטונג. אָבער ווען כ'בין אַריין אינם וועלדל וואָס ליגט פאַר איר, האָב איך זיך גענומען היטן. כ'האָב אָנגעהויבן צו גיין לאַנגזאַמער און פאָרזיכטיקער. ס'וואָלט געווען אַ מיאוס'ער סוף פון מיינע אוואַנטורעס, האָב איך געטראַכט, צו ווערן דערשאָסן על פּי טעות פון איינעם פון אונדזער אייגענער חברה.

די לבנה האָט זיך אויפגעהויבן אַלץ העכער און העכער. איר ליכט האָט אָנגעהויבן אַרונטערצופאַלן דאָ און דאָרט אין מאַסן דורך די אָפענע טיילן פונם וואַלד. אָבער פונקט פאַר מיר, האָב איך דערזען אַ שיין פון אַ גאַנץ אַנדער קאָליר צווישן די ביימער. זי איז געווען רויט און גליענדיק, און איז פון צייט צו צייט געוואָרן טונקעלער, ווי די האָלאָוועשקעס פון אַ טליענדיקן שייטער.

כ'האָב בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין וואָס דאָס קאָן זיין.

ענדלאַך בין איך צוגעקומען צום סאַמע ראַנד פונם וואַלד. די מזרח'דיקע זייט איז שוין געווען איינגעטונקען אין לבנה־ליכט. די אַנדערע זייטן און דאָס הויז זיינען נאָך אַלץ געלעגן אין אַ שוואַרצן שאָטן, דורכגעשטרייפט מיט לאַנגע, זילבערנע פאַסן ליכט. אויף דער אַנדערער זייט פונם הויז האָבן געטליעט די האָלאָוועשקעס פון אַ גרויסן אויסגעברענטן פייער, וואָס האָט געוואָרפן אַ שטענדיקן רויטן אָפּשיין, שאַפנדיק אַ שטאַרקן קאָנטראַסט קעגן דער מילדער בלאַסקייט פון דער לבנה. מ'האָט ניט געזען קיין לעבעדיקן נפש, און אַ חוץ דעם גערויש פונם ווינט, האָט מען ניט געהערט קיין שאָרך.

כ'בין געבליבן שטיין פאַרוואונדערט און אפשר אויך אַ ביסל דערשראָקן: אונדזעריקע האָבן זיך ניט נוהג געווען צו צעלייגן גרויסע שייטערהויפנס. פאַרקערט, מיר האָבן, לויטן קאַפּיטאַנס פאַראָרדנונגען, נאָך אַביסל געקאַרגט אונדזער ברענהאָלץ. כ'האָב זיך דערפאַר

גענומען שרעקן, אז ס׳האט דא אין מיין אפוועזנהייט געמוזט געשען אן אומגליק.

האלטנדיק זיך אינם שאטן, האב איך זיך פאר׳גנב׳עט ארום דער מזרח זייט, און אויף א באקוועמען ארט, וואו די פינצטערניש איז געווען זייער געדיכט, בין איך אריבערגעקראכן איבערן פארקן.

כדי צו זיין נאך זיכערער, בין איך אן א שארך צוגעקראכן ביז צום הויז אויף אלע פיר. וואס נענטער כ׳בין צוגעקומען, אלץ גרינגער איז מיר געווארן אויפן הארצן. דער גערויש, וואס כ׳האב דערהערט, איז אן און פאר זיך ניט קיין אנגענעמער, און כ׳האב זיך אפט פריער אויף אים באקלאגט, אבער דעמאלט האט מיר געקלונגען ווי מוזיק צו מיינע אויערן צו הערן ווי מיינע פריינט האבן אלע אינאיינעם הויך און פרידלאך געכראפעט אין זייער שלאף. דער ים־רוף פון דער וואך, דער וואונדערלאכער „אלץ איז אין ארדנונג!״ האט מיר קיינמאל ניט געקלונגען בארואיקנדיקער אין די אויערן.

דערווייל איז אבער ניט געווען קיין צווייפל אין איין זאך: זיי האבן געהאלטן א שוידערלאכע וואך. ווען סילווער מיט זיינע יונגען וואלטן זיך עם איצט אזוי צו זיי אונטערגע׳גנב׳עט, וואלט דאך קיינער פון זיי ניט דערלעבט צו זען דעם פרימארגן. אט ווי ס׳גייט צו, האב איך געטראכט, ווען דער קאפיטאן איז פאר־וואונדעט. כ׳האב זיך ווידער גענומען אפעסן ס׳הארץ דערפאר וואס כ׳האב זיי איבערגעלאזט אין אזא געפערלאכער לאגע, מיט אזוי ווייניק מענטשן צו האלטן די וואך.

צוקומענדיק צו דער טיר, האב איך זיך אויפגעהויבן. אינווייניק איז געווען פינצטער, און כ׳האב גארניט ניט געקאנט באמערקן. כ׳האב בלויז געקאנט הערן דעם שטענדיקן זשום פון די שלאפערס און, פון צייט צו צייט, א גערויש ווי פון פלאטערן אדער פיקן, וואס כ׳האב זיך בשום אופן ניט געקאנט דערקלערן.

מיט די וואפן פארויס, בין איך שטילערהייט אריינגעגאנגען. כ׳וועל זיך אנידערלייגן אויף מיין פלאץ, האב איך געטראכט מיט א געלעכטערל, און וועל הנאה האבן פון זייערע פנים׳ער, ווען זיי וועלן מיך אינדערפרי געפינען.

כ׳האב זיך אנגעשלאגן מיטן פוס אין עפעס א רירנדיקע

זאַך, — ס'איז געווען אַ שלאָפערס פּוס. ער האָט זיך איבערגע־דרייט, געגעבן אַ קרעכץ, אָבער האָט זיך ניט אויפגעכאַפּט.

מיטאַמאָל האָט זיך אין דער פינצטערניש דערהערט אַ גרילצנ־דיקע שטים.

— גאָלדענע רענדלאַך! גאָלדענע רענדלאַך! גאָלדענע רענד־לאַך! גאָלדענע רענדלאַך! — און אַזוי ווײַ־טער, און אָן אויפהער, אָן אָן אָפּהאַלט, ווי דאָס קלאַפּן פון אַ קליינער מיל.

סילווערס גרינער פּאַפּוגאַי! אים האָב איך עס געהערט פּיקן אַ שטיקל קאָרע. ער האָט עס געהאַלטן די וואַך בעסער פון אַ מענטשן, און האָט אַזוי איצט אָנגעזאָגט מײַן אָנקום מיט זײַן איבער־דריסיקן געשריי.

כ'האָב ניט געהאַט קיין צייט צו קומען צו זיך. דערהערנדיק דעם שאַרפן, שניידנדיקן טאָן פונם פּאַפּוגאַי, האָבן זיך די שלאָפערס אויפגעכאַפּט און זיינען אויפגעשפּרונגען. מיט אַ געפערלאַכער קללה האָט סילווערס שטים אויסגעשריען:

— ווער אי' דאָרט?

כ'האָב זיך געלאָזט לויפן. זיך האַסטיק אָנגעשלאָגן אויף איינעם, בין צוריקגעשפּרונגען, און אַריין אין די אָרעמס פון אַ צווייטן, וועלכער האָט מיך אַרומגעכאַפּט און מיך שטאַרק צוגע־האַלטן.

— ברענג אַהער דעם שטורקאַץ, דיק! — האָט סילווער אויס־גערופן, ווען מײַן געפאַנגענשאַפט איז געווען געזיכערט.

איינער פון דער חברה איז אַרויס פונם הויז, און איז באַלד אַרײַנגעקומען צוריק מיט אַן אָנגעצונדענער האַלאַוועשקע.

װעקסטער טײל

קאַפּיטאַן סילװער

אכט־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

אינם שונא׳ס לאַגער

באַ דער רויטער שיין פונם שטורקאַץ, האָב איך אין הויז דערזען די ערגסטע פון מיינע פאַרשטעלונגען פאַרווירקלאַכט. די פּיראַטן זיינען איצט געווען די באַלעבאַטים פונם הויז און פון די פּראָוויאַנטן. ס׳פּעסל קאָניאַק, ס׳חזיר־פלייש, און ס׳ברויט זיינען דאָ אַלע געווען ווי פריער, אָבער, און דאָס האָט צענפאַך פאַרגרעסערט מיין שרעק, מ׳האָט ניט געזען קיין שפּור פון אַ געפאַנגענעם! כ׳האָב געמוזט אָננעמען, אַז אַלע זיינען אומגעקומען, און מיין געוויסן האָט מיך שטאַרק געפּלאָגט, פאַרוואָס כ׳בין דאָ אויך ניט געווען צו שטאַרבן גלייך מיט אַלעמען.

ס׳זיינען אינגאַנצן געווען ניט מער פון זעקס בוקאַנירן, אַרום און אַרום. ס׳איז ניט געבליבן לעבן אפילו איינער מער. פינף זיי־נען געווען אויף די פיס, אויפגערעגט און אָנגעבלאָזן, פלוצלונג אויפגעוועקטע פונם ערשטן שלאָף פון שיכרות. דער זעקסטער האָט זיך בלויז אויפגעהויבן און אָנגעשפּאַרט אויף אַן עלנבויגן. ער איז געווען טויט־בלייך, און די פאַרבלוטיקטע באַנדאַזשע אַרום זיין קאָפּ האָט עדות געזאָגט אַז ער איז ניט לאַנג צוריק געוואָרן פאַרוואונדעט. און איז נאָר וואָס פאַרבאַנדאַזשירט געוואָרן. כ׳האָב זיך דערמאָנט אין דעם מאַן, וועלכער איז אַ געשאָסענער אַנטלאָפן צוריק אין וואַלד אַריין אין דער צייט פון דער אַטאַקע, און כ׳האָב ניט גע־צווייפלט אַז דאָס מוז ער עס זיין.

דער פּאַפּוגאַי איז געזעסן אויפן „לאַנגן דזשאָנס“ אַקסל און האָט זיך געפּוצט די פעדערן. דזשאָן אַליין, דוכט מיר, האָט אויך אויסגעזען אַ ביסל בלאַסער און שטרענגער ווי געוויינטלאַך. ער האָט נאָך אַלץ געטראָגן דעם פיינעם געוואַנטענעם אַנצוג, וואָס ער האָט געטראָגן ווען ער איז געקומען מיט זיין שלום־מיסיע, און וואָס איז שוין איצט געווען געפערלאַך אָפּגעטראָגן, אויסגעשמירט מיט ליים, און צעריסן דורך די שאַרפע דערנער פונם וואַלד.

— זע נאָר, ס׳איז דזשים האָקינס! — מאַכט ער, — צו אַלדי

רוחות! ארייננעכאפט זיך, הא? נו, זעסטו, דאס איז זייער פיין פון דיין זייט!

און באלד נאכדעם האט ער זיך אנידערגעזעצט אויף דער פאס בראנפן און זיך גענומען אנפילן זיין ליולקע.

— דערלאנג מיר דעם שטורקאץ, דיק, — האט ער געזאגט, און ווען ער האט פארויכערט, האט ער צוגעגעבן, — ס'עט זיין גענוג, בחור, — איצט שטעק ארייין דעם האלץ אין דער קופע, און איר, מיינע הערן, לייגט זיך צוריק! איר דארפט ניט שטיין פאר מיסטער האקינסן, כ'פארזיכער אייך, אז ער'ט אייך אנטשולדיקן. הייסט עס, דזשים, — ער האט טיפער ארייננעשטאפט דעם טאבאק, — אט ביסטו ווידער דא, און האסט דעם ארימען אלטן דזשאן גאנץ אנגענעם איבעראשט. אז דו ביסט א דורכגעטריבענער יונג, האב איך איינגעזען פון סאמע אנהויב אן, אבער ס'איצטיקע שטיקל איבערשטייגט אלע מיינע דערווארטונגען.

ווי מ'קאן זיך לייכט פארשטעלן, האב איך אויף דעם אלעם גארניט ניט געענטפערט. זיי האבן מיך אוועקגעשטעלט מיטן רוקן צו דער וואנט, און כ'בין געשטאנען, קוקנדיק סילווערן גלייך אין פנים ארייין. כ'האף אז אויסערלאך האב איך אויסגעזען מוטיק, אין הארצן האט מיר אבער גענאגט א שווארצע פארצווייפלונג.

סילווער האט זייער געלאסן געגעבן עטלאכע צי פון זיין ליולקע, און ווידער גענומען רעדן.

— נו, דזשים, אזוי ווי דו ביסט שוין דא, 'על איך דיר אויסזאגן א סוד. כ'האב דיך אלעמאל ליב געהאט, האב איך, פאר דיין מוטיקייט. ביסט ווי א בילד פון מיר אליין, ווען איך בין נאך געווען יונג און שיין. כ'האב אלעמאל געוואלט אז דו זאלסט זיך איין אונדז אנשליסן, קריגן דיין חלק, און אויסלעבן די יארן ווי א דזשענטלמאן, און איצט, מיין הענדל, מוזטו'ס טאן. קאפיטאן סמאלעט איז אן אויסגעצייכנטער ים־פארער, כ'בין עס אלעמאל גרייט צוצוגעבן, אבער ער איז צו שטרענג אויף דער דיסציפלין. „פליכט איז פליכט", זאגט ער, און ער איז גערעכט אויך. פאלג־זשע מיך, און האלט זיך פונדערווייטנס פונם קאפיטאן. אפילו דער דאקטאר איז געפערלאך אויפגעקאכט אויף דיר. „אומדאנקבארער קערל", האט ער דיך גערופן. קורץ גערעדט, די זאך

האַלט איצט אַזוי: צו דיין חברה קאָנסטו איצט ניט צוריקגיין, וואָרים זיי וועלן דיך ניט צונעמען. און אויב דו ווילסט ניט גרינגדן פאַר זיך אַ דריטע שיפֿ־קאָמפּאַניע, וואָרים ס'עט דיר זיין גאַנץ אומעטיק איינער אַליין, 'עסטו זיך מוזן אָנשליסן אין קאַפּיטאַן סילווערס.

דערוויַיל, טראַכט איך מיר, האַלט'ס נאָך ניש'קשה. מיינע פריינט, הייסט עס, לעבן נאָך. און כאָטש כ'האָב טיילוויַיז געגלויבט סילווערס באַהויפּטונג, אַז מיינע פריינט זיינען אויף מיר געווען אויפגעבראַכט פאַר מיין דעזערטירונג, בין איך אָבער פון דערדאַ־זיקער ניים געוואָרן מער באַרואיקט ווי פאַרצווייפלט.

— כ'רעד שוין ניט דערפון וואָס דו ביסט איצט אין אונדזערע הענט, — האָט סילווער פאָרגעזעצט, — און קאָנסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן. כ'בין אָבער אַלעמאָל גרייט זיך דורכצורייִדן, וואָרים פון סטראַשונקעס איז נאָך קיינמאָל קיין גוטס ניט אַרויסגעקומען. אויב מיין פאָרשלאָג געפעלט דיר, נו, 'עסטו זיך אָנשליסן, און אויב ניט, דזשים, ביסטו פריי צו זאָגן אַז ניט. פריי און אָפן, ברודערל! און אויב דאָס איז ניט גענוג פריינטלאַך, טאָ זאָל אַ רוח אין דער וועלטס טאַטנס טאַטן אַריין!

— מוז איך, הייסט עס, ענטפערן? — האָב איך געפרעגט מיט אַ ציטערנדיקער שטים. אין פאַרלויף פון דעמדאָזיקן אָפּשפּאָטנדיקן געשפרעך, האָב איך געפילט ווי די דראָאונג פון טויט שוועבט איבער מיר. ס'פּנים האָט מיר געברענט, און ס'האַרץ האָט מיר געפּערלאַך געציטערט אין דער ברוסט.

— קיינער יאָגט דיר ניט אין קאַרק, בחור'ל, — האָט סילווער געזאָגט, — באַרעכן זיך. קיינער 'עט דיר ניט יאָגן, חבר'ל. ס'פאַרברענגט זיך אַזוי אָנגענעם אין דיין געזעלשאַפט, מיין פריינט.

— נו, — מאַך איך צו אים, ווערנדיק אַ ביסל מוטיקער, — אויב כ'מוז אויסקלייבן, מוז איך אייך זאָגן, אַז כ'בין באַרעכטיקט צו וויסן וואָס ס'קומט דאָ פאָר: פאַרוואָס איר זיינט איצט דאָ, און וואו מיינע פריינט זיינען.

— וואָס ס'קומט דאָ פאָר? — האָט איינער מיט גרויס כעס אַרויסגעוואָרטשעט, — אָ, ער'ט דאַנקען גאָט אַז ער'ט'ס וויסן!

— סט'אפשר צומאַכן דעם פּיסק, דו, און רעדן ווען מ'עט

דיך פרעגן, מיין פריינט, — האָט סילווער אויסגעשריען צו דעמ־דאָזיקן רעדנער. און דאָן, אין זיין פריערדיקן פריינטלאַכן טאָן, האָט ער מיר געענטפערט: — נעכטן אינדערפרי, מיסטער האָקינס, — מאַכט ער, — אין דער צייט פון דער הונט־וואַך, איז דאָקטאָר ליוזי ארונטערגעקומען מיט אַ שלום־פאָן. „קאַפּיטאַן סילווער", זאָגט ער, „איר קאָנט שוין איינפּאַקן, די שיף איז ניטאָ". נו, מיר האָבן אפשר געכאַפּט אַן איבעריק גלעזל, און צוגעזונגען אַ לידל דערביי, כ'זאָג ניט אַז ניין, דער אמת איז אָבער אַז קיינער פון אונדז האָט ניט אַכטונג געגעבן. מיר גיבן אַ קוק, — צום טייוול! די אַלטע שיף איז טאַקע ניטאָ. נו, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, כ'האָב נאָך אויף מיין לעבסטאָג ניט געזען אַ באַנדע טיפּשים אויסזען נארישער פון זיי, בפרט נאָך, איך בין זיך פאַר דיר מודה, אַז איך האָב אויסגעזען נאַרישער פון אַלעמען. „נו", מאַכט דער דאָקטאָר, „לאָמיר קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג". האָבן מיר זיך אויסגעדונגען, איך מיט אים. און אָט זיינען מיר איצט דאָ מיט אַלץ מיט אַנאַנדער: פּראָוויאַנט, בראַנפן, ס'הויז, ס'ברענהאָלץ וואָס איר האָט אַזוי פאַרזיכטיק אָנ־געהאַקט, און, אַזוי צו זאָגן, מיט דער גאַנצער ליבער שיף פון אויוון ביז אַרונטער. זיי ווידער, זיינען אַוועק, און כ'ווייס ניט וואו זיי זיינען.

ער האָט ווידער גענומען רואיק רויכערן די ליולקע.

— און אויב ס'קאָן דיר אפשר איינפאַלן, — האָט ער פאַר־געזעצט, — אַז דו ביסט אויך איינגעשלאָסן אין דעמדאָזיקן אָפּ־מאַך, הער־זשע די לעצטע ווערטער פון אונדזער געשפּרעך: זאָל־בעוויפלט זיינט איר צו פאַרלאָזן? פרעג איך אים. „פיר", מאַכט ער, „פיר, און איינער איז פאַרוואונדעט. וואָס איז שייך דעם אינגל, ווייס איך ניט וואו ער איז, געהאַנגען זאָל ער ווערן", מאַכט ער. „און ס'גייט אונדז ניט אָן אויך, מיר זיינען שוין מיד פון אים". דאָס זיינען זיינע לעצטע ווערטער.

— איז דאָס אַלץ? — האָב איך געפרעגט.

— דאָס איז אַלץ וואָס דו וועסט הערן, מיין זון, — האָט סילווער געענטפערט.

— און איצט, הייסט עס, דאַרף איך אויסקלייבן?

— יאָ, און איצט דאַרפסטו אויסקלייבן, און מעגסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן, — האָט סילווער געזאָגט.

— נו, — זאָג איך, — כ'בין ניט אזא נאַר, ניט צו וויסן וואָס כ'האָב דאָ צו דערוואַרטן. זאָל קומען וואָס עס וויל, מיך אַרט ניט גאָרניט. כ'האָב שוין געזען צופיל מענטשן שטאַרבן, זינט כ'בין צווישן אייך אַריינגעפאַלן. כ'וויל אייך אָבער זאָגן עטלאַכע זאַכן. — האָב איך זיך אָנגערופן, און בין שוין איצט געווען זייער אויפגערעגט. — אָט זיינט איר איצט אויף גרויסע צרות: די שיף איז פאַרלוירן, דער אוצר פאַרלוירן, מענטשן פאַרלוירן, מיט איין וואָרט, אייער גאַנצע אונטערנעמונג איז געגאַנגען צו גרונט. און ווער מיינט איר האָט'ס אָפּגעטאָן? איך! איך בין עס געזעסן אין דער עפּל־פאַס יענעם אויפדערנאַכט ווען מיר האָבן דערזען לאַנד, און האָב געהערט ווי איר, דזשאָן, און איר, דיק דזשאָנסאָן, און האַנדס, וועלכער ליגט שוין איצט אויפן אָפּגרונט פון ים, האָט גערעדט, און האָב אָפּדערציילט אַלע אייערע רייד נאָך אין דערזעלבער שעה. וואָס איז שייך דעם שקונער, זאָג איך אייך, אַז איך האָב עס איבערגעשניטן דעם אַנקערשטריק, און איך האָב עס דער'הרג'עט די לייט וואָס איר האָט אויף אים איבערגעלאָזט, און האָב אים אַריבערגעפירט אויף אַן אָרט, וואו איר'ט אים קיינמאָל ניט געפינען, קיינער פון אייך. כ'לאַך זיך אויס פון אייך. כ'האָב אייך פון אָנהייב אָן געהאַט אין מיינע הענט, און כ'האָב פאַר אייך ניט מער מורא ווי פאַר אַ פליג. דער'הרג'עט מיך, אויב איר ווילט, אָדער לאָזט מיך לעבן, כ'על אייך אָבער זאָגן נאָך איין זאַך, און מער גאָרניט: אויב איר'ט מיך לאָזן לעבן, 'על איך פאַרגעסן אַלץ וואָס ס'איז ביז איצט געשען, און ווען איר'ט געבראַכט ווערן אין געריכט פאַר ים־רויבעריי, 'על איך זיך פאַר אייך איינשטעלן ווי ווייט כ'על קאָנען. קלויבט איר איצט אויס: דער'הרג'עט נאָך איינעם, און ס'עט אייך פון דעם קיין גוטס ניט אַרויסקומען, אָדער לאָזט מיך לעבן, און האַלט מיך פאַר אַן עדות וואָס זאָל אייך ראַטעווען פון דער תליה.

כ'בין געבליבן שטיל, וואָרים ס'האָט מיר אויסגעפעלט אָטעם. צו מיין גרויס איבעראַשונג, האָט זיך קיין איינער פון זיי ניט גערירט פון אָרט. זיי זיינען אַלע געזעסן און געקוקט אויף מיר ווי שעפּסן.

ווי זיי האָבן מיך אַזוי באַטראַכט, האָב איך זיך ווידער צעלאַזט און געזאָגט:

— און איצט, מיסטער סילווער, — מאַך איך צו אים, — כ׳גלויב אַז איר זיינט דאָ דער בעסטער, וויל איך אייך בעטן, אַז אויב מיט מיר וועט עפּעס געשעהן, זאָלט איר זיין אַזוי גוט און איבערגעבן דעם דאָקטאָר ווי אַזוי כ׳האָב זיך אויפגעפירט.

— כ׳על עס נעמען אין אַנבאַטראַכט, — האָט סילווער געזאָגט, מיט אַזאַ מאָדנער באַטאָנונג, אַז כ׳האָב בשום אופן ניט געקאָנט וויסן צי ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון מיין באַגער, צי ער איז גינסטיק באַווירקט געוואָרן פון מיין מוט.

— און ווייסט איר וואָס כ׳על אייך דערציילן ?— האָט אויסגערופן דער מאַטראָז מיטן מאַהאָגאַני־קאָלירטן פּנים, מאָרגאַן האָט ער געהייסן, וועלכן כ׳האָב געזען אין דעם „לאַנגן דזשאָנס" שענק אויפן בריסטאָלער האַפן, — ווייסט איר וואָס כ׳על אייך דערציילן, ער איז׳ם דער יעניקער וואָס האָט דערקענט דעם „שוואַרצן הונט".

— נו, און איכ׳ל אייך דערציילן נאָך אַ זאַך, צום טייוול! — האָט צוגעגעבן דער אַלטער שיף־קוכער, — דערזעלביקער יאָט האָט עס אויסגענאַרט די מאַפּע בא בילי באָנסן. פון אָנהייב אָן האָט אונדז דזשים האָקינס אונטערגעשטעלט אַ פיסל.

— טאָ זאָל ער גיין! — האָט מאָרגאַן אויסגעשריען מיט אַ קללה, און איז מיט דער פלינקייט פון אַ צוואַנציקיאָריקן אויפגעשפּרונגען, אַרויסציענדיק זיין מעסער.

— הער אויף! — האָט סילווער אויסגעשריען. — ווער ביסטו, טאָם מאָרגאַן? מיינסט אפשר אַז דו ביסט עס דער קאַפּיטאַן דאָ, פּילייכט? צו אַלדי רוחות! איכ׳ל דיר ווייזן ווער עלטער איז. שטעלסטו זיך קעגן מיר, און דו גייסט אַהין, וואוהין אַ סך גוטע לייט פאַר דיר זיינען דורך די לעצטע דרייסיק יאָר שוין אוועק: אייניקע אויפן זעגל־שטאַנג, אַ קלאָג צו זיי! אייניקע איבערן ברעט, און אַלע צו שפּייזן די פיש. מיר האָט נאָך קיינער ניט אַריינגעקוקט אין די אויגן, און נאָכדעם געהאַט אַ גוטע מינוט. מעגסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן, טאָם מאָרגאַן!

מאָרגאַן איז געבליבן שטיין. אָבער ס׳האָט זיך דערהערט אַ הייזעריקער געמורמל צווישן די איבעריקע.

— טאָם איז גערעכט, — האָט זיך אָנגערופן איינער.

— כ׳האָב זיך שוין געגוג אָנגעליטן פון איינעם, — האָט אַ צווייטער צוגעגעבן, — זאָל איך שוין אָנלייגן מיטן קאָפּ, אויב איכ׳ל זיך לאָזן פירן פון אייך בא דער נאָז, דזשאָן סילווער.

— ווער פון אייך וויל זיך מיט מיר פאַרהערן? — האָט סילווער אויסגערעוועט, אָנבויגנדיק זיך פאָרויס פון זיין זיץ אויפן פעסל, נאָך אַלץ האַלטנדיק זיין רויכערנדיקע ליולקע אין דער רעכטער האַנט. — זאָגט וואָס איר ווילט! כ׳רעכן אַז איר זיינט ניט שטום! ווער ס׳וויל עפּעס האָבן, דער׳ט קריגן זיינס. האָב איך אָפּגעלעבט אַזוי פיל יאָרן אַז אַ ראָם־פּאָס העלד זאָל מיר שפּרינגען אין פּנים אריין? האָ? נו, איר ווייסט דאָך ווי אַזוי, איר זיינט דאָך אַלע, זאָגט איר, „ריטער פון צופאַל”! איך בין גרייט. זאָל דער וואָס וואָגט, נעמען אַ שווערד, און כ׳על, כאָטש מיט אַ קוליע, זען דעם קאָליר פון זיינע געדערים, נאָך איידער די ליולקע ט׳אויסגיין!

קיינער האָט זיך ניט גערירט. קיין איינער האָט ניט געענטפערט.

— אָט וואָסער אַ מאַכערס איר זיינט, אַזוי! — האָט ער צוגעגעבן, אַריינעמענדיק די ליולקע צוריק אין מויל. — נו איר זיינט אַ פיינע כאָפּטע אָנצוקוקן אייך, מ׳קאָן ניט זאָגן. אַלזאָ, כ׳זע שוין אַז קיין גרויסע העלדן אויף צו שלאָגן זיך זיינט איר ניט. אָבער אפשר ט׳איר פאַרשטיין מאַמע־לשון, אפשר ט׳איר פאַרשטיין קעניג דזשאָרדזשעס ענגליש. הערט־זשע מיך אוים: איך בין דאָ דער קאַפּיטאַן, מיט׳ן רעכט פון אייער אייגענעם אויסוואַל. איך בין דאָ דער קאַפּיטאַן, ווייל איך בין אויף אַ לאַנגער ים־מייל ווייט דער בעסטער צווישן אייך. אויב איר ווילט זיך ניט שלאָגן, ווי ס׳פּאַסט זיך פאַר „ריטער פון צופאַל”, דאַן, צו אַלדי שוואַרצע יאַר, מוזט איר פאָלגן. איך פאַרזיכער אייך! כ׳האָב ליב דעמדאָזיקן יאַט. כ׳האָב נאָך אַזאַ בחור׳ל ווי ער ניט באַגעגנט. ער איז מער מאַן פון וועלכע ס׳איז צוויי פון אייעריקע ראַצן דאָ אין הויז איר ווילט אַליין. וואָס איך וויל אייך זאָגן איז אָט וואָס: כ׳וויל זען ווער ס׳עט וואָגן אַרויפצולייגן אויף אים אַ האַנט, אָט וואָס, און איר מעגט זיך אויף מיר פאַרלאָזן!

ס'האָט נאָכגעפאָלגט אַ לאַנגע פּויזע. כ'בין געשטאַנען אויס־געצויגן לעבן דער וואַנט, און ס'האַרץ האָט מיר געקלאַפּט ווי אַ שמיד־האַמער, כ'האָב אָבער געזען אויפלייכטן אַ שטראַל פון האָפ־נונג. סילווער האָט זיך צוריק אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, פאַר־לייגט די הענט, געהאַלטן די ליולקע אין אַ ווינקל פונעם מויל, און איז געזעסן רואיק ווי ער וואָלט געווען אין קלויסטער. ער האָט אָבער געוואָרפן גנב'ישע בליקן אויף אַלע זייטן, און ניט אָפּגעלאָזט קיין איינעם פון זיינע ווידערשפּעניקנדיקע נאָכפאָלגער פונעם אויג. זיי ווידער, פון זייער זייט, האָבן זיך אייניציקווייז צונויפגעקליבן אינם הינטערשטן ווינקל פונעם הויז, און די שטילע שושקעריי פון זייער סוד'ען זיך האָט אומאויפהערלאַך געקלונגען אין מיינע אויערן, ווי דער גערויש פון אַ טייכל. איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיי אַלע ווײַלע געכאַפּט אַ קוק אין אונדזער זייט, און די רויטע שיין פונעם שטורקאַץ, פלעגט אויף אַ סעקונדע פאַלן אויף זייערע אויפ־גערעגטע צורות. אָבער ניט מיך, נאָר סילווערן האָבן זיי עס אַלעמאָל באַטראַכט.

— איר האָט, ווייזט אויס, אַ סך צו זאָגן, — האָט סילווער באַמערקט, אַ שפּיי־געבנדיק הויך אין דער לופט אַריין. — נו, אַרויס מיט לשון, און לאָמיך הערן וואָס, אַניט, ווערט פאַרשטומט, צו אַלדי רוחות!

— אַנ־טשולדיקט, ביטע, הער, — האָט זיך אָנגערופן איינער פון דער חברה, — איר זיינט גאַנץ מילד מיט אַ טייל פון די גע־זעצן, אפשר ט'איר זיין אַזוי גוט און אָפּהיטן די אַנדערע אויך? דידאָזיקע מאַנשאַפט איז אומצופרידן. דידאָזיקע מאַנשאַפט וויל זיך ניט לאָזן שטענדיק פירן בא דער נאָז. דידאָזיקע מאַנשאַפט האָט געוויסע רעכט פונקט ווי אַנדערע מאַנשאַפטן, דערלויבט מיר אייך צו זאָגן. לויט אייערע אייגענע געזעצן, רעכן איך, אַז מיר האָבן אַ רעכט זיך דורכצורעדן. אַנ־טשולדיקט, מיין הער! איך אָנערקען אַז איר זיינט נאָך איצט דערוויילע דער קאַפּיטאַן, אָבער איך באַשטיי אויף מיינע רעכט, און מירן איצט אַרויסגיין אָפּצוהאַלטן אַ באַראַ־טונג.

מיט אַ זייער וואַזשנע און פאָרזיכטיקן ים־סאַלוט איז דערדאָ־זיקער בחור, אַ לאַנגער, מיאוס'ער, געל־אויגיקער מאַן פון אַרום אַ יאָר

פינף־און־דרייסיק, צוגעגאנגען קאלטבלוטיק צו דער טיר און איז ארויס פון הויז. די איבעריקע האבן איינער נאכן אנדערן נאכגעטאן זיין ביישפיל. יעדער איינער האט פארבייגייענדיק סאלוטירט, און צוגעגעבן עפעס אנ׳אנדער אנטשולדיקונג. — געזעץ איז געזעץ! — האט איינער געזאגט. — פאדערשיף ראט! — האט געזאגט מארגאן. און אזוי, מיט פארשיידענע באמערקונגען, האבן זיי אלע ארויסגעמארשירט, און איבערגעלאזט סילווערן און מיך אליין מיטן שטורקאץ.

דער שיף־קוכער האט גלייך ארויסגענומען די ליולקע.

— הער זיך איין, דזשים האקינס, — האט ער געזאגט, אזוי שטיל אז מ׳האט אים קוים געקאנט הערן, — דו ביסט איצט א האר פון טויט, און, וואס איז ערגער נאך דערפון, אפשר נאך פון פייניקונג. זיי׳לן מיך איצט אראפּוואַרפן, אבער כ׳זאג דיר צו, אז כ׳על גיין פאר דיר אין פייער און אין וואסער, און זיך איינשטעלן פאר דיר. כ׳האב עס ניט גערעכנט צו טאן, ניין, ביז דו האסט ניט געהאלטן דיין רעדע. כ׳בין שוין געווען גרייט צו פארלירן די מזומנים, און נאך ווערן געהאנגען דערצו, אבער זעענדיק אז דו ביסט אן אמת׳ער יאט, האב איך צו זיך אזוי געזאגט: דו האלט מיט האקינסן, דזשאן, און האקינס וועט האלטן מיט דיר. דו ביסט זיין לעצטער קאזיר, דזשאן, און ער, דזשאן, איז דיינער, צו אלדי רוחות! האנט אין האנט, זאג איך. דו ראטעווע זיך אן עדות, און ער׳ט דיר ראטעווען דעם האלדז.

כ׳האב ביסלאכווייז אנגעהויבן צו פארשטיין.

— מיינט איר צו זאגן אז אלץ איז פארלוירן? — האב איך געפרעגט.

— יא, צו אלדי רוחות! כ׳רעכן אז יא, — האט ער געענטפערט. —די שיף פארלוירן, דעם האלדז פארלוירן! אט ווי ס׳האלט אין דער וועלט. גלייך ווי כ׳האב א קוק געגעבן אויפן אנקערפלאץ, דזשים האקינס, און דארט ניט געזען דעם שקונער, נו, וואס זאל איך דיר זאגן, כ׳בין דאך עפעס א דורכגעזאלצענער עקשן, אבער דא האב איך געמוזט אויפגעבן. וואס איז שייך דער חברה און זייער באראטונג, זאג איך דיר אז זיי זיינען א כאפטע פולשטענדיקע טיפשים און פייגלינגע. כ׳על טאן אלץ וואס כ׳על קאנען ארויסצו־

ראַטעווען דיך פון זייערע הענט ,אָבער, פאַרגעס נאָר דו ניט, דזשים, אַ פּאַטש פאַר אַ פּאַטש, דו ראַטעווע דעם "לאַנגן דזשאָן" פון דער תליה!

כ'בין געוואָרן דערשטוינט. ער, דער אַלטער בוקאַניר, דער רעדלפירער פון אָנהייב אָן, ער האָט זיך באַ מיר געבעטן איך זאָל פון זיינעטוועגן טאָן אַזאַ האָפנונגסלאָזע זאַך.

— כ'על טאָן אַלץ וואָס איז מעגלאַך, — האָב איך געזאָגט.

— צוגעשלאָגן! — האָט דער "לאַנגער דזשאָן" אויסגערופן —דו רעדסט ווי אַ מאַן, צום טייוול! און כ'האָב נאָך, הייסט עס אַ געלעגנהייט.

ער האָט צוגעהינקט צום שטורקאַץ, וואָס איז געווען אַריינגעשטעקט אין דער קופּע האָלץ, און האָט אויפסניי פאַרויכערט די ליולקע.

— פאַרשטיי מיך, דזשים, — האָט ער זיך אָנגערופן צוקומענדיק צוריק, — כ'האָב אַ קאָפּ אויף מיינע אַקסל, האָב איך. כ'בין איצט אויפן סקווייערס זייט. כ'ווייס אַז דו האָסט ערגיץ באַהאַלטן די שיף. ווי אַזוי דו האָסט עס געטאָן, ווייס איך ניט, אָבער די שיף איז אויף אַ זיכער אָרט. כ'רעכן אַז האַנדס און אָ'ברייען האָבן זיך מסתמא געלאָזט איבערריידן. כ'האָב קיינמאָל ניט געגלייבט אויף זיי קיין גרויס געוויכט, אויף קיינעם פון זיי. הער־זשע וואָס מ'רעדט צו דיר, איך פרעג באַ דיר ניט קיינע קשיה'ס, און כ'וויל ניט אַז מ'זאָל מיר פרעגן, אָט וואָס. כ'ווייס ווען אַ שפּיל איז פאַרלוירן, ווייס איך, און דערקען אַ יאַט אויף וועלכן מ'קאָן זיך פאַרלאָזן. עך, דו ביסט יונג, דזשים, און מירביידע וואָלטן געקאָנט איבערקערן וועלטן, איך און דו!

ער האָט אָנגעצאַפּט אַ ביסל קאָניאַק פונם פעסל אין אַ בלעכענעם בעכער אַריין.

— ווילסט פאַרזוכן אַ קאַפּעטשקע, חבר? — האָט ער געפרעגט. און ווען כ'האָב זיך אַנטזאָגט, — נו, 'על איך אַליין כאַפּן אַ זופּ, דזשים, — מאַכט ער — כ'מוז זיך אונטערגאַרטלען, מיר שטייען פאַר אַ צרה. און ריידנדיק וועגן צרות, קאָנסטו מיר ניט זאָגן, דזשים, פאַרוואָס דער דאָקטאָר האָט מיר אָוועקגעגעבן די מאַפּע?

מיין פנים האָט מסתמא געמוזט אויסדריקן אַזאַ נאַטירלאַכע פאַרוואונדערונג, אַז ער האָט באַלד איינגעזען ווי נוצלאָז ס'איז צו פרעגן ווייטערע פראַגן.

— יאָ, יאָ, — מאַכט ער, — ער האָט זי מיר אוועקגעגעבן. עפּעס שטעקט דאָ אין דעם, עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק, שלעכטס צי גוטס, ס'איז זיכער פאַראַן אַ מיין דערביי.

ער האָט ווידער גענומען אַ זשליאָק בראַנפן, און געשאָקלט זיין גרויסן, בלאָנדן קאָפּ, ווי איינער וואָס איז גרייט אויפן ערגסטן.

נײַן־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

ווידעראַמאָל דער „שוואַרצער צייכן"

די באַראַטונג פון די בוקאַנירן האָט געדויערט אַ היבשע צייט, ביז איינער איז אַרײַנגעקומען אין הויז אַרײַן, און מיטן זעלבן סאַלוט, וועלכער האָט אין מיינע אויגן געהאַט אַ פּנים פון חוזק, האָט ער געבעטן מ'זאָל אים אויף אַ רגע אויסלייען דעם שטור־קאַץ. סילווער האָט קורץ געגעבן זיין דערלויבעניש, און דער שליח איז ווידער אַרויס, איבערלאָזנדיק אונדז ביידן אין דער פינצטער.

— ס'קומט אָן אַ שטורעם, דזשים — האָט געזאָגט סילווער, וועלכער האָט, אַרום דער צייט, אָנגענומען אַ גאַנץ פריינדלאַכן און חבר'שן טאָן.

כ'האָב זיך אויסגעקירעוועט צום נאָנטסטן פון מיר שיס־פענצ־טערל, און האָב אַרויסגעקוקט. די קוילן פונם גרויסן פייער האָבן זיך אַזוי ווייט אויסגעברענט, און האָבן איצט געטליעט אַזוי טונקל און מרה־שחורה'דיק, אַז כ'האָב פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די קאָנספּי־ראַטאָרס האָבן געדאַרפט האָבן דעם שטורקאַץ. אויפן בערגל, אַרום האַלב וועג פונם הויז, זיינען זיי געווען פאַרזאַמלט אין אַ רעדל. איי־נער האָט געהאַלטן דאָס ליכט, אַ צווייטער איז געשטאַנען אינמיטן אויף די קני, און כ'האָב געזען די קלינג פון אַן אָפענעם מעסער אין זיין האַנט גלאַנצן מיט פאַרשיידענע קאָלירן קעגן דער שיין פון

דער לבנה און פונם שטורקאַץ. די רעשט זיינען אַרום אים געשטאַ־
נען איינגעבויגן, ווי זיי וואָלטן באַטראַכט וואָס ער האָט געטאָן.
כ׳האָב געקאָנט דערקענען אַז ער האָט, אַ חוץ דעם מעסער, אויך
געהאַלטן אַ בוך אין דער האַנט. ס׳איז מיר געווען אַ גרויס חידוש,
וואו זיי האָבן דערטאַפּט אַזאַ אויסערגעוויינטלעכע זאַך. פּלוצלונג
האָט זיך די קניענדיקע פיגור ווידער אויפגעשטעלט, און די גאַנצע
באַנדע האָט זיך געלאָזט גיין צוריק צום הויז.

— אָט קומען זיי, — האָב איך געזאָגט, און זיך אויסגעקירע־
וועט אויף מיין פריערדיק אָרט, וואָרים ס׳איז מיר ניט אָנגעשטאַנען
אַז זיי זאָלן מיך טרעפן זיי נאָכקוקן.

— זאָלן זיי קומען, ברודערל, זאָלן זיי קומען! — האָט סיל־
ווער גוטמוטיק געזאָגט, — כ׳האָב נאָך גענוג קוילן באַ מיר.

די טיר האָט זיך געעפנט, און די פינף חברה־לייט, שטייענדיק
צונויפגעדריקט אַלע אינאיינעם, האָבן אַריינגעשטופּט איינעם אינ־
ווייניק. אונטער אַנדערע אומשטענדן וואָלט עס געווען קאָמיש צו־
צוזען ווי ער האָט זיך אַריינגערוקט, אָפּשטעלנדיק זיך אויף יעדן
טראָט, און האַלטנדיק פאַר זיך אַן אויסגעשטרעקטן פאַרמאַכטן
פויסט.

— קום אַהער, בחור, — האָט סילווער אויסגערופן, — כ׳על
דיך ניט אויפעסן. גיב עס אַהער, דו אומגעלומפּערטע בריאה!
איך ווייס די געזעצן, ווייס איך. קיין דעפּוטאַציע ׳על איך ניט
טשעפּען.

דערמוטיקט פון דידאָזיקע רייד, איז דער בוקאַניר צוגעקומען
אַ ביסל שנעלער, און איבערגעבנדיק עפּעס סילווערן, פון האַנט צו
האַנט, האָט ער זיך נאָך געשווינטער צוריקגעצויגן צו זיינע חברים.

דער שיף־קוכער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דער זאַך וואָס
מ׳האָט אים איבערגעגעבן.

— דער „שוואַרצער צייכן“! כ׳האָב עס פריער געוואוסט, —
האָט ער באַמערקט. — וואו, צו אַלדי רוחות, האָט איר גענומען
ס׳פּאַפּיר? אוי, וואָסי דאָס? נו, דאָס איז שוין גאָרניט מזל׳דיק!
איר האָט׳ס ארויסגעשניטן פון אַ ביבל! וואָסער אַ טיפּש האָט
עס צעשניטן אַ ביבל?

— אָט־אָ! — האָט זיך אָנגערופן מאָרגאַן, — אָט האָט איר

עס! וואָס האָב איך אייך געזאָגט? קיין גוטס 'עט דערפון ניט אַרויסקומען, האָב איך געזאָגט.

— נו, איר האָט זיך אַליין אונטערגעשריבן אייער גורל. — האָט סילווער פאַרגעזעצט, — איצט, רעכן איך, אַז איר'ט שוין אַלע הענגען. וועלכער נאַרישער אויסוואורף האָט'ס געהאַט אַ ביבל?

— דיק! — האָט זיך אָנגערופן איינער.

— אַזוי, דיק? נו, ער מעג שוין אָנהייבן זאָגן וידוי, דיק, — האָט געזאָגט סילווער. — זיינע גוטע זיבן יאָר זיינען שוין אַריבער, און איר קאָנט זיך אויף מיר פאַרלאָזן.

אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער לאַנגער בוקאַניר מיט די געלע אויגן.

— גענוג שוין אייך צו נודיען, דזשאָן סילווער, — האָט ער געזאָגט. — דידאָזיקע מאַנשאַפט האָט אייך פון איר העכסטן ראָט איבערגעגעבן דעם „שוואַרצן צי־ן", ווי ס'באַדאַרף צו זיין, טאָ דרייט־זשע עס טאַקע איבער, ווי ס'באַדאַרף צו זיין, און זעט וואָס דאָרט איז אָנגעשריבן, דערנאָך קאָנט איר רעדן!

— אַ שיינעם דאַנק דיר, דזשאָרדזש, — האָט געענטפערט דער שיף־קוכער. — אָ, דו ביסט אַלעמאָל געווען פלינק פאַר געשעפט, און געדענקסט אַלע געזעצן אויף אויסנווייניק, דזשאָרדזש, ווי כ'האָב די ערע צו זען. נו, וואָס שטייט דען דאָרטן! אָ! „אַרונטערגעזעצט", אַזוי, הייסט עס, אַזוי גאָר? אַ שיינע האַנטשריפט, כ'לעבן, ווי געדרוקט, וואָלט איך געמעגט שווערן. דאָס איז דיין כתב, דזשאָרדזש? ווערסט אַ גאַנצע קאַפּעליוש־מאַכער באַ דערדאָזיקער מאַנשאַפט. ס'עט מיר גאָרניט וואונדערן אויב דו'סט נאָך ווערן קאַפּיטאַן אויך. זיי אַזוי גוט, און דערלאַנג מיר נאָכאַמאָל דעם שטורקאַץ, ביטע, די ליולקע מיינע וויל בשום אופן ניט ציען.

— נו, גענוג שוין, — מאַכט דזשאָרדזש, — איר קאָנט דידאָזיקע מאַנשאַפט מער ניט פירן באַ דער נאָז. איר מיינט אַז איר זיינט אַ גאַנצער חכם, אָבער דאָס איז די ענדע, און איר'ט אפשר זיין אַזוי גוט אַרונטערצוקריכן פון דער פאַס, און העלפן אָפּצושטימען.

— דו האָסט, דוכט מיר, נאָר וואָס געזאָגט אַז דו קענסט די געזעצן? — האָט סילווער מיט פאַראַכטונג געענטפערט, — ווייַ־

ניקסטנס, אויב דו קענסט זיי ניט, קען איך זיי אָבער. פאַרגעסט ניט אַז כ׳בין נאָך אַלץ אייער קאַפּיטאַן, און כ׳וואַרט דאָ ביז איר׳ט אַרויסקומען מיט אייערע טענות, און איכ׳ל אייך ענטפערן. דערווייל איז אייער „שוואַרצער צייכן“ ניט ווערט קיין פּרוטה, דערנאָך ׳עלן מיר זען!

— אַזוי! איר הויבט נעבאָך ניט אָן צו פאַרשטיין? — האָט דזשאָרדזש געענטפערט. — מיר זיינען אָבער אַלע איינִיק, און מיר ווייסן וואָס מיר ווילן, ווייסן מיר. ערשטנס, האָט איר איבערגעפירט די גאַנצע עקספּעדיציע, און איר דאַרפט האָבן געגוג חוצפּה ס׳אָפּצולייקענען. צווייטנס, האָט איר אַרויסגעלאָזט דעם שונא פון דערדאָזיקער פאַסטקע פאַר גאָרניט. פאַרוואָס האָבן זיי עס געוואָלט אַרויס פון דאָנעט? איך ווייס ניט, ס׳איז אָבער גאַנץ קלאָר אַז זיי האָבן זיך אין דעם גענויטיקט. דריטנס, האָט איר אונדז ניט געלאָזט אויף זיי אָנפאַלן ווען זיי האָבן פאַרלאָזט ס׳הויז. אָ, מיר פאַרשטייען אייך דורך און דורך, דזשאָן סילווער. איר ווילט אונדז אַריינאַרן אין זאַק אַריין, אָט וואו דער הונט ליגט באַגראָבן. און פערטנס, איצט מיט דעמדאָזיקן בחור׳ל.

— איז דאָס אַלץ? — האָט סילווער רואיק געפרעגט.

— אָ, כ׳רעכן אַז ס׳איז גענוג, — האָט דזשאָרדזש אָפּגעענטפערט. — מירן זיך נאָך אַלע הוידן און טריקענען אויף דער זון, אַ דאַנק אייערע פוילע שטיק.

— נו, הערט מיך אויס, און כ׳על אייך ענטפערן אויף אַלע פיר פונקטן, כ׳על זיי באַענטפערן איינער נאָכן אַנדערן. איך האָב, הייסט עס, אַזוי זאָגט איר, איבערגעפירט די גאַנצע עקספּעדיציע, האָ? נו, איר ווייסט אַלע וואָס כ׳האָב גערעכנט צו טאָן, און איר ווייסט אויך אַלע, אַז ווען מ׳זאָל מיך געוועז פאָלגן, וואָלטן מיר נאָך היינט באַנאַכט געווען אויפן דעק פון דער „היספּאַניאָלאַ“, פריש און געזונט, און פול מיט גוטער פלוימען פּאָווידלע, און מיט אַן אָנגעלאָדענער שיף מיט אוצרות, צום טייוול! נו, און ווער האָט זיך מיר געשטעלט אין וועג? ווער האָט מיר צוגעהאַלטן די הענט, מיר, דעם געזעצלאַכן קאַפּיטאַן? ווער האָט מיר אונטערגעטראָגן דעם „שוואַרצן צייכן“ אינם אייגענעם טאָג וואָס מיר האָבן געלאַנדט, און אָנגעהויבן דעמדאָזיקן טאַנץ? אָ, ס׳אַ פיינער

טאַנץ, מ׳קאָן ניט זאָגן, און זעט אויס ווי אַ מאַטראָזישע האָפּקע אויף אַ שטריקל אויפן תליה־דאַק אין לאָנדאָן דער שטאָט, זעט ער אויס! אָבער וועמעס שולד איז עס? נו, פאַרשטייט זיך, אַנדערסאָנס, האַנדסעס, און דיינע, דזשאָרדזש מערי! דו ביסט דער לעצטער פון דערדאָזיקער טראַיקע פון אומגעבעטענע בעל־עצה׳ס, און דו האָסט נאָך דייווי דזשאָנסעס תוספה צו ווערן קאַפּיטאַן אונטער מיין נאָז. דו, וואָס האָסט אונדז אַלעמען געלייגט אין דר׳ערד אריין! צו אַלדי רוחות! מ׳האָט נאָך אַזוינס ניט געזען און ניט געהערט!

סילווער איז אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, און כ׳האָב געקאָנט זען פון די פּנים׳ער פון דזשאָרדזשן און זיינע חברים, אַז דעם „לאַנגנס" רייד זיינען ניט געווען אַרויסגעוואָרפן.

— דאָס איז איינמאָל אַוועק, — האָט אויסגערופן דער באַשולדיקטער, אָפּווישנדיק דעם שווייס פונם שטערן, וואָרים ער האָט גערעדט מיט אַזאַ פייערדיקייט, אַז ס׳הויז האָט זיך געטרייסלט. — כ׳לעבן, אויף מיין וואָרט, אַז ס׳עקלט מיר צו ריידן צו אייך. איר האָט ניט, ניט קיין שכל און ניט קיין זכרון, און כ׳קאָן בשום אופן ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי אייערע מאַמעס האָבן אייך געלאָזט אַרויספאָרן אויפן ים. כאַ־כאַ! ים! „ריטער פון צופאַל"! שניידערס זיינט איר, רעכן איך, ניט קיין ים־פאָרער!

— רעדט ווייטער, דזשאָן, — האָט זיך אָנגערופן מאָרגאַן, — זאָגט עפּעס וועגן די אַנדערע.

— אָ, די אַנדערע! — האָט דזשאָן געענטפערט. — זייער אַ וויכטיקע סעריע, האַ? איר זאָגט אַז די דאָזיקע עקספּעדיציע איז איבערגעפּירט געוואָרן; אַך, מיין גאָט, ווען איר זאָלט וויסן ווי טיף מיר ליגן אין דר׳ערד מיט די ביינער, וואָלט איר פאַרשטאַנען ווי מיר האַלטן אין דער וועלט! מיר זיינען שוין אַזוי נאָענט צו דער תליה, אַז דער האַלדז ווערט מיר שטייף ווען כ׳דערמאָן זיך אין דעם. איר האָט זיי אוודאי שוין געזען הענגען אין קייטן; פייגל פליען אַרום און אַרום זיי, און מאַטראָזן טייטלען אויף זיי מיט די פינגער, ווען זיי פאָרן פאַרביי מיטן שטראָם. — ווער׳ז דאָס? זאָגט איינער. — דאָס? נו, דאָס איז דזשאָן סילווער. כ׳האָב אים זייער גוט געקענט, זאָגט אַ צווייטער. און מ׳קאָן שוין

הערן ווי די קייטן קלינגען, איידער מ׳קומט נאָך צו צו דער נאָנטסטער באָיע. אָט ווי ס׳האַלט מיט יעדן מוטערס זון פון אונדז. און ווען האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען? נו, פאַרשטייט זיך, אים, האַנדסן, אַנדערסאָנען, און נאָך אַזעלכע וויכטיקע טיפּשים ווי זיי. און וואָס איז שייך דעם פערטן פּונקט, און דעם־אָ בחור, דאָ? האָב איך אַכציק שוואַרצע יאָר, זאָגט אַליין, איז ער ניט אָן אויסגעצייכנטער משכון? זאָלן מיר פאַר׳פּטר׳ן אַ משכון? ניין, ניט מיר. כ׳על גאָרניט ווערן איבעראַשט, אויב ער׳ט נאָך אפשר זיין אונדזער לעצטע האָפנונג. דער׳הרג׳ענען דעם יאָט? ניין, ניט איך, חברים! און נומער דריי? אָ, ס׳אַ סך צו רעדן וועגן נומער דריי. אפשר האָט׳ס באַ אייך גאָרניט ניט קיין ווערט. וואָס אָן אמת׳ער קאַלעדזש דאָקטאָר קומט אייך אונטערזוכן אַלע טאָג? דיך, דזשאָן, מיט דער לאָך אין קאָפּ, און דיך, דזשאָרדזש מערי, וואָס האָסט זיך ערשט מיט אַ זעקס שעה צוריק געוואָרפן אין אַ קאַלטן קדחת, און וואָס דיינע אויגן האָבן נאָך אפילו איצט דעם קאָליר פון לימענע שאָלאַכץ? און איר ווייסט אפשר אויך ניט אַז זיי דערוואַרטן אַ געהילף־שיף, האַ? יאָ, יאָ, זי׳ט קומען, און ס׳איז שוין ניטאָ קיין סך צו וואַרטן אויך. מירן זען ווען ס׳עט הנאה טאָן צו האָבן אַ משכון, ווען ס׳עט האַלטן דערביי. און וואָס איז שייך נומער צוויי, פאַרוואָס כ׳האָב געשלאָסן אָן אָפּמאַך, זיינט איר דאָך אַליין געקראָכן אויף אַלע פיר און זיך געבעטן אַז כ׳זאָל עס טאָן, אויף אַלע פיר זיינט איר געקראָכן, אַזוי נידערגעשלאָגן זיינט איר געווען. אַ חוץ דעם, ווען כ׳טו עס ניט, וואָלט איר דאָך געווען אויסגעגאַנגען פון הונגער. אָבער דאָס איז אַ קלייניקייט! אויב איר ווילט וויסן פאַרוואָס כ׳האָב עס געטאָן, נאַט זעט, אָט פאַרוואָס!

און ער האָט אַרונטערגעשליידערט אויפן דיל אַ פּאַפּיר וועלכן כ׳האָב מאָמענטאַל דערקענט. ס׳איז ניט געווען קיין אַנדער זאַך ווי די מאַפּע אויף פאַרגעלטן פּאַפּיר, מיט די דריי רויטע קרייצן, וואָס כ׳האָב געפונען איינגעוויקלט אין אַ אוילטוך אינם אַלטן קאַפּיטאַנס קאַסטן. פאַרוואָס דער דאָקטאָר האָט זי אים אָוועקגעגעבן, איז געווען איבער מיינע כחות צו פאַרשטיין. אָבער אויב די דערשיינונג פון דער מאַפּע איז פאַר מיר געווען אַ רעטעניש, איז זי פאַר

די בונטאַרן געווען עפּעס אומגלויבלאַכעס. זיי האָבן זיך אויף איר אַרויפגעוואָרפן ווי קעץ אויף אַ מויז. זי איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. איינער האָט זי געריסן פונעם אַנדערן, און פון די קללות און אויסרופן, און קינדערשן געלעכטער מיט וועלכע זיי האָבן זי באַטראַכט, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז ניט נאָר האָבן זיי שוין געהאַלטן דאָס בארע גאָלד אין די הענט, נאָר אַז זיי האָבן עס שוין געהאַט מיט זיך אויף דער שיף.

— יאָ, — מאַכט איינער, — ס'איז פלינטס חתימה, אָן צווייפל. J. F., אַ שטריך אַרונטער מיט צוויי שלייפן, אַזוי פלעגט ער זיך אַלעמאָל אונטערשרייבן.

— זייער שיין, כ'לעבן, מ'קאָן ניט זאָגן, — האָט זיך אָנגע־רופן דזשאָרדזש, אָבער ווי אַזוי ווען מיר פון דאַנעט אַוועקפאָרן, אַז מיר האָבן ניט קיין שיף?

סילווער איז פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען, און אָנשפּאַרנדיק זיך אין דער וואַנט, האָט ער אויסגעשריען:

— איך וואָרן דיך, דזשאָרדזש, נאָך איין וואָרט פון דיין חוצפּה, און כ'על דיך אַרויספאָדערן צו אַ געשלעג! ווי אַזוי? פרעגט ער! נו ווי זאָל איך וויסן? דו און די רעשט וואָס האָבן מיר פאַרלוירן מיין שקונער, דורך אייער אַריינמישונג, פאַרברענט זאָלט איר ווערן! זאָגט איר מיר ווי אַזוי! אָבער ניט איר, איר קאָנט מיר גאָרניט ניט זאָגן. איר קאָנט אַ קאַץ דעם עק ניט פאַרבינדן. דו קאָנסט אָבער רעדן אָנשטענדיק, און 'עסט עס טאָן אויך, דזשאָרדזש מערי, מעגסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן!

— וואָס אמת איז אמת, — האָט זיך אָנגערופן דער אַלטער מאָרגאַן.

— אמת?! כ'רעכן אַזוי, — האָט געזאָגט דער שיף־קוכער — נו, זאָגט אַליין, איר האָט פאַרלוירן דעם שקונער, און איך האָב געפונען דעם אוצר, ווער־זשע־ז מער מענטש? כ'פרעג אייך! און איצט, צום טייוול, דאַנק איך אָפּ. קלייבט זיך אויס וועמען איר ווילט אַליין פאַר אייער קאַפּיטאַן, איכ'ל זיך מיט אייך מער ניט פּאַסקודיען!

— סילווער! — האָבן זיי גענומען שרייען, — באַרבעקיו אויף שטענדיק! באַרבעקיו איז קאַפּיטאַן!

— אַזוי, הייסט עס, איר זינגט שוין אַ נײַ לידל! — האָט אויסגערופן דער קוכער. — דזשאָרדזש, כ׳רעכן אַז ׳עסט מוזן צוּוואַרטן אַ ביסל, מײַן פֿרײַנט. ס׳איז דײַן מערכה וואָס כ׳בין ניט קיין נקמה־נעמער, דאָס איז קיינמאָל ניט געווען מײַן טבע. און איצט, חברים, וועגן דעם „שוואַרצן צייכן". כ׳רעכן אַז ער איז איצט ניט ווערט קיין שמעק־טאַבאַק, האַ? דיק האָט זיך נאָר איבערגעפּירט זײַן מזל, און גע׳פּטר׳ט זײַן ביבל, דאָס איז אַלץ.

— מ׳עט׳ס נאָך אָבער פֿונדעסטוועגן קאָנען קושן, ס׳בוד, האַ?

— האָט דיק געבורטשעט, וועלכער האָט זיך, ווײַזט אויס, זייער געשראָקן פֿאַר דער קללה וואָס ער האָט אויף זיך געבראַכט.

— אַ ביבל מיט אַן אויסגעריסן בלעטל! — האָט סילווער מיט חוזק געענטפֿערט, — אָ, ניין! זי איז ניט מער ווערט פֿון אַ מעשה־ביכל.

— אַזוי? — האָט דיק אויסגערופֿן מיט אַ מין פֿרייד, — נו, כ׳רעכן אַז אַזאַ ביכל איז אויך כדאַי צו האַלטן.

— נאַ, דזשים, נאַ דיר אַ טשיקאַווע זאַך, — האָט סילווער געזאָגט, — און ער האָט מיר צוגעוואָרפֿן ס׳פּאַפּירל.

ס׳איז געווען אַ בלאַט, די גרויס פֿון אַ קרוין־בויגן. איין זײַט איז געווען ליידיק, וואָרים ס׳איז געווען ס׳לעצטע בלעטל. אויף דער אַנדערער זײַט זײַנען געווען אַ צוויי־דרײַ פּסוקים פֿון „אַנטפּלעקונג". פֿון אַלע ווערטער, האָבן זיך מיר די פֿאָלגנדיקע אײַנגעקריצט אין זכרון: „אין דרויסן אָבער זײַנען דאָ הינט און מערדער". די געדרוקטע זײַט איז געווען אָפּגעשוואַרצט מיט האָלץ־אַש, וואָס האָט שוין איצט אָנגעהויבן אַרונטערצופֿאַלן און פֿאַרשמירן מײַנע פֿינגער. אויף דער ליידיקער זײַט איז מיטן זעלבן שטאָף געווען אָנגעשריבן איין וואָרט: „אַרונטערגעזעצט". כ׳האָב נאָך דאָסדאָזיקע אַנטקיל בײַ מיר ביז הײַנט צו טאָג. ס׳איז שוין אָבער איצט ניט געבליבן קיין סימן פֿונעם געשריפֿט, אַ חוץ אַן אײַנאָונאײַנציקן קריץ, וואָס מ׳מאַכט מיטן נאָגל פֿונעם גראָבן פֿינגער.

דאָס איז געווען דער סוף פֿון דער באַנאַכטיקער געשעניש. באַלד נאָכדעם האָט יעדער גענומען אַ טרונק, און מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפֿן. סילווער האָט אַרויסגעוויזן זײַן נקמה, דערמיט וואָס ער האָט געשטעלט דזשאָרדזש מערין אויף דער וואַך, און אים

געסטראַשעט מיטן טויט, אויב ער'ט זיך אַרויסצייגן אַלס פֿאַלש.

ס'האָט גענומען אַ לאַנגע צייט, איידער כ'האָב געקאָנט צומאַכן מיט אַן אויג, און איין גאָט ווייסט, אַז כ'האָב געהאַט גענוג זאַכן וועגן וואָס צו טראַכטן: וועגן דעם מאַן וואָס כ'האָב באַטאָג דער'הרג'עט, וועגן מיין אייגענער געפֿערלאַכער לאַגע, און ספּעציעל וועגן דער מערקווירדיקער ראָלע וואָס כ'האָב געזען סילווערן שפּילן, צוזעענדיק ווי ער האָט מיט איין האַנט קאָנטראָלירט די בונטאַרן, און מיט דער אַנדערער אויסגענוצט יעדן מעגלאַכן און אוממעגלאַכן מיטל, כדי צו מאַכן שלום און זיך ראַטעווען זיין אומגליקלאַך לעבן. ער אַליין איז געשלאָפֿן רואיק, און האָט הויך געכראַפּעט. ווי פֿאַרדאַרבן ער איז געווען, האָט מיר דאָך אויף אים ווי געטאָן ס'האַרץ, טראַכטנ־דיק וועגן די שוואַרצע געפֿאַרן וואָס האָבן אויף אים געלויערט, און וועגן דער שענדלאַכער תליה וואָס האָט אים דערוואַרט.

דרייסיקסטער קאַפּיטל

אויף נאַמנות

כ'האָב זיך אויפֿגעכאַפּט — אָדער בעסער געזאָגט, מיר האָבן זיך אַלע אויפֿגעכאַפּט, וואָרים כ'האָב געזען אַז אַפֿילו דער וואַכמאַן האָט זיך אויפֿגעטרייסלט פֿון זיין אָרט קעגן דעם ביישטידל פֿון דער טיר, — דערהערנדיק אַ קלאָרע, קרעפֿטיקע שטים וואָס האָט אונדז גערופֿן פֿון וואַלד:

— פֿעסטונג, אַהאָי! — האָט זי געשריען. — דער דאָקטאָר קומט!

און ס'איז טאַקע געווען דער דאָקטאָר. כאָטש כ'האָב זיך דערפֿרייט צו הערן דידאָזיקע שטים, איז מיין פֿרייד דאָך געווען גע־מישט מיט טרויער, וואָרים כ'האָב זיך אין מיין פֿאַרלעגנהייט דערמאָנט אין מיין אומגעהאָרכזאַמער און גנב'ישער אויפֿירונג. זעענדיק צו וואָס זי האָט מיך געבראַכט, און מיט וועלכע חברים און געפֿאַרן כ'בין געווען אַרומגערינגלט, האָב איך זיך געשעמט אים צו קוקן אין פּנים אַריין.

ער האָט געמוזט אויפשטיין ווען ס'איז נאָך געווען פינצטער, וואָרים ס'האָט ערשט איצט אָנגעהויבן צו טאָגן. ווען כ'בין צוגע־לאָפן צו א שים־פענצטערל און האָב אַרויסגעקוקט, האָב איך אים געזען שטיין. ווי א מאָל סילווערן, ביז איבער די קני אין א קריכנ־דיקן נעפּל.

— דאָס זיינט איר, דאָקטאָר א שיינעם גוטמאָרגן אייך, מיין הער! — האָט סילווער מאָמענטאַל אויסגערופן, מונטער און שטראַלנ־דיק מיט גוטסקייט. — פריש און פרי, כ'לעבן. און ווי זאָגט מען דאָרט, „ס'פריע פייגעלע כאַפּט ס'ווערימל". דזשאָרדזש, גיב זיך נאָר א ריר, מיין זון, און העלף דאָקטאָר ליווזין אריבערקריכן איבער דער שיף־וואַנט. אייערע פּאַציענטן, דאָקטאָר, זיינען אַלע געזונט, אַלע געזונט און פריילאַך.

ער האָט אַזוי געהאַלטן אין איין פּלוידערן, שטייענדיק אויפן בערגל, מיט דער קוליע אונטערן עלנבויגן, און מיט איין האַנט אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט פונם הויז — דער אייגענער אַלטער דזשאָן מיט דער שטים, מאַניער און אויסדרוק.

— מיר האָבן פון אייערטוועגן א גרויסע איבעראַשונג, אויך. מיין הער, — האָט ער פאַרגעזעצט. — א קליינעם אורח, כאַ־כאַ! א נייעם קוואַרטיראַנט און קעסטקינד, מיין הער, און ער זעט אויס געזונט און מונטער ווי אַן אָנגעסטראָיעטער פידל. ער איז א גאַנצע נאַכט געשלאָפן ווי א סופּערקאַרגאָ, איז ער, לעבן דעם אַלטן דזשאָנען, זייט באַ זייט זיינען מיר געלעגן א גאַנצע נאַכט.

דאָקטאָר ליווזי איז דערווייל אַריבערגעקראָכן איבערן פּאַרקן, און איז שוין געווען נאָענט פונם קוכער. כ'האָב געקאָנט הערן אַז איבערבייט אין זיין קול, ווען ער האָט זיך אָנגערופן:

— ניט דזשים?

— יאָ, ס'איז דזשים אַליין, דער זעלביקער דזשים ווי אַלע־מאָל, — האָט סילווער געזאָגט.

דער דאָקטאָר איז געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט. ער האָט אָבער גאָרניט ניט געזאָגט, און ס'האָט אים גענומען עטלאַכע סע־קונדן איידער ער האָט זיך געקאָנט רירן פון אָרט.

— זייער גוט, — האָט ער זיך ענדלאַך אָנגערופן, — פריער אָבער קומט פליכט, און דערנאָך פאַרגעניגן, ווי איר אַליין וואָלט

געזאָגט, סילווער. לאָמיך אָקאָרשט פריער באַטראַכטן אייערע פּאַציענטן.

אין אַ מינוט אַרום איז ער אַריינגעקומען אין הויז אַריין, מיד באַגריסט מיט אַ ברוגז'ן שאָקל מיטן קאָפּ, און האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט צווישן די קראַנקע. ער האָט זיך ווי גאָרניט ניט געשראָקן. כאָטש ער וואָלט געוועז געמעגט וויסן אַז זיין לעבן איז, צווישן דידאָזיקע פּאַרעטערישע טייוואָלים, געהאַנגען אויף אַ האָר. ער האָט געהאַלטן אין איין פּלוידערן מיט די פּאַציענטן, ווי ער וואָלט אָפּגעשטאַט אַ געוויינטלאַכן, פּראָפּעסיאָנעלן וויזיט באַ אַ שטילער ענגלישער פּאַמיליע. זיין האַלטונג האָט, ווייזט אויס, געמאַכט אַן איינדרוק אויף די חברה־לייט, וואָרים זיי האָבן זיך באַנומען צו אים פּונקט ווי ס'וואָלט גאָרניט ניט געוועז פּאַסירט, פּונקט ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געוועזן דער שיפּדאָקטאָר, און זיי די געטרייע פּאַדערמאַסטניקעס פון אַמאָל.

— איר גייט אויף אַ וועג, מיין פריינט, — האָט ער געזאָגט צום יונג מיטן איינגעבאַנדאַזשירטן קאָפּ, — אויב עמיצער איז ווען עס איז געוועזן אַ האָר פון טויט, זיינט איר עס געוועזן. אייער קאָפּ מוז זיין שטאַרקער פון אייזן. נו, דזשאָרדזש, ווי גייט'ס? איר האָט אַ שיין פּנים, מ'קאָן ניט זאָגן, איר זעט אויס ווי איינער מיט אַן איבערגעקערטן לעבער, מיין פריינט. האָט איר איינגענומען דעם רעצעפּט? העי, חברה, האָט ער איינגענומען דעם רעצעפּט?

— יאָ, יאָ, מיין הער, ער האָט אים איינגענומען ,אוודאי, — האָט געענטפערט מאָרגאַן.

— וואָרים, איר פאַרשטייט, — מאַכט דאָקטאָר ליוועזי אין אַ זייער פריינטלאַכן טאָן, — זינט כ'בין געוואָרן דער בונטאַרן־דאָקטאָר, אָדער, ווי איך רוף עס, טורמע־דאָקטאָר, באַטראַכט איך עס פאַר מיין חוב ניט צו פאַרלירן קיין איין מאַן פון קעניג דזשאָרדזשעס וועגן (גאָט בענטש אים!) און פון דער תליה'ס וועגן.

די לומפּן האָבן זיך איבערגעקוקט, האָבן אָבער אַראָפּגעשלונגען דאָס שטאָכוואָרט שטילערהייט.

— דיק איז עפּעס ניט מיטאַלעמען, מיין הער, — האָט זיך איינער אָנגערופן.

— אַזוי? — מאַכט דער דאָקטאָר, — אַזוי? נו, קום נאָר

אהער, דיק, און ווייז מיר דעם צונג. נו, אודאי איז ער ניט מיט־אַלעמען, ס׳וואָלט מיר געווען אַ גרויס חידוש צו הערן אַז ער איז יאָ מיטאַלעמען! מיט אַזאַ צונג קאָן מען אפילו אַ פראנצויז איבער־שרעקן אויף טויט. נאָך אַ פיבער, הייסט עס!

— אָט האָט איר עס, — מאַכט מאָרגאַן, — וואָס האָב איך געזאָגט? דאָס נעמט זיך דערפון וואָס מ׳צערייסט אַ ביבל.

— דאָס נעמט זיך דערפון וואָס מ׳איז פאַרדאַמטע אייזלען.

— האָט אָפּגעענטפערט דער דאָקטאָר, — און פון ניט האָבן גענוג שכל צו וויסן דעם חילוק צווישן גוטער לופט און סם, צווישן טרוקן לאַנד און פאַסקודנע פאַרפעסטעטע זומפּן. אָט וואָס. ס׳איז בא מיר קיין ספק ניט, כאָטש ס׳איז, פאַרשטייט זיך, בלויז אַ מיינונג, אַז איר׳ט אַלע האָבן צו זינגען און צו זאָגן, איידער איר׳ט ארויסטרייבן די מאַלאַריע פון אייערע געדערים. איר׳ט שוין פאַר־זאָגן אַ צענטן ניט צו לאַגערן אויף אַ זומפּ. זעט איר, סילווער, אויף אייך איז מיר אַ גרויס חידוש. איר זיינט דאָך עפּעס ניט קיין נאַר, בפרט נאָך אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע, אָבער פון היגיענע האָט איר, לויט מיין מיינונג, ניט דעם מינדסטן באַגריף.

— נו, — האָט ער צוגעגעבן, נאָכדעם ווי ער האָט זיי אָנגע־פּאָיעט מיט די מעדיצינען, וועלכע זיי האָבן איינגענומען מיט אַ קאָמישער אונטערגעוואָרפנקייט, וואָס האָט זיך גיכער געפּאַסט פאַר קינדער פון אַ צדקה־אַנשטאַלט, ווי פאַר בלוטדורשטיקע בונטאַרן און פיראַטן, — נו, — מאַכט ער, — ס׳עט זיין גענוג פאַר היינט. און איצט וואָלט איך געוואָלט האָבן אַ געשפּרעך מיט דעם־דאָזיקן אינגל, ביטע.

און ער האָט נאַכלעסיק אַ ווינק געטאָן מיטן קאָפּ אויף מיר.

דזשאָרדזש מערי איז געשטאַנען בא דער טיר, שפּייענדיק און שפּריצנדיק מיטן מויל עפּעס אַ שטינקענדיק געטראַנק. אָבער ווי דער דאָקטאָר האָט ארויסגעבראַכט אויף די ליפּן זיין באַגער, האָט ער זיך געגעבן אַ דריי אויס, איז געוואָרן מלא רציחה, און מיט אַ כפל־שמונה׳דיקער קללה אויסגעשריען: — ניין!

סילווער האָט געגעבן אַ זעץ אין דער פּאַס מיט דער אָפענער האַנט.

— שטיל זאָל זיין! — האָט ער געדונערט, און האָט זיך

ארומגעקוקט ווי אַן אמת'ער לייב. — דאָקטאָר, — האָט ער פאָרגעזעצט אין זיין געווייַנטלאַכן רואיקן טאָן, — כ'האָב שוין פריער געטראַכט דערפון, וואָרים כ'ווייס אַז איר האָט אַ שוואַכקייט צו דעמדראָזיקן אינגל. מיר דאַנקען אייך אַלע פון טיפן הארצן פאַר אייער גוטהערציקייט. איר זעט אַליין אַז מיר האָבן צו אייך צוטרוי, און נעמען איין די מעדיצינען ווי זיי וואָלטן געווען האָניק. איך גלויב אַז כ'האָב געפונען אַן אויסוועג וואָס 'עט אַלעמען צופרידענ־שטעלן. האָקינס, גיב מיר דיין ערנוואָרט אַלס אַ יונגער דזשענטל־מאַן, וואָרים דו ביסט אַ יונגער דזשענטלמאַן, כאָטש ביסט אָרים געבוירן, זאָג מיר צו אויף דיין נאמנות אַז דו'סט ניט מאַכן קיין פליטה.

כ'האָב אים גלייך זייער גערן געגעבן דעם פאַרלאַנגטן צוזאָג.

— נו, דאָקטאָר, — האָט געזאָגט סילווער, — גייט איר איצט ארויס אויף דער אַנדערער זייט פונם פּאַרקן, און ווען איר'ט דאָרט זיין, 'על איך אייך אַרויסברענגען דעם בחור אויף ד ע ר זייט. כ'רעכן אַז איר'ט זיך קאָנען דורכרעדן דורך די שפּאַרעס. אַ גוטן טאָג אייך, מיין הער, און גיט איבער אַ גרוס דעם סקווייר און קאַפּיטאַן סמאָלעטן.

אַ שטורעם פון פּראָטעסט, וועלכן נאָר סילווערס ביסטרע אויגן האָבן געקאָנט האַלטן אַ'ן צוים, האָט אויסגעבראָכן גלייך נאָכדעם ווי דער דאָקטאָר האָט פאַרלאָזן ס'הויז. סילווער איז פון אַלעמען גאַנץ אָפן באַשולדיקט געוואָרן אַז ער איז צוויי־פּנים'דיק, אַז ער פּרובירט שליסן אַ באַזונדערן שלום פאַר זיך אַליין, און אַז ער איז מקריב די אינטערעסן פון זיינע מיטשולדיקע, באַשווינדלטע חברים. מיט איין וואָרט, זיי האָבן אים פאָרגעוואָרפן פונקט דאָס, וואָס ער האָט טאַקע געטאָן. איך האָב עס אין דעם פאַל געזען אַזוי קלאָר און דייטלאַך, אַז כ'האָב זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, ווי אַזוי ער'ט קאָנען איינשטילן זייער צאָרן. ער איז אָבער געווען טויזנט מאָל קליגער פון זיי אַלע, און זיין נעכטיקער זיג האָט אים געגעבן אַן אומגעהייערע מאַכט איבער זייערע מוחות. ער האָט זיי געזידלט און באַליידיקט מיט די ערגסטע נעמען, וואָס מ'קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן. האָט געזאָגט אַז מיין געשפּרעך מיטן דאָקטאָר איז פּשוט געווען אַ נויטווענדיקייט, האָט געפאָכעט מיט דער מאַפּע

אין זייערע פּנים׳ער, האָט זיי געפרעגט צי ס׳לוינט זיך זיי צו ברעכן דעם אָפּמאַך אין דעמזעלבן טאָג וואָס זיי האָבן זיך געזאָלט אַרויס־לאָזן אויף דער יאָגד נאָכן אוצר.

— ניין, צו אַלדי שוואַרץ יאָר! — האָט ער געשריען. — מירן ברעכן דעם אָפּמאַך ווען ס׳עט קומען די ריכטיקע צייט. ביז דאַמאָלט ׳על איך דעמדאָזיקן דאָקטאָר נאָכגעבן און אים אַריינ־נאַרן אין זאַק אַריין, אויב כ׳זאָל אים אַפילו דאַרפן איינרייבן זיינע שטיוול מיט בראַנפן.

ער האָט זיי דאַן געהייסן אָנצינדן ס׳פייער, און איז שטאָלץ אַרויסגעגאַנגען מיט זיין קוליע, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט איין האַנט אויף מיין אַקסל, און איבערלאָזנדיק זיי צעטומלט, און איינגעשטילט גיכער פון זיינע געשרייען ווי פון איבערצייגונג.

— פּאַמעלאַך, בחור׳ל, פּאַמעלאַך, — האָט ער געזאָגט, — זיי קאָנען נאָך הינטן אַרום אויף אונדז אָנפאַלן אָקאָרשט מ׳זעט ניט, אויב זיי׳לן זען אַז מיר איילן זיך.

מיר האָבן זייער פּאַמעלעך געשפּאַצירט איבער דער זאַמד צום פּלאַץ וואו דער דאָקטאָר האָט אויף אונדז געוואַרט אויף דער אַנ־דערער זייט פונם פּאַרקן, און ווען מיר זיינען געווען גענוג נאָענט געהערט צו ווערן, איז סילווער געבליבן שטיין.

— איר׳ט אַזוי גוט זיין און עס אינזינען האָבן, דאָקטאָר, — מאַכט ער, — דאָס, און דאָס וואָס דער בחור ׳עט אייך דערציילן: ווי אַזוי כ׳האָב אים אָפּגעראַטעוועט ס׳לעבן, און בין דערפאַר אַרונ־טערגעזעצט געוואָרן, יאָ, איר קאָנט זיך אויף מיר פאַרלאָזן. דאָק־טאָר, ווען איינער רודערט אַזוי נאָענט פונם ווינט, און שפּילט „אום־צי־גראָד" מיטן לעצטן אָטעם פון זיין לעבן, ווי איך, ׳עט איר׳ס אפשר ניט באַטראַכטן פאַר צו פיל, אים צו זאָגן כאָטש איין גוט וואָרט? איר׳ט אַזוי גוט זיין צו געדענקען אַז איצט איז׳ס שוין ניט נאָר מיין לעבן וואָס שטייט אין קאָן, נאָר דעם־אָ בחור׳לס אויך. זאָגט מיר אַ גוט וואָרט, דאָקטאָר, האָט רחמנות און גיט מיר אַ פונק פון האָפנונג אויף דער צוקונפט.

סילווער איז געוואָרן אַנ׳אַנדער מענטש, ווי נאָר ער איז אַהין צוגעקומען, און איז געווען מיט דער פּלייצע צו זיינע פריינט און צום הויז. זיינע באַקן האָבן אויסגעזען ווי איינגעפאַלן, זיין

שטים האָט געציטערט. קיינער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען מער טויט־ערנסט ווי ער.

— וואָס רעדט איר, דזשאָן, איר מיינט דאָך מיר ניט צו זאָגן אַז איר האָט מורא? — האָט געפרעגט דער דאָקטאָר.

— דאָקטאָר, כ׳בין ניט קיין פייגלינג, ניין, ניט אַיך, ניט אויף אַזוי פיל! — און ער האָט אַ קנאַק געטאָן מיט די פינגער. — אפילו ווען כ׳זאָל מורא האָבן, ׳אָלט איכ׳ס ניט אויסגעזאָגט. כ׳בין זיך אָבער מודה אַז כ׳ציטער פאַר דער תליה. איר זיינט אַ גוטער און אויפריכטיקער מענטש, כ׳האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען קיין בעסערן מענטשן! פאַרגעסט־זשע ניט מיינע גוטע טאַטן, פונקט ווי איר׳ט ניט פאַרגעסן די שלעכטע. און איצט, זעט איר, ׳על איך אָפּשטייגן אויף אַ זייט, און אייך איבערלאָזן מיט דזשימען אַליין. פאַרשרייבט דאָס אויס צוגוטן, וואָרים דאָס איז אויך עפּעס ווערט, איז עס!

נאָך דידאָזיקע רייד, איז ער צוריקגעגאַנגען אַ ביסל, ביז ער איז געווען גענוג ווייט ניט צו קאָנען הערן. דאָרט האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטאַם פון אַן אָפּגעהאַקטן בוים און האָט אָנגעהויבן צו פייפן. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין דרייען אויף זיין אָרט, אַזוי אַז ער זאָל קאָנען באַאָבאַכטן סיי מיך מיטן דאָקטאָר, סיי זיינע ווידערשפּעניקנדיקע יונגען, וועלכע זיינען איצט געווען באַשעפטיקט מיט מאַכן ס׳פייער. זיי האָבן געהאַלטן אין איין אַרומגיין הין און צוריק איבער דער זאַמד, צווישן דעם פייער און דעם הויז, פון וועלכן זיי האָבן אַרויסגעטראָגן חזיר־פלייש און ברויט, צוגרייטנדיק פרישטיק.

— אַזוי, אַזוי, דזשים, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, — אָט ביסטו ווידער דאָ. ווי דו האָסט זיך אויסגעבעט, אַזוי וועסטו שלאָפן, מיין זון! גאָט ווייסט, אַז כ׳האָב ניט ס׳האַרץ דיך צו שעלטן, אָבער איין זאַך מוז איך דיר זאָגן, און מיך אַרט ניט צי ס׳וועט דיר פאַרשאַפן שמערצן צי ניט: כל זמן קאַפּיטאַן סמאָלעט איז געווען געזונט, האָסטו ניט געוואַגט צו אַנטלויפן, און ווען ער איז געוואָרן קראַנק, און האָט דיר ניט געקאָנט שטערן, איז עס פון דיין זייט געווען אַן אמת׳ע געמיינהייט!

כ׳בין זיך מודה אַז כ׳האָב אָנגעהויבן צו וויינען. — דאָקטאָר,

— האָב איך געזאָגט, — האָט רחמנות, כ'האָב זיך שוין אַליין גענוג פאַרשאַלטן ס'געביין דערפאַר. מיין לעבן איז שוין במילא גאָרניט ניט ווערט. כ'וואָלט שוין אפילו איצט געווען טויט, ווען סילווער שטעלט זיך ניט איין פאַר מיר. גלויבט מיר, דאָקטאָר, כ'האָב ניט מורא צו שטאַרבן, און אפשר בין איכ'ס ווערט אויך, וואָס מיך שרעקט איז פייניקונג. אויב זיי זאָלן מיך נעמען פייניקן —

— דזשים, — האָט מיך דער דאָקטאָר אונטערבראָכן, און זיין קול האָט זיך איינגאַנצן געביטן, — דזשים, כ'קאָן עס ניט דער־לאָזן. שפרינג אַריבער, און מירן זיך איינשטעלן ס'לעבן און אַנטלויפן.

— דאָקטאָר, — האָב איך געזאָגט, — כ'האָב דאָך געגעבן מיין וואָרט.

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט ער אויסגערופן, — מיר קאָנען זיך אָבער איצט גאָרניט העלפן, דזשים. איך נעם אויף זיך די שולד און די שאַנדע, מיין זון. כ'קאָן דיך דאָ ניט איבער־לאָזן. שפרינג! איין שפרונג, און ביסט אויסנווייניק, און מירן זיך לאָזן לויפן ווי די אַנטילאָפן.

— ניין, — האָב איך געענטפערט, — איר ווייסט אַליין גאַנץ גוט, אַז איר אַליין וואָלט'ס אויך ניט געטאָן, ניט איר, ניט דער סקווייר, ניט דער קאַפּיטאַן, און איכ'ל עס אויך ניט טאָן. סילווער האָט מיר געטרויט, כ'האָב געגעבן מיין וואָרט, און כ'גיי צוריק. אָבער, דאָקטאָר, איר האָט מיר ניט געלאָזט ענדיקן. אויב זיי זאָלן מיך נעמען פייניקן, קאָן איך נאָך אויסזאָגן וואו די שיף געפינט זיך. יאָ, כ'האָב די שיף, כ'האָב זי צוריקגעקראָגן, טיילווייז דורך מזל, און טיילווייז דורך איינשטעלן ס'לעבן. זי געפינט זיך אינעם „צפון אויסגוס", אויפן דרום'דיקן ברעג, באַם ראַנד פונם הויכ־וואַסער. אין דער צייט פון האַלבן צופלוס, מוז זי ליגן הויך און טרוקן.

— די שיף! — האָט דער דאָקטאָר אויסגערופן.

כ'האָב אים אויף שנעל דערציילט וועגן מיינע אַוואַנטורעס, און ער האָט מיך שווייגנדיק אויסגעהערט פון אָנהייב ביזן סוף.

— ניט אַנדערש, נאָר די האַנט פון גאָט איז דאָ אין דעם, — האָט ער באַמערקט, ווען כ'האָב געענדיקט. — אויף שריט און טריט ביסטו עס דער יעניקער וואָס ראַטעוועט אונדז אונדזער

לעבן. קאָנסטו זיך פאָרשטעלן אז מירן דיר לאָזן פארלירן ד י י נ ס? דאָס וואָלט געווען אַ שוואכע באַלוינונג, מיין זון. דו האָסט אויפ־געדעקט די פאַרשווערונג; דו האָסט געפונען בען גאַנען — די בעסטע טאַט וואָס דו האָסט ווען עס איז געטאָן אָדער ועסט נאָך טאָן, אויב דו זאָלסט אפילו לעבן נייַנציק יאָר. אָ, הייליקער יופּי־טער, רעדנדיק וועגן בען גאַנען, דאָס איז עפּעס גאָר קיין מענטש ניט, נאָר אַ שד! סילווער! סילווער! — האָט ער אויסגערופן.

— קומט אַהער! — און ווען דער קוכער איז צוגעקומען, — כ׳על איך געבן אַ גוטע עצה, איילט זיך ניט אַזוי שטאַרק נאָכן אוצר!

— וואָס רעדט איר, מיין הער? כ׳טו ס׳בעסטע וואָס איך קאָן, — האָט געזאָגט סילווער, — איר׳ט מיר אַנטשולדיקן. אָבער דער איינציקער וועג ווי אַזוי כ׳קאָן ראַטעווען מיין לעבן און דעם אינגלס, איז נאָר דורך זוכן דעם אוצר, איך פאַרזיכער אייך.

— נו, סילווער, — האָט געענטפערט דער דאָקטאָר, — אויב ס׳יאָ אַזוי, וועל איך גיין אַ טראָט ווייטער: זייט גרייט אויף יללות ווען איר׳ט אים געפינען.

— מיין הער, — האָט סילווער זיך אָנגערופן, — כ׳זאָג אייך דעם אמת, דאָס מיינט אָדער צופיל אָדער צו ווייניק. נו, זאָגט אַליין: וואָס ס׳איז געווען אייער ציל, פאַרוואָס איר האָט אויפגעגעבן די פעסטונג, פאַרוואָס איר האָט מיר אָוועקגעגעבן די מאַפּע, ווייס איך דאָך ניט, האַ? פונדעסטוועגן, האָב איך געטאָן וואָס מ׳האָט מיר געהייסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, און אָן אַן איינציג וואָרט פון האָפנונג פון אייך! אָבער ס׳איצטיקע איז שוין צו פיל! אויב איר ווילט מיר ניט אויסזאָגן גאַנץ פּשוט וואָס איר מיינט, טאָ זאָגט עס גאַנץ אָפן, און כ׳על עס לאָזן גיין ווי ס׳גייט.

— ניין, — האָט דער דאָקטאָר מיט איבערלייגונג געזאָגט, — כ׳האָב ניט קיין רעכט צו דערציילן איין וואָרט מער. איר פאַרשטייט, ס׳איז ניט מיין סוד, סילווער, אַניט, גיב איך אייך מיין וואָרט, אַז כ׳וואָלט אייך אויסגעזאָגט. כ׳על אָבער גיין מיט אייך אַזוי ווייט ווי איך וואַג, און אַ טראָט ווייטער. דער קאַפּיטאַן וועט מיר שוין אַזוי אויך אַרונטעררייסן דעם פּאַרוק דערפאַר, אויב כ׳האָב קיין טעות ניט. נו, ערשטנס, וועל איך אייך געבן אַ שטראַל פון האָפנונג: סילווער, אויב מירן ביידע אַרויס לעבעדיקע

פון דערדאָזיקער וואָלפישער פּאַסטקע, וועל איך טאָן אַלץ אין דער וועלט, אייך צו ראַטעווען, אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, פאַלש שווערן.

סילווערס פּנים האָט אויפגעשטראַלט. — מיין הער, איך בין זיכער, אַז מער דערפון וואָלט איר ניט געקאָנט צוזאָגן, ווען איר וואָלט אפילו געווען מיין אייגענע מוטער!

— נו, דאָס איז מיין ערשטע קאָנצעסיע, — האָט דער דאָקטאָר צוגעגעבן. — די צווייטע איז אַ קליינע עצה: האַלט ס׳אינגל האַרט לעבן זיך, און אויב איר נויטיקט זיך אין הילף, שרייט „האַלו!" איך גיי „אים" איצט אויפזוכן פון אייערטוועגן, און דאָס אַליין וועט אייך באַווייזן צי איך רעד גלאַט אין דער וועלט אריין. זייט געזונט, דזשים.

דער דאָקטאָר האָט מיר דורכן פּאַרקן געדריקט די האַנט, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו סילווערן, און איז מיט שנעלע טריט אַוועק צוריק אין וואַלד אריין.

אוון־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

די יאַגד נאָכן אוצר. — פלינטס וועג־ווייזער

— דזשים, — האָט זיך אָנגערופן סילווער, ווען מיר זיינען געבליבן אַליין, — אויב איך האָב דיר געראַטעוועט דיין לעבן, האָסטו מיר איצט אָפּגעראַטעוועט מיינס, און כ׳על עס דיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן. כ׳האָב מיט אַ ווינקל פונם אויג געזען ווי דער דאָקטאָר האָט דיר געוואונקען זאָלסט אַנטלויפן, האָב איך. און כ׳האָב דיך געזען זאָגן ניין, אַזוי דייטלאַך, פּונקט ווי כ׳זאָל עס געווען הערן. דאָס גייט אַלץ אויף דיין רעכנונג, דזשים. ס׳איז דער ערשטער שטראַל פון האָפנונג זינט די אַטאַקע איז דורכגעפאַלן, און כ׳האָב עס דיר צו פאַרדאַנקען. און איצט, דזשים, מוזן מיר זיך אַרויסלאָזן זוכן דעם אוצר, און נאָך מיט אַ פאַרזיגלטן באַפעל דערצו. ס׳הייבט מיר גאָרניט ניט אָן צו געפעלן, זאָג איך דיר. מיר מוזן

זיךביידע האַלטן צוזאַמען, אַקסל צו אַקסל, און מירן נאָך ראַטע־ווען אונדזערע העלדזער, להכעיס מזל און צופאַל.

פונקט דאַמאָלט האָט אונדז איינער פון אַרום דעם פייער אָנגעזאָגט מיט אַן אויסרוף, אַז פרישטיק איז געווען פאַרטיק, און מיר זיינען באַלד אַלע געזעסן דאָ און דאָרט אויף דער זאַמד, און געגעסן ביסקוויטן און געפּרעגלטע חזיר'יי. זיי האָבן צעלייגט אַ פייער גענוג גרויס אָפּצובראָטן אַ גאַנצן אָקס, און ס'איז איצט געוואָרן אַזוי היים, אַז מ'האָט צו דעם ניט געקאָנט צוקומען אַ חוץ פון דער ווינטזייט, און אפילו פון דאָרט, ניט אָן גרויס פאָרזיכטיקייט. מיט דערזעלבער פאַרשווענדערישקייט האָבן זיי אויך אָפּגעקאָכט, דוכט מיר, דריי מאָל אַזוי פיל וויפל מיר האָבן געקאָנט אויפעסן. איינער האָט גלאַט מיט אַן אומזיניק געלעכטערל געוואָרפן אין פייער אַריין דאָס איבערגעבליבענע, און ס'פייער האָט אויפגעפלאַקערט און גע־קנאַקט מיט דעמדאָזיקן אויסערגעוויינטלאַכן ברענשטאָף. כ'האָב נאָך אויף מיין לעבסטאָג ניט געזען אַז מענטשן זאָלן זיך אַזוי ווייניק זאָרגן פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. פון האַנט צום מויל, איז דער איינציקער וועג ווי אַזוי צו באַצייכענען זייער גאַנץ לעבן. צוזעענדיק ווי אַזוי זיי האָבן פאַרשווענדט זייערע שפּייזן, און גע־האַלטן שלאָפנדיקע וואַכן, איז מיר באַלד קלאָר געוואָרן, אַז כאָטש זיי זיינען געווען גענוג מוטיק אין אַ קורצן צוזאַמענשטויס, זיינען זיי געווען פולשטענדיק אומפעאיק פאַר אַ פאַרלענגערטן קאַמף.

אפילו סילווער אַליין, פרעסנדיק אָן אַ שיעור, מיט „קאַפּיטאַן פלינטן" אויפן אַקסל, האָט פון זייערטוועגן ניט געהאַט קיין איין שלעכט וואָרט פאַר זייער פאַרשווענדערישקייט. ס'האָט מיר נאָך מער געוואונדערט אויף אים, וואָרים ער האָט זיך נאָך קיינמאָל פריער ניט אַרויסגעוויזן אַזוי ביטרע ווי דעמאָלט.

— עך, חברים, — מאַכט ער, — ס'איז אייער גליק וואָס איר האָט באַרבעקיוון צו טראַכטן פון אייערטוועגן מיט דעם־אָ קאָפּ. הערט־זשע, כ'האָב געקראָגן וואָס כ'האָב געוואָלט. אמת, זיי האָבן טאַקע די שיף; וואו זיי האָבן זי ווייס איך ניט, אָבער ווי נאָר מירן דערטאַפּן דעם אוצר, 'עלן מיר זיך אַרויסלאָזן און זי אויפזוכן. אָבער ביז וואָס־ווען, חברים, 'עלן מיר מיט אונדזערע שיפלאַך דער־וויַיל האָבן די אויבערהאַנט.

ער האָט אַזוי געהאַלטן אין איין פּלוידערן מיט אַ מויל אָנ־געשטאָפּט פול מיט חזיר־פלייש. אויף אַזאַ אופן האָט ער זיי צוריקגעקערט זייער האָפנונג און צוטרוי, און כ׳פאַרדעכטיק, אַז ער האָט אַזוי־אַרום־נאָך צוריקגעקראָגן זיין אייגענע אויטאָריטעט.

— וואָס איז שייך אונדזער משכון, — האָט ער פאַרגעזעצט, — גלויב איך, אַז דאָס איז געווען זיין לעצטער געשפּרעך מיט זיינע ליבע. כ׳האָב זיך דורך אים דערוואוסט די ריכטיקע נייס, און ס׳קומט אים אַ גרויסער דאַנק דערפאַר. און איצט האָב איך אַזוי באַשלאָסן: כ׳על אים מיטפירן אויף אַ שטריק, ווען מירן גיין זוכן דעם אוצר, וואָרים מיר מוזן אים היטן פונקט ער וואָלט געווען גאָלד, אין פאַל ס׳טרעפט עפּעס אַ צרה, פאַרשטייט איר מיך. אָבער נאָכדעם ווי מירן געפינען דעם אוצר און די שיף און אַוועק אויפן ים ווי פריילאַכע גוטברידער, ׳עלן מיר דעמאָלט, פאַרשטייט זיך, איבערשמועסן מיט מיסטער האָקינסן, ׳עלן מיר, און מירן אים, נאַטירלאַך, געבן זיין חלק פאַר זיין טירחה און גוטהערציקייט.

ס׳איז גאָרניט ניט קיין חידוש וואָס די חברה־לייט זיינען געווען אַזוי גוט אויפגעלייגט. וואָס איז שייך מיך אַליין בין איך געווען שרעקלאַך נידערגעשלאָגן. כ׳האָב געוואוסט, אַז ווען ס׳וואָלט געווען אַ מעגלאַכקייט דורכצופירן דעם אויוונדערמאָנטן פּלאַן, וואָלט סילווער, איצט שוין אַ צווייפאַכער פאַרעטער, זיך גאָרניט אָפּ־געשטעלט אים דורכצופירן. ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט אַ פוס אין יעדן לאַגער, און ער וואָלט אָן צווייפל אויסגעקליבן רייכטום און פרייהייט מיט די פּיראַטן, איידער בלויז אַ רעטונג פון דער תליה, — דאָס בעסטע וואָס ער האָט געקאָנט דערוואַרטן פון אונדזער צד.

ניט נאָר דאָס, נאָר אפילו ס׳זאָל זיך אַזוי מאַכן, אַז ער זאָל מוזן האַלטן זיין אָפּמאַך מיט דאָקטאָר ליווזין, אפילו דעמאָלט זיינען אונדז פאַרגעשטאַנען ווער ווייסט וואָסער אַ געפאַרן! אַך, וואָס דאָ וואָלט זיך אָפּגעטאָן, ווען זיינע נאָכפאָלגער ווערן זיכער אין זייערע פאַרדאַכטן, און ער מיט מיר זאָלן מוזן קעמפן פאַר אונדזער לעבן — ער אַ קאַליקע, און איך אַ אינגל — קעגן פינף שטאַרקע און ענערגישע מאַטראָזן!

צו דערדאָזיקער שרעק אַז מ׳זאָל נאָך צוגעבן די געהיימניש

וואָס איז נאָך אַלץ געהאַנגען איבער דער אויפפירונג פון מיינע פריינט: די רעטעניש פון זי׳ער אויפגעבונג פון דער פעסטונג, די אומדערקלערלאַכע איבערגעבונג פון דער מאַפּע, און וואָס איז נאָך שווערער צו פאַרשטיין, דעם דאָקטאָרס לעצטע וואָרנונג צו סילווערן „זייט גרייט אויף יללות ווען איר׳ט אים געפינען!" מ׳קאָן זיך דאָרום פאַרשטעלן וואָסער אַ טעם כ׳האָב שוין געקאָנט פילן אין מיין פרישטיק, און מיט וואָסער אַ שווער האַרץ כ׳האָב זיך אָװעקגעלאָזט הינטער מיינע פאַנגערס אויף דער יאַגד נאָכן אוצר.

ווען עמיצער וואָלט אונדז דאָרט געווען באַגעגענען, וואָלט ער געווען געזען אַ טשיקאַווע בילד. אַלע האָבן געטראָגן באַשמוצטע מאַטראָזנקליידער, און אַלע, אַ חוץ מיר, זיינען געווען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס. אויף סילווערן זיינען געהאַנגען צוויי ביקסן — איינע פון פאָרנט, און איינע פון הינטן, אַ חוץ דער גרויסער שווערד, וואָס ער האָט געטראָגן באַ דער זייט אויפן גאַרטל, און אַ פּיסטאָלעט אין יעדער קעשענע פון זיין לאַנגן ראָק. כדי צו דער־גענצן זיין טשיקאַווע אויסזען, איז נאָך „קאַפּיטאַן פלינט" געזעסן אויף זיין אַקסל און האָט געפּלאַפּלט רעשטלאַך אומזיניקע מאַטראָ־זישע פלוידערייען. איך בין געווען צוגעבונדן מיט אַ שטריק אַרום מיין גאַרטל, און בין געהאַרכזאַם נאָכגעגאַנגען דעם קוכער, וועל־כער האָט דעם לויזן עק פונם שטריק געהאַלטן, אָט אין זיין פרייער האַנט, אָט צווישן זיינע שטאַרקע ציין. איך בין פון יעדן שטאַנד־פּונקט געפירט געוואָרן ווי אַ טאַנצנדיקער בער.

די אַנדערע חברה־לייט זיינען געווען פאַרשיידנאַרטיק באַלאָדן: איניקע האָבן געטראָגן שפּיץ־העק און לאָפּעטעס, וואָרים דאָס זיינען געווען די סאַמע ערשטע נויטיקסטע זאַכן וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אויף דער יבשה פון דער „היספּאַניאָלאַ"; אַנדערע ווידער האָבן געטראָגן חזיר־פלייש, ברויט און בראַנפן, פאַרן מיטאָג־מאָלצייט.

כ׳האָב באַמערקט אַז אַלע פּראָדוקטן זיינען געקומען פון אונדזער שפּייכלער, און כ׳האָב אָנגעהויבן איינצוזען די ריכטיקייט פון סיל־ווערס נעכטיקע רייד. וואָלט ער ניט געווען געשלאָסן דעם אָפּמאַך מיטן דאָקטאָר, וואָלט ער מיט זיינע שיפלאַזע בונטאַרן געווען גע־טריבן געוואָרן צו לעבן אויף וואַסער און אויף יאַגד־רויב. וואָסער

וואָלט זיי געווען זייער ווייניק געשמעקט, און מאַטראָזן זײַנען גע־ווײַנטלאַך ניט קיין גוטע יעגער. אַ חוץ דעם, אויב ס׳האָט שוין געהאַלטן אַזוי שמאָל מיט די שפּייזן, האָבן זיי מסתמא קיין צופיל פּולווער אויך ניט געהאַט.

אין דערדאָזיקער אויסשטאַטונג האָבן מיר זיך אַלע אַרויסגעלאָזט אַפילו דער חברה־מאַן מיט דער לאַך אין קאָפּ, וועלכער וואָלט געווען געטאָן אַ סך גלייכער, ווען ער זיצט אין דער היים אין שאָטן, און האָבן אַוועקגעוואַנדערט, איינער נאָכן אַנדערן, צום ברעג, וואו זייערע צוויי שיפלאַך האָבן אויף אונדז געוואַרט. אַפילו ז י י האָבן אויף זיך געהאַט סמנים פון דער שיכור׳ער אומפאַראַנטוואָרטלאַכ־קייט פון די פּיראַטן. איינס האָט געהאַט אַ צעבראָכענע רודערבאַנק, און ביידע זײַנען געווען אין אַ פאַרבלוטיקטן און שמוציקן צושטאַנד. מ׳האָט זיי פון זיכערקייט וועגן ביידע געדאַרפט מיטנעמען. מיר האָבן זיך אויף זיי אויפגעזעצט, און זיך אַוועקגעלאָזט פאָרן אויפן בוזעם פונם אַנקערפּלאַץ.

אין פאַרלויף פונם פאָרן איז אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע וועגן דער מאַפּע. דער רויטער קרייץ איז, פאַרשטייט זיך, געווען צו גרויס צו קאָנען דינען אַלס אַ וועגווייזער, און די טעכנישע ווערטער פון די נאָטיצן, אויף דער אַנדערער זייט, זײַנען געווען זייער אומבאַשטימט. זיי האָבן זיך געלייענט, ווי דער לעזער געדענקט, אַזוי:

„הויכער בוים, שפּאַקטיוו באַרג שולטער, איין פּונקט
אין דער צפון ריכטונג פון צפון־צפון־מזרח.
„סקעלעט אינדזל, מזרח־דרום־מזרח, דורך מזרח.
„צען פוס“.

אַ הויכער בוים איז, הייסט עס, געווען דער הויפּט סימן. דער אַנקערפּלאַץ פאַר אונדז איז אָבער געווען איינגעשלאָסן אין אַ פּלאַ־טאָ פון אַרום צוויי ביז דריי הונדערט פוס די הויך, וועלכע האָט זיך אין צפון זייט געגרעניצט מיטן משופּע׳דיקן שולטער פונם „שפּאַקטיוו“, און זיך, דרום־צו, ווידער אויפגעהויבן צו דער ווילדער, צעשפּאַלטענער פעלזיקייט, וואָס מ׳האָט גערופן „הינטערמאַסט באַרג“. אויף דער פּלאַטאָ זײַנען געוואַקסן אַ היבשע צאָל סאָסנע־ביימער פון פאַרשיידענע הויכן. דאָ און דאָרט האָט זיך איינער

פון אַנ׳אַנדער פאַמיליע אויפגעהויבן אַרום פערציק־פופציק פוס הויך איבער זיינע שכנים. וועלכער פון זיי ס׳איז געווען דעם קאַ־פיטאַן פלינטס געוויסער „הויכער בוים“, האָט געקאָנט באַשטימט ווערן נאָר אויפן אָרט, און מיט דער הילף פון אַ קאָמפּאַס.

פונדעסטוועגן, כאָטש דאָס איז געווען דער פאַל, האָט זיך יע־דער איינער אויף די שיפלאַך אויסגעקליבן אַ געוויסן בוים, איידער מיר האָבן געהאַט אָפּגעפאָרן העלפט וועג. בלויז דער „לאַנגער דזשאָן“ האָט געצוקט מיט די אַקסל, און האָט געהייסן וואַרטן ביז מירן צוקומען אויפן אָרט.

מיר האָבן, לויט סילווערס באַפעלן, גערודערט פאַמעלאַך, כדי מיר זאָלן זיך ניט איינמאַטערן פאַר דער צייט. נאָך אַ היבשער שטרעקע, האָבן מיר געלאַנדט באַם מויל פונם צווייטן טייך, דער וואָס פליסט אַרונטער דורך אַ באַוואַלדיקטן טאָל פונם „שפּאַקטיוו“. פון דאָרט, אָפּקירעווענדיק זיך לינקס, האָבן מיר אָנגעהויבן אַרויפ־שטייגן באַרג־אַרויף אין דער ריכטונג פון דער פּלאַטאָ.

אין אָנהייב האָבן אַ געדיכטער, ליימיקער באָדן און אַ גע־פלעכט פון זומפּיקע פלאַנצן, שטאַרק געשטערט אונדזער גאַנג. ביסלאַכווייז אָבער, האָט דער באַרג אָנגעהויבן צו ווערן משופּע׳־דיקער און שטייניקער אונטער די פיס, און דער וואַלד צו ענדערן זיין אויסזען, און צו וואַקסן אין אַ ליכטיקערער אָרדנונג. מיר האָבן זיך איצט דערנענטערט צו איינער פון די אָנגענעמסטע געגנטן פונם אינדזל. שטאַרק־שמעקנדיקע פלאַנצן, און אַנדערע בליענדיקע קוסטעס, האָבן כמעט פאַרנומען דאָס אָרט פון גראָז. געדיכטע וועלדלאַך פון גרינע מוסקאַט־נוסביימער זיינען געווען דורכגעמישט דאָ און דאָרט מיט די רויטע זיילן און ברייטע שאָטנס פון די סאָסנעס, און די ערשטע האָבן אויסגעמישט זייער געווירציקן ריח מיט דעם אַראָמאַט פון די אַנדערע. אַ חוץ דעם, איז די לופט געווען פריש און מחיה׳דיק, און איז, אונטערן העלן זונליכט, געווען אַ וואונדערלאַכע דערקוויקונג פאַר אונדזערע חושים.

די חברה האָט זיך צעשפּרייט אין דער ברייט, אין דער פאָרמע פון אַ פעכער, שרייענדיק, און שפּרינגענדיק הין און צוריק. סילווער און איך זיינען געווען אין מיטן, און אַ היבשע שטרעקע הינטער די אַנדערע, — איך, צוגעבונדן מיט אַ שטריק, און ער,

קריכנדיק מיט שווערע זיפצן איבער די זיך־וואַלגערנדיקע זאַמד־שטיינדלאַך. כ'האָב אים פון צייט צו צייט נאָך געמוזט אַרויסהעלפן. אַניט וואָלט ער זיך געווען אויסגעגליטשט און אַרונטערגעפאַלן הינ־טערוויילאַכטס פונם באַרג.

מיר זיינען אַזוי דורכגעגאַנגען אַרום אַ האַלבן מייל און האָבן זיך שוין דערנענטערט צום ראַנד פון דער פּלאַטאָ, ווען דער מאַן וואָס איז געווען זייער ווייט לינקס, האָט אָנגעהויבן צו שרייען אויף אַ קול, ווי אין טויט־שרעק. ער האָט געהאַלטן אין איין שרייען. און מיר האָבן זיך אַלע געלאָזט לויפן אין זיין ריכטונג.

— ער האָט דאָך ניט געקאָנט געפינען דעם אוצר, — האָט באַמערקט דער אַלטער מאָרגאַן פאַרבייאיילנדיק לעבן אונדז רעכטס.
— וואָרים ער ליגט גאָר ערגיץ דאָרטן גאַנץ אויוון.

און ס'איז טאַקע געווען גאָר אַן'אַנדער זאַך, ווי מיר האָבן זיך איבערצייגט, ווען מיר זיינען צוגעקומען צום אָרט. באַם פוס פון אַ גאַנץ הויכער סאָסנע, איז אויף דר'ערד געלעגן אַ סקעלעט פון אַ מענטשן, באַדעקט מיט עטלאַכע שמאַטעס, איינגעפּלאָנטערט אין אַ קריכפּלאַנץ, וועלכע האָט טיילווייז אפילו אויפגעהויבן עטלאַכע פון די קלענערע ביינער. איך גלויב, אַז אַ קעלט האָט אויף אַ רגע דורכגענומען יעדנס האַרץ.

— ס'איז געווען אַ מאַטראָז, — האָט באַמערקט דזשאָרדזש מערי וועלכער איז, זייענדיק בראַווער פון די איבעריקע, צוגעגאַנגען נאָענט און האָט באַטראַכט די שמאַטעדיקע קליידער, — ס'איז ווייניקסטנס גוטער שיף־לייוונט.

— וואָ'דען? — האָט געזאָגט סילווער, — נו, געוויס. האָסט דאָך ניט דערוואַרט צו געפינען דאָ אַ בישאָף, רעכן איך. ווי קומט'ס אָבער וואָס די ביינער ליגן אַזוי מאָדנע? ס'איז דאָך ניט נאַטירלאַך.

און ווירקלאַך, ווען מ'האָט זיך איינגעקוקט, איז טאַקע געווען אוממעגלאַך זיך פאָרצושטעלן אַז דער קערפּער איז געלעגן אין אַ נאַטירלאַכער פּאָזיציע. אַ חוץ דער אומאָרדנונג, וואָס פייגל, וועלכע האָבן זיך געשפּייזט אויף זיין קערפּער, אָדער דער פּאַמעלאַך־וואַקסנדיקער קריכפּלאַנץ, וועלכער האָט זיך איינגעפּלאָנטערט אין זיינע ביינער, האָבן פאַראורזאַכט, איז דער מאַן געלעגן אויסגע־

צויגן ווי אַ סטרונע, די פיס ווי צוויי ווייזערס אין איין ריכטונג, און די הענט אויסגעשטרעקט איבערן קאָפּ ווי די הענט פון אַ טויכער, אָנווייזנדיק אין דער אַנטקעגנגעזעצטער ריכטונג.

— ס'איז מיר איינגעפאַלן אַ השערה אין מיין אַלטן נארישן קאָפּ — האָט סילווער באַמערקט, — אַז דאָס איז דער קאָמפּאַס, און דאָרט־אָ איז דער העכסטער פּונקט פונם „סקעלעט אינדזל", וועלכער סטאַרטשעט אַרויס ווי אַ צאָן. גיט נאָר אָקאָרשט אַ מעסט איבער, זייט מוחל, אין וועלכער ריכטונג ווייזט דער־אָ ביין.

מ'האָט אַזוי געטאָן. דער קערפּער איז געווען געריכטעט אין דער ריכטונג פונם אינדזל, און דער קאָמפּאַס האָט געוויזן אויף מזרח־דרום־מזרח, דורך מזרח.

— כ'האָב אָבער געוואוסט, — האָט דער קוכער אויסגערופן. — דאָס־אָ איז אַ וועגווייזער. דאָרטן־אָ איז די ריכטונג צום צפון שטערן, אין צו די פּריילאַכע דאָלאַרן, צום טייוול! ס'ווערט מיר קאַלט אינווייניק, ווען כ'דערמאָן זיך אין פלינטן. דאָס איז אָן צווייפל איינער פון זיינע וויצן. ער איז דאָ געווען אַליין מיט זעקס מאַטראָזן, האָט זיי ביז איינעם דערמאָרדעט, און דעם־אָ האָט ער צוגעשלעפּט אַהערצו און אים אַנידערגעלייגט ווי אַ קאָמפּאַס. צו אַלדי רוחות! דאָס זיינען גאַנץ לאַנגע ביינער, און ער האָט געהאַט געלע האָר. אַ, דאָס האָט אודאי געמוזט זיין אַלאַרדיס. געדענקסט נאָך אַלאַרדיסן, טאָם מאָרגאַן?

— אַ, יאָ, — האָט זיך אָנגערופן מאָרגאַן, — איך געדענק אים זייער גוט. ער איז מיר שולדיק געווען געלט, איז ער, און האָט נאָך מיט זיך אויף דער יבשה מיטגענומען מיין מעסער דערצו.

— ריידנדיק וועגן מעסערס, — האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטער, — פאַרוואָס זעט מען דאָ ניט ליגן זייניקן? פלינט איז דאָך ניט געווען דער מאָן אויסצולייזיקן באַ אַ מאַטראָז די קעשענעס, און די פייגל, רעכן איך, וואָלטן אים אויך ניט געטשעפּעט.

— צו אַלדי רוחות! דאָס איז אויך אמת! — האָט סילווער אויסגערופן.

— ס'איז ניט געבליבן קיין שום זאַך, — האָט זיך אָנגערופן מערי, נאָך אַלץ אַרומזוכנדיק צווישן די ביינער, — אפילו ניט

קיין קופּערנע פּרוטה, אפילו ניט קיין טאַבאַק פּושקעלע. ס׳עפּעס גאָרניט נאַטירלאַך.

— ניין, צום טייוול! גאָרניט ניט נאַטירלאַך! — האָט סילווער איינגעשטימט, — ניט נאַטירלאַך, און ניט שיין, זאָגסטו! צו אלדי רוחות, חברים, ווען פלינט זאָל איצט לעבן, וואָלט דאָס געווען אַ גאַנץ הייסער פּלאַץ פאַר אייך מיט מיר. זעקס זיינען זיי געווען, און מיר זיינען אויך זעקס, און ביינער זיינען זיי איצט.

— כ׳האָב אים אַליין געזען טויט מיט מיינע אייגענע קוקערס.

— האָט זיך אָנגערופן דער יונג מיט דער באַנדאַזשע אַרום קאָפּ.

— אָבער אויב גייסטער קאָנען אַרומגיין, וואָלט׳ס פלינטס גייסט זיכער געטאָן. מיין גאָט, ס׳אַ מיאוסן טויט ער האָט געהאַט, פלינט!

— יאָ, דאָס איז אמת, — האָט באַמערקט אַן׳אַנדערער, — אָט האָט ער געליאַרעמט, און האָט געשריען מ׳זאָל אים געבן נאָך ראָם, און אָט געזונגען. „פופצן מאַן" איז געווען זיין איינציק ליד, חברים, און, כ׳זאָג אייך דעם אמת, זינט דאַמאָלט האָב איך ניט קיין גרויסע ליבע צו הערן דאָסדאָזיקע ליד. ס׳איז געווען אַ געפּערלאַכע היץ, ס׳פענצטער איז געווען אָפן, און כ׳האָב געהערט דאָסדאָזיקע אַלטע ליד אַרויסקומען אַזוי קלאָר, אַזוי קלאָר, און אין דערזעלבער צייט האָט אים שוין דער טויט געהאַלטן באַם גאָרגל.

— נו, גענוג שוין, — האָט סילווער געזאָגט, — גענוג שוין צו רעדן דערפון. ער׳ז טויט, און ער קאָן ניט אַרומגיין, אין דעם בין איך זיכער, ווייניקסטנס, ׳עט ער ניט אַרומגיין באַטאָג, איר קאָנט זיך אויף מיר פאַרלאָזן! נו, פון צופיל פאַרזיכטיקייט איז אַ קאַץ גע׳פּגר׳ט, לאָמיר גיין ווייטער, נאָך די דובלאָנען!

מיר האָבן זיך ווידער געלאָזט גיין. אָבער ניט קוקנדיק אויף דער הייסער זון און דעם בלענדנדיקן טאָגליכט, זיינען די פּיראַטן שוין מער ניט געלאָפן איינציקווייז מיט געשרייען דורכן וואַלד, נאָר האָבן זיך געהאַלטן איינער לעבן אַנדערן און גערעדט שטילערהייט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. דער טויטער בוקאַניר האָט אויף זיי אָנגעוואָרפן אַן אימה.

„ס'איז ניט געבליבן קיין שום זאַך, — האָט זיך אָנגערופן מערי,
נאָך אַלץ אַרומזוכנדיק צווישן די ביינער".

צוויי־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

די יאַגד נאָכן אוצר. — די שטים צווישן די ביימער

טיילווייז מחמת דעם אָפּשוואַכנדיקן איינפלוס פון דערדאָזי־קער שרעק, טיילווייז צוליב דעם אַז סילווער און די קראַנקע חברה־לייט זאָלן זיך קאָנען אָפּרוען, האָבן זיך אַלע אַנידערגעזעצט, גלייך ווי זיי האָבן דערגרייכט דעם ראַנד פון דער פּלאַטאָ.

אַזוי ווי די פּלאַטאָ איז געווען אַביסל אָנגעבויגן מערב־צו, האָבן מיר פון דעמדאָזיקן פּלאַץ, וואו מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געקאָנט זען אַ ברייטע ווייטקייט אויף ביידע זייטן. פון פאָרנט, איבער די ביימער־שפּיצן, האָבן מיר געזען דעם „וואַלד־קאָפּ", אַרומ־געזוימט מיט שוימיקע כוואַליעס. הינטן, האָבן מיר ניט נאָר געקאָנט אַרונטערקוקן אויפן אַנקערפּלאַץ און אויפן „סקעלעט אינדזל", נאָר האָבן אויך געזען, ווייט איבערן לאַנד־צונג און דעם מזרח'דיקן פלאַכלאַנד, אַ ברייט פעלד פון אָפענעם ים אין מזרח זייט. פונקט איבער אונדז האָט זיך אויפגעהויבן דער „שפּאַקטיוו", דאָ באַוואַקסן מיט איינציקע סאָסנעס, און דאָרטן שוואַרץ פון משופּע'דיקע פעלזן. מ'האָט ניט געהערט קיין שאָרך, אַ חוץ דעם ווייטן רויש פון די כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געהויבן אויף אַלע זייטן, און דעם זשום פון אַן אַ שיעור אינזעקטן אין די קוסטעס. אויפן ים האָט מען ניט געזען קיין לעבעדיקן נפש, קיין איין זעגל. די סאַמע גרויסקייט פון דער פּאַנאָראַמע האָט נאָך פאַרגרעסערט דעם געפיל פון איינזאַמקייט.

ווען סילווער האָט זיך אַנידערגעזעצט, האָט ער גענומען גע־וויסע מעסטונגען מיטן קאָמפּאַס.

— ס'זיינען דאָ פאַראַן דריי „הויכע ביימער", — האָט ער געזאָגט, — אומגעפער אויף איין שורה מיטן „סקעלעט אינדזל". מיט „שפּאַקטיוו אַקסל", רעכן איך, איז געמיינט געוואָרן יענער נידעריקער פונקט. און איצט איז'ס פּשוט אַ קינדערשפּיל צו געפינען דעם שטאָף. איך דענק אָבער אַז מיר זאָלן פריער אָפּעסן.

— איך בין גאָרניט הונגעריק, — האָט מאָרגאַן געבור־טשעט, — די דערינערונגען וועגן פלינטן, גלויב איך, האָבן בײַ מיר אָפּגענומען דעם אַפּעטיט.

— הערסטו, מיין זון, וואָס כ'על דיר זאָגן, דאַנק גאָט וואָס ער איז טויט, — מאַכט סילווער.

— אָ, ער איז געווען אַ מיאוסער טייוול! — האָט אויסגערופן אַ דריטער פּיראַט, אויפשווידערנדיק, — מיט אַ בלויער נאָז דערצו!

— דאָס איז אים געקומען פון צופיל ראָם, — האָט מערי צוגעגעבן — בלוי! נו, זיכער איז ער געווען בלוי, דאָס איז דאָס ריכטיקע וואָרט.

זינט זיי האָבן געפונען דעם סקעלעט און זיינען אַרויף אויף אַזעלכע געדאַנקען, האָבן זיי גענומען רעדן אַלץ שטילער און שטילער, און האָבן איצט שוין כמעט זיך געשושקעט, אַזוי אַז דער קלאַנג פון זייער געשפּרעך האָט קוים געשטערט די שטילקייט פונם וואַלד. מיטאַמאָל, האָט אַ דינע, הויכע, ציטערנדיקע שטים, צווישן די ביי־מער פאַר אונדז, אָנגעהויבן צו זינגען די גוט־באַקאַנטע מעלאָדיע און ווערטער: —

„פופצן מאַן אויפן טויטנס אָרון,
יאָ־האָ־האָ, און אַ פלאַש מיט ראָם!"

כ'האָב נאָך אויף מיין לעבסטאָג ניט געזען אַז מענטשן זאָלן ווערן אַזוי דערשראָקן אויף טויט, ווי די־דאָזיקע פּיראַטן. די פאַרב פון זייערע זעקס פּנים'ער האָט זיך אָפּגעטאָן ווי דורך אַ כישוף. אייניקע זיינען אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, אַנדערע האָבן זיך איינגעקלאַמערט איינער אינם אַנדערן, און מאָרגאַן איז געבליבן ליגן אויסגעצויגן מיטן פּנים צו דר'ערד.

— ס'איז פלינט, צום — — — ! — האָט מערי אויסגעשריען.

דאָס זינגען האָט אויפגעהערט פּונקט אַזוי פּלוצלונג ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן. מ'קאָן זאָגן, ס'איז געוואָרן אונטערבראָכן אין מיטן פון אַ טאַקט, אַקוראַט ווי עמיצער וואָלט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן זינגערס מויל. קומענדיק פון אַזאַ ווייטקייט דורך דער קלאָרער, זוניקער לופט און די גרינע ביימער־שפּיצן, האָט'ס מיר געקלונגען הימליש און אָנגענעם. נאָך זעלטענער איז אָבער געווען די ווירקונג וואָס ס'האָט געהאַט אויף מיינע חברים.

— קומט, — מאַכט סילווער, אָנשטרענגענדיק זיך אַרויסצו־ברענגען די ווערטער אויף זיינע אַשיקע ליפּן, — דאָס 'עט ניט גיין. שטייט אויף, און קומט ווייטער. ס'איז אַ טשיקאַווע געזאַנג, און

כ'קאָן ניט דערקענען די שטים. אָבער דאָס מאַכט עמיצער חוזק פון אונדז, עמיצער פון פלייש און בלוט, איך פאַרזיכער אייך!

אַזוי ריידנדיק, האָט ער צוריקגעקראָגן דעם מוט, און, אינאיינעם מיט דעם, אויך אַ ביסל פאַרב אין פּנים. די אַנדערע האָבן זיך שוין אויך אָנגעהויבן צוצוהערן צו זיין דערמוטיקונג, און האָבן אָנ־געהויבן צו קומען צו־זיך, ווען ס'האָט זיך פּלוצלונג דערהערט די זעלבע שטים. דאָסמאָל ניט מיט קיין לידל, נאָר מיט אַ שוואַכן, וויטן רוף, וועלכער האָט נאָך שוואַכער אָפּגעקלונגען צווישן די פעלזן פונם „שפּאַקטיוו".

— דאַרבי מ'גראָ! — האָט זי געיאָמערט, וואָרים דאָס איז דאָס וואָרט וואָס באַצייכנט אַמבעסטן דעמדאָזיקן קלאַנג, — דאַרבי מ'גראָ! דאַרבי מ'גראָ! — אָן אַ סוף און אָן אַן עק; און ווערנדיק אַביסל העכער, און מיט אַ זידלעריי וואָס כ'לאָז דאָ אויס, — ברענג אַהער דעם ראָם, דאַרבי!

די בוקאַנירן זיינען געבליבן שטיין ווי איינגעוואָרצלט אין דר'ערד, און די אויגן האָבן באַ זיי אַרויסגעסטאַרטשעט פון די קעפּ. לאַנג נאָך, נאָכדעם ווי די שטים איז אָפּגעשטאָרבן, האָבן זיי אַלץ שווייגנדיקערהייט געקוקט פאַר זיך אין טויט־שרעק.

— איצט איז'ס שוין זיכער, — האָט איינער קוים אַרויס־גערעדט, — לאָמיר מאַכן פּליטה!

— דאָס זיינען געווען זיינע לעצטע ווערטער, — האָט מאָרגאַן געברומט, — זיינע לעצטע ווערטער פאַרן טויט.

דיק האָט אַרויסגענומען זיין ביבל, און האָט שנעל געדאַוונט. ער האָט געקראָגן אַ גוטע דערציאונג, דיק, איידער ער איז אַוועק אויפן ים און איז אַריינגעפאַלן צווישן שלעכטע חברים.

סילווער איז נאָך אָבער אַלץ ניט געווען באַזיגט. כ'האָב געהערט ווי ס'האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן, ער האָט זיך אָבער אַלץ ניט אונטערגעגעבן.

— קיינער האָט דאָ אויף דעמדאָזיקן אינדזל ניט געהערט פון דאַרבין, קיינער אַ חוץ די וואָס געפינען זיך דאָ, — האָט ער געמורמלט. און דאַן, מאַכנדיק אַ גרויסע אָנשטרענגונג, האָט ער אויסגערופן: — שיפּ־חברים, כ'בין געקומען אַהער צו קריגן די מזומנים, און כ'על זיך ניט לאָזן בייקומען ניט פון קיין מענטשן

און ניט פונם טייוול. כ'האָב זיך קיינמאָל ניט געשראָקן פאַר פלינטן לעבעדיקערהייט, און כ'על זיך אים שטעלן אַקעגן טויטערהייט, צו אַלדי רוחות! זיבן הונדערט טויזנט פונט ליגן ערגיץ דאָ, ניט ווייטער פון אַ האַלבן מייל פון דאַנעט, וואו איז'ס געהערט געוואָרן אַז אַ „ריטער פון צופאַל" זאָל אומקערן דעם רוקן צו אַזוי פיל דאָלאַרן, צוליב אַ שיכור'ניק אַ מאַטראָז מיט אַ בלוי־ער נאָז, וועלכער איז נאָך דערצו טויט?

ס'האָט זיך אָבער מער שוין ניט באַוויזן קיין סימן פון דער־מוטיקונג אויף די פּנים'ער פון זיינע נאָכפאָלגער. פאַרקערט, הערנ־דיק זיינע אַפּיקורסישע רייד, האָט זיך נאָך זייער שרעק פאַרגרע־סערט.

— הערט אויף, דזשאָן! — האָט זיך אָנגערופן מערי. — שטעלט זיך ניט אַקעגן אַ גייסט!

די איבעריקע זיינען געווען אַזוי צעשראָקן, אַז זיי האָבן גאָר־ניט ניט געקאָנט זאָגן. זיי וואָלטן זיך געווען איינציקווייז צעלאָפן, ווען זיי וואָלטן געוועןגעוואגט. מורא האָט זיי אָבער געהאַלטן איינער לעבן אַנדערן אַרום דזשאָנען, פּונקט ווי זיין געוואגטקייט וואָלט זיי געקאָנט באַשיצן, ער ווידער, פון זיין זייט, האָט איצט גאַנץ גוט באַהערשט זיין שוואכקייט.

— אַ גייסט? נו, אפשר, — האָט ער געזאָגט. — אָבער איין זאַך איז מיר דאָ עפּעס ניט קלאָר: כ'האָב געהערט אַ ווידער־קול. נו, אַזוי ווי ס'האָט נאָך קיינער קיינמאָל ניט געזען קיין גייסט מיט אַ שאָטן, טאָ וואָס־זשע טוט ער דאָ מיט אַ ווידער־קול, וויל איך וויסן? דאָס איז דאָך שוין געוויס קעגן אַלע געזעצן פון דער נאַטור. האָ?

אויף מיר האָט דערדאָזיקער אַרגומענט געמאַכט זייער אַ שוואַכן איינדרוק, מ'קאָן אָבער קיינמאָל ניט וויסן פון וואָס אַן אָבער־גלויביקער ווערט באַאיינפלוסט. צו מיין גרויס איבעראַשונג, האָב איך דערזען אַז דזשאָרדזש מערי האָט זיך גלייך דערפילט ווי ס'וואָלט אים אַראָפּ אַ שטיין פונם האַרצן.

— אוי, טאַקע, — האָט ער געזאָגט. — אַ, איר האָט אַ קאָפּ אויף די אַקסלען, דזשאָן. ס'איז קיין צווייפל ניט אין דעם. פאָרווערטס, חברים! עמיצער וויל דידאָזיקע מאַנשאַפט פאַר־

פירן, גלויב איך. ווען כ׳טראכט זיך אריין, איז׳ס טאקע געווען ענלאך אויף פלינטס שטים, דאס גיב איך צו, זי איז אבער דאך ניט געווען אזוי קלאר, נאך אלעמען. זי איז גיכער געווען ענלאכער אויף אנ׳אנדערנס שטים, זאג איך אייך, זי איז געווען ענלאכער אויף — אויף — —

—אויף בען גאנס! צו אלדי רוחות! — האט סילווער אויס־געדרעוועט.

— יא, יא, — האט אויסגעשריען מארגאן, אויפשפרינגענדיק אויף די קני. — ס׳איז בען גאן!

— וואס איז דא דער חילוק? — האט געפרעגט דיק. — בען גאן איז דאך דא אויך ניטא לעבעדיקערהייט מער פון פלינטן!

אבער די עלטערע פיראטן האבן אויפגענומען זיין באמערקונג מיט חוזק.

— קיינער האט ניט קיין מורא פאר בען גאנען, — האט מערי אויסגערופן — טויט אדער לעבעדיק, האט קיינער פאר אים ניט קיין מורא.

ס׳איז מערקווירדיק ווי זייער מוט האט זיך צוריקגעקערט. און ווי אזוי א נאטירלאכע פארב האט ווידער אויפגעלעבט אין זייערע פנים׳ער. ס׳האט זיך גלייך אנגעהויבן א געפלוידעריי, וואס איז בלויז פון צייט צו צייט געווארן אונטערבראכן דורך פויזעס פון צוהערן זיך. ניט לאנג נאכדעם, ניט הערנדיק קיין וויטערן געדויש, האבן זיי גענומען זייער געצייג אויף די אקסל, און האבן זיך געלאזט גיין פארויס. מערי איז געגאנגען צום ערשטן מיט סילווערס קאמפאס, כדי צו האלטן די ריכטונג־ליניע מיטן „סקעלעט אינדזל“. ער איז געווען גערעכט: טויט אדער לעבע־דיק, קיינער האט ניט מורא געהאט פאר בען גאנען.

איין דיק האט נאך אלץ געהאלטן די ביבל, און נאכגייענ־דיק, זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן מיט שרעקעדיקע בליקן. ער האט אבער ניט געפונען קיין סימפאטיע, און סילווער האט זיך נאך געוויצלט איבער זיין פארזיכטיקייט.

— כ׳האב דאך דיר געזאגט, — מאכט ער, — כ׳האב דאך דיר געזאגט אז דו האסט איבערגעפירט דיין ביבל. און אויב מ׳קאן בא איר ניט שווערן, וואס דענקסטו ׳עט א גייסט געבן פאר איר?

ניט אַזוי פיל, — און ער האָט אַ קנאַק געטאָן מיט זיינע גראָבע פינגער, אַנשפּאַרנדיק זיך אַ רגע אויף דער קוליע.

אָבער דיק האָט זיך ניט געקאָנט בארואיקן. ס'איז מיר געוואָרן קלאָר אַז דער בחור האָט אָנגעהויבן צו ווערן קראַנק. אונטער דער ווירקונג פון דער היץ, מידקייט, און אויפטרייסלענדיקער שרעק, איז דער פיבער וואָס דאָקטאָר ליווזי האָט פאָרויסגעזאָגט, בעשיינפּערלאַך געשטיגן אַלץ העכער און העכער.

דער וועג איז דאָ געווען אָן אָפענער און פרייער. מיר זיינען איצט געגאַנגען באַרגאַראָפּ, וואָרים די פּלאַטאָ איז, ווי כ'האָב פריער געזאָגט, געווען אָנגעבויגן מערב־צו. די סאָסנעס, גרויסע און קליינע, זיינען דאָ געוואַקסן אָפּגעטיילט איינע פון דער אַנדערער, און אפילו צווישן די מוסקאַט־נוס און אַזאַליע קוסטעס, האָבן ברייטע אָפענע שטרעקעס זיך געבאַקן אויף דער זון. אַריינדרינגענדיק אומגעפער אין דער צפון־מערב'דיקער ריכטונג איבערן אינדזל, האָבן מיר זיך, אויף איין זייט, אַלץ מער און מער דערנענטערט צום שולטער פונם „שפּאַקטיוו", און אויף דער אַנדערער, האָט זיך פאַר אונדז וואָס ווייטער אַנטפּלעקט אַ גרעסערע שטרעקע פונם מערב'דיקן ים־אויסגוס, אויף וועלכן כ'האָב זיך ניט לאַנג צוריק געוואָרפן און געציטערט אינם פעל־שיפל.

מיר זיינען צוגעקומען צום ערשטן „הויכן בוים". לויט דער אָנווייזונג פונם קאָמפּאַס, איז ער אָבער ניט געווען דער ריכטיקער. דאָסזעלבע איז אויך געווען מיטן צווייטן. דער דריטער האָט זיך אויפגעהויבן נאָנט צו צוויי הונדערט פוס אין דער לופט איבער גרופּעס פון קליינע קוסטעס. ס'איז געווען אַ ריז פון אַ פּלאַנץ מיט אַ רויטן שטאַם די גרויס פון אַ קליין הויז, און אין זיין שאָטן וואָלט אַ גאַנצער באַטאַליאָן געקאָנט מאַכן מאַנעוורעס. מ'האָט אים זיכער אָנגעזען ווייט אויפן ים, סיי פון מזרח, סיי פון מערב זייט. און ער וואָלט געווען געדאַרפט אָנגעצייכנט ווערן אויף דער מאַפּע אַלס אַ וועג־ווייזער.

אָבער ניט זיין גרויסקייט האָט עס איצט אימפּאָנירט מיינע חברים, נאָר דער געדאַנק אַז זיבן הונדערט טויזנט פונט גאָלד זיינען געלעגן פאַרגראָבן ערגיץ הינטער זיין גרויסן שאָטן. וואָס נענטער זיי זיינען צוגעקומען, האָט דער געדאַנק וועגן דעם געלט

פאַרשלונגגען אַלע זייערע פריערדיקע שרעקן. די אויגן האָבן זיי געברענט אין די קעפּ. די פיס זיינען געוואָרן לייכטער און פלינ־קער. זייער גאַנצער ווען איז געווען אריינגעטאָן אין דעם אוצר, וועלכער האָט פון יעדן איינעמס וועגן פון זיי אַנגעגרייט אַ לעבן פון פאַרשווענדונג און פאַרגעניגן.

סילווער איז כריוקענדיק נאָכגעשפרונגען אויף דער קוליע. זיי־נע נאָזלעבער זיינען געווען אויפגעשטעלט און האָבן געציטערט. ער האָט גע'קללה'ט ווי אַ משוגע'נער, ווען די פליגן פלעגן זיך אָפּ־שטעלן אויף זיין הייסן און פאַרשוויצטן געזיכט. ער האָט צאָרנ־דיק געצויגן דעם שטריק אויף וועלכן ער האָט מיך געפירט, און האָט מיר פון צייט צו צייט צוגעוואָרפן מערדערישע בליקן. ער האָט זיך גאָרניט באַמיט צו פאַרבאָרגן זיינע געדאַנקען, און איך האָב זיי פון אים אַראָפּגעלייענט אַזוי קלאָר ווי דרוק. אין דער נאָנט־קייט פונם גאָלד, איז אַלצדינג געוואָרן פאַרגעסן. זיין צוזאָג און דעם דאָקטאָרס וואָרנונג זיינען ביידע געווען זאַכן פון דער פאַר־גאַנגענהייט. כ'האָב גאָרניט געצווייפלט, אַז ער האָט געהאָפט צו פאַרכאַפּן דעם אוצר; אונטערן שאָטן פון דער נאַכט געפינען די „היספּאַניאָלאַ"; איבערשניידן די העלדזער פון יעדן ערלאַכן מענטשן אויפן אינדזל; און אוועקזעגלען, ווי ער האָט פריער גע־פּלאַנט, אָנגעלאָדן מיט פאַרברעכנס און רייכטום.

געפייניקט פון אַזעלכע געדאַנקען פון שרעק, איז מיר געווען שווער אָנצוהאַלטן דעם שנעלן גאַנג פון די אוצר־זוכער. כ'בין פון צייט צו צייט אומגעפאַלן, און דעמאָלט האָט עס סילווער אַזוי בייז געצויגן דעם שטריק און מיר צוגעוואָרפן זיינע מערדערי־שע בליקן. דיק, וועלכער איז געבליבן הינטערשטעליק, און האָט אונדז איצט אָנגעיאָגט, האָט געפּרעפּלט צו זיך אַליין אָט תפילות און אָט קללות, וואָס העכער זיין פיבער איז געשטיגן. דאָס האָט אויך פאַרשטאַרקט מיין עלנט, און, צו אַלע גליקן, האָט מיך נאָך פאַרפאָלגט דער געדאַנק וועגן דער טראַגעדיע וואָס האָט זיך אַמאָל אָפּגעשפּילט אויף דערדאָזיקער פּלאַטאָ, ווען דער גאָטלאָזער בוקאַניר מיט דער בלויער נאָז — דער וואָס איז געשטאָרבן אין סאַוואַנע, זינגענדיק און שרייענדיק אַז מ'זאָל אים געבן נאָך ראָם — האָט דאָרט, מיט דער אייגענער האַנט, דערמאָרדעט זיינע זעקס שפּיז־

חברים. דאָסדאָזיקע וועלדל, וואָס איז איצט געווען אַזוי פרידלאַך, האָט אַמאָל אָפּגעהילכט מיט טויט־געשרייען, האָב איך געטראַכט, און כ׳האָב זיי נאָך איצט געקאָנט הערן אין גדאַנק.

מיר זיינען איצט געווען באַם ראַנד פונם וועלדל.

— הורא, חברים, אַלע אינאיינעם! — האָט מערי אויסגע־שריען, און די פאָדערשטע האָבן זיך געלאָזט לויפן.

מיטאַמאָל, ניט ווייטער פון צען קלאַפטער פון אונדז, זיינען זיי געבליבן שטיין. ס׳האָט זיך דערהערט אַ פאַרשטאַקטער געשריי. סילווער האָט פאַרשנעלערט זיין גאַנג, און געגראָבן די זאַמד מיטן פוס פון זיין קוליע ווי אַ מטורף. אין אַ רגע אַרום זיינען מיר אויך געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערטע.

פאַר אונדז איז געווען אַ גרויסע גרוב, קענטלאַך, ניט זייער קיין פרישע, וואָרים די זייטן זיינען שוין געווען איינגעפאַלן און גראָז האָט געשפּראָצט אויפן באָדן. אינוויינסיק זיינען געלעגן צעוואָרפן אַ צעבראָכן הענטל פון אַ שפּיץ־האַק און ברעטער פון עטלאַכע פּאַק־קאַסטנס. אויף איינעם פון די־דאָזיקע ברעטער האָב איך געזען, אויסגעברענט מיט אַן אָנגעגליט אייזן, דעם נאָמען „וואַלרוס“ — דער נאָמען פון פלינטס אַלטער שיף.

אַלץ איז געווען קלאָר ווי דער טאָג. עמיצער האָט געפונען די באַהעלטעניש און זי אויסגעליידיקט: די זיבן הונדערט טויזנט פונט זיינען אַוועקגעפלויגן!

דריי־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

דער פאַל פון אַ פירער

ס׳איז נאָך קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען אַזאַ איבער־קערעניש. יעדער איינער פון די־דאָזיקע זעקס מענער איז געווען ווי פון אַ שלאַק געטראָפן. בלויז סילווער איז כמעט אויגנבליקלאַך געקומען צו־זיך. ער איז מיט אַלע זיינע חושים געווען געריכטעט, ווי אַ וועט־לויף פערד, אויפן געלט, און אין איין סעקונדע איז אַלץ

געווען טויט. ער האָט אָבער ניט פאַרלוירן דעם קאָפּ, איז ניט אַרויס פון די כלים, און האָט געביטן זיין פּלאַן, איידער די אַנדערע האָבן נאָך געהאַט צייט צו באַגרייפן זייער אַנטוישונג.

— דזשים, — האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן שטילערהייט, — נעם דאָס, און זיי גרייט אויף אַ שטורעם.

און ער האָט מיר איבערגעגעבן אַ צווייי־לויפיקן פּיסטאָלעט.

אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך פּאַמעלאַך גענומען רוקן צפון־צו, און אין אַ פּאָר טריט אַרום איז די גרוב געווען צווישן אונדז ביידן און די אַנדערע פינף. דאַן האָט ער אַ קוק געגעבן אויף מיר, ווי איינער רעדט: דאָ ווערן מיר זיך ראַטעווען, — און כ'האָב מיט אים איינגעשטימט אויך. זיין אויסזען איז איצט ווידער געוואָרן פריינדלאַך, און ס'האָט מיר אַזוי געעקלט פון זיינע אומאויפהערלאַכע איבערבייטונגען, אַז כ'האָב זיך ניט געקאָנט איינ־האַלטן אים איינצורוימען: — איר האָט, הייסט עס, ווידעראַמאָל איבערגעקערט דעם פּעלץ?

ער האָט ניט געהאַט געגוג צייט מיר צו ענטפערן. די בוקאַ־נירן האָבן מיט קללות און געשרייען גענומען שפּרינגען, איינער נאָכן אַנדערן, אין גרוב אַריין, און גראָבן מיט די פינגער, שליידערנדיק דערביי די ברעטער אין אַ זייט. מאָרגאַן האָט געפונען אַ גאָלד־שטיק. ער האָט אים אויפגעהויבן אין דער הויך מיט אַן אמת'ן פאָנטאַן פון קללות. ס'איז געווען אַ צוויי־גינע שטיק, און זי איז עטלאַכע סעקונדן איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט.

— צוויי גינעס! — האָט מערי געברעוועט, טרייסלענדיק מיט דער מטבעה אויף סילווערן. — דאָס זיינען עס דיינע זיבן הונדערט טויזנט פונט, האַ? דו ביסט עס דער קאָפּמענטש, האַ? דו ביסט עס דער יעניקער וואָס האָט נאָך קיינמאָל גאָרניט איבערגע־פירט, דו האָלצקעפּיקער באַלוואַן!

— גראָבט, גראָבט, חברה! — האָט סילווער זייער געלאַסן מיט אומפאַרשעמטער חוצפּה געזאָגט. — אפשר ט'איר געפינען נאָך עטלאַכע חזיר־ניס!

— חזיר־ניס! — האָט מערי מיט אַ גרילצנדיקער שטים אױ־בערגע'חזר'ט. — חברים, איר הערט? איך זאָג אייך, דערדאָזיקער

חברה־מאַן האָט'ס געוואוסט די גאַנצע צייט. גיט נאָר אַ קוק אויף אים, און איר'ט'ס זען אָנגעשריבן אויף זיין צורה.

— עך, מערי, — האָט סילווער באַמערקט, — ס'גלוסט זיך דיר ווידער ווערן קאַפּיטאַן? ביסט אַ כוואַט אַ יונג, מ'קאָן ניט זאָגן!

אָבער איצט האָט יעדער איינער געהאַלטן מיט מעריין. זיי האָבן גענומען אַרויסקריכן פון דער גרוב, וואַרפנדיק צאָרנדיקע בליקן הינטער זיך. איין זאַך האָב איך באַמערקט מיט גרויס צופרידנקייט: זיי זיינען אַלע אַרויסגעקראָכן אויף דער אַנדערער זייט פון סילווערן.

זיינען מיר אַזוי געשטאַנען, צוויי אויף איין זייט, פינף אויף דער אַנדערער, די גרוב צווישן אונדז, און קיינער האָט ניט געהאַט גענוג מוט צו געבן דעם ערשטן קלאַפּ. סילווער האָט זיך ניט גערירט. ער איז געשטאַנען גרייט אויף זיין קוליע, און האָט זיי באַטראַכט אַזוי קאַלטבלוטיק ווי קיינמאָל ניט פריער. אָ, ער איז אָן צווייפל געווען אַ בראַווער מאַן!

ענדלאַך האָט מערי, ווייזט אויס, געדענקט אַז אַ רעדע קאָן דאָ אַ סך אויפטאָן.

— חברים, — מאַכט ער, — אָט שטייען זיי ביידע אַליין דאָרט: איינער איז דער אַלטער קאַליקע, וואָס האָט אונדז אַלע אַהער געבראַכט, און פאַרפירט מיט זיינע לומפּערייען. דער אַנדערער איז דערדאָזיקער פּאַסקודנער אינגל, וועמעס האַרץ איך דענק אַרויסצושניידן, און טאַקע באַלד, חברים — — — !

ער האָט אויפגעהויבן זיין אָרעם און זיין שטים, און האָט מסתמא געוואָלט אָנהייבן אָן אָנגריף. אָבער פּונקט דאַן — — טראַך! טראַך! — — — און דריי קוילן האָבן אַרויסגעבליצט פונם וועלדל. מערי איז אַריינגעפאַלן מיטן קאָפּ פאַרויס אין גרוב אַריין. דער מאַן מיט דער באַנדאַזשע האָט זיך געגעבן אַ דריי ווי אַ דריידל, און איז אומגעפאַלן מיט זיין גאַנצער לענג לעבן אים, וואו ער איז געבליבן ליגן טויט, כאָטש ער האָט זיך נאָך אַלץ געוואָרפן. די אַנדערע דריי האָבן זיך אויסגעקירעוועט און האָבן גענומען לויפן מיט זייער גאַנצער קראַפט.

איידער וואָס ווען, האָט דער „לאַנגער דזשאָן“ אַריינגעפייערט

צוויי קוילן אין דעם זיך־צאַפּלענדיקן מערי. ווען יענער האָט אויף אים אויפגעהויבן די אויגן אין די לעצטע אַגאָניעס פון טויט, האָט סילווער אים געזאָגט: — דזשאָרדזש, כ'רעכן ביסט קאַפּוט!

אינם זעלבן מאָמענט זיינען דער דאָקטאָר, גרעי, און בען גאַן צו אונדז אַרויסגעקומען, מיט רויכערנדיקע ביקסן, פון צווישן די מוסקאַט־נוס ביימער.

— פאָרווערטס! — האָט דער דאָקטאָר אויסגעשריען. — שנעלער, חברה, מיר מוזן זיי פאַרכאַפּן דעם וועג צו די שיפלאַך!

מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן זייער שנעל, זינקענדיק פון צייט צו צייט ביזן האַלדז אין די קוסטעס.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, סילווער איז שוין איינמאָל געווען להוט אַנצוהאַלטן מיט אונדזער געלויף! וואָס דערדאָזיקער מאַן האָט עס דעראַרבעט, שפּרינגענדיק אויף דער קוליע, ביז די מוסקלען פון זיין ברוסט האָבן זיך שיעור ניט איבערגעריסן, וואָלט אפילו קיין גלייבער, דוכט מיר, ניט געקאָנט דערווייזן, און דער דאָקטאָר איז מיט דער זעלבער מיינונג. פונדעסטוועגן, איז ער דאָך געבליבן הינטערשטעליק אויף אַ דרייסיק קלאַפטער, און האָט געהאַלטן באַם דערשטיקט ווערן, ווען מיר האָבן דערגרייכט צום ראַנד פון דער פּלאַטאָ.

— דאָקטאָר! — האָט ער אויסגערופן, — הערט, דאָקטאָר, ניטאָ זיך וואָס צו איילן!

און ס'איז טאַקע ניט געווען וואָס זיך צו איילן. אויף אַ מער אָפענעם טייל פון דער פּלאַטאָ, האָבן מיר געקאָנט זען ווי די דריי לעבנגעבליבענע זיינען נאָך אַלץ געלאָפן אין דער זעלבער ריכטונג, פון וועלכער מיר זיינען פריער אָנגעקומען, גלייך צום „הינטערמאַסט באַרג". מיר זיינען איצט שוין געווען צווישן זיי און די שיפלאַך, און האָבן זיך דערפאַר אַלע פיר אַנידערגעזעצט צו כאַפּן דעם אָטעם, אין דער צייט וואָס דער „לאַנגער דזשאָן" איז פּאַמעלאַך צוגעקומען, ווישנדיק זיין פּנים.

— אַ שיינעם דאַנק אייך, דאָקטאָר, — מאַכט ער, — איר זיינט אָנגעקומען פּונקט אין צייט, דענק איך, צו ראַטעווען מיך מיט האָקינסן, ס'איז טאַקע דו, הייסט עס, בען גאַן! — האָט ער צוגעגעבן, — נו, ביסט אַ פיינער מענטש, מ'קאָן ניט זאָגן!

— יאָ, איך בין בען גאַן, בין איך, — האָט געענטפערט דער „איבערגעלאָזטער" אינדזולאַנער, און האָט זיך געדרייט ווי אַן אַלפּיש, פון גרויס פאַרלעגנהייט, — און, — האָט ער צוגעגעבן, נאָך אַ לאַנגער פויזע, — וואָס מאַכט איר, מיסטער סילווער? ניש'קשה, אַ דאַנק פאַר פרעגן, זאָגט איר.

— בען, בען, — האָט סילווער געמורמלט, — ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אַז דו וועסט מיר אַזוי אָפּטאָן!

דער דאָקטאָר האָט צוריקגעשיקט גרעיען נאָך איינעם פון די שפּיץ־העק, וואָס די בונטאַרן האָבן אַנטלויפנדיק איבערגעלאָזט, און מיר האָבן זיך דערווייל געלאָזט גיין באַרג־אַראָפּ צום אַנקער־פּלאַץ נאָך די שיפלאָך. דער דאָקטאָר האָט אונדז אין קורצן דער־ציילט וואָס ס'איז געשען. די געשיכטע האָט סילווערן זייער אינ־טערעסירט, און בען גאַן, דער האַלב־אידיאָטישער אינדזולאַנער, איז געווען איר העלד פון אָנהייב ביזן סוף.

בען, האָט אויף זיינע לאַנגע, איינזאַמע וואַנדערונגען איבערן אינדזל, געפונען דעם סקעלעט, און ער האָט'ס אים באַ'גנב'עט. ער האָט געפונען דעם אוצר און אים אויסגעגראָבן. (דאָס צעבראָכע־נע הענטל וואָס איז געלעגן אין דער גרוב איז געווען פון זיין שפּיץ־האַק.) ער האָט אים, נאָך פיל וואַנדערונגען, איבערגעטראָגן אויף די פּלייצעס אין אַ הייל, וואָס ער האָט געהאַט אויפן צוויי־שפּיציקן באַרג, אינם צפון־מזרח'דיקן ווינקל פונם אינדזל, און האָט אים דאָרט אָוועקגעלייגט, נאָך מיט צוויי חדשים איידער די „היס־פּאַניאָלאַ" איז אָנגעקומען.

ווען דער דאָקטאָר האָט, אינם טאָג פון דער אַטאַקע, פון אים אַרויסגעקראָגן דעמדאָזיקן סוד, און ווען ער האָט אויפן צווייטן טאָג דערזען אַז דער אַנקערפּלאַץ איז געווען ליידיק, איז ער אַוועק צו סילווערן, אים אָוועקגעגעבן די מאַפּע, וועלכע איז שוין איצט געווען ווערטלאָז, אים אָוועקגעגעבן די פּראָדוקטן, וואָרים בען גאַנס הייל איז געווען גוט באַזאָרגט מיט ציגנפלייש, וואָס ער האָט אַליין איינגעזאַלצן. מיט איין וואָרט, ער האָט אים אָוועקגעגעבן אַלץ מיט אַנאַנדער, אַבי צו קריגן אַ געלעגנהייט זיך איבערצוקלייבן פון דער פעסטונג צום צוויי־שפּיציקן באַרג, וואו זיי וועלן זיין באַ־וואָרנט קעגן מאַלאַריע, און וועלן קאָנען באַוואַכן דאָס געלט.

— וואָס איז שייך דיך, דזשים, — האָט ער געזאָגט, — האָב איך, מיט אַ ווייטיק אין האַרצן, געטאָן דאָס וואָס איז, נאָך מיין מיינונג, געווען דאָס זיכערסטע פאַר די וואָס זיינען געבליבן געטריי צו זייער פליכט, און אויב דו ביסט ניט געווען איינער פון די־דאָזיקע, וועמעס שולד איז עס געווען?

יענעם פרימאָרגן, ווען ער האָט אויסגעפונען אַז איך האָב גע־זאָלט זיין פאַרמישט אין דער־דאָזיקער שרעקלעכער אַנטוישונג, וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר די בונטאַרן, איז ער געלאָפן דעם גאַנצן וועג ביז צו דער הייל, און, איבערלאָזנדיק דעם סקווייר ער זאָל אַכטונג געבן אויפן קאַפּיטאַן, האָט ער מיטגענומען גרעיען און דעם אינדזלאַנער, און האָט זיך געלאָזט לויפן אַלכסונ׳דיק איבערן אינדזל, כדי צו זיין אין צייט לעבן דער „הויכער" סאָסנע. ער האָט אָבער באַלד אויסגעפונען אַז אונדזער פּאַרטיע איז געקומען פאַר אים, און האָט פאַרויסגעשיקט דעם פלינקפיסיקן בען גאַנען, ער זאָל דער־וויל טאָן וואָס ער קאָן, זיי אויפצוהאַלטן. ס׳איז אים דעמאָלט איינגעפאַלן צו שפּילן אויף די אַבערגלויבנס פון זיינע אַמאָליקע שיף־חברים. דאָס איז אים אַזוי גוט געלונגען, אַז גרעי און דער דאָקטאָר האָבן געהאַט גענוג צייט אים צו דעריאָגן און זיך באַ־האַלטן, נאָך איידער די אוצר־יעגער זיינען אָנגעקומען.

— עד׳, ס׳איז מיין מערכה וואָס כ׳האָב געהאַט האָקינסן מיט זיך, — האָט זיך סילווער אָנגערופן, — אַניט וואָלט איר געווען געלאָזט דעם אַלטן דזשאָנען צעשניטן ווערן אויף שטיקער, און ס׳וואָלט אייך גאָרניט געווען געאַרט, דאָקטאָר.

— לחלוטין גאָרניט! — האָט דאָקטאָר ליווזי פריילאַך גע־ענטפערט.

אַרום דער צייט זיינען מיר צוגעקומען צו די שיפלאַך. איינס האָט דער דאָקטאָר צעשמעטערט מיט דער האַק, און אויפן אַנדערן האָבן מיר זיך אַלע אויפגעזעצט און זיך געלאָזט פאָרן צום „צפון אויסגוס".

ס׳איז געווען אַ נסיעה פון אַרום אַכט אָדער ניין מייל. סיל־ווער, כאָטש ער איז געווען טויט־מיד, איז אַנידערגעזעצט געוואָרן לעבן אַ רודער, גלייך מיט אַלעמען, און מיר האָבן גענומען שנעל פליען איבער אַ גלאַטן ים.

מיר זיינען באַלד פאַרבייגעפאָרן דעם דורכפלוס, און זיך פאַר־קירעוועט אַרום דעם דרום־מזרח'דיקן ווינקל פונם אינדזל, אַרום וועלכן מיר האָבן, מיט פיר טעג צוריק, אַריינגעצויגן די „היספּאַ־ניאָלאַ".

ווען מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן דעם צוויי־שפּיציקן באַרג, האָבן מיר געקאָנט זען דאָס שוואַרצע מויל פון בען גאַנס הייל, און אַ פי־גור וואָס איז געשטאַנען לעבן איר, אָנגעשפּאַרט אויף אַ ביקס. ס'איז געווען דער סקווייר. מיר האָבן צו אים געפאָכעט מיט אונדזערע קע־שענע־טיכלאַך, און אים באַגריסט מיט אַ דריי־פאַכן „הוראַ", אין וועלכן סילווערס שטים האָט זיך געהערט אַזוי האַרציק ווי יעדן איינעמס.

דריי מייל ווייטער, פונקט באַם אָנהויב פונם „צפון אויסגוס", וועמען טרעפן מיר אָן ? אויב ניט די „היספּאַניאָלאַ", זעגלענדיק פון זיך אַליין ! דער לעצטער שטראָם האָט זי אונטערגעהויבן, און ווען ס'זאָל געווען זיין אַ שטאַרקער ווינט, אָדער אַ שטאַרקערער אָפּפלוס־שטראָם, ווי אינם דרום'דיקן אַנקערפּלאַץ, וואָלטן מיר זי אָדער איבערהויפּט ניט געווען דערווישט, אָדער געפונען הילפלאָז געשטראַנדעט. אַזוי אָבער, האָבן מיר זייער ווייניק פאַרלוירן, אַ חוץ דעם צעבראָכענעם הויפּט־זעגל. מ'האָט אַרויפגעבראַכט אַ נייעם אַנקער, און אים אַרונטערגעלאָזט אויף אַנדערהאַלבן קלאַפטער אין וואַסער אַריין. מיר זיינען ווידער אַלע צוגעפאָרן צום „ראָם האַפן", דער נאָנטסטער פונקט צו בען גאַנס שאַצקאַמער. גרעי האָט זיך דאַן איינראַליין צוריקגעקערט מיטן שיפל צו דער „היספּאַניאָ־לאַ", וואו ער האָט געזאָלט פאַרברענגען די גאַנצע נאַכט אויף דער וואַך.

אַ לייכטער באַרג־אַרויף האָט אַרויפגעפירט פונם ברעג צום אַריינגאַנג פון דער הייל. אויוון איז אונדז דער סקווייר געקומען אַקעגן. ער איז צו מיר געווען זייער פריינטלאַך, און האָט מיר גאָרניט ניט דערמאָנט וועגן מיין אַוואַנטורע, ניט לגנאי און ניט לשבח. ווען סילווער האָט אים העפלאַך באַגריסט, איז ער עטוואָס רויט געוואָרן.

— דזשאָן סילווער, — האָט ער זיך אָנגערופן, — איר זיינט אַ קאָלאָסאַלער, נידערטרעכטיקער ליידאַק, און אַ שווינדלער, אַ

פאסקודנער שווינדלער, מיין הער! מ'האט מיר געלאזט וויסן אז כ'זאל אייך ניט פארפאלגן. נו, גוט, איך וועל עס ניט טאן. אבער די טויטע מענטשן, מיין הער, הענגען אייך אויפן האלדז ווי מילשטיינער.

— א שיינעם דאנק אייך, מיין הער, — האט דער „לאנגער דזשאן" ווידער געענטפערט מיט א סאלוט.

— איך פארבאט אייך מיר צו דאנקען! — האט דער סקווייר אויסגערופן. — ס'איז א שענדלאכע פארשוועכונג פון מיין פליכט. אוועק פון מיר!

באלד נאכדעם זיינען מיר אלע אריינגעגאנגען אין דער הייל אריין. ס'איז געווען א גרויסער, לופטיקער פלאץ, מיט א קליינעם קוואל און א טייכל פון ריינער וואסער, ארום וועלכן ס'זיינען געוואקסן פארנקרויט פלאנצן. דער באדן איז געווען פון זאמד. לעבן א גרויסן פייער איז געלעגן קאפיטאן סמאלעט און אין א וויטןווינקל, בלויז טונקל באלויכטן פונם פלאם, האב איך דערזען גרויסע הויפנס פון מטבעות און פירקאנטיקע שיכטן פון גאלדענע שטאנגען. דאס איז, הייסט עס, געווען פלינטס אוצר, נאך וועלכן מיר זיינען געפארן אזא ווייטע שטרעקע, און וועלכער האט שוין אפגעקאסט די לעבנס פון זיבעצן מענטשן פון דער „היספאניאלא"! און ווער ווייסט, וויפל ס'האט אפגעקאסט אים אנצוזאמלען! וויפל בלוט און צרות, וויפל גוטע שיפן ס'זיינען צוליב אים געזונקען געווארן, וויפל בראווע מענטשן ס'האבן צוליב אים מיט פארבונדענע אויגן געמוזט גיין איבערן ברעט, און וויפל קאנאנע־קוילן, וויפל שאנדע, ליגנס און גרויזאמקייט! דאס קאן אפשר קיין לעבעדיקער מענטש ניט דערציילן. ס'זיינען אבער נאך געווען דריי מענטשן אויפן אינדזל — סילווער, דער אלטער מארגאן, און בען גאן — וועלכע האבן יעדער איינער געהאט א חלק אין דידאזיקע פארברעכנס, און האבן יעדער איינער אומזיסט געהאפט צו קריגן א חלק פון דער באלוינונג.

— קום אריין, דזשים, — מאכט דער קאפיטאן, — דו ביסט א וואויל אינגל, אויף דיין שטייגער, דזשים, אבער כ'גלויב ניט, אז דו און איך 'עלן מיר נאך ווען עס איז ווידער ארויספארן

אינאיינעם אויפן ים: דו ביסט צופיל מיוחס פאַר מיר. אָ, דאָס זיינט איר, דזשאָן סילווער, ווי קומט איר אַהער ,מיסטער ?

— געקומען צוריק צו מיין פליכט, מיין הער! — האָט סילווער געענטפערט.

— אַזוי! — מאַכט דער קאַפּיטאַן, און דאָס איז געווען אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט.

האָב איך עס געהאַט אַ וועטשערע יענע נאַכט, מיט אַלע מיינע פריינט אַרום מיר! און איז דאָס געווען אַ מאָלצייט, פון בעז גאַנס געזאַלצן ציגנפלייש, פאַרשיידענע נאַשערייען, און אַ פלאַש אַלטן וויין פון דער „היספּאַניאָלאַ"! איך בין זיכער, אַז קיינמאָל זיינען מענטשן נים געווען פרייליכער אָדער גליקלעכער. סילווער איז געזעסן הינטן, כמעט אין דער פינצטער, און האָט געשמאַק געגעסן, גרייט אויפצושפּרינגען ווען מ'האָט עפּעס פאַרלאַנגט, און האָט זיך אפילו שטילערהייט באַטייליקט אינם געלעכטער — דער זעלביקער פריינדלעכער, העפלעכער, און קנעכטישער מאַטראָז, וואָס ער איז געווען באַם אָנהויב פון דער רייזע.

פיר־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

דער סוף

צומאָרגנס האָבן מיר זיך גענומען פרי צו דער אַרבעט, וואָרים דאָס איבערטראָגן פון דער גרויסער מאַסע גאָלד איבער אַ שטרעקע פון איין מייל מיט דער יבשה צום ברעג, און פון דאָרט דריי מייל מיט אַ שיפל צו דער „היספּאַניאָלאַ", איז געווען אַ שיין שטיקל אַרבעט פאַר אַזאַ קליינער צאָל אַרבעטער. די דריי אַרומבלאָנקענדיקע יונגען אויפן אינדזל האָבן אונדז גאַנץ ווייניק באַאומרואיקט. אַן איינציקער וואַכמאַן אויפן שולטער פונם באַרג איז געווען אַ גענוגע פאַרזיכערונג קעגן יעדן פּלוצימדיקן איבערפאַל, און אַ חוץ דעם, זיינען מיר געווען מיט דער מיינונג, אַז זיי האָבן זיך שוין געהאַט גענוג אָנגעקעמפט.

די אַרבעט איז דערפאַר צוגעגאַנגען גאַנץ שנעל. גרעי און בען גאָן זיינען געפאָרן הין און צוריק מיטן שיפל, אין דער צייט וואָס די איבעריקע האָבן אָנגעגרייט גאַנצע הורבעס פונם אוצר אויפן ברעג. צוויי שטאַנגען, צונויפגעבונדן מיט אַ שטריקל, זיינען פאַר אַ דערוואַקסענעם מענטשן געווען אַ היבשע משא, מיט וועלכער ער איז געווען צופרידן צו קאָנען גיין פּאַמעלאַך. איך ווידער, אַזוי ווי כ׳האָב ניט געקאָנט אויפטאָן קיין סך אַלס טרעגער, בין דעם גאַנצן טאָג געווען באַשעפטיקט אין דער הייל, אָנפילנדיק די גאָלדענע מטבעות אין ברויט־זעק אַריין.

פונקט ווי בילי באָנס׳ זאַמלונג, איז אויך דערדאָזיקער אוצר געווען אַ מערקווירדיקע קאָלעקציע פון פאַרשיידענע מטבעות, אָבער אַזוי פיל גרעסער און פאַרשיידנאַרטיקער, אַז כ׳האָב, דוכט מיר, אויף מיין לעבסטאָג ניט געהאַט קיין גרעסערן פאַרגעניגן, ווי ווען כ׳האָב זיי סאָרטירט. ענגלישע, פראַנצויזישע, שפּאַנישע, פּאָרטוגעזישע, געאָרגן און לואידאָרן, דובלאָנען און גינע־צווייערלאַך, מואַדאָרן און סעקווינען, די בילדער פון אַלע קעניגע פון גאַנץ אייראָפּע פאַר די לעצטע הונדערט יאָר, טשיקאַווע אָריענטאַלישע מטבעות מיט אַזעלכע מין פעדים־פּלאָנטערס אָדער שפּינוועבס, קיילאַכדיקע מטבעות און פירעקיקע מטבעות, מטבעות דורכגעבויערטע אין מיטן ווי צום טראָגן אויפן האַלדז — מיט איין וואָרט, כמעט יעדער מין געלט אין דער וועלט, האָט, נאָך מיין מיינונג, געמוזט זיין אין דערדאָזיקער זאַמלונג. וואָס איז שייך איר צאָל, בין איך זיכער אַז זי איז געווען ווי די בלעטער אין הערבסט, אַזוי אַז ס׳האָט מיר געבראָכן דער רוקן פון בויגן זיך, און די פינגער פון סאָרטירן.

טאָג איין טאָג אויס איז אָנגעגאַנגען דידאָזיקע אַרבעט. יעדן אָוונט איז אַ פאַרמעגן געוואָרן אָנגעלאָדן אויף דער שיף, און אַנ׳אַנדער פאַרמעגן איז שוין געווען גרייט אויף אינדערפרי. דורך דער גאַנצער צייט האָבן מיר גאָרניט געהערט פון די דריי לעבנגעבליבענע בונטאַרן.

ענדלאַך, כ׳גלויב אויף דער דריטער נאַכט, ווען דער דאָקטאָר און איך האָבן אַרומגעשפּאַצירט אויף דער זייט פונם באַרג, פון וואַנען מ׳קאָן זען דאָס פלאַכלאַנד פונם אינדזל, האָט פון דער גערדיכטער פינצטערניש אונטן, דער ווינט געבראַכט אַ קורצן גערויש,

וואָס איז געווען ענלאַך אויף געשרייען אָדער אויף אַ געזאַנג, און ס'איז ווידער געוואָרן שטיל.

— זאָל זיי גאָט מוחל זיין! — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, — דאָס זיינען די בונטאַרן!

— אַלע שיכור, מיין הער! — האָט זיך דערהערט סילווערס שטים הינטער אונדז.

סילווערן, מוז איך זאָגן, איז דערלויבט געוואָרן פולע פרייהייט, און ניט קוקנדיק אויף די טאָג־טעגלאַכע באַליידיקונגען וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, האָט ער זיך ווידער, דוכט מיר, אָנגעהויבן צו פילן אַלס אַ גאַנץ פּריווילעגירטער און פריינטלאַכער דינער. ס'איז מערקווירדיק, כ'לעבן, ווי גוטמוטיק ער האָט אַריבערגעטראָגן דידאָזיקע פאַראַכטונג, און מיט וואָסער אַן אומדערמידלאַכער העפלאַכקייט ער האָט געהאַלטן אין איין אונטער'חנפ'ענען זיך צו יעדן איינעם. פונדעסטוועגן, האָבן אים אַלע באַהאַנדלט ווי אַ הונט, אַ חוץ בען גאַנען, וועלכער האָט נאָך אַלץ געציטערט פאַר זיין אַמאָליקן קוואַרטירמייסטער, אָדער מיך אַליין, וואָס האָב אים שוין געהאַט פאַרוואָס דאַנקבאַר צו זיין, כאָטש, כ'האָב, דעם אמת זאָגנדיק, געהאַט גענוג אורזאַכן צו זיין אין כעס אויף אים מער פון די אַנדערע, נאָכדעם ווי כ'האָב אים געזען פּלאַנעווען אַ פרישן פאַרראַט אויף דער פּלאַטאָ. דעם דאָקטאָרס ענטפער איז דערפאַר געווען פול מיט רוגזה.

— שיכור, אָדער וואַנזיניק פון פיבער! — האָט ער געזאָגט.

— איר זיינט גאַנץ גערעכט, מיין הער, — האָט סילווער געענטפערט, — און ס'איז אייך און מיר קיין גרויסער הילוק ניט וואָס דאָס איז.

— כ'גלויב קוים אַז איר דערוואַרטעט פון מיר צו באַוואונדערן אייער מענטשלאַכקייט! — האָט דער דאָקטאָר סאַרקאַסטיש געענטפערט, — מיין מיטגעפיל וועט אייך דערפאַר איבעראַשן, מייסטער סילווער. ווען כ'בין אָבער זיכער אַז זיי שרייען עס איצט פון היץ, וואָרים כ'בין פאַקטיש איבערצייגט אַז איינער, ווייניקסטנס, איז קראַנק פון פיבער, וואָלט איך פאַרלאָזן דעמדאָזיקן לאַגער, און, איינשטעלנדיק מיין אייגענע פעל, זיי געבראַכט די הילף פון מיין מעדיצינישער דערפאַרונג.

— האָט ניט קיין פאַריבל, מיין הער, אָבער איר וואָלט געטאָן

זייער א קרומע זאך, — מאכט סילווער, — איר וואלט פארלוירן אייער טייער לעבן, זאג איך אייך, און איר מעגט זיך אויף מיר פארלאזן. כ'בין איצט מיט לייב און לעבן אויף אייער צד, און כ'אלט ניט געוואלט אז אונדזער צד זאל פארלירן א מאן, און נאך אייך דערצו, וועמען כ'האב אזוי פיל צו פארדאנקען. דידאזיקע חברה לייט דארט אונטן, קאנען אבער ניט האלטן קיין ווארט, ניין, אפילו ווען זיי זאלן וועלן. און א חוץ דעם, קאנען זיי ניט האבן קיין צוטרוי ווי איר קאנט עס.

— א, ניין, — מאכט דער דאקטאר, — **איר זיינט עס דער** גרויסער ווארטסמאן, מיר ווייסן עס!

דאס איז געווען כמעט די לעצטע נייס וואס מיר האבן געהערט פון די פיראטן. בלויז איין מאל האבן מיר געהערט א שאס פון א ביקס העט ווייט אוועק, און מיר האבן זיך משער געווען אז זיי זיינען געגאנגען אויף יאגד. מיר האבן דאן אפגעהאלטן א באראטונג, און באשלאסן איבערצולאזן זיי אויפן אינדזל — צו דער גרויסער הנאה, מוז איך זאגן, פון בען גאנען, און מיט דער שטארקער צושטימונג פון גרעיען. מיר האבן זיי איבערגעלאזט א היבשן זאפאס פון פולווער און שרויט, דעם גרעסטן טייל פונם איינגעזאלצענעם ציגנפלייש, עטלאכע רעצעפטן, און פארשיידענע אנדערע באדערפעניש, ווי געצייג, קליידונג, אן איבעריקן זעגל, ארום א צוויי קלאפטער שטריק, און, אויפן ספעציעלן פארלאנג פונם דאקטאר, א שיינע מתנה פון טאבאק.

דאס איז אומגעפער געווען אונדזער לעצטע ארבעט אויפן אינדזל. פאר דעם האבן מיר שוין געהאט אריבערגעפירט אויף דער שיף דעם גאנצן אוצר, און מיטגענומען גענוג טרינקוואסער און די רעשט פונם ציגנפלייש, אין פאל פון א נויט. ענדלאך, איין שיינעם פרימארגן, האבן מיר ארויפגעצויגן דעם אנקער, וואס איז אונדז ניט זייער לייכט אנגעקומען, און ארויסגעפארן פונם „צפון אויסגום" אונטער דערזעלבער פאן, וואס קאפיטאן סמאלעט האט ארויפגעצויגן איבער דער פעסטונג און אונטער וועלכער מיר האבן מלחמה געהאלטן.

די דריי חברה־לייט, ווי ס'האט זיך באלד ארויסגעוויזן, האבן אונדז געמוזט נאכקוקן א סך אויפמערקזאמער ווי מיר האבן זיך

געריכט. דורכפאָרנדיק דורכן שמאָלן קאַנאַל, האָבן מיר זיך געמוזט האַלטן זייער נאָנט צום דרומ'דיקן פּונקט, און דאָרט האָבן מיר דערזען ווי זיי זיינען אַלע דריי אינאיינעם געשטאַנען אויף די קני אויף אַ זאַמדיקן לאַנד־צונג, מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס אין געבעט. כ'גלויב אַז ס'האָט אונדז אַלעמען פאַרקלעמט באַם האַרצן, איבערצולאָזן זיי אין אַזאַ עלנטער לאַגע. מיר האָבן אָבער ניט געקאָנט ריזיקירן מיט אַ צווייטן בונט, און אַהיים נעמען זיי פאַר דער תליה, וואָלט אויך געווען אַ גרויזאַמער מין רחמנות. דער דאָקטאָר האָט צו זיי אויסגעשריען און געלאָזט וויסן וועגן די פּראָדוקטן, וואָס מיר האָבן זיי איבערגעלאָזט, און וואו זיי האָבן זיי געקאָנט געפינען. זיי האָבן אָבער ניט אויפגעהערט צו רופן אונדז באַ די נעמען, און צו בעטן, אום גאָטס ווילן, זיך צו דערבאַרעמען אויף זיי, און זיי ניט לאָזן אויסגיין אין אַזאַ אָרט.

ענדלאַך, זעענדיק אַז די שיף איז זיך געפאָרן איר וועג, און האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן פון הער־ווייטקייט, איז איינער פון זיי — כ'וויים ניט וועלכער — אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, אַרויסלאָזנדיק אַ הייזעריקן געשריי, צוגעשטעלט זיין ביקס צום אַקסל און האָט אויסגעשאָסן. די קויל איז אַריבערגעפלויגן איבער סילווערס קאָפּ און דורכן הויפּט־זעגל.

נאָך דעם האָבן מיר זיך באַהאַלטן הינטער די פאַרענטשעס, און ווען כ'האָב ווידער אַרויסגעקוקט, זיינען זיי שוין ניט געווען אויפן לאַנד־צונג, און ער אַליין איז שוין אויך כמעט געווען פאַרשוואומען אין דער וואַקסנדיקער ווייטקייט. דאָס איז, ווייניקסטנס, געווען דער סוף פון דעם, און פאַר מיטאָג נאָך איז, צו מיין אומבאַשרייבלאַכער פרייד, אויך דער העכסטער פעלז פונם „אוצר אינדזל" פאַרזונקען אין דער בלויער רונדקייט פונם ים.

מיר זיינען געווען אַזוי ווייניק מענטשן, אַז יעדער איינער אויף דער שיף האָט געמוזט צולייגן אַ האַנט. בלויז דער קאַפּיטאַן איז געלעגן אויף אַ מאַטראַץ אויפן הינטערדעק, און האָט פון דאָרטן געגעבן זיינע באַפעלן. כאָטש ער האָט שוין אָנגעהויבן צו קומען צו־זיך, האָט ער נאָך אָבער אַלץ געמוזט האָבן רו. מיר האָבן דאַן געריכטעט די שיף צום נאָנטסטן האַפן אין דער שפּאַנישער אַמעריקע, וואָרים מיר האָבן ניט געקאָנט ריזיקירן די רייזע אַהיים אָן אַ

„זיי זיינען אלע דריי געשטאנען אויף די קני, מיט אויסגעשטרעקטע
ארעמס אין געבעט“.

נייער מאַנשאַפט. ס'האָט זיך אויך אַזוי געמאַכט, אַז טיילווייז אַלס רעזולטאַט פון פּאַרפירערישע ווינטן, און טיילווייז צוליב שטאַרקע שטורעמס, זיינען מיר אַלע געוואָרן אויסגעמוטשעט ביז גאָר, איידער מיר האָבן אים דערגרייכט.

די זון איז גראָד אונטערגעגאַנגען, ווען מיר האָבן פאַרוואָרפן דעם אַנקער אין אַ וואונדערלאַכן לאַנד־איינגעשלאָסענעם גאָלף, און זיינען באַלד געוואָרן אַרומגערינגלט פון ברעג־שיפלאַך פול מיט נעגערס, מעקסיקאַנישע אינדיאַנער און מולאַטן, וועלכע האָבן אונדז פאַרקויפט פרוכטן און גרינסן, און וועלכע האָבן אָנגעבאָטן צו טויכן נאָך מטבעות. די אַנזיכט פון אַזוי פיל גוטמוטיקע פּנים'ער, ספּעציעל פון די שוואַרצע, דער טעם פון די טראָפּישע פרוכטן, און באַזונדערס די ליכטער וואָס האָבן אָנגעהויבן אָנגעצונדן ווערן אין דער שטאָט, האָבן באַשאַפן אַזאַ אַנגענעמען קאָנטראַסט קעגן אונדזער פינצטערן און בלוטיקן וויזיט אויפן אינדזל. דער דאָקטאָר און דער סקווייר האָבן מיך מיטגענומען, און מיר זיינען אַוועק אויף דער יבשה צו פאַרברענגען דאָרט דעם ערשטן טייל פון דער נאַכט. דאָרט האָבן זיי געטראָפן אַ קאַפּיטאַן פון אַן ענגלישער קריגשיף, מיט אים פאַרבונדן אַ געשפּרעך, און אים באַגלייט אויף זיין שיף, וואו זיי האָבן אַזוי אַנגענעם פאַרבראַכט, אַז ס'האָט שוין גענומען שאַריען אויף טאָג, ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט צו דער „היספּאַניאָלאַ“.

בען גאַן איז געווען איינער אַליין אויפן דעק, און גלייך ווי מיר זיינען אַרויף אויף דער שיף, האָט ער, מיט פאַרשיידענע גרימאַסן, גענומען דערציילן אַ וואונדערלאַכן ווידוי. סילווער האָט געמאַכט פּליטה. דער אינדזלאַנער האָט זיך געמאַכט ניט זעענדיק, און האָט אים געלאָזט אַנטלויפן אויף אַ ברעג־שיפל מיט עטלאַכע שעה פריער, און ער האָט אונדז איצט פאַרזיכערט אַז ער האָט'ס געטאָן, בלויז כדי צו ראַטעווען אונדזערע לעבנס, וועלכע זיינען זיכער געהאַנגען אויף אַ האָר, „מיטן איינפוסיקן מאַן אויף דער שיף“. אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען אַלץ. דער שיף־קוכער איז ניט אַוועק מיט ליידיקע הענט. ער האָט אין געהיים דורכגעבראָכן אַ וואַנט, און אָפּערגענומען איינעם פון די געלט־זעק, ווערט אפשר אַרום דריי־פיר הונדערט גינעס, ער זאָל זיך קאָנען דורכשלאָגן אַ וועג אויף זיינע ווייטערדיקע וואַנדערונגען.

איך דענק אז מיר זיינען אַלע געווען צופרידן, וואָס מיר זיינען פון אים פטור געוואָרן אזוי ביליק.

נו, כ'על אייך לאַנג ניט ברייען. מיר האָבן געדונגען עטלאכע מאַטראָזן, האָבן געהאַט אַ גוטע נסיעה אהיים, און די „היספּאַניאָ־לאַ" איז אָנגעקומען קיין בריסטאָל, פּונקט דעמאָלט ווען מיסטער בלאַנדלי האָט גענומען טראַכטן וועגן אויסריכטן אַ געהילף־שיף. בלויז פינף פון די וואָס זיינען אַוועקגעפאָרן זיינען געקומען צוריק. „אַנדערע האָט דער טייוול גענומען, די רעשט — פון שיכרות אומגעקומען". מיר האָבן נאָכאַלעמען אָפּגעשניטן בעסער פון יענער אַנדערער שיף, וועגן וועלכער זיי האָבן געזונגען:

„איינער בלויז איז לעבן געבליבן,
געפאָרן אויפן ים זיינען זיבעציק־זיבן."

יעדער איינער האָט געקראָגן אַ היבשן חלק פונם אוצר און האָט אים פאַרנוצט, אויף אַ קלוגן אָדער אויף אַ נאַרישן אופן, ווי אים איז געווען געפעלן. קאַפּיטאַן סמאָלעט האָט זיך צוריקגעצויגן פונם ים. גרעי האָט ניט נאָר אָפּגעשפּאָרט זיין געלט, נאָר איז פּלוצלונג געוואָרן אמביציעז, און האָט גענומען שטודירן זיין פּראָ־פעסיע. ער איז איצט אַ שטורמאַן און אַ שותף פון אַ פיינער זעגל־שיף. ער האָט חתונה געהאַט, און איז דער פאָטער פון אַ פאַמיליע. וואָס איז שייך בען גאַנען, האָט ער געקראָגן טויזנט פונט, וועלכע ער האָט פאַרהוליעט, אָדער פאַרלוירן, אין דריי וואָכן, אָדער, צו זיין גענויער, אין נייינצן טעג, ווארים אויפן צוואַנציקסטן האָט ער זיך ווידער גענומען צו בעטלעריי. מ'האָט אים דאַן געמאַכט פאַר אַ טויער־וועכטער, פּונקט דאָס, פאַר וואָס ער האָט זיך געשראָקן אויפן אינדזל. ער לעבט נאָך איצט, איז זייער באַליבט בא די דאָרף־אינגלאַך, אַלס אַ מין שטאָט־נאַר, און איז אַן אנגעזעענער זינגער אין קלויסטער אַלע זונטיק און ימים־טובים.

פון סילווערן האָבן מיר מער גאָרניט ניט געהערט. דער דראָ־זיקער שרעקלאכער ים־מענטש מיטן איינעם פוס איז ענדלאַך אינ־גאַנצן פאַרשוואונדן פון מיין לעבן. כ'דענק אָבער, אז ער האָט גע־פונען זיין אַלטע נעגערטע, און לעבט נאָך איצט מסתמא גאַנץ באַ־קוועם מיט איר און מיט „קאַפּיטאַן פלינטן"; ווייניקסטנס, האָף איך

אַזוי, וואָרים זיינע אויסזיכטן אויף באַקוועמלאַכקייטן אויף יענער וועלט זיינען זייער קנאַפּע.

די זילבערשטאַנגען און דאָס געווער ליגן נאָך אַלץ, אויף וויפל איך ווייס, דאָרט וואו פלינט האָט זיי פאַרגראָבן, און זיי וועלן אויף מיר קאָנען לאַנג וואַרטן! אָקסן און שטריק וועלן מיך ניט קאָנען ווידער צוריקברענגען אויף דעמדאָזיקן אינדזל. מיינע ערגסטע חלומות זיינען צו הערן דעם פאַרדומפּטן גערויש פון די כוואַליעס אַרום זיינע ברעגן, און זיך אויפכאַפּן פלוצלונג פון שלאָף מיט דער שאַרפער שטים פון „קאַפּיטאַן פלינטן“, וועלכע קלינגט מיר נאָך אַלץ אין די אויערן מיט: — גאָלדענע רענדלאַך! גאָלדענע רענדלאַך!

אַ פּאַבל

די העלדן פון דער דערציילונג

נאָך דעם 32טן קאַפּיטל פון „אוצר אינדזל״, האָבן צוויי פון די פּופּן געגומען אַ שפּאַציר צו פאַררויכערן זייערע ליולקעס. איידער די דערציילונג וועט ווערן פאַרגעזעצט, און האָבן זיך באַגעגנט אויף אַן אָפענעם פּלאַץ, ניט ווייט פון דערדאָזיקער דערציילונג.

— גוט מאָרגן, קאַפּיטאַן! — מאַכט דער ערשטער, מיט אַ מאַטראָזישן סאַלוט און אַ שטראַלנדיק געזיכט.

— אַ, סילווער! — האָט דער צווייטער אַרויסגעבורטשעט, — ס׳האַלט שמאָל מיט אײַך, סילווער.

— קאַפּיטאַן סמאָלעט, — האָט סילווער פּראָטעסטירט, — אמת טאַקע, איך ווייס וואויל, ווי קיין אַנדערער, אַז פליכט איז פליכט, אָבער מיר זיינען דאָך איצט פריי פון אונדזער פליכט, און ב׳זע ניט איין צו וואָס מיר זאָלן איצט אָנהאַלטן די שפּיל.

— איר זיינט אַ פאַרדאַמטער אויסוואורף, מיין פריינט, — האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן.

— גייט שוין, גייט, קאַפּיטאַן, זייט גערעכט צו מיר, — האָט געענטפערט דער צווייטער. — ס׳ניטאָ קיין אורזאַך פאַרוואָס איר זאָלט זיין אין כעס אויף מיר אויף אַן אמת. איך בין דאָך בלויז אַ העלד אין אַ ים־געשיכטע, איך עקזיסטיר דאָך ניט אויף אַן אמת.

— נו, און איך עקזיסטיר דאָך אויך ניט אויף אַן אמת, — מאַכט דער קאַפּיטאַן, — און מיר זיינען ביידע גלייכע מחותנים.

— איך ווייס ניט וואָס אַ גוטער העלד קאָן באַטראַכטן אַלס אַ גערעכטע טענה, — האָט סילווער געענטפערט, — אָבער איך בין דער אינטריגאַנט פון דערדאָזיקער דערציילונג, בין איך, און

באַמערקונג: סטיווענסאָן האָט אָנגעשריבן אַ צאָל פאַבלען. אַזוי ווי די דאָזיקע פאַבל איז נוגע די העלדן פון „אוצר אינדזל״, ווערט זי דאָ געגעבן צוזאַמען מיט דעם דערציילונג.

רעדנדיק ווי איין ים־פֿאָרער צו אַ צווייטן, וואָס איך וויל וויסן איז וואָס שטייט מיר פֿאַר?

— האָט מען אייך קיינמאָל ניט געלערנט דעם קאַטעכיזים? — מאַכט דער קאַפּיטאַן, — ווייסט איר ניט אַז ס'איז פֿאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַ מחבר?

— אַזאַ זאַך ווי אַ מחבר? — זאָגט דזשאָן מיט חוזק, — ווער ווייסט עס נאָך בעסער פֿון מיר? און דער אמת איז, אַז אויב דער מחבר האָט געמאַכט אייך, האָט ער געמאַכט דעם „לאַנגן" דזשאָן, און ער האָט געמאַכט האַנדסן, און פּיו'ן, און דזשאָרדזש מערי'ן — כאָטש דזשאָרדזש האָט ניט קיין גרויסן ווערט, וואָרים ער'ז ניט פֿיל מער פֿון אַ נאָמען; און ער האָט געמאַכט פֿלינטן, אויף וויפֿל ס'ווערט דאָ וועגן אים דערציילט; און ער האָט געמאַכט דעמדאָזיקן בונט, וועגן וועלכן איר האָט געמאַכט אַזאַ ליאַרם; און ער האָט געמאַכט אַז טאָם רעדרוט זאָל דערשאָסן ווערן; און — — אויב דאָס איז אַ מחבר, טאָ גיט מיר בעסער פּיו'ן!

— גלויבט איר דען ניט אין אַ צוקונפֿט? — האָט זיך אָנגערופֿן סמאָלעט, — דענקט איר אַז ס'איז שוין מער גאָרניט ניטאָ נאָך דעמדאָזיקן מעשה־ביכל פֿאַפּיר?

דאָס ווייס איך ניט אויף געוויס, — האָט געזאָגט סילווער, — און כ'זע ניט איין וואָס ס'האָט דערמיט צו טאָן. וואָס איך ווייס אויף זיכער איז אָט וואָס: אויב ס'איז פֿאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַ מחבר. דאַן בין איך זיין באַליבטער העלד. ער באַשרייבט מיך אַ טויזנט מאָל בעסער ווי אייך — אַ טויזנט מאָל בעסער, זאָג איך אייך, און ער האָט שטאַרק הנאה באַשרייבנדיק מיך, אויך. ער האַלט מיך אויפֿן דעק כמעט די גאַנצע צייט, מיט דער קוליע און מיט אַלץ מיט אַנאַנדער; און אייך לאָזט ער מאָלען אין דער פֿעסטונג, וואו קיינער קאָן אייך ניט און וויל אייך ניט זען, איר קאָנט זיך אויף מיר פֿאַרלאָזן! אויב ס'איז פֿאַראַן אַ מחבר, צום טייוול, איז ער אויף מיין זייט, איך פֿאַרזיכער אייך!

— איך זע ער לאָזט אייך אַ סך געוועלטיקן, — מאַכט דער קאַפּיטאַן, — אָבער דאָס בייט ניט זיינע איבערצייגונגען. איך ווייס אָבער אַז דער מחבר רעספּעקטירט מיך, איך פֿיל עס אין מיינע ביינער. ווען מיר האָבן ביידע געהאַט אונדזער געשפּרעך לעבן דער

מיר פון דער פעסטונג, מיט וועמען דענקט איר, מיין פריינט, האָט ער דעמאָלט געהאַלטן?

— מיינט איר מיר צו זאָגן אַז מיך רעספעקטירט ער ניט?

— האָט סילווער אויסגעשריען. — אָ, איך 'אָלט אייך געווינטשן צו האָבן געהערט ווי איך האָב אָפּגעשטעלט מיין אייגענעם בונט, דזשאָרדזש מערי'ן און מאָרגאַנען און די גאַנצע כנופיה, ניט לענגער צוריק ווי ערשט אין לעצטן קאַפּיטל, — איר 'אָלט דאַן געוועזן געהערט ווערטער! אָבער זאָגט מיר נאָר, כ'בעט אייך, האַלט איר זיך טאַקע פאַר אַזאַ פיינעם העלד אַרום און אַרום?

— גאָט באַהיט! — האָט קאַפּיטאַן סמאָלעט זייער פייערלאַך דערקלערט. — איך בין אַ מענטש וואָס פּרוואווט טאָן זיין פליכט, און וואָס פאַרקאָכט אָפּט אַ קאַשע. ניט נאָר דאָס, נאָר כ'האָב מורא אַז כ'בין ניט קיין זייער באַליבטער פּאַרשוין אין דר'היים, סילווער, — און דער קאַפּיטאַן האָט אַ זיפץ געטאָן.

— אַזוי, — מאַכט סילווער, — נו, טאָ וואָס־זשע הערט זיך מכח דער צוקונפט וועגן וועלכער איר רעדט? 'עט איר, הייסט עס, פאַרבלייבן קאַפּיטאַן סמאָלעט, און דערצו נאָך, ווי זאָגט איר, ניט זייער באַליבט אין דר'היים? אויב אַזוי, איז דאָך עס ווידער די אייגענע מעשה כ'לעבן, מיטן „אוצר אינדזל", צום טייוול! איכ'ל, הייסט עס, זיין דער „לאַנגער" דזשאָן, און פּיו ט'זיין פּיו, און מירן ווידער, אָן צווייפל, האָבן אַ בונט? צי וועט איר גאָר זיין עמיצער אַנדערש? און אויב אַזוי, מיט וואָס־זשע איז אייך דאָ בעסער פון מיר? און מיט וואָס איז מיר דאָ ערגער פון אייך, כ'בעט אייך?

— הערט מיך אויס, מיין פריינט, — האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן, — איך הויב לחלוטין ניט אָן צו וויסן ווי אַזוי דידאָזיקע מעשה וועט זיך אויסלאָזן? ניט נאָר דאָס, נאָר כ'קאָן בשום אופן ניט פאַרשטיין ווי אַזוי איר און איך, וואָס עקזיסטירן ניט, זאָלן זיך דאָ צערעדן, און רויכערן ליולקעס, פּונקט ווי אין דער ווירקלאַכקייט? און אויב אַזוי, טאָ ווער־זשע בין איך עס אַרויסצוזאָגן מיינונגען? אַלץ וואָס איך וויים יאָ, איז אַז דער מחבר איז אויף דער זייט פון די גערעכטע; ער אַליין דערציילט עס מיר. ס'שטראָמט אַרויס פון זיין פעדער בעת ער שרייבט. און דאָס איז אַלץ

וואָס איך באַדאַרף צו וויסן, מיטן איבעריקן פאַרלאָז איך זיך אויף גאָטס באַראָט!

— ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז ער איז געווען קעגן דזשאָרדזש מערין, — האָט סילווער צוגעגעבן, טראַכטנדיק אַ ביסל. — אָבער דזשאָרדזש איז כמעט ניט מער ווי אַ נאָמען, אין בעסטן פאַל, — האָט ער צוגעגעבן אויפשטראַלנדיק. — אָבער לאָמיר אָקאָרשט דער־גרונטעווען וואָס דאָ טוט זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל. איך האָב גע־מאַכט אַ בונט, און בין געווען אַ „ריטער פון צופאַל“, גוט! אָבער ווי איר זאָלט זיך ניט דרייען, זיינט איר אויך ניט אַזאַ גרויסער צדיק! איך בין זייער אַ געזעלשאַפטליכער מענטש, אפילו לויט אייער מיינונג, איר זיינט'ס אָבער ניט, און אויף וויפל איך ווייס, זיינט איר אַ טייוול אין מענטשן געשטאַלט. ווער־זשע איז ווער? וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט? זאָגט איר'ס מיר! דער סוף איז אַז מיר זיינען ביידע גרויסע צדיקים, מ'קאָן ניט זאָגן, און איר קאָנט זיך אויף מיר פאַרלאָזן!

— נו, מיר זיינען קיינס ניט פולקאָם, — האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן, — אַזוי זאָגט זיך אין די הייליקע ספרים, מיין פריינט. אַלץ וואָס איך קאָן זאָגן איז, אַז איך באַמי זיך צו טאָן מיין פליכט. און אויב איר'ט טאָן אייער פליכט, בין איך אייך גאָרניט ניט מקנא אויף אייער ערפאָלג!

— דאָס איז, הייסט עס אייער אנטשיידונג, — האַ? — האָט סילווער שפּאָטיש געזאָגט.

— כ'וואָלט געקאָנט זיין סאַי אייער ריכטער, סאַי אייער תליון, מיין פריינט, און אפילו ניט אַ פינטל טאָן מיט אַן אויג, — האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן. אָבער איך גיי נאָך ווייטער, ס'איז אפשר ניט ריכטיק לויט דער רעליגיע, ס'איז אָבער אַ פּשוט'ער שכל, אַז דאָס וואָס ס'איז גוט איז אויך נוצלאַך, אָדער אומגעפער אַזוי. איך האַלט זיך ניט פאַר קיין דענקער. אָבער וואָס, כ'לעבן, וואָלט געוואָרן פון אַ דערציילונג, אויב ס'זאָל אין איר ניט זיין קיין גוטער העלד?

— אויב ס'האַנדלט זיך אין דעם, — האָט סילווער געענטפערט.

— וואָס 'אָלט געוואָרן פון אַ דערציילונג, אויב ס'זאָלן אין איר ניט זיין קיין אינטריגאַנטן?

— נו, דאָס איז דאָך וואָס איך מיין, — האָט געזאָגט קאַפּיטאַן סמאָלעט. — דער מחבר דאַרף האָבן אַ דערציילונג — דאָס איז דאָך זיין ציל, און כדי צו געבן אַזאַ מענטשן ווי, לאָמיר זאָגן, דער דאָקטאָר, אַ געהעריקע געלעגנהייט, מוז ער אַריינשטעלן אַזעלכע פאַרשוינען ווי איר און האַנדס, — אָבער ער האַלט מיטן גערעכטן צד, און, איר, היט זיך בעסער די ביינער! איר זיינט נאָך ניט דורכגעגאַנגען די גאַנצע דערציילונג, איר'ט נאָך האָבן גענוג צרות!

— וואָס וועט איר אויף דעם? — האָט דזשאַן געפרעגט.

— ס'ניט מיין באַבעס דאגה אַז ניט, — האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן. — איך ווייס נאָר אַז איך בין צופרידן צו זיין אַלעקסאַנדער סמאָלעט, אַט ווי שלעכט ער איז, און כ'גיב אַ לויב צו גאָט וואָס כ'בין ניט סילווער! אָבער אַט עפנט זיך דער טינטער. צוריק אין חדר אַריין!

און ווירקלאַך, דער מחבר האָט טאַקע פונקט דעמאָלט אָנגעהויבן צו שרייבן די ווערטער:

דריי־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

גלאָסאַר

א

אַכטערס, אַלטע שפּאַנישע זילבערנע מטבעות.

„אַנטפּלעקונג“, לעצטער טייל פון נייעם טעסטאַמענט.

ב

באָו סטריט, פּאָליציי־געריכט אין לאָנדאָן.

באָטמאַן, באַאַמטער אויף א שיף, וואָס האָט די אויפזיכט איבער די שטריק־ווערק.

בוקאַניר, א ים־רויבער, איינער פון די אַמאָליקע פּיראַטישע וואַנדערער פון 17טן און 18טן יאָרהונדערט, וואָס פלעגן באַפאַלן שיפן בא די שפּאַנישע ברעגן פון דרום־אַמעריקע.

בלוי־ראָק, א מאַטראָז.

בעילי געריכט, הויפּט קרימינעלער געריכט אין לאָנדאָן.

ג

גאָלף, א טייל פון ים וואָס שניידט זיך אַריין אין דער יבשה.

„גיין איבערן ברעט“, זיין געצוואונגען פון ים־רויבער צו גיין מיט פאַרבונדענע אויגן איבער א ברעט, וואָס ווערט אַרויסגעלייגט פון שיף צום ים, ביז דער גייער פאַלט אַריין אין וואַסער.

גינעס, ענגלישע גאָלדענע מטבעות.

געאָרגן, אַלטע ענגלישע מטבעות מיטן בילד פונם „הייליקן געאָרג“.

ד

דאָק, א פּלאַץ באַם ברעג פון א טייך אָדער ים, וואו שיפן שטעלן זיך אָפּ פאַרריכטן צו ווערן, צום אַנלאָדן אָדער אויסלאָדן.

דובלאָנען, אַלטע שפּאַנישע גאָלדענע מטבעות.

„דייווי דזשאָונס“, דער ים־טייוול; אויף דער שפּראַך פון מאַטראָזן — דער ים.

ה

האָק, באַראָן עדוואַרד האָק (1705־1781); ענגלישער אַדמיראַל און מיטגליד פון פּאַרלאַמענט, וואָס האָט געהאַט גרויס דערפאָלג אין זיינע מלחמות מיט די שפּאַניער און פראַנצויזן.

„הונט־וואַך“, איינע פון די צוויי־שטונדיקע וואַכן אויף א שיף: איינע פון 4 ביז 6 פאַרנאַכט, און איינע פון 6 ביז 8 באַנאַכט.

הינטער־פענצטער, פענצטער אין הינטערדעק, וואָס איז באַנוצט געוואָרן אַלס א מין הינטער־טיר.

ז

זעגל־טיכער, אויף דעם מאַטראָזן לשון — מאַטראָזן.

ט

„טרוקענע טאָרטוגעס“, א גרופּע קליינע קאָראַל־אינדזלען אין דרום פלאָרידע.

י

יאָלע־שיפל, אַ קליין שיפל, וואָס געהערט צו אַ גרויסער שיף.

„יוניאָן דזשעק", צונאָמען פון בריטישער פאָן.

ל

לאַנד־צונג, אַ לאַנגער, שמאָלער האַלב־אינדזל.

לאָצמאַן, באַאַמטער וואָס פירט דורך שיפן דורך קאַנאַלן אָדער שטראָמען.

לואידאָרן, אַלטע פראַנצויזישע גאָלדענע מטבעות.

„ליליבולעראָ", אַ סאַטיריש לידל, פאָפולער אין ענגלאַנד, מיט וועלכן דזשעימס דער צווייטער איז אין יאָר 1688 אַרויסגעזונגען געוואָרן פון זיין קעניגרייך.

מ

מואַדאָרן, אַלטע פאָרטוגעזישע גאָלדענע מטבעות.

ס

סובאַלטערן, אונטער־באַאַמטער אין קאַפּיטאַנשטאַב.

סופּערקאַרגאָ, פאַרוואַלטער פון דער לאַדונג אויף אַ שיף.

סעקווינען, אַלטע ווענעציאַנישע גאָלדענע מטבעות.

סקווייר, אַ לאַנד־אייגנטימער אין ענגלאַנד.

ע

ענגלאַנד, באַרימטער ענגלישער פּיראַט.

פּ

פּאַסאַטן, ווינטן אין די געגנטן באַם עקוואַטאָר, וואָס בלאָזן שטענדיק אין איין און דערזעלבער ריכטונג.

„פּאָרט פון שפּאַניע", גרויסער אינדזל לעבן צפון ברעג פון דרום־אַמעריקע.

פ

פאָדערמאַסטניק, אַ פּראָסטער מאַטראָז: איינער וואָס שלאָפט אין פאָדערשיף.

„פופצן מאַן אויפן טויטנס אָרון", אַ באַרימט לידל וואָס מאַטראָזן זינגען ווען זיי טוען עפּעס אַ מעכאַנישע אַרבעט, ווי אַרויפציען די זעגלען, אָדער אַרויפשלעפּנדיק דעם אַנקער. איינער פון די וועסט־אינדישע אינדזלען הייסט „דעם טויטנס אָרון".

פראַנצויזישער אורלויב, אַוועקגיין אויף אַ צייט אָן אַ זיי־געזונט.

„פריילאַכער ראָדזשער", די שוואַרצע פאָן פון פּיראַטן.

פרעגאַט, אַן אַמאָליקע קריגשיף.

ק

קאַלעדזש, אָפּטיילונג פון אַן אוניווערזיטעט.

קאַראַקאַס, די הויפּטשטאָט פון ווענעזועלאַ אין דרום־אַמעריקע.

קוואַדראַנט, אַסטראָנאָמישער אינסטרומענט צו מעסטן די הויכקייט פון דער זון און די שטערן, כדי צו באַשטימען גענויע פּאָזיציעס אויפן ים.

קוואַרטירמייסטער, קליינער באַאַמטער אויף אַ שיף, וואָס האָט די אויפזיכט איבער די סיגנאַלן א. א. וו.

קיד, באַרימטער ענגלישער פּיראַט.

„קילהוילן", דורכשלעפּן מיט אַ שטריק אונטערן קיל — גרונד־באַלקן

פון אַ שיף: אַ שטראָף פאַר מאַטראָזן אַמאָליקע צייטן.

קריקעט-שפיל, אַזאַ באַל־שפּיל: נאַציאָנאַלער שפּיל אין ענגלאַנד.

ר

ראָבערט, באַרימטער ענגלישער פּיראַט.

רודערמאַן, באַאַמטער וואָס רו־דערט די קליינע שיפלאַך וואָס גע־הערן צו אַ גרויסער שיף.

ריקאָשעי, דאָס שפּרינגען פון אַ קאַנאָנע־קויל איבער דער אויבערפלאַך פון לאַנד אָדער וואַסער.

ש

שוואַרצבאָרד, באַרימטער ענגלי־שער פּיראַט.

שטורמאַן, אונטער־קאַפּיטאַן.

שיף־פיגורן, — אָרנאַמענטאַלע אויסגעשניצטע פיגורן אויף די שנאָב־לען פון שיפן.

שקונער, אַ צוויי־מאַסטיקע שיף.

ת

תליה־דאָק, אַ דאָק אין ענגלאַנד וואו מ׳פלעגט הענגען פּיראַטן און ים־רויבער.

אין זעלבן פארלאג זיינען
דערשינען פאלגנדע ביכער:

קנוט האמסון:
די קינדער פון דער צייט
איבערזעצט פון ש. שניידער

אסקאר ווײַלד:
דע פראפונדים
איבערזעצט פון ק. מרמר

דזשיימס ברענטש קעבל
יורגען
איבערזעצט פון מיכל ליכט

ארטור שניצלער:
קאזאנאוואס אהיימקער
איבערזעצט פון ב. אלקוויט

ראבערט לואיס סטיווענסאן
אוצר-אינדזל
איבערזעצט פון אלעף כץ

אלעף כץ
א מעשה פון ים און אנדערע לידער

ה. געלבוים:
מרדכי עטינגער
ראמאן

יעקב גלאטשטיין:
פרייע פערזן
לידער

אין דרוק
און וועט באלד דערשיינען:
יאקוב וואסערמאן:
וועלט-אילוזיע
איבערזעצט פון ה. ראזענפעלד

ס'גרייט זיך צום דרוק:
אן אלגעמיינער אריינפיר צום פסיכאאנאליז
פון פראפעסאר זיגמונד פרויד